STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05499

OYFSHTAYG

Permanent preservation of this book was made possible
by Toni Siegel
in honor of
Helen Polakoff Mendelsohn, her Yiddish maven

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוגעשטעלט
און פאָרוואָרט:
מאיר ריספּלער

א ו י פ ש ט י י ג, זאמלבוך

אויפשטייג

זאמלבוך

ליטעראטור-פארלאג
בוקארעשט ר. פ. ר. 1964

תילע:
אנא מאריא סמיגעלסקי

הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור אין רומעניע

פ אָ ר װ אָ ר ט

אין דער אטמאָספערע פון דער פּאָליטישער און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט ביז דעם ערשטן פערטל פונעם 19=טן יאָרהונדערט וואָס האָט געהערשט דאָ אין לאַנד, איז אויך די יידישע באַפעלקערונג צוגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פונעם לאַנד — מיטן אויסנאַם פון א דינעם שיכט פון פּריווילעגירטע — געהאַלטן געוואָרן אין פינצטערניש און נויט.

כדי צו באַלייכטן דעם אויפשטייג פון דער רומענישער און פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, וועלן מיר פּרוּוון אָנדייטן אייניקע וויכטיקע און גאָר באַדייטנדיקע געשעענישן וועלכע זענען פאָרגעקומען אינעם 18=טן, 19=טן און אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט:

דאָס לאַנד האָט דורות=לאַנג געשמאַכט אונטערן טערקישן און באָיאַרישן יאָך. אומציילּיקע פויערים=אויפשטאַנדן האָבן געפּרוּווט דעם עול אַראָפּוואַרפן פון זייערע קעפּ. די אויפשטאַנדן זענען אָבער דערשטיקט געוואָרן אין בלוט פון די אייגענע באָיאַרן און ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אַזוי צעפלאַקערט אַז מיט אייגענע כוחות האָבן די באָיאַרן נישט געקאָנט ביישטיין, האָבן זיי גערופן צו הילף די טערקישע חילות כדי אים צו דערשטיקן.

דאָס פאָלק איז ווייטער געהאַלטן געוואָרן אין פינצטערניש. דער פעאָדאַלער רעזשים איז אויפגעהאַלטן געוואָרן מיט געוואַלט.

אונטערן דראַנג פון די דערשינענע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן האָבן י. קאַראַזשאַ און סקאַרלאַט קאַלימאַקע אין אָנהויב פונעם 19=טן יאָרהונדערט דערלויבט צו לערנען די רומענישע שפּראַך אין די צוויי פירשטלעכע הויך=שולן אין וועלכע די למודים זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער העלענישער שפּראַך. אין די דאָזיקע הויך=שולן האָט מען אויך געלערנט

פראנצויזיש, אזוי ארום איז געשאפן געוואָרן דער קאָנטאקט
פון די רומענישע געביטן מיט דער אידעאָלאָגיע פון די ענציקלאָ=
פעדיסטן און מיט דער בורזשואזער=רעוואָלוציע פון פראנקרייך.

דאָס שטאָטישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען. די
פאן=בריסלעס האָבן זיך אלץ מער פארמערט. דער מסחר איז
געוואקסן. ס'זענען אריינגעבראכט געוואָרן אין לאנד סחורות
פון פראנקרייך, ענגלאנד, רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילן,
און פון האָלאנד. דער אימפּאָרט פון לוקסוס=ארטיקלען איז אלץ
פארגרעסערט געוואָרן, אין דער זעלבער צייט אנטוויקלט זיך
אלץ מער אין רומעניע די ווארשטאטן און דער אינערלעכער
מסחר. די צאָל פון די שטעט וואקסט אויס. די רייען פונעם
היגן באָיארנטום זענען אויסגעוואקסן דורכן אריינדרינגען פון
די פריצים וואָס די סולטאנישע הערשאפט האָט אריינגעשיקט.
דאָס פויערנטום איז אָבער פארקנעכט. אָט וואָס עס שרייבט א
בורזשואזער היסטאָריקער וועגן זיי: "זייערע וווינונגען אין
מונטעניע זענען אין גרעסטן טייל אונטערערדישע היילן און
אין דער מאָלדאָווע: ווענט פון פרוטעס באוואָרפענע מיט ליים,
אָן פלייט, אָן גערטנער". נישט קאָנענדיק איבערטראָגן די
שטייערן וואָס האָבן זיי אויסגעמארכעוועט, זענען זיי געצווונ=
גען צו פארלאָזן זייערע היימען מאסנווייז און אויסוואנדערן
אין די בערג אָדער ווו ס'האָט זיך געלאָזט. די פריצים זענען
געצווונגען געווען צו מאכן הנחות, כדי די פויערים זאָלן זיך
אומקערן אין די דערפער. אָבער די אומגערעכטיקייטן האָבן
אויפסניי אויפגעלעבט.

ס'קומען פאָר מאסן=אויפשטאנדן. סוף דער אכצנטן יאָרהונ=
דערט מאכן אויך אויפשטאנדן די פארקנעכטעטע ארבעטער
פון די געווערקשטאטן קעגן די שווערע באדינגונגען אין וועלכע
זייער ארבעט איז עקספּלואטירט געוואָרן.

דער אויפשטאנד פון יאָר 1821 אָנגעפירט פון טודאָר וולא=
דימירעסקו, שטעלט מיט זיך פאָר א טייל פונעם אלגעמיינעם
קאמף פאר דעם באפרייען פון דרום=מערב=אייראָפּע.

דער פויערים=אויפשטאנד כאָטש ער איז באזיגט געוואָרן פונ=
דעסטוועגן האָט ער געהאט א גרויסע באדייטונג. עס איז שטארק
צעטרייסלט געוואָרן די פעאודאלישע אָרדענונג. דער אויפשטאנד
האָט גורם געווען אז דאָס לייב=אייגנטום זאָל געזעצלעך אָפּגע=
שאפן ווערן, האָט פארבונדן די רומענישע פויערים מיט די
אונגארישע אין קאמף, האָט געעפנט פארן פויערנטום דעם
וועג צו נייע קאמפן פאר זיין באפרייונג.

די שטורמישע עפּאָכע 1821—1848 פון אונדזער לאַנד וואָס שטימט אויך אין דער יידישער געשיכטע פון רומעניע מיטן דערשיינען פון די ערשטע מאָדערנע קולטור=עלעמענטן, האָט נישט מיט א סך געביטן די אויבן דערמאָנטע סיטואציע.

די השכלה וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער וואקסנדיקער סוחרישער=בורזשואזיע, כאראקטעריזירט זיך מיט דעם דערנענטערן צו די נייע קולטור=ווערטן. צום באדויערן אָבער איז די האלטונג פון א טייל משכילים פאראַכט געוואָרן פון דער טיפער פאראכטונג צו די פאָלקס=מאסן, צו זייערע קולטורעלע באדערפענישן, און צו דער שפּראך מיט וועלכער זיי האָבן זיך באנוצט: די יידישע שפּראך.

דאָס איז געווען נישט נאָר א דערשיינונג וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין לאַנד, דאָס האָט אָנגעוויזן דער גרויסער קולטור=היסטאָריקער מאיר ווינער: „די יידישע ליטעראטור האָבן אפילו א סך פאָרשטייער פון דער העברעאישער השכלה גופא גערודפט און פאראכטעט. און קיינער האָט זי נישט אונטערגעשטיצט, ווייל די מאסן, צו וועלכע זי האָט זיך געווענדט ווענען אליין געווען הילפלאָז אין מאטעריעלן און קולטורעלן זינען.

...און פאָרט האָבן די דאָזיקע מאָגערינקע ביכלעך פארמאָגט סיי א זעלבסטשטענדיקן באדייט, סיי אָריגינעלקייט". (מ. ווינערס באמערקונגען באציען זיך וועגן דער נייער יידישער ליטעראטור וואָס איז געשאפן געוואָרן אין די זעקס=זיבן יאָרצענטליק פונעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט).

אין דער ערשטער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט זענען געווען מיטגלידער אין קאָאָפּעראטיוו=רעליגיעזע אָרגאניזאציעס: קעסל=מאכערס, זייגערמאכערס, גאָלדשמידערס, גלעזערס, איבערהויפּט היטלמאכערס, קיזשנערס, שניידערס, און שוסטערס, וואָס רעכטן אָפּ זייערע תפלות אין באזונדערע שולן — אזוי ווי די רומענישע באלמעלאָכעס אין באזונדערע קלויסטערס.

אין יאָר 1817, ווערן געשאפן נייע גילדעט פון קצבים, סטאָליערס, בוי=ארבעטער, א. א. יעדע ברעסלע מיט איר שולעכל און מיט איר „פנקס".

דער אויפשטאנד האָט א שטארקן קלאפּ געגעבן דעם פעאודאלן=רעזשים אזוי ווי עס ווייזט אָן דער גרויסער פאטריאָטער היסטאָריקער ניקאָלאיע בעלטשעסקו: „די רעוואָלוציע פון 1848 „איז געווען די פּראָגרעסיווע אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1821".

מיט דער צייט פארמערן זיך די קלייזלעך, אזוי אז אין יאס זענען שוין געווען פיר אָדער פינף אזעלכע ברעסלע=קלייזלעך.

די צאָל פון די יידן אין יאס, אין יאָר 1821 איז געווען לערך 15.000 נפשות.

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג פון בוקארעשט איז באשטאנען פון באלמעלאָכעס און טאָג=ארבע=טער: בלעכערס, גלעזערס, היטלמאכערס, שניידערס, שוסטערס, גאָלדשמידערס און איינבינדערס.

מיט דעם אלעמען האָט דער צושטאנד נישט געקענט לאנג דויערן. די אידייען פון דער רעוואָלוציע פונעם 1848=טן יאָר, און די געשעענישן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אייראָפּע, און אין רומעניע האָבן געהאט א השפעה אויך אויף דער יידישער באפעלקערונג אזוי ארום זיינען די שווערקייטן און די באדערפענישן פון דער יידישער קליינער בורזשואזיע און באלמעלאָכעס וואָס זענען אויפגעקומען אָפּגעשפיגלט געוואָרן אין דער ערשטער יידישער צייטונג אין לאנד.

צו יענער צייט קומען קיין רומעניע די ערשטע „טרובאדורן", צווישן וועלכע ס'שטראלן ארויס די גרונטלייגער פון דער פאָר=געשריטענער יידישער ליטעראטור אינעם לאנד: „די בראָדער זינגער" און וועלוול זבארזשער, און עפּעס שפּעטער אברהם גאָלדפאדן, דער שעפער פונעם יידישן טעאטער.

זיי האָבן מיט זייערע שאפונגען געקעמפט קעגן פאנאטיזם, אמעראצישקייט, און מיסטיציזם.

א חוץ די אויבן דערמאנטע דארף מען נישט פארגעסן די השפעה פון די ארבעטער און די סאָציאליסטישע באוועגונגען וואָס וואָרצלען זיך אין די זעכציקער=ניינציקער יאָרן פונעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט. די אלע דאטומס שאפן אזוי ארום אין דער יידישער באפעלקערונג אן אָנהויב פון א פּראָגרעסיווער ליטעראטור וועלכע ווערט איינגעבירגערט אין משך פון דער צייט.

מיר וועלן אָנמערקן אייניקע דאטן וואָס האָבן א וויכטיקע באדייטונג אינעם אנטוויקלען פונעם געזעלשאפטלעכן און ליטע=ראַרישן לעבן פון יענעם פעריאָד:

די פּרעסע הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען: אי. עליאדע רעדולעסקו, געלונגט צו שאפן דעם „רומענישן קוריער" דעם 8=טן אפּריל 1829. אין יאָר 1836 שאפט ער א ליטעראַרישע ביילאגע, „דער קוריער פאר ביידע מינים".

אין יאָר 1840 דערשיינט אין יאס מיהיי קאָגעלניטשעאנוס „די רומענישע דאטשיא" און „דער רומענישער ארכיוו". אין

יאָר 1844 „דאָס רומעניש
ע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע בלאַט". אין יאָר 1845 רעדאַגירן ניקאָלײַ בעלטשעסקו און אויגוסט לאַוריאַן דעם זשורנאַל „דער היסטאָרישער מאַגאַזין פאַר דאַטשיאַ".

עס דערשײַנען די זשורנאַלן: „דער מיטצײַטלער" „*Contempo*=*ranul*" אין יאָר 1887. „די צוקונפטיקע דאַטשיאַ" „*Dacia viitoare*" „די עמאַניציפאַציע" 1883 „*Revista socială*" און „*Drepturile omului*" 1885. אין די דאָזיקע זשורנאַלן ווערן אויך פובליצירט טעקסטן פון מאַרקס און ענגעלס. ס'דערשײַנען אויך אַנדערע פובליקאַציעס.

אין יאָר 1893 קומט פאָר דער ערשטער קאָנסטיטואיר=קאָנגרעס פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטײַ פון די אַרבעטער פון רומעניע.

די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און וויסנשאַפט: וואַסילע קערלאָווא, האָט געשריבן „אָדע דער רומענישער אַרמײַ". גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו איז דער גרויסער דיכטער פאַרן יאָר 1848. ער איז פּאָפּולער געוואָרן אַמײַסטנס דורך זײַנע משלים און זײַן אָדע: „דאָס יאָר 1848" און „דער שאָטן פון מירטשעאַ פון קאָזיאַ".

אַלעקס. דאָניטש באַשרײַבט אין זײַן שאַפונג דאָס לעבן און די פאָלקס=מנהגים. מיט זײַן סאַטירע בײַטשט ער די באָיאַרן. אין זײַנע אַרבעטן פילט זיך קרילאָווס השפּעה. דאָניטשן איז צו פאַרדאַנקען ווערטפולע איבערזעצונגען.

מ. קאָגעלניטשעאַנו, איז אַ היסטאָריקער און אַ פאָרשריטלעכער דענקער פאַר יענער צײַט.

דער שרײַבער קאָסטאַקע נעגרוצי שאַפט די רומענישע ליטעראַרישע פּראָזע, שרײַבנדיק די היסטאָרישע נאָוועלע „אַלעקסאַנדרו לעפּושנעאַנו". ער שרײַבט אין אַ לעבעדיקע שפּראַך, באַנוצנדיק זיך מיט דער פאָלקס=שפּראַך.

וואַסילע אַלעקסאַנדרי פובליצירט אין זשורנאַל „וויסנשאַפט און ליטעראַריש בלאַט".

נ. בעלטשעסקו, דער קלאָרסטער און דערהויבנסטער גײַסט פון דער עפּאָכע, פובליצירט אינעם „היסטאָרישן מאַגאַזין פאַר דאַטשיאַ", דײַ שטודיע, „דער סאָציאַלער צושטאַנד פון די ערד=אַרבעטער פון די רומענישע פירשטנטומען אין פאַרשידענע צײַטן", אין וועלכן ער נעמט זיך אָן פאַר די קנעכט קעגן די באָיאַרן, פאָדערנדיק זײער באַפרײַונג און דאָס פאַרטײַלן זײ די ערד. אויך אין יענער צײַט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן

זיין הויפט=ווערק „די געשיכטע פון די רומענער אין מיהיי
וואָדעס צייטן. נ. בעלטשעסקו איז נישט נאָר געווען א היסטאָ=
ריקער נייערט אויך א ווערטפולער דענקער, א גרויסער סטי=
ליסט און א דעמאָקראטישער רעוואָלוציאָנערער קעמפער.

אין די רומענישע לענדער הייבט זיך אָן א סיסטעמאטישע
אקציע פאר איבערזעצונגען פון די בעסטע אויסלענדישע ליטע=
ראַרישע ארבעטן. ס'ווערן געדרוקט אייניקע ווערק פון מאָליער,
וואָלטער, שילער, סערוואנטעס, א.א.

אויפן געביט פון פּאָעזיע באווייזט זיך דער ליריש=עראָטי=
טישער זשאנער. א דאנק מאטעי מילאָ און קאָסטאקע ענאקע,
דער ראָמאן. דימיטרע קאנטעמיר שרייבט וויכטיקע היסטאָרישע,
פילאָזאָפישע און וויסנשאפטלעכע באדייטנדיקע ווערק. צוגלייך
ווערן געמאכט איבערזעצונגען, אייניקע מיט אן אנטי=פעודאלן
כאראקטער. פּאָסטעלניקול אלעקסאנדרו בעלדימאן האָט איבער=
געזעצט „אָרעסטעס טראגעדיע" פון וואָלטער. דער ארכימאנ=
דריט אסאקי האָט איבערגעזעצט „די אינדישע כאטע" פון
בערנאדין דע סען פיער (1821). ער האָט אויך איבערגעזעצט
פון דער ענגלישער ליטעראטור. ס'זענען געמאכט געוואָרן אויך
אנדערע איבערזעצונגען. געשיכטע און געאָגראפישע שריפטן
זענען דערשינען אין דער וואלעכיי אין דער גריכישער שפּראך.

די אנטוויקלונג פון דער רומענישער וועלטלעכער ליטערא=
טור און איר וויכטיקייט איז כדאי אונטערצושטרייכן, (די
דיכטער וואקארעסקו) ווייל די ליטעראטור איז געווען א מיטל אין
קאמף וואָס האָט זיך אנטוויקלט שפּעטער אין נייַנצטן יאָרהונ=
דערט קעגן דעם אָטאָמאנישן יאָך און וועגן דער פאָרמירונג
פון דער רומענישער נאציאָנאלער מלוכה.

די יידישע ליטעראטור פון רוסלאנד און פון פוילן, וועלכע
איז קאָנקרעטיזירט אין די ווערק פון די דריי גרויסע קלאסיקער:
מענדעלע מוכר=ספרים, שלום=עליכם און י. ל. פרץ, ווי אויך
דאָס פארשפרייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע פון
מ. ווינטשעווסקי, ד. עדלשטאדט, י. באָוושעווער און מ. ראָזנ=
פעלד האָבן געהאט א באשטימטן ראָל אין דער היגער שטייגנ=
דיקער פּראָגרעסיווער ליטעראטור.

די לידער פון די לעצטע זיינען זייער באליבט געווען און
געזונגען געוואָרן פון די האָרעפאשנע מאסן.

די פּאָליטישע און סאָציאלע לאגע. אייניקע אָנ=
דייטונגען: סוף נייַנצטן יאָרהונדערט און אָנהייב פונעם צוואנ=

ציקסטן י. ה. איז דער וועלט=קאפיטאליזם אריין אין זיין לעצטער סטאדיע, דער אימפעריאליזם:

די נישט גלייכע אנטוויקלונג, און שפרונגען, פונעם קאפיטאליזם, האָט אָן אויפהער געשטערט דעם גלייך געוויכט צווישן די מלוכות. די אימפעריאליסטישע מלוכות וואָס האָבן זיך פארמערט זענען געווען די פרעלודיע פון דער ערשטער וועלט=מלחמה. די לעבנס באדינגונגען פון די ארבעטנדיקע האָבן זיך פארערגערט דאָס וואָס ס'האָט גורם געווען אז: די פּאָליטישע ארבעט פונעם ארבעטער קלאס און פונעם פויערנטום זאָלן זיך אנטוויקלען. עס זאָל געשאפן ווערן די רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטישע פארטיי פונעם ארבעטער=קלאס, און דעם אויסברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1905—1907 וואָס האָט געהאט אן אָפּקלאנג אויף דער אלטוועלכער ארבעטס=באוועגונג. שטרייקן און ארבעטער מאניפעסטאציעס פארמערן זיך אין לאנד אָנגעפירט פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן שטעפאן געאָרגיו, אי. ק. פרימו און אנדערע.

דער פויערים=אויפשטאנד פון 1907, די אנטוויקלונג און דאָס דערשטיקן פונעם אויפשטאנד. דער אָפּרוף און די באדייטונג פונעם אויפשטאנד. די אנטוויקלונג פון דער ארבעטער=באוועגונג. עס איז ווידער געשאפן די סאָציאל=דעמאָקראטישע פארטיי (10.2.1910). דער פילם ציט זיך ווייטער:

דער קאמף פון די פאָלקס=מאסן קעגן דעם אריינשלעפן דאָס לאנד אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה. די אומצייליקע שלום=מאניפעסטאציעס. די רעגירונג שיסט אויף די מאניפעסטאנטן. דער אָנטייל פון רומעניע אין דער אימפעריאליסטישער מלחמה, די מיליטערישע קאטאסטראָפע. דער קאמף פון די פאָלקס=מאסן קעגן דער אימפעריאליסטישער מלחמה. די באזונדערע השפעה אויף דעם רעוו. קאמף האָט געהאט די בורזשואז=דעמאָקראטישע רעוואָלוציע פון חודש פעברואר 1917. די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטאָבער רעוו. די היסטאָרישע באדייטונג פון דער גרויסער סאָצ. אָקטאָבער רעוואָלוציע מערקט אָפּ דעם אָנהויב פון א נייער עפּאָכע.

די אָקטאָבער=רעוואָלוציע האָט געטראָפן אויך צווישן די יידישע ארבעטס=מענטשן, קעמפער פול מיט מסירת=נפש, וועלכע זענען געווען אין א געוויסער מאָס פארמירט אין משך פון יאָרן דורך דער יידישער פּראָגרעסיווער פרעסע און ליטעראטור.

די פּאָרגעשריטענע פרעסע, ליטעראטור און די קולטור=ארבעט פון אומעטום צווישן ביידע וועלט=מלחמות האָבן געווירקט אויף

די שאפונגען פון די שרייבער: אליעזר שטיינבארג, יעקב שטערנבערג, משה אלטמאן, זעליג באַרדישעווער, מאָטל סאַקציער, הערץ ריווקין, יחיאל שרייבמאַן, ס. בראַנשטיין, קובי וואָהל און אנדערע וועמענס שאפונגען זענען געוואָרן א פעסט כלי־זין אין רשות פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם וואקסנדיקן נאַציאָנאַליזם.

אפילו אין דער צייט פון דער פאשיסטישער אנטאָנעסקו־דיקטאַטור, האָבן זיך די קולטור־טוער באַנוצט מיט פּראָגרעסיסטישע מאַטעריאַלן, ביי די אָרגאַניזירטע ליטעראַרישע אויפירונגען צו וועלכע עס זענען מאָביליזירט געוואָרן פּאָלקס־מאַסן, האָבן געהויבן זייער מאָראַל און זיי סטימולירט צו רעזיסטענץ קעגן דער לעגיאָנאַר־פאשיסטישער דיקטאַטור.

נאָך דער באַפרייונג, מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי, האָט מען אָנגעהויבן אַן אָפענע און ברייטע אַרבעט אויפן ליטעראַרישן פראָנט.

אינצווישן זענען צו דער ליטעראַרישער גרופּע צוגעקומען אייניקע עלעמענטן וואָס האָבן געשריבן ווערטפולע אַרבעטן.

דעסטגלייכן זענען אויך געמאַכט געוואָרן איבערזעצונגען פון דער רומענישער, רוסישער, דייטשער און אונגאַרישער ליטעראַטור. עס זענען אויך פּובליצירט געוואָרן ווערק פון אויסלענדישע שרייבער.

מיר וועלן פּרווון צו שאַפן א בילד וואָס וועט אין א באַשיידענער מאָס אָפּשפּיגלען דעם אופן און דעם תוכן פון א טייל געשאַפענע ווערק, זייט דעם יאָר 1855 ווען ס'איז דערשינען אין יאַס, אין דער דרוקעריי הירש גאָלדנער, דאָס ערשטע בוך „חזון למועד" פונעם דיכטער וואָלף זאב עהרנקראַנץ און שפּעטער אברהם גאָלדפאַדנס מאָדערנער טעאַטער וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי אונדז אין לאַנד אין דער דערמאַנטער שטאָט יאַס אין שמעון מאַרקס־גאָרטן. און שפּעטער די פּלעיאַדע נאָכפּאָלגער וואָס האָבן ווייטער געצויגן דעם גאָלדענעם פאָדעם, אים פאַרשטאַרקט און באַרייכערט מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור וועלכע זיי האָבן פּאָפּולאַריזירט, מיט אייגענע וואָגיקע ווערק וואָס זענען דאָ דערשינען און צוזאַמען געשאַפן דעם עמוד־האש אין דער צייט דער פאַרחשכטער, פון פאַרביידע וועלט־מלחמות, בשעת און אויך נאָך זיי.

דער צוזאַמענשטעלער פונעם זאַמלבוך האָט זיך אַמייסטנס אָפּגעשטעלט אויף דער רעאַליסטיש קריטישער פּראָגרעסיווער און רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין

בון=פאָרם אָדער אין זשורנאַלן אין משך פון איבער הונדערט יאָר אין רומעניע, ווייזן או צוזאַמען מיט די שרייבער וואָס זענען צוגעבונדן צום פאָלק האָבן אויך די יידישע שרייבער פון רומעניע זיך איינגעגלידערט אין דער גרויסער מחנה פון קעמפער פאַר א בעסער לעבן, נישט שווינענדיק זייער פיזישן קיום און אָנגעוויזן די וועגן; אליין זיך געשטעלט אין די רייען. אויף די וועגן פון אויסלייז פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יאָך פאַר א בעסער לעבן פאַר אלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט.

ז א מ ל ב ו ך

דאָס גוטע קעפל

וואָס פארשטייסטו פילאָזאָף,
מיט דיין פלאטשיקן מוחל,
גיי צום רבין נאָך ארויף,
און לערן דיך דאָרטן שכל.
זיץ אמאָל ביים רבינס טיש
ווען ער זינגט די זמירות
ווי עס קוועלט די חכמה פריש
וואָס טויגן דיינע חקירות?

וואָס טויגן אלע פילאָזאָפן
מיט זייערע נארישע הסברות,
זיי זאָגן, דער מוח איז זיי אָפן
און טויגן אויף כפרות,
אן אייזנבאן האָט ער געמאכט
און מיינט ער איז א חרוץ
דער רבי שפעט דערפון און לאכט
ער האָט קפיצת-הארץ.

א דאמף-שיף מאכט א פילאָזאָף
און נעמט דערמיט זיך איבער
דער רבי שפרייט דעם קאפטן אויף
און גייט צופוס אריבער.
האָט ער חשק דער גוטער קאָפ
דאָס אנדערש אויסצופירן
נעמט ער דעם שטעקן און גיט א קלאפ
גייען מיר דאָרטן שפאצירן.

איינער מאַכט אַ לופֿט־באַלאָן
און פֿליט אין דער הייך טאַקע,
אָבער וואָס דער רבי קאָן
קען דאָך ער אַ מכּה.
קען ער דען וואָס דער רבי טוט
ווען ער זיצט ביחידות,
ווי ער אין איין מינוט אין הימל פֿליט
און עסט גאָר שלוש־סעודות.

אַ טעלעגראַף האָבן זיי אויסגעטראַכט
מען זאָל פֿון דערווייטן הערן,
זיי האָבן דאָס אונדז נאָכגעמאַכט
קען איך דערויף שווערן.
דעם אמת ווילן זיי נישט זאָגן,
עס פּאַסט זיי נישט צום רומל,
ווי מיר הינטן הושענות שלאָגן
און גאָט הערט דאָס אין הימל.

זיי שניידן זיך אָפּ האַלבע פּאָלעס
עס איז מיר נמאס צו דערציילן
און זיי לערנען אין די שקאָלעס
רעכענען און ציילן.
דער רבי קען דאָס פֿון זיך אַליין
גאָר אָן זייער חקירה,
דער חשבון איז ביי אים תמיד ריין
ווען ער ציילט ספֿירה.

משיחס־צייטן

די אַפּיקורסים צעזעצטערהייט ריידן
מיר וועלן עס דערציילן אין פֿריידן.
איך האָף צו גאָט זיי וועלן באַלד פֿאַרשטימען

ווען משיח וועט קומען,
אלע הולטייעס, אלע אפּיקורסים
וועלן זיין ביים רבין משרתים,
מיט די לאנגע הויזן אין די הויכע קנאָפּל.
די אפּיקורסים וועט זיין ווינד און וויי,
ס'וועט זיי זיין זויער און ביטער,
אז דער רבי וועט טון א'ין געשריי
וועט זיי אָנכאפּן א שרעק, א ציטער,
זיי וועלן זען פון וועמען זיי האָבן געלאכט
פון וועמען זיי האָבן חוזק געמאכט.
און די חסידים וועלן זיין געהויבן,
וועלן תמיד נאָר גאָט לויבן,
זיי וועלן א גרויסע הנאה האָבן
ווי מ'וועט די אפּיקורסים באגראָבן.
אוי ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

2

מיר וועלן דעמלט גאָרנישט האָבן צו זאָ[ר]גן,
מיר וועלן נישט דאַרפן לייען און באָרגן,
וואָס חסידים דאַרפן וועלן זיי באקומען,
ווען משיח וועט קומען,
עסן, טרינקען, רייכערן דערצו
וועלן מיר באקומען נאָר אָן מי,
ווו מ'וועט גיין, ווו מ'וועט שטיין,
וועט מען נאָר גאָטס נסים זען:
אויף די ביימער וועלן וואקסן קוילעטשן מיט בולקעס,
די בעקערס וועלן נישט האָבן וואָס צו טון
די צווייגן וועלן זיין טשיבעקעס מיט ליולקעס
און די בלעטער וועלן זיין טיטין,
מיט וויין און בראָנפן וועט גיין דער רעגן
און נאָר פון [פאר] די חסידים וועגן.
און די אפּיקורסים וועלן דאָס צוקוקן
די גאל וועט אין זיי צעפּיקן,
זיי וועלן פאַרזוכן א קאפּ וויין אָדער א פּיצל ברויט,
וועלן זיי פילן דעם טעם פון טויט.
אוי, אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

3

מ'מעג זיך ווינטשן צו זען דאָס תּויז
נאָך אין איינעם מיט דער קלויז,
וואָס מ'וועט מאַכן דעם רבין דעם פרומען,
אַז משיח וועט קומען.
נישט פון שטיינער, נישט פון ציגל.
נאָר פון זיסע מאכלים, צימעסן און קוגל.
ספירט וועט ברענען אין דעם נר־תמיד,
פון אײַעריקע קיכלעך וועט זײַן דער עמוד,
מיט געזאַלצענע פיש וועט זײַן די ערד ברוקירט,
און גוטער וויין פון אַלע עקן,
די ווענט מיט דרעלעם אויסגעשמירט
אַלע חסידים זאָלן לעקן.
מ'וועט אַרײַנעמען די לבנה צום רבין אין הויז,
א לעבטל וואָס גייט גאָר נישט אויס,
און ביים רבינס טיש וועלן מלאָכים זינגען
און די חסידים וועלן טאַנצן און שפרינגען,
אַפּיקורסים וועלן דאָס צוזען,
און די כוחות וועלן זיי אויסגיין.
אוי, אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

4

און ווער שמועסט נאָך דער שיינער וואָגן,
וואָס קיין קייסער קאָן דאָס נישט פאַרמאָגן,
וואָס דער רבי וועט א מתנה באַקומען,
אַז משיח וועט קומען:
א בויד פון טליתים נישט פון לעדער
פון עצי־שיטים וועלן עס זײַן די רעדער,
די אָקסן און די פלעקלעך פון עצי־גפר,
א בײַטש פון ציצית צוגעטשעפּעט צו א שופר,
מ'וועט נעמען א בהמה א הייליקע א פרומע,
נישט קיין פערד, נאָר א פּרה־אדומה,
וואָס איז הײַנט גאָר נישט פאַרהאַנען,
מ'וועט זי אין דעם וואָגן אײַנשפּאַנען,
דער שמייסער וועט זײַן א סופר א קורא,

און דער רבי וועט זאָגן תורה,
אין מיטן וועג וועט ער טון א געשריי,
וועט זיין עסן, טרינקען, מגיה וביה.
די אפּיקורסים וועלן זען פון דער ווייטן,
וועט עס זיי שטעכן אין די זייטן.
אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

5

און ווער שמועסט נאָך דאָס שיינע באָד
וואָס איז גאָר נישט אין קיין שום שטאָט,
וו דער רבי וועט זיך באָדן און שווימען,
או משיח וועט קומען.
פון לולבים און אתרוגים געבויט גאנץ געדיכט,
נעקלעפּט מיט וואקס פון יום־כיפּור־ליכט,
מיט הייליקע שקלים וועט מען באשלאָגן דעם דאך,
א מקווה וועט מען באציען פון גן־עדן א טייך,
פון די אפּיקורסים וועט נישט קענען צוקומען קיינער
דער סמבטיון וועט ווארפן מיט שטיינער און ביינער
די פּיס וועט זיי ווערן אָפּגענומען,
קיין רשע זאָל נישט קענען צוקומען.
מיט געשלאָגענע הושענות וועט מען הייצן דאָס באָד,
וואָס זיי וואקסן אין רבינס סאָד,
און ווען דער רבי וועט פונעם באָד ארויס
וועט פאָרן אויף זיין וואָגן צו זיין הויז.
אפּיקורסים וועלן דאָס צוקוקן
און די גאל וועט אין זיי פּיקן.
אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

6

און מ'וועט אים שיקן פון הימל א זייגער,
ווייל דאָס איז תמיד געווען זיין שטייגער,
פּופּצן מאָל ביי דער נאכט אויף דעם זייגער צו זען,
ער זאָל וויסן, ווען, חצות אויסצושטיין.
פון וויס־פּייער וועט זיין דער ציפערבלאט
די ציפערן, מלאכים־כתב אקוראט.

7

דער עמוד=ענן, און דער עמוד=אש דאָס פאָר
װעלן זײַן די װײַזערס פונעם רבנים אור,
דער דונער, װעט אויסשלאָגן אלע שעהן,
זײַגער צװעלף בײַנאכט א פײַערדיקער האָן
װעט ארויסשפּרינגען און װעט קרײַען,
פאר דעם רבין און די חסידים נאָר אלײן
די קײט װעט זײַן פון דעם רעגנבויגן,
ס'װעט װערן ליכטיק פאר די אויגן,
טויב װעלן װערן רשעים באלד
װעלן נישט װיסן װיפל דער זײַגער האלט,
זײ װעלן פארזעצן די זײַגערס פאר גרויסע צרות
בײ דעם רבנים משרת.
אוי, װי דערלעבט מען שוין דאָס.

דער דור־הפלגה

(פראגמענטן)

למנצח יענקי דודעל,
על לא־מאָדע מזמור שיר—.
א ניי ליד, נאָר פון דער נאָדעל,
זינג איך, יודע, יעצט מיט דיר!...

דאָס איז די שפּראך פון דור־הפלגה...
פון רעפאָרמען און פּראָגרעס —
יידיש ווילסטו?— א נייע השגה!
אין „יידיש" ברודערציו, פארגעס! —

ביסטו ווידער פון דיין היים פארטריבן;
און אין דער עמיגראציאָן
ביסטו אָן לשון געבליבן...
ב׳פארשטיי דיך ניט מיין נאציאָן! —

דער איז רוס, דער איטאליענער,
דער ענגלענדער און דער שוואב;
דער — פראנצויז, און דער רומענער;
דער טערק, דער גרעק, און דער אראב.

אלעם קענען איז גאָטס חידוש
אין דעם גרויסן וועלט־יריד —
אלעס קענסטו — נאָר נישט „יידיש"...
אלעס ביסטו נאָר נישט „ייד"...

יעדעס פאָלק האָט זיינע זיטן,
זיין שפּראַך און זיין טראַדיציאָן;
דאָס זענען גייסטיקע דריי קיטן
וואָס קלעפּט צו פעסט די נאַציאָן...

נאָר יידן פעלט די זעלע
צעשמאָלצן אין זיין האַרטע קליי —
צעלעבט האָט זיך די גאַנצע כלי
אויף שטיק שטיקלעך אַלערליי —

ס'האָט געפּלאַצט די גאַנצע מעשה!
די ברעקלעך האָבן זיך פאַרשפּריט...
יעדעס קלעפּט צו אַן אַנדער ראַסע...
נאַ, פּרוּווט רעדט מיט אים נאָר איצט?!

פּרוּווט מאַכן יעצט פון אַלע יידן,
א וועלט־אַסימפּה פון דעם פאָלק?
ווען יעדער רעדן נאָר פאַרשידן,
איר וועט שווער דערגיין ביי אים א טאָלק. —

— „סלוכייצע בראַציע מאָוי קוכאַנע"!
— „האַלט איך פּראָמעסטירע, האַלט!
— „טריי זינד וויר דער דייטשער פאַנע"
— שרייט א דייטש דאָרט מיט א שפּאַלט.

— „אָ גאָם דע גאָטר אַליאַנסע
עקוטעי מעסטיעי מעדאַם!" —
— „אָט האָסטו דיר א נייע מעשה!"
— „מאָלטשי באַלוואַן, יא טיע דאַם!"

„דיר דזשענטלמענס, באַט וויזט טראָבל!
איט איז נאָוי סאָן פּייף א קלאָק“
— „וואָס זאָגט ער?“ — „מיר עסן קנאָבל“
ערקלערט אים דאָרט א קאַצקער כּניאָק.

— „אקומא וואָרבע דע קולטורא —...“
— „וואָס זאָגט'ר יעקיל? ערקלער'ס מיר!“
— „ער זאָגט... באַשר... אז ס'איז א סברה,
אז... אז... כ'זאָל אזוי ווּיסן פון דיר!“

— „גם אתם! — מבני אחינו?!“
— זאָגט א ספרד פון (בית־לחם) בת־להם —
— „הערסטו יעקיל, ס'איז שוין נאך „עלינו“
נעם גיב א שפּיי און קום אהיים!“ —

2

וואָס זאָגט איר צו דעם לשון, ברידער?
איר זעט די מכות וואָס איך טראָג!
אייך פרעג איך, דיכטער פון פאָלקס־לידער:
מאָרים ראָזענפעלד און פרוג! —

פון אונדזער הייליקער שפּת־עבר
האָבן זיי לאַנג געמאַכט א בר־מינן...
יעצט גראָבט מען שוין א פרישן קבר
פאַר אונדזער יידישן זשאַרגאָן —...

פאַר וועמען שרייבט איר יעצט? ווער דאַרף עס?
ווער קען יעצט שעגן אייער וואָרט? —
וואָס ווילט איר פון די אייניקלעך האָבן
זיי קענען איך יעצט נישט פאַרשטיין —.

„מאמע־לשון“ — פוסטע זאכן!
ס'איז דען איר לשון וואָס אמאָל?
היינט ריידן מאמעס, קינדער־שפּראַכן,
וואָס זיי ברענגען פון דער סקול.

(ס'איז צו קענען פרעמדע שפּראַכן —
נוצלעך די שפּראַכע פונעם לאנד;
נאר פון זיינע חוזק מאַכן
און אן עבירה — איז א שאַנד!)

. . . .

היינט פאָרט די מאַמע ארום כסדר
פון איר מאַנס מי צו מאַכן א תל;
און ירענגט א שפּראַכע פון די בעדער,
געגאַשט ביים קעלנער פון האָטעל:

אך די בעדער! — אין די בעדער,
האָט מיך דער ארצט געלעקט־ראַזירט...
און ביים פאָטאָגראַף ווי יעדער
האָב איך מיך שיין טעלעגראַפירט!...

האָב געהאַט אין ד'ציין ראָמאַטעס...
האָט מיר דער ארצט זיי גוט בלאַמירט;
איך האָב געבארעט אין די בלאַטעס
און מיך גאָט גאָט אַנגעשמירט

און קאַלטע מיר געלייגט קאָנגרעסן —
דאָס מאַכט אַפּעטיט — איך שריי אַראָפּ:
קעלנער! זי זאָלן מיר צום עסן
אריינטין עופות אין דעם סופּ! —

. . . .

דער שטייט ווי א באָק — קוקט מיר אין פּאנים...
זי! געבן זי מיר א פערטל עוף!!
איך קלאָג אים צו צום ווירט צו זייגעם:
מאַכן זי אים, האר, א סוף“!

„דער מאן“ — זאגט דער ווירט — „איז א בהעמע!
פארשטייט איר שפּראַבע ניכט, מאדאם“!
„הערסט דאָס זאָג איך דער, אז א בהמה
איז אייער קעלנער מן הסתם!

בין זעד ניקס פון קאבצאנסקי וואבער!
וואס האבן ניקס באצאלט דערפאר
און ווען מיר ווערט ניקס קאנדאלאבער
קאָם איך מירטשעם, איבער א יאר!“

באטראכט זי דאָרט! — א קלאָץ א שווערער,
ברייט ווי א פּוילישע איבערבעט,
אָנגעשפּארט אויפן גימנאסטיק־לערער
לערנט זיך שטיפן א ביציקלעט.

איר קינד דאָס זיסע, צארטע, מאטע,
שיקט זי צו דער באָבע ארויס;
און איר הינטל דאָס קודלאטע
קושט זי און ווארעמט׳ס אין איר שויס... —

איר צורה איז שוין גוט באצאצקעט
מיט ווייסער און מיט רויטער פארב...
אָט איז זי שוין עמאנציפאצקעט!...
„כ׳קען ניט לײדן א ייד... עד שטארב!“ —

מײַן מאַמזעלכען שפּילט שוין גאַמעס!...
(און דאָס קלינגט אין איר אויער גראָד,
ווי עס פלעגט אַמאָל דער שמש
קלינגען פרימאָרגן דאָרט אין באָר —)

„הײַנט דאַרפט איר זינגען זי נאָר הערן!
מ'זאָגט איר שטימע איז טענאָר.
— אַגאָ מײַן קינד, זינג נאָר דעם הערן
דאָס סטענדערל פון שובערטס פאָר.

און אויף אַ פּיאַנאָ גאָר אַ נײַעם,
איר גנעלע מויד פון פּיטשיכאָווסט,
טוט אַ לײַג אַ פאָר ידים...
און הײבט אָן צו קרײַען פראָסט:

„לײַזע פלעהען מײַנע ליעדער
דורך די נאַכט צו דיר
אין דער שטילן האַין היער לידער
ליבכען קאָם צו מיר!

אָ, מיר ווײסן דאָס ליד צו שעצן,
נאָר פאַר אײַך איז דאָס טיף דײַטש
ערלויבט מיר אײַך דאָס איבערזעצן
און אײַך זינגען אין עברי־טײַטש:

לײַז און פליי זינגען לידער
דורך די נעכט צו מיר;
קום מײַן ליבע, קראַץ מיר ווידער!
עס בײַסט מיך שטאַרק נאָר דיר!

3

זי קומט אין לאַנד אָן, ראָם משׂחת,
און אַ'ן קורצער צײַט נאָר בלויז;
ווי גיך זי שלינגט שוין משערעפּאַכעס (אויסטערן)
ווי אַ געבוירענער פּראַנצויז.

און לערנט די קינדער אויך צו ביסלער,
נישט די מעשׂה פֿון בני-ברק;
נאָר ווי צו צמאָקען דאַרע פֿיסלער
פֿון איין אָפּגעקאָכטן ראַק...

מעגלעך נישט שלעכט די חיה...
אַבי מען ברענגט זי נאָר נישט אויס...
נאָר, וואָס איז שולדיק דער קצב שמעיה
וואָס דו שפּעטסט און לאַכסט אים אויס?...

. . . .

איך מבֿשׂה, באַפֿעל די גײַסטער!
לאָזן זיי גיין דעם העקסן-טאַנץ!...
און מיר אַרויפֿברענגען דעם מײַסטער:
ח ע ל ו ל   ז ב א ר ז ש ע ר   ערע-קראַנץ!!

כ'וויל זיין מאָנומענט אים ווייזן
וואָס מ'האָט אים געשטעלט נאָך זיין טויט...
ניט פֿון שטיין און נישט פֿון אײַזן;
פֿון אַ לעבעדיקער מענטשן-הויט...

ווי אַ חתונה, ווי נאָר בעלע,
ווי נאָר אַ פּראָסטע הולקע גאָר,
מוז מען ברענגען אויף דער שטעלע
די היסטאָרישע פֿיגור:

דאָס איז קאָסטאקע דער ציגיינער!
ער אונטערהאַלט די חתונה־געסט...
זינגט און שפּילט מיט דער קאָבזע זיינע־
ווען דער עולם וועטשערע עסט:

„פּרונזע ווערדע דע משיקאָרע"
עס טוט דעם ייד א ברען... א צופּ!
איינער טוט אזש א וויין... א כלופּ...

און דער שוואַרצער מינען־זעגגער
פאַרגלאָצט די ווייסע אויגן ארויף...
זיין גאָרגל ציט ער אוים נאָך לענגער
און הייבט אָן מיט געפיל: „אָף, אָף!...

„שאַטפּע גישטע פּאָטקאָוויטע!"
דער ייד שפּרינגט פון די כלים ארויס!
„דריי קוואָרט אָדאָבעשטער גוטע!"
א קליינקייט ווי האַלט מען עס אוים?

. . . .

אַלע זמירות שענקט איך דייוויס
פאַר איין שוואַרצן נעגערס „דשיק"
דער שענקט אייך צען יהודה הלוים
פאַר איין „קאַמאַרינסקי מוזשיק"...

. . . .

כ'זע דעם הערינג שווין דעם פּעטן,
וואָס אין קלייט קויפט דאָרט א ייד
פאַרוויקלט אין א בלאַט גאַזעטן
ווי ס'וועט זיין געדרוקט מיין ליד!

די פרוי נעמט איך איינמארינירן;
און איר מאן דער אריסטאָקראַץ,
ווארפט אוועק גיך די פאפירן,
איר ווייסט שוין, אויפן רעכטן פּלאַץ...

שטיי! פארדארב נישט די פאפירן!
זעסט ניט הער פון גלויבערזאַליץ,
דאָרט ליגט דאָך מארעך פון געזירן...
דאָס איז דאָך יידיש כּשר־שמאַליץ —

ביסט דאָך א ייד — נישט קיין בהמה —
דאָס איז ניט קיין פּאַק־פּאַפּיר;
דאס איז דאָך א הייליקע שמ'ע...
קוק דיך צו און לייען דאָס פּריר!

„ווי האָב'ך צייט דערצו גאָר, כ'לעבן,
מען איז באשעפטיקט אָן איין עק;
און מיינע קינדער, איר מעגט מיר גלייבן
פארשטייען נישט יידיש — זאָגט, א לעק?

. . . .

און דאָס זאָגט א „ייד“? — זיך ניט צו שעמען?
מיט אזא חוצפה?... און גאָר אָן שרעק?
זאָגן דאָס צום בעהמע זיינע בעהמען?...
זאָגן דאָס גרעקן צו זייערם א גרעק?...

. . . .

קומט א ברודער — אָה א פארברעכער,
און רייסט די צונג ארויס פון מיר?...
אז ס'זאָל ניט בלייבן גאָר קיין זכר,
אז געלעבט אמאָל א ייד האָט פריער?!...

דו אליין האָסט מיך געיידישט!
אין מײַן הויט געמאַכט דעם שניט!...
און דעם כוס, וואָס דו האָסט געקידושט
געזופּט מײַן יונגעס קינדערש בלוט...

דו פלעגסט מיר די שפּראַך אָנקריצן
מיט דײַן טײַטל אין מײַן לײַב!...
יעצט מאַכסטו מיר פּוילע וויצן?
פאַרשטייסט נישט כלומרשט, וואָס איך שרײַב?...

גאָר איז יעקב נישט פאַרלוירן!!!
צו זײַן אַ „ייד“ טוט מיר ניט באַנג
יאָ! — אַ „ייד“ בין איך געבוירן
און בלײַב אַ ייד מײַן לעבנס־לאַנג!

א גאָלדענער האַרבסט

„דער טאָג לאָזט זיך דערקענען פון אינדערפרי" — זאָגט א מאָלדאַוויש פאָלקס־ווערטל. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דעם כאַראַקטער פון א מענטשן קען מען דערקענען שוין פון דער פריער קינדהייט. עס מיינט אָבער אויך צו זאָגן, אַז ווערליק דער טאָג הויבט זיך אָן, אַזוי וועט ער שוין זיין ביז אַראָפּ. הייבט ער זיך אָן מיט עפּעס גוטס, וועט שוין זיין גאָלע גוטס דעם גאַנצן טאָג. צי איז עס טאַקע אַזוי אין דער ווירקלעכקייט — בלייבט א פראַגע, אָבער א גוטער אָנהייב איז שטענדיק א סגולה צו הייבן די שטימונג ביי מענטשן.

צי האָט דער דאָקטער האָראָדעצקי געגלייבט אין דער סגולה, אָדער ניט געגלייבט, נאָר די שטימונג איז ביי אים געווען א געהויבענע, ווייל אָנגעהויבן האָט זיך דער טאָג אַזוי גוט, אַזוי צוזאָגנדיק...

ער איז נאָך געלעגן אין בעט, געגרייט זיך אויפשטיין, ווען א קלונג פונעם גלעקל האָט געמאָלדן די גוטע בשורה:

„דאָס איז געווים דער פּאָסט־טרעגער. ווייזט אויס, א טעלעגראַמע פון דוניען", — האָט ער בליצשנעל א טראַכט געטאָן און זיך האַלב אויפגעהויבן. אָבער נאָך ניט באַוויזנדיק אַראָפּצוגיין פונעם בעט, אומגעדולדיק א געשריי געטאָן:

מאַניע! מע קלינגט!

דאָס שרייען איז געווען איבעריק, ווייל אין דער זעלבער רגע האָט ער שוין דערהערט, ווי מאַניע עפנט די טיר, און אין א מינוט אַרום איז זי שוין געזעסן אין שלאָפצימער. יאָ, ער האָט ניט געהאַט קיין טעות. עס איז א — טעלעגראַמע פון דוניען. און א גוטע, א פרייד־ברענגענדיקע — דאָס האָט ער גלייך דערקענט אין זיין ווייבס פנים. ווי שטענדיק איז זי אויך היינט אויפגעשטאַנען פריער פון אים, שוין אביסל צו פרי. אַלץ טאַקע מחמת דעם, ווייל זי איז געווען אומרויק: שוין עטלעכע טעג

זענען ניט געווען קיין בריוו און אויף זייער טעלעגראפישער אָנפראַגע איז ניט געקומען קיין ענטפער.

זיי האָבן שוין געדאַרפט זיין געווינט דערצו, דאָס עלטערע פּאָרפּאָלק האָראָדעצקי. ניט דאָס ערשטע יאָר איז זייער איינציקע טאָכטער אין לענינגראַד און ניט צום ערשטן מאָל מאַכט זיך, אַז אַ בריוו פאַרשפּעטיקט אויף עטלעכע טעג. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט צוגעוווינען דערצו: דוניע איז זייער גאַנץ לעבן, זייער אינטים חיות. אין יעדן פאַל, ווען אַ בריוו האָט זיך פאַרהאַלטן, האָבן זיי, שעמענדיק איינער פאַרן אַנדערן, אויסבאַהאַלטן, וויפל דער כּוח האָט געטראָגן, זייער אומרויקייט. אָבער די אומרויקייט האָט אַרויסגעשפּאַרט פון יעדער באַוועגונג, פון אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט און געטאָן...

ווי יעדעס מאָל אין אַזעלכע פאַלן, איז זי, מאַניע, די גבורטע, די וואָס איז כּלומרשט רויק. פאַרקערט, ער איז אומדערטרעגלעך מיט זיין דענערווירטיקייט, זי ברענגט אַריין די טעלעגראַמע אין שלאָפצימער, און איר פּנים שמייכלט, עס הייסט:

— נו, זעסט, דו צעדולטער, אי אַליין געווען אומרויק, אי מיך שיר נישט משוגע געמאַכט... זעסט...

גלייך זי אַליין איז געווען אינגאַנצן רויק. ער נעמט אָן מיט שטילער הכנעה אָט די „שטאַרקייט" אירע. מילא, וואָס קאָן ער טאָן. דער עיקר איז, וואָס ס'איז דאָ אַ טעלעגראַמע. און אַז די טעלעגראַמע איז אַ גוטע, אַ פרייד ברענגענדיקע, ווי אַלץ, וואָס קומט פון דוניען, דאָס דערקענט ער גלייך אין מאַניעס פּנים, אין דעם צאַרטן פּנים פון זיין אָנגעפלאָגטער לעבנס־חברטע, וואָס נעמט לויכטן מיידליש־שעמעוודיק. און די אויגן, ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעגעבן גענוג חשבון וועגן דעם, וואָס סע זאָגן אין אַזאַ מינוט אירע אויגן. ווער קען גענוג און ביזן גרונט דערציילן וועגן די אויגן פון אַ מאַמען... און נאָך פון אַזאַ מאַמע, ווי מאַניע...

און אָט איז די טעלעגראַמע:

„זיך אומגעקערט פון פּעטראָדוואָרעץ. געזונט. קוש האַרציק. דוניע".

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. דער טייטש פון דעם געלעכטער: „מיר זיינען ביידע אַלטע צוויי נאַראָנים"... אָבער ניט אין דעם אַליין איז עס געגאַנגען. געווען איז נאָך עפּעס, וואָס ביידע האָבן דערפון געטראַכט ביי זיך, נאָר נישט אַרויסגערעדט. עס איז געווען די באַפרידונג פאַר די אייגענע יונגע יאָרן, יענע יאָרן, ווען זיי אַליין האָבן געשטודירט... ווי שווער זיי איז עס אָנגע=

קומען, מיט וויפל מאָראַלישע יסורים, וויפל אומזיסטע ענערגיע איז ביי זיי געגאַנגען לאיבוד!... ביידע — קינדער פון אָרעמע עלטערן, ביידע האָבן געמוזט אָפּטיילן פון זייערע לערערישע פאַרדינסטן אויף צו שטיצן די עלטערן. ווי האָבן זיי אפילו זיך געקענט דערלויבן טראַכטן וועגן לערנען און פּעטערבורג, ווער שמועסט וועגן א שפּאַציר קיין פּעטערהאָף, ווי עס האָט זיך דעמלט געוואָלט?... אַז שוין. דאָס בלויזע אַנקומען אין אוניווער־סיטעט איז פאַרלאָפן מיט אזוי פיל יסורים...

און אַצ זי, זייער גרעסטע טאָכטער, שטודירט דאָרט אין לענינגראַד, פילט זיך גאָר היימיש דאָרטן, טאַקע ביי זיך אין דער היים, און „צוריקגעקומען פון פּעטראָדוואָרעץ. געזונט. קוש האַרציק דוניע“...

ווי שטענדיק אין אזא פאַל האָט דאָקטער האָראָדעצקי זיך געפילט שולדיק אַקעגן זיין פרוי. פאַרוואָס טוט ער איר אָן יסורים אָנשטאָט זי צו קרעפטיקן? ער ווייסט דאָך, ווי אזוי זי איז צוגעבונדן צום קינד (כאָטש דוניע איז שוין א סטודענטין פון פינפטן קורס, רופן זיי זי ביידע צווישן זיך — קינד...) פאַרוואָסזשע צוימט ער נישט זיין אומרו? פאַרוואָס באַהערשט ער זיך נישט? האָט זי דען ווייניקער פון אים איבערגעליטן? ווייניקער אויסגעשטאַנען?...

ער שטראָפט זיך, זאָגט זיך צו, אַז ער וועט זיך נעמען אין די הענט אַריין, אָבער עס העלפט אים נישט, וואָס זאָל ער טאָן, אַז סע פאַרפאָלגט אים נאָך שרעק פאַר עפּעס... ער האָט אַנומלטן שיר ניט אומגעקערט זיך צו זיינע „חטאות נעורים“ — צו דער שוואַכקייט פון זיין יוגנט, שיר ניט געזעצט זיך שרייבן...א ליד!... עס איז אים א בושה פאַר די עלטערע און פופציק יאָר, וואָס נישט נאָר זיין פּאַספּאָרט זאָגט עדות דערויף, נאָר. די פיל־צאָליקע אָפּעראַציעס, וואָס ער, דער כירורג, האָט געמאַכט... עס פאַרפאָלגט אים א ליד. ער האָט די ערשטע שורה אין קאָפּ: „חבר קום באַפריי“...

אויך די נאַכט האָט ער געטראַכט דערפון, „חבר, קום באַ־פריי!“... דאָס מיינט צו זאָגן: קום באַפריי פון די שרעקן, וואָס פאַרפאָלגן מיך, פון דער פחד, פאַרן גורל... ער האָט זיך אויך די נאַכט געקלאַמערט אין דער שורה, געזוכט אין איר באַפרייונג, זיכערקייט.

גורל... מיטן גאַנצן כוח פון זיין באַוואוסטזיין קעמפט ער קעגן דער אָנשיקעניש. ער ווייסט: גורל הייסט כאַראַקטער. כאַ־ראַקטער מינוס צופעלקייט. יאָ, מינוס און נישט פּלוס. כאַראַקטער

איז גובר צופעליקייטן. אָבער וואָס זאָל ער מאַכן מיט זיך? ער האָט נישט גובר געווען. בכל אופן נישט שטענדיק, נישט אין די באַשליסנדיקע מאָמענטן. קלאַמערט ער זיך אין אים, דעם באַפרייער, וועמענס אָנוועזנהייט ער האָט איצט — דאָס מיינט, פון זינט ער איז אין סאָוועטנלאַנד. ריכטיקער, נאָך דעם, ווי ער איז דאָ אָפּגעווען א צייט, האָט ער אין א געוויסן מאָמענט אָנגעהויבן פילן, אז א נייע קעמרל עפנט זיך אין זיין באַוואוסטזיין. ער האָט אויך אָנגעהויבן פילן, אז א נייע קראַפט שטעלט זיך פאַר אים און ער פאַרטרויט זיך דער קראַפט: „חבר, קום באַפריי!“

און איצט איז די טעלעגראַמע, די פּאָר קורצע פראַזעס באַקומען אין זיין געמיט קלאַנג און פאַרב. „צוריקגעקומען פון פּעטראָדוואָרעץ. געזונט. קוש האַרציק, דוניע“.

די שטימונג ביים עלטערן פּאָרפאָלק איז געוואָרן יום=טובדיק אָנגעזונטיקט. זיי האָבן זי באַדאַרפט, אָט די שטימונג, שוין צופיל אָנגעליטן זיך אין משך פון זייערע דרייסיק יאָר משפחה לעבן. אלע פּאָר הנחות האָבן געשיינט צו זיין דערפאַר זיי זאָלן האָבן א גליקלעך לעבן. ביידע רייפע מענטשן פון גוטער נאָכגיביקער נאַטור. ביידע פעיקע דאָקטוירים: — ער א כירורג, זי — א קינדער דאָקטער. דערצו מענטשן שטילע, מיט באַשיידענע פּרעטענציעס צום לעבן. נישט קיין יענערס נאָך פאַרמעגן... גאָר עס איז זיי נישט געגאַנגען. אין דער בעסאַראַבער פּראָווינץ=שטאָט, אונטער דער רומענישער מאַכט ווו זיי האָבן געוווינט, איז זייער קליענטור באַשטאַנען פון דעם סאַמע גוטסבאַדערפטיקן פון דעם אָרעמסטן שיכט, וועלכער האָט פון זיי געהאַלטן א וועלט. זיי האָבן געשמט פאַר גוטע פאַבלייט. אָבער די רייכע זייגן צו זיי נישט געגאַנגען. גוטע פריינט האָבן געשטראָפט: „איר זיינט שלעכטע סוחרים, איר קענט נישט פאַרקויפן אייער סחורה“... זיי האָבן דערפון גאָר געשמייכלט. און ווידער האָבן גוטע פריינט געהויבן מיט די אַקסל: „א פּאָרל“... ס'הייסט: ווי דער מאַן אזוי דאָס ווייב... מענטשן זאָלן זיך אזוי קאָנען גענוגענען מיט ווייניק.

עס איז אָבער געווען נישט נאָר דאָס, עס איז זיי באמת נישט געגאַנגען. אָט איז זי פּלוצים קראַנק געוואָרן און עטלעכע יאָר נישט געקאָנט אַרבעטן אָדער דער פּלוצעמדיקער טויט פון זייער עלטסטן צענייאָריקן מיידעלע. ווי א דונער אין א העלן טאָג האָט עס זיי געטראָפן. זיי האָבן א צייט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך.

דעמאָלט זענען גוטע פריינט געקומען צו הילף. זיי געהאָלפן זיך אַרויסציען פון דער באַסאַראַבער פּראָווינץ=שטאָט קיין בו=

קארעשט. דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וועלן זיי זיכער נתגלה ווערן... אָבער ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער געראנגל. זיי האָבן נישט פארמאָגט קיין „סוחרישע פעיקייטן“, נישט קיין חוצפה, נישט קיין אנדערע אייגנשאפטן. ניין, זיי האָבן זיך נישט אויסגעטויגט און עס אפילו נישט געפרווט.

אין יענע צייטן האָבן די האָראָדעצקים, צווישן זיך איבערגערעדט: מיר זענען צופיל רוסישע אינטעליגענטן... דערצויגן אויף בעלינסקין און דאָבראָליובאָוו, מיר וועלן נישט קענען ארייננוואקסן אין די היגע באדינגונגען. איז אפשר פאָרן אהין?... סוף כל סוף איז עס דאָך ווידער געווען גאָר א צופאל, וואָס זיי זענען פארבליבן אינדרויסן... און זיי האָבן זיך שטענדיק באצראכט ווי אין דרויסן...

אָבער איין זאך איז טראכטן, און אן אנדערע זאך דאָס אויפירן. עס האָט געפעלט ענערגיע און אויך פשוט פיזישע קראפט — צו א שווער לעבן איז זיי אויסגעפאלן.

און דערצו — קרובים. אירע און זיינע. זעלטן ווען ס'האָט געקענט קומען אויפן געדאנק, אז די שטילע מענטשן מיט זייערע באשיידענע מאטעריעלע מיטלען מיילן אוים מער ווי א העלפט פון זייער פארדינסט פאר פרייגט און נישט גאָר פאר פרייגט...און דאָך איז עס געווען ווי אזוי לאָזט מען איבער אן עלטערע שוועסטער אן אלטן אָרעמען טאטן?... און דאָ איז דוניע אונטערגעוואקסן, זי לערנט זיך שוין אין א מיטל-שול, לערנט זיך אויסגעצייכנט, ווי אזוי איבעררייסן?

איז דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געהאט קיין כוח אויסצופירן, געקומען ווי די געשיכטלעכע נויטווענדיקייט. און פאר הונדערטער טויזנטער. און ס'איז געשען אזוינס, וואָס זעלטן ווען מע זעט עס אין פארלויף פון יאָרהונדערטער. צענדליקער טויזנטער מענטשן, איינגעוואָרצעלטע מיט אלע זייערע מאטעריעלע אינטערעסן אין דעם אָרט, האָבן פארלאָזט האָב און גוטס, אויסגעווארעמטע היימען, און זיך געלאָזט צוריק אהיים, אין דער אמתער היים...

אין יענע מאָמענטן האָבן די האָראָדעצקים מיט שטויגען דערזען פאר זיך א נייע דוניע. געוווינט זי צו באטראכטן פאר א הילפלאָזן קינד, וואָס איז פארנומען נאָר מיט אירע שול-אינטערעסן, האָבן זיי פלוצעם דערזען פאר זיך א מענטשן מיט ווילן, מיט עקשנות, מיט פאָדערונגען. ווען און ווי אזוי איז זי געקומען דערצו? א געבוירענע און אויסגעוואקסענע הי, וואָס האָט זי געוווסט וועגן סאָוועטן פארבאנד, די פערצניעריקע דוניע? און זע — זי

פּאָרערט: שוין, פון די ערשטע אַוועקפאָרן!... נישטאָ וואָס ארומצוקוקן זיך. אז מען קוקט זיך ארום ווערט מען א שטיק זאלץ!... זי וויל אפילו נישט הערן וועגן די גרוילן, וואָס מען דערציילט זיך אָן וועגן דעם, וואָס מען שטייט אוים אין וועג פון די רומענישע זשאנדארן. וואָס סע וועט זיין מיט אלע, וועט אויך זיין מיט אונדז... פאָרן!...

אָבער אויך איצט האָט א בייזער צופאל ניט פארגעסן אָן די האָראָדעצקים, פּונקט ערב אָפּפאָרן,, ווען אלץ איז שוין געווען איינגעפּאקט און גרייט, באקומט דוניע אן אָנפאל פון אפּענדיציט. דוניע, זייער איינציקער זין פון זיין, איז אין געפאר. די האָראָדעצקים זענען מיט אמאָל גרוי געוואָרן. אָבער אויך אין דעם מאָמענט האָבן זיי דערזען דוניען אין א נייער פאר זיי אומדערווארטעטער שיין...

דוניע האָט איבערגעטראָגן די שרעקלעכע ווייטיקן מיט זעלמענעם געדולד, געשטארקט די עלטערן.

און גלייך נאָך דער אָפּעראציע האָט דוניע שוין פארלאנגט: פאָרן!...

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס געבעט פון פאָטער, די טרערן פון דער מוטער. דוניע וויל נישט הערן פון קיין ווארטן: פאָרן! און זיי זענען געפאָרן.

און זע נאָר: זי רעדט רוסיש! ווען האָט זי עס באוויזן? אמת, טאטע מאמע האָבן איר פון קליינוויין געלייענט אי פּושקינען, אי טורגעניעוון, אָבער ריידן? ווען האָט זי זיך אויסגעלערנט? אָבער זי רעדט! זי רעדט מיט די רויטארמייער שוין באלד ביים אָנקומען אופן בעסאראבער ברעג פונעם דוניי.

און דוניע וויל דווקא אין א רוסישער שול... די זאָרג פון די עלטערן, אז עס וועט איר זיין שווער דער איבערגאנג אויף רוסישער שפּראך, די זאָרג ווערט גיך צערונען, דוניע איז פון די בעסטע שילערגס.

דאָקטער האָראָדעצקי האָט איצט אנטדעקט אין דוניען ירושה-פעיקייטן. איז ער דאָך, דער עקסטערן, געווען אין זיין צייט פון די בעסטע רוסיש-קענער צווישן זיינס גלייכן. האָט ער דאָך מיט אזא לייכטקייט דערוואָרבן עטלעכע אייראָפּעישע שפּראכן. נישט אנדערש, זיינע לינגוויסטישע פעיקייטן זענען איבערגעגאנגען צו דוניען. און דוניע? יאָ, דוניע האָט אהיים געבראכט א קאָמסאָמאָלסקי בילעט. זי האלט שוין כמעט פאָרטראגן פאר די חברים אין שול. ווען איז עס אזוי געוואָרן?

און נישט נאָר מיט דוניען. דאָקטער האָראָדעצקי זעט, אז אויך מיט זיין „אלטיטשקער“ איז עפּעס פּאָרגעקומען. זי איז ווי יונגער געוואָרן... א שלל מיט ענערגיע האָט זיך ביי איר געעפנט. זי איז איינע פון די אקטיוויסטע דאָקטוירים אין שטאָט און אקטיוו געזעלשאפטלעך. פון אלע זייטן הערט מען דערמאָנען איר נאָמען מיט לויב, מיט באוואונדערונג. און דאָקטער האָראָדעצקי? איר זייט אפשר דער מאן פון... „דאָקטער האָראָדעצקאיא“?... האָראָדעצקי הערט און לאכט מיט הנאה: „יאָ, איך בין דער מאן פון דאָקטער האָראָדעצקאיא“... די פרוי, וועמענס גרויסע מענטשלעכע מעלות ער האָט גוט געקענט. עס האָט אים הנאה געטאָן פאר איר באשעפטיקטקייט, איר אקטיוויטעט, איר גוטוויליקייט, צו דעם נייעם, וואָס קומט פאָר פאר זיינע אויגן, אליין געוואָלט ווערן א מיט שותף, נאָר עס איז אים אָנגעקומען שווער. אז א דאָקטער אין א סאָציאליסטיש לאנד קאָן ניט זיין בלויז א פּראָפעסיאָנאל, דאָס הייסט א געזעלשאפטלעך נייטראלער מענטש, דאָס האָט ער באלד באגריפן. מען איז א מיטבויער פון א נייער געזעלשאפט און פון א נייעם מענטש. ער פילט עס. און ער וועט אריין אין שפּאן. מען דארף זיך אינערלעך איבערבויען. ער האָט עס געפּרוווט טאָן מיט זיין גאנצער ערלעכקייט. אָבער קאָנסטאטירט, אז דאָס, וואָס מאניען קומט אָן אזוי לייכט, אזוי נאטירלעך, קומט אים אָן שווער. איז ער ווירקלעך אזוי אויפגעפרעסן פון זיין פּראָפעסיאָנאלישקייט?

עס איז געווען נאָך עפּעס, וואָס האָט געווירקט אויף אים, אים געפּײַנטעט, דאָס איז געווען די אנונג, אז א מלחמה איז אומפארמיידלעך. זי האָט אים פארפאָלגט, אָט די אנונג, באטאָג און באנאכט, ניט צו באפרייען זיך. אינמיטן דער יום־טובדיקייט פון דער באפרייטער שטאָט, וואָס איז איצטער פּלוצים אויסגעוואקסן, געוואָרן רעשיק, געוואָרן א גרויסע שטאָט און באקומען גאָר א נייער אויסזען, אינמיטן דער אלגעמיינער עקזאלטירטקייט, איז ער אומגעגאנגען אָפּט ווי א שאָטן, עס פלעגט אים באפאלן א שרעקנדיק פאָרגעפיל: עס קומט מלחמה...

עס האָט אים אזוי ווייט געפּלאָגט, אז ווען זי, די שטענדיק פרי אויפשטייענדיקע, האָט אים אינעם זומערדיקן פרימאָרגן פון איין און פערציקסטן יאָר א וועק געטאָן און דערקלערט:

— שטיי אויף... עס איז מלחמה... עס זענען געפאלן באָמבעס.

דעמאלט האָט זיך דאָס געפיל ווי אויפגעלייזט. עס איז אים במעט גרינגער געוואָרן.

— איצט דאַרף מען טאָן! — האָט ער דערקלערט.

עס איז געווען צום ערשטן מאָל ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע, און דער תּמצית איז געווען:

— טאָן — — —

און:

— מיר וועלן זיגן — — — מיר מוזן זיגן — — — —

אויף מאָרגן איז ער שוין געשטאַנען ביים אָפּעראַציע-טיש פון אַ פעלד-שפּיטאָל. וויפל אָפּעראַציעס האָט ער געמאַכט אין די יאָרן פון דער מלחמה? ער געדענקט נישט, ער האָט נישט געציילט. וויפל טעג און נעכט אָן שלאָף, אָן אָפּרו! ער האָט דאָס אוודאי נישט געציילט. ער האָט געמאַכט אָפּעראַציעס, צו וועלכע דאָרטן, אַמאָל, וואָלט מען אים נישט געלאָזט צוגעלאָזט, ווייל ער איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ דאָקטער פאַר אָרעמע לייט.

ער האָט זיך איצט אַליין אַנטדעקט און אַ סך נייעס אויפגענומען. זיין באַשטענדיקער פיינט — קראַנקייט און טויט האָבן זיך איצט אידענטיפיצירט מיטן שונא, מיטן פאַשיזם. און — ער זאָגט זיך עס אויס מיט פולער אויפריכטיקייט — מערער פון אַלעמען האָבן אים געריצט ווונדן אין געביט פון די לונגען... אָ, ער האָט אַ שווערן חשבון מיט דער שרעקלעכער קראַנקייט, מיט לונגען-קראַנקייט צוויי פון זיינע נאָענטסטע מענטשן האָט זי אויפגעפרעסן, און ער איז געווען דערמאָלט אַן אַנפאַנגער — הילפלאָז.

און אָט איז שוין נאָך דער מלחמה. און ער איז שוין ווידער אין ציווילע קליידער. ער וווינט אין דער מערבדיקער שטאָט, וואָס איז ווי על פּי נס געבליבן ניט געשעדיקט. ער איז אַ באַוווסטער און אָנערקענטער כירורג. ער מאַכט געלונגענע שטאַרק קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס, ער קעמפט אויף אַן אַנדערן פראָנט. נאָר אין תּוך איז דאָס דערזעלבער. ער קעמפט קעגן טויט פאַרן לעבן. מאַניע אַרבעט אין איר קינדער-פּאָליקליניק. און ווי שטענדיק איז זי איבערגעלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זי טוט אַ סך און רעדט ווייניק, און ביידע קוקן אויס טאָג נאָך טאָג אויף אַ בריוו פון זייער פּילאָלאָגיטשקע פון לענינגראַד, אויף אַ בריוו פון דוניען. יעדער בריוו איז אַ גענויער אַנאַליז אָדער פון אַ געליענטן בוך אָדער בכלל פון אַ שרייבערס שאַפונג אָדער פון אַ רעצענזיע פון אַ ספּעקטאַקל אין דער „מאַריינקע“, צי אין דער „אַלעקסאַנדרינקע“, אָדער פון דער אָפּערע. אַ מאָל אַ באַשרייבונג פון אַ ווינקל פון דער גרויסער מערקווירדיקע

שטאָט... צי זענען זיי נישט אַמאָל באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זיי האָבן זי צוגערעדט צו גיין אויפן ליגנוויסטישן אָפּטייל?... צי איז נישט איר ריכטיקער וועג דער וועג פון אַ ליטעראַטור אָדער קונסטפאָרשער?...

אַט איז אָנגעקומען געווען אַ בריוו, נאָך אַ באַזוך אין ערמיטאַוש. מיט וויפל פאַרשטענדעניש זי האָט געשריבן וועגן די „פלאַמאַנדער!“...

און ווידער האָט דאָקטער האָראָדעצקי אַנדעקט אין דוניען זיינע אייגענע נייגונגען פון אַמאָל, פון זיינע יונגע יאָרן... זיינע אייגענע? ניין, עפּעס איז אין איר פאַראַן, וואָס אים האָט עס דעמאָלט אינגאַנצן אויסגעפעלט. עס איז פאַראַן אין איר נאַטור אַ נייער עלעמענט, אַ נייע קוואַליטעט. עס איז נישט נאָר דאָס ירושהדיקע, עס איז עפּעס ווייטערדיקס, אייגנס. זאָל עס זיין דאָס, צו וואָס אים, ביי אַלע באַמיונגען, איז דאָס שווער צו דערלאַנגען?... איז עס דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס אָריגינעל סאָוועטישע?... שוין אין אופן, ווי אַזוי מען פאָרמולירט אַ געדאַנק, איז דאָך בולט די אַנדערשקייט צווישן זיי, אין איר אַרט זען די וועלט און די זאַכן איז פאַראַן עפּעס נייעס, אַנדערשדיקס.

ער פּרוּווט, דאָקטער האָראָדעצקי, זיך דערנענטערן צו דוניעס וועלט, צו איר אַרט זען די וועלט. ער וויל זיך אַריינלעבן אין דער אַטמאָספער פונעם נייעם מענטשן, וואָס ער זעט אים מערער, ווי ער פאַרשטייט אים. ער לייענט אַלצדינג, וועגן וואָס דוניע שרייבט אָדער דערמאָנט אין אירע בריוו, גייט זען אַלע פילמען, וואָס זי רופט זיך אָפּ וועגן זיי מיט אַ גוט וואָרט. ער באַדויערט, וואָס ער קען נישט אַלע ספּעקטאַקלען, וואָס זי זעט און לויבט. לייענט אַלע רעצענזיעס, און די געשטאַלטן ווערן אים היימיש. ער זעט זיי פּונקט דורך דער זעלבער פּריזמע, ווי זי, אַזוי דוכט אים.

און דאָך דערלאַנגט ער נישט דערצו זיך אינגאַנצן אַריינצולעבן אין דער וועלט, וווהין ער גאַרט, ער פילט עס, עס בלייבט אַ מחיצה, און ער פאַרשטייט נישט, וואָס דאָס איז. איז עס די עלטער? זיין פּראָזעס אַנאַליזם? פאַרוואָסזשע האָט זי, זיין פרוי, זיך אַזוי לייכט באַפרייט פון אַלץ, וואָס האָט באַשווערט ווי אַ באַלאַסט? אַט האָט ער דורכגעלעבט אַ גרויסע אומדערהערטע מלחמה. ער האָט געצאָלט זיין חוב בשלמות. פאַרוואָסזשע איז אים אַזוי שווער זיך צו באַפרייען פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַט אַפילו פון דער שרעק, וואָס פאַרפאָלגט אים שטענדיק, פאַרוואָס מוז ער אָנקומען צו דעם אינטימען רוף צו שמעצן:

— חבר, קום באַפרײַ!...

יעדעס מאָל ווען ער קומט צו דעם פּונקט, זאָגט ער צו זיך: איך וועל מוזן אַמאָל א רייד טאָן מיט דוניען דערפון. און עס ווערט אים גרינג און פריילעך פון דעם געדאַנק.

דוניע!... ערשט געווען א שנעק... דוניע!...

און אָט איז די טעלעגראַם: צוריקגעקומען פון פּעטראָוואָרעץ... און סאַרא פּרעכטיקער אינדערפרי! עס איז סוף סענטיאַבער, נאָר די זון אויף דער אייבערשטער העלפט פון די ביימער איז אינגאַנצן א זומערדיקע. דאָס בלעטערוואַרג פון די אַפריקאַן-ביימלעך בײַם פענצטער איז אַזוי זאַפטיק גרין, גלייך עס גייט ערשט צום בליען. און דאָס קוים וויאַנעדיקע גראָז אין גאָרטן ארום דעם קרויט איז פון אַזא שפעדיקער פאַרב, אז עס פאַרקלעמט אויש בײַם האַרצן. די ברייטע גלאָז-טיר אויף דער טעראַסע איז אינגאַנצן צעפּראַלט. ער מאַכט עטלעכע גימנאַסטיק-איבונגען, ווי יעדעס מאָל, ווען ער איז גוט געשטימט און באַזונדערס פאַר אן אָפּעראַציע.

ער האָט באַדאַרפט האָבן א גוטע שטימונג. ער האָט הײַנט איינע פון יענע אָפּעראַציעס, וואָס רעגן אים אַמײַנסטן: טאָ־אַקאָ פלאַסטיק. ער האָט זיך לאַנג געגרייט דערצו. יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים דורכצופירן די כירורגישע אינטערווענציע, פילט ער זיך גלייך ווי צום ערשטן מאָל. און יעדעס מאָל דערמאַנט ער זיך, ווי אַזוי אין זײַנע יונגע יאָרן, בײַ די ערשטע שריט, איז ער דערבײַ געווען בײַ אַזא אָפּעראַציע. געמאַכט האָט זי א פּראָפעסאָר, א באַרימטקייט אין יענער צייט, און זיי, די יונגע, האָבן געקוקט דערויף ווי אויף עפעס איבערנאַטירלעכעס. כמעט א וואונדער... און אָט — ער מאַכט זיי, די אָפּעראַציעס, און ער הערט נאָר לויב... יאָ, עס איז אים געלונגען ביז איצט, און הײַנט מוז עס באַזונדער געלונגען. דער פּאַציענט איז א יונגער מענטש, אן אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, ער, דער אינוואַליד, האָט אַלצדינג אָפּגעגעבן, מוז אים די געזעלשאַפט אָפּגעבן דאָס מעגלעכע.

דאָקטער האָראָדעצקי רײַסט איבער זײַנע איבונגען. וואַרט נאָר, עפעס האָט ער אָנגעטאַפט, דוכט אים, ווי אַזוי האָט ער געזאָגט בײַ זיך? „די געזעלשאַפט“... זײַן אַרבעט, איז עפעס מער, ווי פערזענלעכס. ער איז אין דעם פאַל דער שליח פון דער געזעלשאַפט. עפעס א טירל עפנט זיך, וואָס איז ביז אַהער געווען פאַרשלאָסן... יאָ... עס ווערט שפעט...

— מאַניע!...

נאָר גיין. ער קאָן נישט. ער מוז אויך דאָס מאָל נישט האלטן קיין וואָרט. ער וועט היינט אויך נישט אויסזאָגן, אז עס שטייט אים פאָר אזא אָפּעראציע, כאָטש זי האָט אים אזוי פיל מאָל געבעטן וועגן דעם, זי וויל זיין דערביי. ער זאָגט צו און פּולט נישט אוים. ער קאָן נים. ער וועט זיך נישט פילן פריי, און ער מוז זיין רויק.

ער פילט זיך שולדיק אקעגן איר. און ווידער טראכט ער וועגן דעם אז זי פארמאָגט מער כאראקטער ווי ער. אָט איז צוריק מיט א פּאָר חדשים אָנגעקומען א בריוו פון א באקאנטן פון פּאריזש. זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך דערוויסן, וואָס איז געוואָרן מיט איר שוועסטער און שוואָגער. דער באקאנטער האָט זיי געענפערט: א שטיק צייט האָבן זיי זיך אויסבאהאלטן, נאָר א — פראנצויזישער נאצי האָט זיי אויסגעגעבן און די דייטשן האָבן זיי פארנומען. לויט ידיעות כמעט אבסאָליוט זיבערע, האָבן זיי געטיילט דעם גורל פון די אומגעקומענע אין אוישוויץ, צי אין מיידאנעק. מאניע איז געזעסן בלייך ווי די וואנט. צוויי טרערן האָבן א קאפּע געטאָן. אָבער זי האָט קיין וואָרט נים ארויסגערעדט, קיין סמן פון היסטערישן פארלוירן זיך. און זי האָט די שוועסטער שטארק ליב געהאט!... ער, מאניע! וואָס פאר א מערקווירדיקע פרוי זי איז!... אָבער ער קאָן נישט. ער וועט איר שפּעטער דערציילן און דערקלערן...

עס איז אָבער אומזיסט זיין קליגן זיך. זי קען אים שוין צו גוט, די קלוגע געניטע פרוי. שוין אין זיין צעזינגען זיך, שפּאַצירנדיק אהין און אהער, דערקענט זי, וואָס ס'איז מיט אים. אָבער זי גיט זיך נישט אוים. אחר המעשה וועט זי אים נעמען אויפן צימבל, און ער וועט רויט ווערן ווי א סטודענט א יונגער, זיך פּרוון פארענטפערן, געפונען נישט געשטויגענע תירוצים... עס געפעלט איר דאָס פלאָנטערן זיינס... דער עיקר: עס זאָל אים געלונגען. זי וועט אין בריוו צו דוניען שרייבן (זי שרייבט איר וועגן אלעמען): דער פּאפּא האָט היינט געמאכט א געלונגענע טאראקאָפּלאסטיק...

און סיי ווי וועט זי פונקט צו דער צייט אָנקלינגען פון איר פּאָליקליניק צו אים אין שפּיטאָל. נישט צו אים, נאָר צום אסיסטענט, וועלכער איז אין קורס פון אָט דער שפּיל. דער אסיסטענט וועט שוין מעלדן וועגן רעזולטאט. ווייל זי איז אומרויק אין אזא טאָג.

— די אָפּעראציע איז דורך גלענצנד... איך באגריס אייך, חברטע האָראָדעצקאיא...

— מיך? פארוואָס מיך?

— ווייל אויף צו קענען דורכפירן אזא אָפעראציע, מוז מען אומבאדינגט האָבן אזא פרוי, ווי איר זענט! איך זאָג עס ערנסט.

— איר וועט זיין א גוטער כירורג.

— איר גלויבט? אויף וואָס באזירט?

— אויף די קאָמפלימענטן, וואָס איר מאכט אלטע פרויען!

האָראָדעצקי שטייט ביים טעלעפאָן, קוקט אויף זיין אסיסטענט און לאכט. יענער באמערקט אים און צעלאכט זיך אויך. געפאקט, הייסט עס.

און שטענדיק אזוי? — פרעגט האָראָדעצקי.

— שטענדיק!

ביידע לאכן ווידער.

דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן באמת אן אויסערגעוויינטלעכער. מענטשן, דורכשניט־מענטשן, וואָס האָבן קנאפ וואָס צו טאָן מיט פּאָעזיע, האָבן געגאפט און, באגעגענדיק זיך, אויפמערקזאם געמאכט איינער דעם אנדערן:

סארא טאָג!... א שיינקייט!...

— באביע ליעטאָ! — דערמאנט זיך דער צווייטער און מיינט דערמיט עפעס צו דערקלערן, בשעת אין דער אמתן טוט ער נאָר א ריר מיט א שפיץ פון א — דערינערונג, וואָס האָט געשליעט ערגעץ אונטערן פריסיק פון פארגאנגענע יאָרן...

— באביע ליעטאָ! האָט אויך א וואָרף געטאָן דער אסיסטענט, באגלייטנדיק האָראָדעצקין. ער האָט באמערקט, ווי האָראָדעצקיס פנים האָט געלויכטן פון באוואונדערונג, קוקנדיק אין דער ווייט, ער האָט געוואָלט אקעגן קומען זיין עלטערן קאָלעגעס עמאָציע און אויך געבן צו וויסן: פארשטאנען.

און באלד צוגעגעבן:

— איך ווייס נישט צי ס'איז נאָך פאראן ערגעץ אויף א שפראך אזא אויסדרוק, איר האָב מיר געגראָבן אין ביכער, געוואָלט דערגיין, פאנגיואנען דער אויסדרוק נעמט זיך, און נישט דערגאנגען.

האָרדעצקי האָט א טראכט געטאָן, בלויז מיטן געדאנק זיך אליין א זאָג געטאָן: די פראנצויזן זאָגן: „עטע דע סען מארטען“ — דעם הייליקן מארטינס זומער...

אָבער דער זכרון זאָגט אים אונטער עפעס נענטערס, טאקע פון מאמע־לשון:

— געשענקטע טעג...

— אויף ווידערזען, דאָקטער!

— א! אויף ווידערזען!

דאָקטער האָראָדעצקי דריקט זיין אסיסטענטס האנט מיט א באזונדערער פריינטשאפט. ער מיינט דערמיט צו אנטשולדיקן זיך דערפאר, וואָס איז משר. פון עטלעכע מינוט האָט ער געהאַט אינגאנצן פארגעסן אָן אים...

ער גייט ווייטער אליין, און דער טאָג פלאָנטערט זיך אין זיין באוווּסטזיין. אָט לויפט אַוועק די גאס אין ווייטער ווייט. עס אנטפּלעקט זיך א בארג, ער אַטאַקירט זיך אין זיין געדאנק מיט די קארפאטן... מלחמה... אָט שטייט א חרוב הויז, און גאס סטראשעט עס מיט די חרובע ווענט, טענהט דוגיע זיך: צו וואָס? פארוואָס? אזא שיינער טאָג, אזא שיינע וועלט, צו וואָס געשענדט, פארשעמט? עס דערמאנט זיך דער היינטיקער פאציענט און אלץ, וואָס ער האָט געזען, אלע ליידן, מע האָט דאָס לעבן אליין געשענדט... דאָס לעבן...

האָראָדעצקי שטעלט זיך אָפּ. דער לעצטער געדאנק האָט אים געראַטעוועט אינמיטן גאנג. עפּעס, וואָס האָט באשיינפערלעך געווירן אין אים שוין פון לאנג ניט באוווּסטזיניק, הייבט אָן באקומען א בולטע צורה, ווערט רעליעף. איז עס נישט דאָס אָט דער גרונט-חילוק צווישן „אונדז" און „זיי"? מיר פארערן דעם עצם לעבן, ווי דאָס וויכטיקסטע און גרעסטע פון אלע וווּנדער, און זיי — לעסטערער פון לעבן, ציניקער..

ער שפּאנט און פילט דאָס לעבן ארום. עס שטראָמט אויף אים פון אלע זייטן. פון די קינדער אין סקווער, פון די פארבייגייענדיקע דורכגייער, פון די ביימער ביים טראָטואר, פון די רעקלאמעס וועגן פילמען. און איבער אלעמען — זון... זון... צו וואָס אזוי פיל חורבן און אומגליק? פאשיזם, רשעות, מלחמה... וואָס זענען זיי געקראָכן אהער? קארג ארבעט פאר יעדן ביי זיך אין דער היים? א וועלט מיט ארבעט! און די וועלט בעט זיך: גיט, מענטש, אנדעק מיך, נאָך פאראן אזוי פיל צו אנטדעקן!

און ווידער קומט אים אויפן זינען זיין היינטיקער פאציענט, דער יונגער אינוואליד. ווי שווידערלעך דאָס קלינגט! יונג און אינוואליד... א גוטער מענטש, ווייזט אויס... ווי ער האָט אויף אים א קוק געטאָן פארן נעמען אין דער אָפּעראציאָנע!... „דאָקטער", האָט ער א זאָג געטאָן. נישט מער. אָבער דאָס האָט אזוי פיל געמיינט... ער, האָראָדעצקי, האָט אים א גלעט געטאָן איבער דער טשופּרינע. און דער פאציענט האָט א שמייכל

געטאָן א שמייכל... עס האָט געהייסן: איך גלייב אין אייך, דאָקטער... איך געטרוי אייך... איר ווילט מיר געבן לעבן...

האָראָדעצקי האָט געשמייכלט צו זיך...

דוניע... צוריקגעקומען פון פעטראָדוואָרעץ... קוש הארציק.

סארא פרעכטיקער טאָג! א טאָג? א וווּנדערלעכע סימפאָניע!...

אָבער אין דער סימפאָניע האָט זיך אריינגעריסן א דיסאָנאנס, און עקלדיקער וואָס האָט שיר נישט צעשטערט דאָס גאנצע.

היפשע עטלעכע מינוט האָבן זיי געהאלטן אראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך געשעמט צו באגעגענען מיט די בליקן. אויף איר פּנים האָבן זיך געצונדן און געלאָשן ראָזעווע פּלאַמעס, און אין די אויגן, יונגע ניט לויט אירע יאָרן, האָט געברענט מיט פאַרדראָס. ער ווידער, א בלייכער, ווי שטענדיק, בשעת ער האָט יסורים, זיך באמיענדיק ניט ארויסצוגעבן זיך כדי נישט צו פאַרגרעסערן נאָך מער איר פארדראָס, האָט געהאלטן אין איין איבערלייגן די זעלבע ביכער אויפן טיש, ווי ניט געפונען פאר זיי קיין פאַסנדיק אָרט. דאָס איז אָבער געווען אומזיסטע טרחה: זי האָט אים צו גוט געקענט, איר מאן, מיט וועלכן זי האָט אזוי פיל יסורים געטיילט, אז זי זאָל נישט פארשטיין, וואָס מיט אים קומט פאָר. ער האָט ענדלעך א פרעג געטאָן, ניט קוקנדיק אין איר זייט:

— האָסט געמאָנט ביי זיי עפּעס הילף?...

זי האָט נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. און אין אירע אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

ער האָט צוגעשארט צו זיך דעם בריוו, וואָס האָט זיי היינט, פארן לייענען, צוגעזאָגט אזוי פיל גוטס, אזוי פיל פריינטשאפט, אים צונויפגעדרייט אין איין ראָל און א זאָג געטאָן:

— פארברענען?

זי האָט נאָר א הייב געטון מיט די אקסלען, ס'הייסט: טו ווי דו ווילסט, מיר איז אלצייגס. זי איז אוועק אין קיך. זיי האָבן מער דערפון נישט גערעדט, נאָר ביידן איז געווען שווער. ער האָט געוווּסט, מיט וויפל מאטערניש זי האָט אויף דעם בריוו ארויסגעקוקט אויף דעם בריוו פון איינציקן ברודער, וואָס איז איר פארבליבן פון איר היפשער משפּחה. ער האָט געוווּסט, ווי צוגעבונדן זי איז צו איר משפּחה, וויפל יאָרן זי האָט אָפּגעגעבן די צוויי עלטערע שוועסטער, וועמענס לעבן עס האָט זיך צענויפגעלייגט גאָר שלימזלדיק. זי האָט שיר נישט פארבוינגן אינגאנצן איר אייגן לעבן צוליב זיי. און איצט, ווען איין שוועסטער איז אומגעקומען ערגעץ אויף די וועגן פון טראַנסניסטריע־גלות, די צווייטע מיטן מאן ערגעץ אין א גאז־קאמער אין

אָשווענצים צי מיידאנעק, דער ברודער, דער פּראָוויזאָר מיט זיין ווייב האָבן זיך געסמט אין לאגער, גישט קענענדיק איבערטראָגן די דערנידערונגען... איז געבליבן דער איינציקער ברודער אין אמעריקע. צי לעבט ער כאָטש? און אויב ער לעבט וועט ער דאָך אוודאי זיין גליקלעך זיך צו דערוויסן, אז זי, די יונגסטע און באַליבטסטע, זי מיט איר מאַן און קינד לעבן. עס וועט דאָך זיין ביי אים א גרויסע פרייד! וויפל בריוו און טעלעגראַמעס זי האָט געשיקט... געצוווּנגען אים, ער זאָל טעלעגראַפירן פון מאָסקווע דוניען, זי זאָל טעלעגראַפירן פון לענינגראַד... גרויסע שטעט, עס וועט גיכער און זיכערער דערגיין...

דער ענטפער האָט אויף זיך געלאָזט לאַנג וואַרטן. ער איז דאָך אָנגעקומען. איז קודם, איז ער, דער ברודער, מודה, אז ער האָט באַקומען אַלע בריוו און טעלעגראַמעס. אָבער צו וואָס טעלעגראַמעס? עס קאָסט טייער. און די בריוו קומען אויך אָן... והשנית, האָט ער זיך ארויסגעשטעלט מיט זיינע דריי זין, מיט זיין און זייער אמעריקאַנישקייט... און ער זאָל זיך אפילו אינטערעסירן מיט א וואָרט וועגן די אומגעקומענע, אָדער וועגן דעם, וואָס זי, מאַניע, און אירע נאָענטע מאַכן. צום סוף דאָך געפרעגט, אין וואָס זי גייטיקט זיך. אפשר אין קליידער?...

עס איז געווען א קאַלטער דוש, וואָס האָט איר פאַרשאַפט א סך פאַרדרוס. זי האָט אָבער ניט געקוקט דערויף. עס האָט זיך אזוי געוואָלט עפּעס דאָס הארץ פון א ברודער! אפשר ווייל ער איז אזוי פיל יאָרן אָפּגעריסן... אָבער עס מוז דאָך טליען ערגעץ דאָס געפיל פון נאָענטקייט, פון ברודער־ליבשאַפט. זי האָט ווידער געשריבן. געשיקט דוניעס אדרעס פון לענינגראַד, געבעטן, אז די פּלימעניקעס זאָלן איר שרייבן. זיי קענען אויך שרייבן אין ענגליש, ווייל דוניע קען ענגליש...

זי האָט געפּרוווט זיך טיילן מיט איר צער פאַר די אומגעקומענע און זי פאַרלאַנגט נישט קיין שום הילף. זי וויל בריוו וואָס אָפטער. מע איז פאַרבליבן אזוי ווייניק!...

און אָט איז ער, דער צווייטער בריוו. א גרויסער בריוו. די הענט האָבן איר געציטערט ביים עפענען. ענדלעך א גרויסער בריוו. געוויס האָבן זיך געעפנט די ברידערלעכע קוואַלן. ס'האָט גאָר אנדערש נישט געקאָנט זיין. אָבער אין בריוו איז פון זיין האַנט געשריבן נאָר א קורצער „עיקר שכחתי“ ער איילט זיך, ער פאָרט אָפּ קיין פלאָרידע, און פאַרשטייט זיך מיט דער אייגענער מאַשין, און פירן פירט ער אליין... און דער „עיקר

שכחתי״ האָט געהייסן לייענען סאָניעס, זיין ווייבס, בריוו זייער אויפמערקזאַם און פּאַלגן פּינקטלעך...

צום ברודערס עטלעכע שורהלעך איז געווען ביינעלייגט דער גרויסער בריוו, געשריבן פון דער מיסטרים סילווער.

און געשריבן האָט זי וועגן דעם. אַז איר מאַנס קרובים האָבן זי באַעולהט, אַז דעם שווערס ירושה האָט צוגענומען דער עלטערער, דער פּראָוויזאָר. ער האָט צוגענומען דעם בליצ־לאָמפּ און דאָס גאַנצע פּסחיקע געפעס. און כאָטש ס׳איז דע־רינען שוין אַזוי פיל יאָרן און זי פאַרמאָגט שוין מיט גאָטס הילף אַן אייגן הויז, און אַלע דריי זיין זענען אויסגעגעבן און רייך, האָט זי עס נישט פאַרגעסן און וועט עס נישט פאַרגעסן, אַזוי לאַנג זי וועט לעבן. און נאָך האָט זי געשריבן, מיסיס סילווער, וועגן גרויסקייט פון איר אַמעריקע, אַז איר אַמעריקע שפּייזט די גאַנצע וועלט און קיינער האָט ניט אַזאַ ברייטע האַנט, ווי איר אַמעריקע. און כאָטש דער שוואָגער האָט זי באַ־רויבט, וועט זי דאָך ווייזן, אַז אַמעריקע העלפט און קען העלפן און ווייסט ווי אַזוי צו העלפן.

„איך שיק דיר דאָ אַן אַדרעס, פונעם פּרעזידענט פון דער אָדעסער סאָסייטי אין ניו־יאָרק, וועלכער איז אונדזערס אַ פריינטל. ער איז אייגענטלעך געקומען, נאָך מיינס אַ פריינטל און הארריס, דורך אונדזער זון דזשייקאָבס פרוי, זי איז זיין עלטסטע טאָכטער פון דער ערשטער פרוי. זאָלסט אים אָנשרייבן אַ בריוו, אַז דו ביסט אַן אָדעסיטע, זאָלסט אים אויסרעכענען די אַדרעסן, וווּ דו האָסט געוווינט, דו קענסט דאָך זיי, האָסט אין אָדעס געשטודירט. זאָלסט אים שרייבן, אַז דו ביסט אין זייער אַ שלעכטער לאַגע, אַז דו ביסט קראַנק און ביסט מיט אַ שטוב קליינע קינדער און ביסט אַן אַלמנה, אָדער דיין מאַן איז קראַנק. אַזוי זאָלסטו שרייבן, און דו וועסט געוויס באַלד קריגן הילף. אָבער האָב אינזינען, וואָס איך שרייב דיר, זאָלסט ניט אָנווייזן דיין מיידלעשע פאַמיליע, נאָר דיין מאַנס פאַמיליע, האָראָדעצקי, ווייל אויב דו פאַרופסט דיך אויף דיין מיידלישע פאַמיליע — זילבער, האָסטו אונדז קאָמפּראָמיטירט, און זאָלסט זיך בשום אופן זיך ניט פאַרופן אויף אונדז, אַז מיר זענען קרובים, ווייל ווידער דו קאָמפּרמיטירטס אונדז און האַרין, וועט עס ניט פּאַסן. זע זשע, טו ווי איך ראָט דיר, און למען השם ניט פאַרופן זיך אויף דיין נאָמען זילבער, נאָר אויף דיין מאַנס — האָראָדעצקי״.

מיסטרים סילווער האָט אויך באַגלייט אַן אויסשניט פון א צייטונג, א דאַנק־בריוו פון איינעם א נויט־באַדערפטיקן אָדעסיט דעם ניו־יאָרקער אָדעסער פּרעזידענט פאַר דער באַקומענער הילף. און צו דעם דאַנק־בריוו קומט באַלד א „באַשיידענער" קאָמענטאַר פונעם פּרעזידענט אַליין וועגן דעם, ווי לייטיש זיין סאָסייעטי איז און וואָס פאַר א נוצן ברענגט זי דער ליידנדער מענטשהייט...

— ווייסט מאַניע, — מאַכט האָראָדעצקי — איך האָב היינט געהאַט אַן אָפּעראַציע...

זיין בלייך פּנים נעמט זיך רויטלען. עס קומט אים אָן שווער אפילו די אומשולדיקע דיפּלאָמאַטישע שפּיל. ער שטאַרקט זיך דאָך. עפּעס מוז ער דאָך אונטערנעמען ארויסצופירן זי פון דער געדריקטער שטימונג. ער זאָגט ווייטער:

— א שווערער פאַל געווען... אָבער איך האָף, אז סע וועט זיין גוט.

ער האָט איר דערציילט וועגן פּאַציענט, וואָס פאַר א טייערער מענטש דאָס איז. וויפל צוטרוי ער האָט ארויסגעוויזן... אך, וואָס פאַרא מענטשן ביי אונדז זענען פאַראַן... דאַכט זיך, א פּשוטער אַרבעטער, און וויפל מענטשלעכע באַוווסטזיניקייט! די עכטע סטאָיקער טרעפט מען נאָר ביי אונדז...

ער האָט גיט ווילנדיק פון לכתחילה זיך אריינגעצויגן אין די רעפלעקסיעס. שיר ניט פאַרגעסן אין דעם באַליידיקנדיקן בריוו... יאָ, פילאָזאָפן, אמתע פילאָזאָפן זענען נאָר ביי אונדז פאַראַנען. ביי אונדז איז דאָס דענקען נישט אָפּגעריסן פונעם עיקר: פונעם מענטשן און פונעם לעבן.

מאַניע הערט אים אָנגעשטרענגט. עפּעס נייעס האָט פון אים היינט ארויסגערעדט. זי רייסט אים דאָך איבער:

— איך פרעג מיך צי אלע אמעריקאַנער זענען אזוי?

— ווי אזוי?

— אָט ווי סאָניע, ווי מיין ברודער... מילא זי — איך געדענק זי נאָך, ווען זי פלעגט קויפן גוטע פוטער פאַר זיך און קאַליע פוטער פאַר פאַרמאַצעווטקעס — זיי האָבן געהאַט דעמלט אַן אַפּטייק... אָבער ער, הערש, ער איז געווען אַן אַנדערער... ווי אזוי איז ער געוואָרן?... האָט אים אמעריקע אזוי געמאַכט? איך פרעג: אלע אמעריקאַנער זענען אזוי?

האָראָדעצקי האָט פאַרטייכערט א פּאַפּיראָס, א זאַך, וואָס טרעפט זיך זעלטן פאַרן מיטיק עסן.

— אלע? געווים נישט. ווי אזוי איז עס מעגלעך? א פאָלק פון הונדערט פערציק מיליאָן. ניין, געווים נישט. עס איז אָבער פאַראַן דער טיפּ „אָלרייטניק“, עס איז זייער א פאַסקודנער טיפּ. און — הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— לאָמיר בעסער גיין עסן.

— ביסט גוט הונגעריק?

— נאָך א מין!

מאַניע באַמיט זיך א שמייכל צו טאָן. זי טוט זיך אָן א כוח, ווייל עס איז איר זייער ביטער אויפן האַרצן.

— אויף דער וועראַנדע?

— אוודאי... אזא שיינער טאָג!

און ווירקלעך, דער טאָג וואַקסט אין שיינקייט, באמת ער וואַקסט. שוין באַלד פינף א זייגער, און דאָך פאַרבן ווערן אינטענסיווער, זון און גרינס, אפילו מויער און דאַך, הויכן, דוכט זיך, אַרום פון זיך אזא לעבנס־הנאה, אזא געניטס מעכטיקייט... היינט דאַרף זיין באַזונדערס אָנגענעם א קוק צו טאָן אויף די פלאַמאַנדער אין ערמיטאַזש...

— האָסט אָנגעשריבן דוניעטשקען?

— נאָך נישט.

— וועלן מיר שרייבן אינאיינעם, היינט שרייב איך מערער...

זי שמייכלט. עס גייט ביי זיי שטענדיק א געוועט, ווער עס וועט מערער אָנשרייבן. אָבער היינט קומט אים די בכורה. זי פילט זיך שולדיק פאַר דעם בריוו... זענען עס דאָך אירע קרובים!... אָבער שטיי נאָר, דאַכט זיך, אז מע קלינגט. יאָ געווים.

געוויינלעך לייענט זי די ערשטע, אָבער היינט קומט אים אין אַלעמען די בכורה. היינט לייענט ער דער ערשטער דוניעטשקעס בריוו. זי דערלאַנגט צום טיש, און די הענט ציטערן איר פאַר אויפרעגונג, פאַר אומגעדולד.

— דער בריוו איז פאַרן פאָרן קיין פעטראָזאָוואָדסק. זי האָט געהאַט עטלעכע טעג פרייע, האָט זי זיי אויסגענוצט...

— איך וועל אליין לייענען...

— לייען!

און ווידער א געגויער באַריכט. געזען א פילם „פּאָדוויג ראַזוועדטשיקא“. א גענויע איבערדערציילונג און באַמערקונגען. און א פאַרלאַנג אומבאַדינגט גיין זען... אומבאַדינגט.

צום סוף א פּאָסטקריפּטום. דערהאַלטן א בריוו אויף ענגליש פון דזשאָזעפן, דעם יונגסטן זון פון דעם אַמעריקאַנער פעטער.

א שאָד, גיט באַראַפּט שיקן מיין אדרעס. איך האָב נישט קיין חשק צו קאָרעספּאָנדירן מיט די שפּיסבירגער. אזא עקעלהאַפּטער ריח פון זעלבסטצופרידענע זאַטע מעטשטשאַנעס האָט געהויכט פון דעם בריוו. אזש נישט גוט געוואָרן. וואָס קער איך מיך אָן מיט זיי? גאָרנישט. עס ליגט זיך מיר אפילו נישט אין קאָפּ אז איך קען האָבן אזעלכע קרובים. ניין, זיי געהערן צו דער אנדערער אמעריקע, נישט צו די לינקאָלנס און נישט צו די רוזוועלטס...

מאַן און ווייב קוקן זיך איבער. די צווייטע בריוו... עפּעס נאָר ווי אומיסטן... ער לייענט נאָך אמאָל די לעצטע פראזעס. און דערמאַנט זיך.

— סימאָנאָוו „רוסקי וואָפּראָס“.

איצט שמייכלט שוין אויך מאַניע. עס איז איר נאָך שווער ערגעץ אין די טיפענישן. נאָר דאָך גרינגער, ווי פריער... דוניע!...

דעם בריוו שרייבט מען אויף דער וועראַנדע. ער האָט דאָס געפילט, אז דער גאַנצער וואונדערלעכער געמיש פון ליכט און פאַרבן שלייכט זיך אריין אין בריוו. ער קאָן זיך דאָך נישט באַפרייען פונעם געפיל, אז ערגעץ לויפט אָן א שאָטן, א פלעק. ער הויבט זיך אויף און גייט אוועק.

— שוין געענדיקט? — פרעגט מאַניע און טוט אויף אים א קוק מיט חדוש פון אונטער די ברילן.

— ניין, נאָך נישט... איך מוז נאָך מאַכן אָן אָפּעראַציע.

— אָן אָפּעראַציע? היינט?

— אן אנדערע...

ער גייט אַוועק אין שטוב, דערנענטערט זיך צום טיש. ער נעמט מיט צוויי פינגער דער שוועגערס בריוו, ער נעמט אים ווי א שרץ, א טמא זאַך, און טראָגט אים אָפּ אין קיך, וווּ ער וואַרפט אים אריין אין אייוועלע.

ער ווישט זיך די הענט זאָרגפעליק, ווי נאָך א קאָנסולטאַציע, און גייט אַוועק. ער נעמט זיך ווידער שרייבן, נאָר עס קומט אים גיט אָן גרינג. ער איז גובר, און פאַמעלעך ווערט ער פאַרכאַפּט. מערקווירדיק, ער איז, דוכט אים, נאָך קיינמאָל גיט צוגעגאַנגען אזוי נאָענט צו דוניעס וועלט. ער איז אויפגערעגט נאָר לויט זיין טבע. ער רייסט איבער, מאַכט א שפּאַציר אין גאָרטן און קומט צוריק, שרייבט ווייטער. ער האָט נאָך קיינמאָל אזא לאַנג בריוו גיט געשריבן.

— שרייבסט דאָך א גאַנצן טראַקטאַט!...

ער הערט נישט. ער איז אינגאנצן פארכאפט. באמערקט נישט אפילו, אז מאניע שטייט איבער אים און קוקט אריין. ער באמערקט עס ערשט ביי דער לעצטער פראזע:

— מיין קינד, מיר טאָרן נישט לאָזן פארשטערן אונדזער פרייד. מיר האָבן טייער באצאָלט פאר דעם רעכט, און אז מע וועט דארפן, וועלן מיר עס פארטיידיקן. און מיר וועלן זיגן. איך קוש דיך הארציק און א גרוס אונדזערע פלאמאנדער... זיי זענען אונדזערע, ווייל דאָס לעבן איז מיט אונדז...

דער טאָג האָט דערגרייכט זיין העכסטן פונקט, דעם פונקט, וואָס ווייטער איז שוין נישט מעגלעך. מאן און ווייב האָבן געקוקט פארגאפט... ניין, ס'איז קיינמאָל נישט שפעט. נישט שפעט...

דער האמער און דאָס שטיק אייזן

טרוויריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראָמער!
ביטער! מיט א משל כאַטש זיך קוויקן לאָמיר.
ס'האָט דער קאָפּ דער אייזערנער, דער שטארקער האמער,
וואָס ביים קאָוואל יוויכענצע אין קאמער,
זיך גענומען קלאַפּן דאָס שטיק אייזן,
על פּי חקירה אים דערווייזן,
אז מע דארף זיין קלוג, געדולדיק,
און ניט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק:
— ווייס:
ביסט אומזיסט גאָר, זאָגט ער, אויף מיר בייז.
נאריש איז דיין שעלטן, לעפּיש איז דיין שרייען.
אדרבה, זאָג:
איך בין שולדיק וואָס איר שלאָגט?
וואָס בין איך דען? מער ווי א כלי־זין
אין דעם קאָוואלס הענט?
און דער קאָוואל — מיינסטו, ס'אין אים געזוענדט?
האָסט א טעות, בנאמנות!
פּונקט קאפּויר? אויף אים א גאַנץ רחמנות!
ער איז נעבעך מיד, דערשלאָגן,
ס'וויל זיך אים גאָר רוען.
גאָר א ברירה? נו, וואָס זאָל ער נעבעך טון?
זעסט, אינדרויסן שטייט א קראנקער וואָגן,
אויסגעבויגן אויפן לינקן אקסל,
מוז דער קאָוואל שמידן, אז די אקס זאָל
זיין געזונט און שטארק —
עפּעס דאַרף געשען מיט איר אראָפּן בארג.
אָבער אויבעט אויף דעם וואָגן
זאָלסטו זיך ניט קלאָגן.

ר'מוז כסדר
דרייען די רעדער:
ס'שלעפן אים די פערד וועהין זיי יאָגן.
און די פערד — אוי, זיי אויף זיי ניט ברוגז!
שלעפן איז זיי אויך ניט ניחא, נאָר וואָס טויג עס?
ס'טרייבט די בייטש... די בייטש!... און זי אליין?
אויך ניט שולדיק גיין!
ס'איז א מעשה אָן אן עק... פארשטיי נאָר גוט דעם רעיון
און הער אויף צו שעלטן, שרייען,
ווייל פארשטייען הייסט פארצייען...
— קין!
(שרייט דאָס אייזן און מיט פייער שיט עס)
נייע האמערס—נייע שיטות!
הרגעט־שלאָגט, און איז א ברודער! עצות גיט ער!
שווייגן, ווען אונטער די קלעפ איך ציטער?
צווישן האמער און קאָוואדלע? מוחל! מוחל דיר עס!
אוי, מיין ווייטיק אָן א שיר איז —
ווייל איך שעלטן, ווייל איך שרייען אָן חקירות!

דער חלף און די זעג

ס'טרעפט אמאָל זיך אויבעט,
אז א שייטל האָלץ צעזעגן מוז א שוחט:
איז געשען,
ס'האָט דער חלף גראָד די זעג דערזען
און צעלאָזט די שארפע צונג.
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג;
שטשורעט מיט ציין!.. א פרייד אויף אים איז!
אפשר ווייסט איר וואָס? אומשטיינס־געזאָגט א צורה!
גאָלע פּגימות!
קריצן,

שפּיצן
גאָר אַ גאַנצע שורה!
טריפה דאָך פון קאָפּ ביז פּיס!
און וואָס זאָגט איר אויף זיין הוילער אויף די הילצערנע
מלבושים?

הערט איר, אז איך טו אַ קוק אויף דעם מגושם,
דאַנק איך ערשט זיין ליבן נאָמען, וואָס ער מאַכט אַ שיין אַ מיאוס.
ווויל איז מיר! מיין חלק זיס!
ניט קיין פּיצל
אויף מיין כשר קלינגל! ניט קיין שפּרענקעלע! קיין פּגימל!
איז אַ חידוש, וואָס דער פרומער רעב עלקאָנע
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקייט כוונה,
מאַכט אַ ברכה, טוט אַ ווינק צום הימל?
— אמת, זאָגט די זעג בתמימות, (צי גאָר מיט אַ מיין?)
יאָ, איך זאָג אַליין:
רעב עלקאָנע איבער מיר אַ ברכה?
שיינע זאַכן!
דאָס געווען וואָלט ממש גאָר צום לאַכן.
וואָס בין איך? אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
שטיי מיר אין אַ טונקל ווינקל,
וויים מיין אָרט און בין ביי זיך ניט חם ושלום שטאָלץ.
וואָס, איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?
אָבער דו — אַ קליינקייט! — שניידסט איבער דאָך אַ האַלדז!

קומט דער מוסר־השכל און שיט צו אביסל זאַלץ:
נאָך עד־היום איז אַ זעג, אַ באַלמעלאָכע,
גאָר אַ פלעק אין דער משפחה
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אַז ער קוילעט, אַז מע מאַכט אויף אים אַ ברכה!

די שפּיז און די נאָדל

איינער (ראובן, שמעון אָדער איקס)
קומט פון דער מלחמה מיט א שפּיז און מיט א ביקס
און שפּאַרט אָן זי אין קאַמאָדל,
ווו געשטעקט א דינע נאָדל.
— אָט א נאָדל, אָט א ריז!
(טראַכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפּיז)
קליידער מאַכט אוודאי זי פון אייזן צי פון בלעך,
און אויף גיך, מיט ריזנשטעך!
פּאַר א גוג־מגוג מסתמאָ, צי אזוי א ריז א גדול...
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל:
— אָט א שפּיזעלע א שרעטל!
חידוש, וואָס סע לויפט זיך ניט צונויף דאָס שטעטל
אויף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אזוי קאָמיש! נו ווי מאַכט מען ניט מיט אים קיין שפּאַס?...
זאָג מיר, ברודערל, ניט שעם זיך: אמת וואָס מע שמועסט אין גאַס!
ביסט א פייער! קומסט אין כעס, איז מסוכן!
מיטאַמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען זיבן פליגן!
— שקר! (שרייט די נאָדל) ליגן!
איך קען שווערן דיר ביים מענטעלע פון ספר תורה:
לייוונט שטעך איך, לייוונט! ס'איז אזא מין סחורה...
— כא, כא! (שיסט די ביקס אויס א געלעכטער)
כא, כא, כא! ער שטעכט נאָר לייוונט! לייוונט שטעכט ער!
— וואָס זשע ווילט איר? (פרעגט די נאָדל) איך זאָל שטעכן בלעך!

ער, ער...
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי, געוואַלד איך האַלט גיט אויס!
(שרייט די ביקס) איך פּלאַץ! איך שיס!
— זייט מיר מוחל! (זאָגט די נאָדל) ניט געמיינט צו שלעכטן
ניט קיין לייוונט, ניט קיין בלעך — איז וואָס זשע שטעכטן
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן (זאָגט די שפּיז)
אָבער דאָ די נאָדל שוין געגומען לאַכן,
נאָר א לאַכן — אפשר לאַכט זי נאָך:
כי, כי, כי! און אַך, אַך, אַך,! און אָך, אָך, אָך!

— שטער, איד, זאָגט זי, לייוונט, מאר א שטעכל נאָך א שטאָך,
ווערט א העמדל, ווערט א מלבוש — זאכן;
אָבער מענטש — שטער היינט, שטער מאָרגן אים, וואָס
ווּעסטו פון אים מאכן ?!

צוויי רויזן

כ'האָב א משל פון צוויי רויזן אויסגעטראכט.
איינע
זייער א שיינע,
נאָר געמאכט
פון פאפיר און דראָט,
און די צווייטע — געל, פארשמאכט,
כאָטש פון גאָרטן ערשט געבראכט.
און זיי ביידע גראָד
ליגן אויף איין טישל. „טייערע שכנה",
זאָגט די ערשטע מיט א קרעכץ,
„זאָג, וואָס האָסטו אזא פנים אזא שלעכטס ?
ביסט אמאָל געווען דאָך גאָר א שיינע,
מע דערקענט נאָך אויף דיין פנים
פון דיין שיינקייט די סימנים —
נו, דערצייל זשע וואָס דיר פעלט,
וואָס דו ביסט אזוי פארגעלט
אויף סכנות!
בנאמנות!
כ'קען נישט קוקן פאר רחמנות!"
„גאָרטן — הייסע שטראלן — פרישער טוי — "
שטאמלט יענע, „אוי סע בענקט זיך מיר אזוי!"
„ס'בענקט זיך? פסס, א צרה! וואָס א בלום זיך גלוסט!

שטראַלן, גאָרטן,
פרישער טוי — ווי רופסט עס דאָרטן?
גלייב מיר, פון די נארישקייטן קיינמאָל נישט געוווסט
און איך לעב, און דאנקען גאָט!
הערסטו, שוועסטער, איך וועל זאָגן דיר א סוד:
דאכט זיך, סערדצע, דיינע נערוון שוואך,
און דערפאר, זיי מוחל, רעדסטו מיר ניט צו דער זאך,
הוריות, חלומות זיך דיר ווייזן.
וואָלסטו געהאט די נערוון אָט ווי איך, פון אייזן — "
„גיטע, גיטע! אוי וואָס רעדסטו?"
מיט די כוחות מיט די לעצטע
האקט זי איבער די פארשמאכטע,
„זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דעם טויט געבראכט די אכטע
אָבער ניט מסוכן, ניט מסוכן!
איידער אייביק טרוקן
און נישט ויסן קיינמאָל
ניט פון טוי און ניט פון הייסע בליקן —
שטארבן און כאָטש איין מאָל
מיט א טראָפן טוי זיך קוויקן!"

דער רעגנבויגן

ווייסט עס דער גיטגוטער!
פרילינג אָנגעפרינדעט זיך דער הימל אין א וואָלן פוטער
און באקומען ער א מראה פון אן אלטער באבעצע.
האָט דער אלטיטשקער די נאָז גענומען קאפן, קאפעט זי;
פון דער נאָז גיט שטייען אָפ די קאלעמוטנע אויגן.
שמוציק נאסער אומעט
געמט דיך דורך, כאפט ארומעט.
האָט די האָפענונג, א פרישער יונגער רעגנבויגן,

זיך צוגויפגעקגווידערט, זיך צונויפגעצויגן,
איינגעדרייט זיך אין א פארביק בייגעלע,
זיך פארוואנדלט אין א באבעשקע, א זומער־פייגעלע;
און אוועק, אזעק געפלויגן
ערגעץ ווייט אונטערן שטעטל
דאָרט אוועקגעזעצט זיך אויף א בלעטל
פון א וויינענדיקער ווערבע
פאר אן אלטער חורבה
און גענומען פרעגן אלטע קשיות:
„פייערל, וואָס קנאקסטו, אז דיין סוף גאָר קויל און אש איז!
אויף די פעלדער ניט צעבליט זיך נאָך די זאנגען —
און בייגאכט אין הימל לאנג דער סערפ שוין אויפגעגאנגען!
דרייט זיך ווי א קארוסעל ארום דער זון א ערדל
דרייט זיך אום א באָק און שאָקלט מיטן בערדל!
און א קאלטער הימל הימלט,
הימלט זיך אין גרינעם טייכעלע און שימלט,
און אן אלטע באבע שטריקט א זאָק און דרימלט —
פרעג, נאָכוואָס?“
און די אלטע באבעצע דאָרט אויבן שנייצט זיך אלץ די נאָז,
מעלקט ווי פון א פולער אייטער,
און די קאליע אויגן קוסנען אלץ אין טרערן.
טראכט דאָס רעגנבויגנדל זיך ווייטער:
„צו דער ערד אנומלט זיך אראָפּגעלאָזט א בלאָער שטערן
און געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע מאוסלער
ווי א כרושטשט, וואָס איז געפאלן גאזנדיק און
צאפּלט מיט די פיסלער.
און א גילגול קוואקעט אין געמויזאכץ ווי א גרינע זשאבע
און סע דאכט זיך אוים אים, דאָס איז עולם־הבא.
נו, און איך? נאָכוואָס דאָס נארן זיך? אָט פרעג
זיך אין דער שטיל איך:
איך אליין, וואָס טו איך דאָ? וואָס דארף איך דאָ?
וואָס וויל איך?
וואָס דער שכל? סארא זין?“
אינדעם זע, א שטראל א גילדענער אויף אים געפאלן דין,
ציטערדיק, — וואָס איז?
אין דער הימלזשופּעצע א ריס —
דאָס די זון באווייזן מיט איר שפּיז.
און ווי דורך א כישוף אלץ: דער טאטע הימל

און די מאמע ערד, דאָס גרעזל און דאָס בלימל
און דער גרינער כלה־שלייער (ס'הייסט דער שימל,
וואָס פאַרציט דאָס פּנים פונעם טייכל),
און דער כרושטש, וואָס ליגט ארויף דאָס בייכל,
און ער ציטערט ווי א שטערן מיט די שטראַלעכלעך־
שפּיצפּיסלעך,
אי די שפּרינגעריקע, די קוואַקעריקע, די זשאַבע,
אי די גוטע פרומע שמאָכעריקע באַבע,
אי די קלוגע שפּיסלעך,
וואָס זיי קושן זיך און ליובען זיך ווי טויבן מיט די
דינע פּיסקעלעך
און שפּילהנעוודיק מיט בלאַסקלער־בליסקלער
האקלען זיי איר אייניקל א זאָק,
אי דאָס קאָמיש־תמימותדיקע בערדל פונעם באָק,
אי דער פּלאַטער פון דער פליג, דאָס זשומזשען פון דער
בין —
אלצדינג מיטאמאָל באַקומען שוין א זין.
און דער זון אקעגן אין זיין גאַנצער גרייס דער רעגנבויגן
אויפן שטערן פונעם הימל מלכותדיק זיך אויסגעצויגן.

וואָס? די וועלט חסר־דעהאיש?
פּינצטער? גליטשיק? יאוש
אין די ביינער עסט זיך איין?
אָבער חברה, אז די זון וועט טון א שיין!

שעטנז

איך דערצייל דאָך אייך מכל־וכל —
נו, דערצייל איך וועגן קישעלער פון זייד
און אויבעט וועגן קישעלער פון וואָל.

וואָס, מ'שטיינס געזאָגט עס הייסט היינט וואָל ביי לייט !
באנוול מער ווי וואָל סך־הכל !

און דאָס זיידן קישעלע ?
אויסגענייט אויף אים א גילדן פישעלע
און אן אינדיק מיט א קאפּהאָן (אויף זיין קאָפּ א פּאקל !)
און וואָס אינעווייניק ? פּעדערלעך, וואָס גוטע פרומע באבעס
אויסגעפליקט פון הינדעלעך, געקוילעטע אויף שבת.

ווייך דאָס קישעלע און שיין !
און איר דארפט דאָס ניט דערציילן אים — עס ווייסט אליין !
רעדט עס מיט א שטיל ווייך־זיידן קול,
זאָגט צום קישעלע פון וואָל :
— זייט־זשע מוחל, רוקט זיך אָפּ פון מיר !
כ'בעט אייך, טו זיך ניט צו מיר קיין ריר !
— און פארוואָס ?
— דערפאר ! מ'דארף ניט !
— פאָרט ?
— אז איך זאָג מ'דארף ניט ! מעגט איר גלייבן אויפן וואָרט.
— אָבער דאָך ! ווי זאָגט מען עס ?

א וואָרט אן איבעריקעס ווארף ניט —
און אמאָל איז פאָרט דאָס אויפן אָרט.
— טאָ ! אז אייך איז ניחא...
איר זענט האָט קיין פאריבל —
נו, ווי רופט מען דאָס ? ווי הייסט עס אין דער ביבל ?
(איינמאָל זיך אָנשפּארנדיק אויף מיר דער שיינער מיכה
זים געלייענט עס פארן קליינעם מאקס)
איר זענט, נו, ...א שעטנז ... וואָל און פלאקס !
ניט פון רייגעם יחוס ! גרעבלעך ! הארט !
— ע ! אזוי ? אזוי גאָר ? ! אָבער—ווארט !
נו, געוויס ! א שעטנז איך און איר זענט פיין און צארט —
אָבער ניט פארגעסט, דערמאנט זיך גוט,
פאר אייער צארטקייט וויפל הינדלעך באצאָלט מיט בלוט !

דער אויוון און די לאָפּעטע

מאַלע איז מען הונגעריק! נו, עפּעס מען אזא מויל?
ווי ער פייערט! טויזנט אין איין קויל!
גלייך אים א מחויב! ברויט אים געבן! שפּייזן!
אוי, וואָס שלעבטע מיילער זענען!
יידן, איר זענט עדות! ער וועט מיך אמאָל פאַרברענען!
איך בין ניט פון שטאָל און ניט פון אייזן!
ניין! ניטאָ איז ביי די לייט קיין דאַנק א טראָפּן!
וואַרט! איך וועל דיין מויל מיט ברויטן פאַרשטאָפּן!
ווייל דיר קומט! אוודאי, יאָ, פאַר דיינע מעשׂים טובים!
(רעדט מיט כעס די לאָפּעטע צום אויוון)
און דער אויוון הודעט און ער ברענט:
— אוף, אוף! סאַרא ברויטגעבער, ר'לאָפּעטע, איר זענט!
שפּייזט מיך... אייער חסד גרויס!
און דעם ביסן רייסט איר מיר פון מויל אַרויס!

די קו אויף די קאַרפּאַטן

אין דער בוקאָווינע
בערג פאַראַנען הויכע, גרינע,
בערג ווי כוחות פרישע, רויע,
וואָס ניט אויסגענוצט זיי גאָט בעתן שאפן.
און פאַרוואָס? זאָל זיין אויף וואָס צו גאַפן.
אָדער ניין! איך בין זיך טועה:
ווען די ערד געווען נאָך יונג — געהויבן זי געדאַנקען
הויכע, שטאָלצע, ווי די יוגנט קאָן זיך נאָר פאַרגינען.
שפּעטער, ווי געוויינטלעך, די געדאַנקען זיך צערונען;

נאָר א זכר דאָר געבליבן, גאָט צו דאנקען!
אָט דאָס זענען די קארפּאטן.
אה, פון זיי צו קוקן אויף גאָטס וועלט ארום!
דו פארגעסט אין רעש, אין טומל, משא־ומתן,
און דו שטייסט און שווייגסט, ביסט שטום.

. . . .

איינמאָל קומט אהיים פון טשערעדע די קו
און זי זאָגט צום כלב: — הער נאָר, דו!
טרעף ווו איך בין היינט געווען! אויף די קארפּאטן!
— וואָס? א ליגן! כ'האָב געקענט דיין טאטן!
אויך געווען א ליגנער! (זאָגט דער הונט)
— א מהומה
אויף דיין מאמען, און אויף דיר, און אויף דיין מומע!
אז איך זאָג געווען, איז געווען! זאָל איך זיין אזוי געזונט!
שווער ארויפגעקלעטערט, אָטעם אויס פארפעלט,
צוויימאָל זיך סקאָטיקעט, שיעור די ביינער ניט געציילט.
— טאקע?! וואָס האָסטו געטון דאָרט, וואָס?
— גאָרניט, זאָגט די בהמה, כ'האָב געקייעט גראָז!

ווו איז יושר?

אין א בייזער רגע
(אין א גליקלעכער, זאָגט שרה פייגע)
האָט דאָס שטייגעלע דאָס טירעלע פארקלאפּט
און א מייזעלע געכאפּט.
קומט צוגיין די קאץ,
מיט די נעגעלעך א קראץ,
און זי מיאוקעט און זי שעלט:

מיאו! מיו! א שיינע וועלט!
וו איז יושר?
זיצט א מייזל
אין א הייזל,
מזלדיק, אן עושר,
אין א פריציש דירהלע,
און די קאץ די אָרעמע
ביים טירעלע!

גאוה און פאווע

אין א וואלד פון די געדיכטע וועלדער וואָס אין פוילן
אין אן אלטן בוים, א הוילן,
אויף א ברוסט אן אָפּגעשניטענער פון טויטער תאוה
זיצט ווי אויף א קישעלע א פאווע.
און אינדרויסן אויפן בוים דער סאָלאָוויי, ער קנאקט, ער טרעלט.
אויסגעשטערנט, זאָגט ער, זיך א וועלט,
שטערנדלעך אויף שטערנדלעך! אין וועלט־הארץ יעדער שטערן.
ווי אין שווארצער אקערערד א קערן!
שפּראָצן פון אים זאנגען —
ליכטיקע געזאנגען
קערנדיקע גליקן,
מוז מען כאפּן, פּיקן, פּיקן, פּיקן!
נישט פארשפּעטיקן א רגע!

— מיר געהערט שוין דאָס! צאָ חכמה טאָ נע יעגאָ!
א צאָ יעגאָ טאָ ניע חכמה (זאָגט די פאווע).
נארעלע, די חכמה שוין געוווסט די באָבע חוה
נאָך בשעת

איר אַן עפּעלע פאַרגלוסט זיך פונעם עץ־הדעת...
עיקר חכמה: — זאָג איך — זיך אַליין אין זיך דערשטיקן...
און דאָס העכסטע גליק: אנטלויפן פון די גליקן,
וואָס זיי נארן אין דער נאכט ווי פוילע שטיקלעך האָלץ...
זעסט א שטערנדל... דו כאַפּ עס... דו ביסט שטאָלץ...
ערשט — א ווערעמל געפאנגען!
— איז די עצה?
— הערסט דאָך: גאָרנישט ניט פארלאנגען...
— וואָס זשע לעבט מען? וו דער זין?
— לעבן הויבט זיך אָן ערשט ווען מען קומט אהינצו־צו אהין...
זאָגט דער סאָלאָוויי: טשיקאַווע
סארא וועלט מוז גאָט באשאפן צו באַפרידיקן א פּאַווע!

עזאָפּ און דאָס אייזל

כאָטש עזאָפּ דער משל־שרייבער פריי געפילט זיך ווי א קייסער
ער איז אמתן געווען א שקלאַף
(אפשר ווייסטו ניט — טאָ הער און גאַף)
איינמאָל ווען א זומער־טאָג א נאקעטער, א הייסער
זיך אין טייכן פייער־ליכט געבאָדן
פירט עזאָפּ אן אייזל משאָ־אָנגעלאָדן
אין שליחות פון באלבאָס.
ס'אייזל, נעבעך, סאַפּעט, סמאָרעט מיט דער נאָז:
אָט א בוים... אביסל גראָז...
אָ — אדאָ שוין רוען מיר אין קילן שאָטן
(פּרוווט דאָס מידע אייזל נעבעך ראָטן).
ערשט, גאָר ווייטער טרייבט עזאָפּ!
שאָקלט טרויריק דאָס אייזל מיטן קאָפּ
און צערעדט זיך: אָ עזאָפּ, דו אויך?
דו, וואָס קוקסט אריין צו מיר אין הארץ, אין קאָפּ, אין בויך,

שעפּנדיק פון דאָרט משל און מליצה,
דו שטעלסט אויך צווישן מענטש און אייזל א מחיצה?
זעסט ניט? קוים וואָס מיט די פּיס איך פּלאָנטע
און די משׂא ניט קיין גרינגע, די אכסניה ניט קיין נאָענטע,
וואָלטן מיר כאָטש דאָ א שעה־צוויי רוען בלייבן.
ניין, דו טרייבסט! ניט שווער איז דיר, א ליידיקגייער, מיך צו
טרייבן.

רעד ניט, זאָגט עזאָפּ, און אלטע מעשׂה...
יעדער גייט זיין וועלט אדורך מיט זיין משׂאָ
און די רו קומט, ווען מע קומט צוריק ערשט פונעם מארק...
זע, איך אויבעט אויך מיין פּלייצע טראָג א בארג...
(ווי באקאנט — א הויקער ער געווען, עזאָפּ).
טראָג זשע, זאָגט ער, טראָג. איך האָב
צו דערציילן וועגן דעם א משל
פון א קיניג מיט א פּראָשל,
און נאָך איינס א שעהערם: פון א ריז,
וואָס זיין קאָפּ צעקריגט זיך מיט די פּיס.

און דער אויספיר: אלע מיר גאָטס ווערק.
און די ערד, זי טראָגט די בערג,
און די בערג דעם שניי,
און דער שניי די קאלטע ווײ
פון די גראָע קעפּ
וואָס זיי קוקן אין דעם אָפּגרונט פון דער זיבעציקסטער טרעפּ... —

רעדט עזאָפּ... ער וואָלט זיך ערשט צערעדט!
גרינג זיין האנט, די לאנגע באָרד זי גלעט
און זיין חכמה זיך אין רעגנבויגן פארבט,
נאָר דאָס אייזל ווייסט קיין חכמות ניט — און שטארבט!...

די בין און די פליג

אי שוואַרץ, אי קלײן, אי גרין
און שיט אָן פּעסלעך גאָלד. װער איז ? די בין !
זי שפּינט איר גאָלד פון בלומענזאַפט און שטראַלן,
און װער איז ניט אויף איר א בעלן ?
אפילו די װאָס װאַרפן זיך מיט גינגאָלד.
(פאַראַן אַזעלכע פייגל,
װײַל ייִדן זיך געמאַכט פון גאָלד אַ „עגל"...)
זיי אויך דערלאָזן זיך דאָס ביטערע האַרץ מיט בינגאָלד :
(ס'איז זיס !
און נאַשערלעך, צוקערקע־שלינגער
פון בינגאָלד לעקן זיך די פינגער,
כאָטש פינגער לעקן װייסן זיי איז מיאוס !...)
איז שפּינט די בין איר בינגאָלד, שפּינט עס פלייסיק,
און אַרבעט זיך געשמאַק, פאַר צוואַנציק, דרייסיק
און װערט ניט מיד —
איך בין מקנא זי, מקנא, װי איך בין אַ ייִד !
װאָס אָבער זאָגט איר אויף דעם די פליג ?
זי טוט זיך מיט שפּיצפּיסעלע און שטערנדל אַ פּיק
און מאַכט : סע פעלט אַ שרייפל איר דאָ — אָ !
אַזאַ מין אַרבעטן, אַזאַ ! נאָר װאָסזשע ?
איך זאָג : האָסט פליגל — פלי ! נישקשה !
פאַראַן שוין, װער ס'זאָל אַרבעטן פאַר דיר, נו יאָ !
אַזוי פיל קריכערס ! שלעפּערס אָן אַ שיעור !
און מיר, מיר זענען דאָך פון פויגלדיקן יחוס ! פּלײַער !
איז קום זשע !
קום הוליע, זשומושע !
אַ זומער־זינגער זײַ !
און חי —
געלעבט !
— און גאָרניט טוען ! גאָרניט, פרײַ !
— און גאָר געשוועבט ?
און רק געשוועבט ?
— אוױ ! אַזױ ! — אױ, פע ! אַן אומעט !

זאָל דער אין הימל הימן!
ביי אלע זיסע צווימן!
איך וואָלט וואָלט פון פליען לײדיק, פון אומזיניקן זשומען
פארשאָלטן אלע בלומען,
אפילו אויך די זון!
געזאָגט די בין און אירם געגומען ווייטער מון.

שופר של משיח

איינמאָל אלול-צייט דערהערט דאָס איזל שופר שאַלן
און עס ווערט דערציטערט: שופר של משיח!
— ווען כ'האָב פליגל, שרייט עס, פלי איך
און צעטראָג די בשורה איבער אלע שטאָלן.
זאָל מען וויסן! זאָל מען כורעים פאלן! —
פלוצים אָבער גאָר די פרייד פארשטערט:
ס'אייזל האָט דערזען א רייטער אויף א פערד
און עס יאָמערט שוין, און עס קרעכצט שוין:
וויי, ווי לאָזט מען אויף זיך רייטן
ווי מע פילט נים, אז שוין נים די יאָרן, נים די צייטן!
(עס צעהיצט זיך, עס איז מלא חמה)
אָ! פארפאלן! אָ! בהמה בלייבט בהמה!
שופר של משיח וועט זיי נים באפרייען!
אז סע ווייסט נאָר איינס: מעלה-גרהן, קייען!
אז סע ווערט געבוירן מיטן זאָטל!
אז פון מאמעס בויך שוין עובר-בטל!
טעמפ!
און אז טויזנט שופרות בלאָזן, רירט זיך דען א דעמב? —
און געזידלט און געזידלט ער דאָס פערד אָן אויפהער, אָן א מאָס,
טראָגנדיק אליין אויף זיך זיין אייגענעם באלבאָס!

לאָקן

לאָקן,
וואָס א קאָפּ א קלוגן פון א וועלט=חכם א זקן
האָבן ווי א זילבער=קראַנץ באַחנט,
אָפּגעשוירן האָט דאָס שערל. מיינט איר דאָך, דערשראָקן
זיך די לאָקן?
חס ושלום! גאָר דעם קאָפּ באַדויערט זיי, באַווייַנט.
(לאַנגע האָר און קורצער שׂכל! איר פאַרשטייט? געמיינט,
זילבער לאָקן פאַר א קלוגן קאָפּ א מוז!
און דערצו מסתם א זכות.
ניט אומזיסט דאָך אויפן קאָפּ דער חכם זיי געטראָגן!)
מאַכן חנדעלעך זיי און זאָגן:
שיידן, נו, אַוודאי שווער!
נאָר קיין טענות ניט, חלילה, צו דער שער!
פרייַ וועל' מיר גייַן, וועל' מיר וואַנדערן
פון איין לאַנד אין אַנדערן,
און אין יעדן לאַנד
אונדז מיט ליבשאַפט גלעטן וועט א ווייכע האַנט,
אומעטום מיט כבוד אונדז אויפנעמען
און מיט קעמעלעך מיט גילדענע אונדז קעמען.
זילבער=האָר איז זילבער=האָר, נו, פּאָרט א זילבער=שבט.
זיי וועט ניט פאַרלאָזן גאָט ברוך הוא
אָבער דו?! —
אינדעם, או=ווא! מיאוס!
זעט! דעם זילבער=קראַנץ דער חכם טרעט גאָר מיט די פיס,
און ער שמייכלט: ס'טרעפט זיך, זאָגט ער, אָפט און
ניט אומזיסט,
וואָס אַמאָל אויף קאָפּ געטראָגן, טרעטן מיר ווי מיסט.

★

אין איין משל זיבן מיינען,
יעדער קאָן אים אין זיך עפּעס אַנדערש לייענען.
אייגנס געדענקען וויל איך אייך דאָ בעטן:
אויף צופרידן מיסט — גאָט אַליין געהייסן טרעטן!

דאָס אייזן

כא־כא־כא! בפירוש נאָר צום לאכן!
(זאָגט צום קאָוואל דאָס שטיק אייזן)
מיינסטו מיט מיר דאָ עפּעס מאכן?
ברעכן מיך? צי בייגן? פּלא, ווי א מענטש קען גרייזן!
זיי נאָר, ברודער, ניט גענארט!
אייזן, זאָלסטו וויסן, איז אן עקשן! איך בין הארט!
גובר זיין מיך, פעטערל, ניט גרינגלעך!
פע. א חכם, שרעקט מיך מיט די רויטע צינגלעך.
איי, איי, איי, צעפלאקערט! קנאקן. גיבן לשון!
און די פלאקערלעך פארלאָשן.
עי, וו ביסטו בלאָזאק? ריר זיך! ווייז דיין כוח!
טויזנט רוחות פון דיין בויך!
ניט קיין שריד, ניט קיין רעשט! —
טאנצט דער בלאָזאק, זיך צעהוליעט און פון שוים
כנופיות רוחות שפּייט ער אוים,
לעשט!
נעמען רוחות בלאָזן, בילן זיי,
לעשן ווילן זיי.
לעשן! ערשט עס צינדן זיך די טויטע!
זע, די צינגעלעך אויסגעוואקסן — צונגען!
און צעפלאמטע און צעבלאָזטע!
און דעם בלאָזאק, גלייך אין צורה נאָר געשפּרונגען!
— ער! וואָס טראכט איר חברה? ברען איז אונדזער טאטע!
ברומט דער בלאָזאק רופט צו הילף די נאסע שמאטע.

זי געקומען און גענומען שפּריצן.
נאָר עס העלפט ניט, כלו כל הקיצין!
מיד דער בלאָזאק, און דאָס אייזן ווייך ווי וואקס.
נו, וואָס שווייגסטו, ברודער? נעם דעם האמער!
שמיד אן אקס!

רשעלע!
דו פארשטיי מיין משלע:
הארט איז אייזן! שטארקער דער געדאנק, דער פייער!
דו — דער בלאָזאק, ער דאָס פייער!

דער נביא־קראָ און די טויב

אויף א בוים דער נביא־קראָ געזעסן\
מרה־שחורהדיק פארטראכט.\
ניט קיין קראָ — א פינצטער שטיקל נאכט,\
וואָס די זון היינט אויפן בוים פארגעסן,\
פונעם שלאָף ניט אויפגעוועקט.\
קומט די טויב צו פליען און זי פרעגט:\
נביא הייליקער, וואָס הערט זיך?

— שלעכט, דער מוח קערט זיך!\
(ענטפערט איר דער נביא־קראָ פארכמורעט)\
אויפגעגאנגען היינט די זון פארזשמורעט,\
פויל.\
ז'האָט געטון א געניץ מיטן פולן מויל\
און צוריק געלייגט זיך שלאָפן,\
אויגן האלב פארמאכט, האלב אָפן\
און געפלאמט איר לינקע באק...

— וואָסזשע זאָל דאָס הייסן?

— דער וואלד וועט אָפברין זיך מיט הייסן\
אָדער קאלטן! אָדער דונער אָדער האק!\
— טאקע?\
וואָסזשע שווייגסטו? קראקע?\
שריי! ווייז אָן באצייטנס די רפואה צו דער מכה!

קראקען? שרייען?\
ווען ביים לייב דער ברום זאָל איך מיר לייען,\
וועט דער וואלד דען הערן? דבר אל העצים!\
טויב דער וואלד, כאָטש מיט א מבול־רייד פארפלייץ אים!

קער איך אָפּ פון אים זיך מיט פארדראָס
וואָרעם סוף כל סוף, ווער ווייסט ניט דאָס? —
ווערטער
בערג געריירט דאָך פון די ערטער!

— ניט קיין ווערטער נאָר דאָס וואָרט...
זאָגט די טויב, אז ניט דאָ, איז מעגלעך — דאָרט...

ראַנגלעניש

(פראַגמענט)

אין א פינסטערער פאַרוואָלקנטער נאַכט, אין וועלכער ס׳האָט געטריפט א דין רעגנדל, האָט זיך נחמן אַריין געזעצט אין דריטן־קלאַס וואַגאָן, אין דעם צוג וואָס גייט קיין בוקארעשט.

ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אינעם וואַגאָן־ווענטל, און וויפל ער האָט זיך נישט געמוטשעט ער זאָל איינשלאָפן, האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן. אין זיין מוח איז כסדר אויפגעשווימען דאָס געזעגנען זיך מיט זיינע באַקאַנטע, מיט זיינע עלטערן און איבערהויפּט מיט זיין שוועסטערל וואָס האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּטיילן פון אים.

ער איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, און געטראַכט וועגן קינדער אין יוגנט־יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דעם מאָלדאָווישן שטעטל וו ער איז געבוירן, און ווער ווייסט, ווען די פּאָליציי זאָל זיך נישט געווען אָנהייבן נאָכפרעגן וועגן אים, ביי חיים שלאָסער, ביי וועלכן ער איז קודם געווען א לערן־ייִנגל אין נאָכדעם נעאַרבעט אלס געזעלן, בכן, אז ער העצט אויף קעגן די פּריצים, די פּויערים וואָס קומען פאַריכטן זייערע מכשירים, וואָלט ער אפשר אויך ווייטער געווען פאַרבליבן אין זיין שטעטל, וואָס ער האָט ליב געהאַט, דאָרטן וו ער פלעגט פאַרברענגען זיין פרייע צייט ליגנדיק ביים שטראָמנדיקן טייך, מיט א ביכל אין האַנט, אָדער בלאָנדזשענדיק אין די וועלדער פון אַרום.

צוהערנדיק זיך צו דעם קלאַפּנדיק טיק־טאַק פון די רעדער, האָט ער געטראַכט וועגן דעם נייעם לעבן וואָס עס שטייט אים פאָר אין דער גרויסער שטאָט וווהין ער פאָרט.

ווען דער צוג האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט, און א שטראָם עלעקטריש ליכט האָט פאַרגאָסן דעם גאַנצן וואַגאָן, האָט נחמן גע־עפנט די אויגן, און איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער סטאַציע.

סוף כל סוף איז ער אנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט ווען ס׳האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג און פון דער

ווייטנס אויף די בערג־שפּיצן האָבן זיך באוויזן די נאַפּט־קוואַלן וועמענס סאָנדעס האָבן ארויסגעשטארצט אין דער הויך, צע־שפּרייטנדיק זיך אויף א גרויסן ערד־שטח.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בוקארעשטער וואָקזאַל און נחמן איז אראָפּ פונעם וואגאָן מיטן רענצל אין דער האנט, איז ער געבליבן שטיין א פארגאפטער. דער מאָרגן איז געווען א שיינער, א ליכטיקער, און די זון וואָס האָט שוין געהאט איבערגעלאָזט א שטיקל קלאָרן בלויען הימל הינטער זיך, האָט אים געשמייכלט אין פּנים אריין. ער האָט ארויסגע־נומען פון דער קעשענע זיין גאָטיץ־ביכל אין וועלכן ס'איז געווען פארצייכנט דער אדרעס פון זיין מומע צו וועלכער ער האָט געדארפט צו פאָרן. ער האָט א פרעג געטון א פארביי־גייער וועלכן טראמוויי ער דארף נעמען און האָט זיך געלאָזט גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אריינקומענדיק אין הויז האָט ער דערזען די מומע זיינע, פון א יאָר פופציק, מיט א פּאָר ברוינע געמיטלעכע אויגן, א פּנים פיל מיט קנייטשן, א זשוואַווע און א בארייטעוודיקע.

אזוי ווי זי האָט אים נאָר דערזען, איז זי אים תיכף באפאַלן מיט א — מבול פון רייד:

— אהא, דאָס ביסטו עס, נחמן לאה'ס בן־יחיד, א גו קום געזונטער, זאָל איך דיר נאָר אָנקוקן! ווען איך בין געווען ביי אייך ביסטו נאָך געווען א קליין ווערוריקל, און איצט ביסטו דאָס אויסגעוואקסן אביסל. וואָס ביסטו געבליבן שטיין ביי דער טיר? וואָס האָסטו מורא, מ'וועט דיך אויפעסן? דו דארפסט אוודאי זיין הונגעריק און מיד פונעם וועג, אָט וועל איך דיר תיכף געבן עפּעס עסן, און דערנאָך וועסטו דיך צולייגן אָפּרוען.

— א דאנק, האָט נחמן געענטפערט, איך בין נישט הונגעריק, איך האָב געגעסן אין צוג, די מאמע האָט מיר מיטגעגעבן.

— אָט האָסטו דיר אן אורח! האָט די מומער געזאָגט, דו ווייזט אויס צו זיין א שעמעוודיקער, דאָ און דער גרויסער שטאָט, וועסטו נישט וויייט אוועק מיט דיין שעמעוודיקייט, האָסט דאָס געמעגט איבערלאָזן אינדערהיים. דאָ גייט נישט אָן די דאָזיקע סחורה. אָבער האָב נישט קיין דאגה, וועסט זיך שוין אויסמענטשלען. אלע אז זיי קומען אראָפּ אהער קענען זיי קיין צוויי נישט ציילן, און דערנאָך ווערן זיי דאָ גאנצע מאכערס. א גו, זאָג נאָר, וואָס מאכט די מאמע, דער טאטע! וויאזוי גייט עס און דער פּרנסה? לויט דעם לעצטן בריוו זייערן, אין וועלכן זיי האָבן מיר מיטגעטיילט וועגן דיין קומען, זעט אויס אז

ס'גייט זיי נישט אזוי פויגלדיק. און נישט ווארטנדיק אויף נחמנס ענטפער האָט זי ווײַטער געשיט מיט רייד.

— דאכט זיך או דו האָסט געלערנט עפּעס א מלאָכה, יאָ? זאָרג זיך נישט, וועסט דאָ נישט פארפאלן ווערן. זאָל נאָר אהיים קומען מײַן אסתר, וועסטו זיך מיט איר באקענען. זי וועט זיך שוין אינטערעסירן פאר דיר, זי האָט א סך באקענטע. זי איז ביי מיר א גאנצער קאָפּ מענטש, א גאנצער פילאָזאָף. זי איז פון יענער חברה וואָס ווילן זאָגן גאָט א דעה, בכן, ס'איז נישט קיין יושר וואָס אײנער האָט א סך און דער אנדערער גאָרנישט. זיי ווילן איבערמאכן די וועלט. דו ווייסט מן הסתם אפילו נישט מיט וואָס מען עסט דאָס. זי איז א נייטאָרן און איז איצט ביי דער ארבעט.

נחמן איז געשטאנען אביסל א פארשעמטער און האָט זיך צוגעהערט צו דער מומעס גײַן מויס רייד. ווען זי איז אביסל אנטשוויגן געוואָרן האָט ער אָנגעהויבן טראכטן וועגן אסתרן און איז געוואָרן אביסל אומרויק.

די מומע האָט אים אריינגעשיקט אין צווייטן צימער. ער האָט זיך ארומגעוואשן, אָפּגעגעסן, און זיך געלייגט אָפּרוען. ער איז געלעגן און אלץ געטראכט וועגן אסתרן אויף וועלכער די מומע האָט געזאָגט אז זי איז א גאנצער קאָפּ־מענטש. וויאזוי זי וועט אים באגעגענען, און צו זי וועט נישט מאכן חוזק פון זײַן שעמעוודיקייט. כדי ס'זאָל פארגיין די צייט, האָט ער גענומען א ביכל צום לייענען, ער איז אָבער באלד אײַנגעשלאָפן מיטן ביכל אין האנט.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער זיך געפילט מונטערער און האָט זיך געטראכט: נו, און אז איך וועל איר נישט געפעלן איז וואָס? בין איך דען צוליב איר אהער געקומען? אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט אז ס'פארקלעמט אים בײַם הארצן, ביי דעם געדאנק, אז ער וועט איר נישט געפעלן אָדער אז זי וועט פון אים אָפּלאכן.

אריינקומענדיק אין צווייטן צימער, האָט אים די מומע ווידער אמאָל אויפגענומען מיט א ברייטן ברוך הבא, נאָכאמאָל אים פארשיט מיט א מענגע שאלות וועגן אירע באקאנטע פונעם שטעטל, ווער ס'האָט חתונה געהאט און ווער ס'איז געשטאָרבן. און אזוי ריידנדיק האָט זיך געעפנט די טיר מיט אן אימפּעט און ס'איז ארײַן א מיידל פון א יאָר אכצן, מיט טיפע שווארצע אויגן מיט א הויכן שטערן, מיט א קורץ נעזל, א קליין מויל און מיט א קאָפּ פער שווארצע געקרויזטע האָר. א חנעוודיקע,

א רירעוודיקע, האָט זי כמעט א געשריי געטון: מאמע! אָט בין איך דאָ. האָסט עפּעס עסן? איך האָב מיך היינט אָנגעהאָרעוועט ווי א רוח און בין הונגעריק ווי א וואָלף. דערזעענדיק נחמנען האָט זי א זאָג געטון:

— אוי, מיר האָבן א גאסט און דו, מאמע זאָגסט מיר גאָרנישט. זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר ווארעם פּוכקע הענטל און געזאָגט: דאָס ביסטו עס נחמן דער מומע לאהס, וואָס ביסט אראָפּגעקומען אהער פון די ווייטע מקומות, פון דער מאָלדאָווע? זייער גוט האָסטו געטון וואָס ביסט אוועק פון דעם פאַרוואָפענעם העק, דאָ איז דער גרויסער שטאָט איז עפּעס אנדערש, איבערהויפּט פאר א יונגען מענטש. דאָ וועסט זען פאר זיך א נייע וועלט. דיינע עלטערן האָבן וועגן דיר געשריבן אז דו ביסט א באַלעזענער דאָס איז נישט קיין חסרון. ביסט דאכט זיך א שלאָסער, נישט אזוי? גוט, מיר וועלן צוערשט א טראכט טון צו געפונען פאר דיר ארבעט, און מכח דיין באַלעזנקייט וועלן מיר נאָך האָבן צייט צו רעדן.

נחמן איז געשטאנען א איבערגערעשטער פון אסתרס פריינטלעכקייט און ס'האָט אים ארומגענומען א ווארעמקייט. ער האָט ביי זיך געטראכט: אָט פאר איר האָט ער זיך עס אזוי געשראָקן און געווען אזוי אומרויק! צו אַלדע שווארצע יאָר דאָס שעמעוודיקייט פון וועלכער ער האָט געליטן נאָך זייענדיק אין דער היים און וואָס ס'האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט ווי א הויקער אויף די פּלייצעס. ניין! ער מוז זיך סטארען מיט אַלע כוחות זיך דערפון צו באפרייען.

נחמן האָט איר געדאנקט פאר דעם אינטערעס וואָס זי ווייזט ארויס צו אים, און בנוגע זיין באַלעזנקייט זאָל זי נישט מיינען אז ווער ווייסט וואָס. זי דארף נישט פארגעסן, אז מע זיצט אין קליינעם שטעטל, האָט מען זעלטן מיט וועמען צו בייטן א וואָרט, און עמעצער וואָס זאָל דיר אָנווייזן וואָס צו לייענען איז אויך נישט פאראן. טאפּט מען אזוי אין דער פינצטער, מען לייענט וואָס ס'קומט צו דער האנט, צומאָל טרעפט מען אויך אָן א גוטן בוך פון וועלכן מען קען עפּעס לערנען.

פונעם צווייטן צימער האָט די מומע א געשריי געטון אז דאָס עסן איז פארטיק און ס'שטייט שוין אויפן טיש. זיי האָבן זיך געזעצט עסן און האָבן פאָרגעזעצט זייער שמועס ביז שפּעט אין דער נאכט.

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך נחמן אין אן אינדערפרי אויפגעכאפּט פונעם שלאָף: אין פענצטער האָט ארייַנגעקוקט דער

נאָר וואָס אָנגעקומענער טאָג א פרישער און א לויטערער, דאָס גאַנצע צימער זיינס איז געווען אָנגעפולט מיט זון און די ליבטיקע שטראַלן אירע האָבן זיך צעשפּרייט אויף דער סטעליע, אויף די ווענט און אויפן דיל. ער איז געבליבן ליגן אויפן בעט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, א פרייד און צו דערזעלביקער צייט אן אומרויקייט האָבן זיך צעגאָסן אין אלע זיינע גלידער. ס'האָט אים ארומגעכאַפּט א נייגעריקייט צו וויסן, וואָס עס שטייט אים פאָר אין דער נאָענטער צוקונפט, צי ער וועט דאָ געפונען ארבעט. ער וואָלט וועלן וויסן וואָס פאַר א נייע ווענדונג זיין לעבן וועט אָננעמען דאָ אין בוקאַרעשט. די דאָזיקע נייגעריקייט האָט אים געגנאָגט ביים הארצן.

ער איז אראָפּ פונעם געלעגער, גענומען זיך וואַשן און געלאָזט שטראָמען אויף זיך דאָס קאַלטע וואַסער, ער האָט זיך שנעל אָנגעטון און א דערפרישטער איז ער מיט א הילכיקן גוט מאָרגן אריין אין אנדערן צימער, ווי אלץ איז שוין געווען צוגעגרייט. אסתר איז שוין לאַנג אוועק צו דער ארבעט און די מומע איז געזעסן ביי דער מאַשין און גענייט וועש.

ער האָט אָפּגעגעסן און איז ארויס אויפן גאַס זיך אביסל דורך שפּאַצירן, ער האָט געהאַט א פאַרלאַנג אז דער טאָג זאָל פאַרשווינדן וואָס שנעלער, ס'זאָל אָנקומען דער אָוונט, אסתר זאָל אהיימקומען און ער זאָל זיך דערוויסן פון איר צו זי האָט באַקומען פאַר אים ארבעט. אָבער דער טאָג האָט זיך נישט געאיילט. די זון איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך איר וועג. נחמן האָט זיך ארומגעדרייט איבער די גאַסן אָן א ציל און ערשט ווען די ערשטע שאָטנס פון דער נאַכט זענען צוגעפאַלן האָט ער גענומען שפּאַנען אהיים.

ס'איז געווען שבת צו נאַכטס. די טיר האָט זיך געעפנט און אסתר איז אריין א פריילעכע, א לאַכנדיקע ווי תמיד. אז זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן האָט די מוטער איר דערציילט אז ביי דער שכנטע איז קראַנק געוואָרן א קינד, זי האָט נישט געהאַט קיין געלט צו רופן דעם דאָקטער. און אז זי האָט געוואַרט אויף אסתרן זי זאָל איר לייען.

נחמן האָט איר געקוקט אין די אויגן ער האָט געוואָלט דערקענען אין זיי, צי זי האָט פאַר אים געפונען ארבעט אָבער ער האָט פון אירע אויגן גאָרנישט געקענט ארויסבאַקומען ער איז געזעסן און געשוויגן.

ערשט נאָכן עסן האָט אסתר זיך צו אים געווענדט און געזאָגט:

— איך האָב מיך נאָכגעפּרעגט צו קריגן פאר דיר ארבעט אָבער ביז איצט איז עס מיר נישט געלונגען. אויף נחמנס פּנים האָט זיך באוויזן א שאָטן. אין זיין מוח איז דורכגעפלויגן א געדאנק אויב פון זיין האָפנונג צו פארבלייבן דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וועט זיך נישט אויסלאָזן א בוידעם. אויב ער וועט זיך נישט מוזן אָפּגעזעגענען מיט בוקארעשט און צוריק פאָרן אהיים. אסתר האָט דאָס באמערקט און האָט ווייטער גערעדט:

— אָבער דו דארפסט ביי דיר נישט ארָאפּפאלן. יעדער מענטש דארף זיך דורכשלאָגן א וועג אין לעבן. קיינעם ברענגט מען נישט צוטראָגן פון גרייטן. און געפינסטו נישט איצטער קיין ארבעט ביי דיין פאך, וועסטו דערווייל ארבעטן ווי ס'וועט זיך לאָזן. בוקארעשט איז גענוג גרויס און ס'וועלן זיך געפונען גענוג באלעבאטים אויף וועלכע דו זאָלסט ארבעטן. אָט האָט מיר מיינער א חבר געגעבן אן אדרעס פון א פאבריק וו מען זוכט ארבעטער. מאָנטיק פרי וועסטו צופאָרן אהין און זען אפשר וועסטו דערווייל דאָרטן קריגן ארבעט. זאָלסט נאָר נישט פארלירן דעם מוט, ווייל דאָס טויג נישט. מיינע חברים האָבן מיר צוגעזאָגט אז זיי וועלן זיך אינטערעסירן און אויב זיי וועלן געפינען פאר דיר ארבעט וועלן זיי מיר תיכף צו וויסן טון.

נחמן האָט איר געדאנקט, אָבער אסתר האָט אים נישט געלאָזט רעדן און געזאָגט:

— וואָס איז דאָס עפּעס פאר א דאנקען פלוצעם אין מיטן דערינען דו ביסט אן ארבעטער, א חבר, און א קרוב. ס'איז מיין חוב איך זאָל זיך פאר דיר אינטערעסירן.

נחמנס אויגן האָבן אויסגעדריקט גרויס דאנקבארקייט צו אסתרן ס'האָט אים געפרייט וואָס ס'האָט אים אָפּגעגליקט צו האָבן לעבן זיך אזא חברטע, וועלכע וועט אים באהילפיק זיין אויף דעם נייעם וועג אויף וועלכן ער גייט און אין דער נייער וועלט צו וועלכער ער שטרעבט און וועלכע האָט אים אינדערזעלבער צייט אביסל געשראָקן. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און ער האָט ביי זיך באשלאָסן, אז סיי וואָס ס'זאָל נישט געשען, ער זאָל אפילו דארפן ארבעטן אונטער די שווערסטע באדינגונגען וועט ער דאָ פארבלייבן און נישט צוריקפאָרן אין שטעטל. און ער האָט ביי זיך פארצייכנט דעם אדרעס פון דער פאבריק וווהין ער דארף מאָנטיק גיין זוכן ארבעט.

אסתר האָט דערציילט פארשידענע נייעסן פונעם אטעליער וו זי האָט געארבעט, אז דער בעל-הבית האָט אָפּגעזאָגט אן ארבעטערן, וויאזוי זיי האָבן זיך אלע איינגעשטעלט פאר איר, דער

באַלבאָס האָט געמוזט נאָכגעבן און די אַרבעטערן איז ווײַטער פאַרבליבן בײַ דער אַרבעט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם שמועס האָט אסתר געזאָגט אַז מאָרגן נאָכמיטאָג וועט זי מיט נחמנען מאַכן אַ שפּאַציר, ער זאָל אָנקוקן בוקאַרעשט.

ווען זיי זענען זונטיק נאָכן אָפּרוען אַרויס אין דרויסן האָט די זון געשײַנט מיט אַ מילדער וואַרעמקייט. די גאַסן זענען געווען לעבעדיק. די מענטשן אָנגעטאָן יום־טובֿ'דיק האָבן שפּאַצירט פאַרלעבווייז און אין דעם דאָזיקן מענטשן־שטראָם זענען אויך אַרײַן אסתר מיט נחמנען.

— מיר וועלן ניט פאָרן מיטן טראַמוויי, מיר וועלן בעסער גיין צו פוס, האָט אסתר געזאָגט צו נחמנען — ביסט דאָך שוין באַלד אַ תושב דאָ אין בוקאַרעשט, גייסט דאָך שוין מאָרגן אַרבעטן, דאַרפסט זיך באַקענען מיט דער שטאָט. און אַזוי גייענדיק און רייִדנדיק צווישן זיך, זענען זיי אָנגעקומען אין צענטער פון שטאָט און האָבן זיך געלאָזט גיין אויפן בולוואַר צום פּאַרק. אַרײַנקומענדיק אין פּאַרק האָט אויף זיי אַ שלאָג געטאָן אַ רויזן־פאַרפום און אַ ריח פון אַלערליי מינים בלומען וואָס דער ווינט האָט זיי געבראַכט צו טראָגן. דער פּאַרק איז געשטאַנען אין פולן בלי. די ביימער זענען געשטאַנען צעוואַקסענע אין די אַלייען, און האָבן זיך לײַכט געוויגט מיט זייער רייך אין ניואַנסן שימערירנדיקער גרינקייט. די בלומען־בייטן זענען זיך געלעגן אויסגעשפּרייט קעגן דער גלעטנדיקער וואַרעמקייט פון דער זון פאַרכאַפּנדיק דאָס אויג מיט זייער פאַרבן־רייכקייט און זייערע ריחות האָבן זיך געשפּילט אויף יעדן שריט און טריט. צוקומענדיק צו דער בריק וואָס איבערן טייך, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף די שווימענדיקע שיפלער אין וועלכע ס'זענען געזעסן פּאָרלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן גלאַנצנדיקן געפּלאַדערטן טייך און פון וועלכע ס'האָט אַלעמאָל אָפּגעקלונגען מיט אַ הילכיקן פריילעכן געלעכטער. בײַ די ברעגעס האָבן פּאַמעלעך געשווימען צוויי ווײַסע שוואַנען וועלכע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ אין וואַסער און דערנאָך זיי אַרויפגעהויבן אָפּטרייסלענדיק אין דער לופט זייערע רויטע שנאָבלען און אָפּווישנדיק זיי אין די שניי־ווײַסע פעדערן. ניט ווײַט פונעם ברעג אויפן טונקעל־גרינעם גראָז האָט זיך אַרומשפּאַצירט אַ שטאָלצע פּאַווע מיט אירע פיל־פאַרביקע פעדערן וועלכע זי האָט צעשפּרייט ווי אַ וווּנדערשײנעם פאָכער.

שווייגנדיקע זענען זיי ביידע געשטאנען פארגאפטע פון דער
ארומיקער שיינקייט. דערנאך זענען זיי אוועק אין א זייטיקער
אלייע, האבן אפגעזוכט א פרייע באנק וואס איז געשטאנען
אונטער דעם רייך פארצווייגטן קאשטאנען=בוים און האבן זיך
אנידער געזעצט.
אסתר האט איבערגעריסן די שטילקייט פון ארום און געזאגט:
דערצייל מיר עפעס פונעם לעבן אין דיין שטעטל וויאזוי
האסטו דארטן פארבראכט די צייט און מיט וועמען האסטו זיך
דארטן געחברט?
נחמן האט איר דערציילט פון דעם מאנאטאנעם לעבן אין
שטעטל. אז דעם גאנצן טאג האט ער געארבעט ביי זיין באל=
באס אין דער שלאסעריי און אין דער פרייער צייט האט ער
געלייענט אלץ וואס עס איז געקומען אין דער האנט. חברים
האט ער געהאט ווייניק. די רייכע קינדער זענען געווען פוסטע=
פאסטניקעס, די ארעמע האבן געארבעט טאג און נאכט ביי
פארשידענע מלאכות און די באלעבאטים האבן זיי ארויסגע=
צויגן די קליי פון די ביינער. די יוגנט איז זיך אמייסטן צע=
פארן אין אלע עקן וועלט. דער בעסטער חבר זיינער איסאק
ניימאן פון וועלכן ער האט א סך געלערנט געפונט זיך שוין א
צייט אין בוקארעשט. ער ארבעט און א מעבל=פאבריק. איסאק
האט אים איינגעלאדנט צו דער ריכטיקער צייט ער האט
דערמאנט געארבעט ביי זיין באלבאס 15—16 שעה אין טאג
און נאך פסח האט דער באלבאס אים אפגעזאגט פון דער
ארבעט, ווייל די פאליציי האט אים מודיע געווען אז ער, נחמן,
העצט די פועלים פון ארום וואס קומען אין דער שלאסעריי
פאריכטן זייערע מכשירים.
אסתר האט אויסגעהערט מיט אינטערעס אלץ וואס נחמן האט
דערציילט און געזאגט:
איצטער אז איך זע פאר מיר די דאזיקע נאטור=שיינקייט איז
מיר א פארדראס פארוואס איך האב דאס נישט באמערקט אין
מיין קינדהייט. אט האסטו מיר דערציילט פון דיין לעבן אי=
נעם שטעטל. אמת דאס לעבן איז געווען ארעם, מאנאטאן,
אבער האסט אויך געהאט מאמענטן פון פרייד, ווען ביסט ארויס
אויף די פרייע שיינע לאנקעס, האסט הנאה געהאט פון די זונ=
ליבלעך ווארעמע זומער פארנאכטן און פון דעם קאלירפולן זונ=
אונטערגאנג. אבער איך האב כמעט קיין קינדהייט נישט געהאט.
מיין פאטער איז געפאלן אין דער וועלט=מלחמה ווען איך בין
נאך געווען א קינד. מיר זענען געבליבן אליין אויף גאס=

וועלט אַן א שום אָנשפּאַר. די מאַמע האָט שווער געהאָרעוועט צו פאַרדינגען אויף חיונה, און אהיים קומענדיק פון דער שול האָב איך געמוזט צו העלפן אין דער הויז=אַרבעט. אַז איך האָב געענדיקט די פּרימאַר=שול האָט זי מיר געגעבן לערנען א מלאָכה. איך האָב מיר נענוג אָנגעפּלאָגט ביז איך האָב אויסגעלערנט דאָס פאַך. אָבער יעדע פרייע צייט האָב איך אויסגענוצט צו לייענען ביכער, די ביכער זענען געווען מיינע בעסטע פריינט. זיי האָבן מיר געעפנט די אויגן אַז ס'זענען פאַראַן צוויי וועלטן; איינע אַן אָרעמע וואָס פּלאָגט זיך שווער און בישער פאַר דעם שטיקל ברויט און וואָס האָט דאָס צומאָל אויך נישט, און א צווייטע וועלט א רייכע, א זאַטע וואָס לעבט אין לוקסוס און אין רייכטום אויפן חשבון פון די וואָס אַרבעטן.

איך בין געוואָרן געוואָרן אַז די געדרודפטע און געפּלאָגטע פירן אַן א קאַמף זיך צו באַפרייען פון די אונטערדריקער זייערע און אַז די רייכע וועלן אַן אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן אויך ווייטער דעם דאָזיקן שנייער לעבן. איך האָב מיר באַקענט מיט א סך חברטעס און חברים איך בין צוגעשטאַנען צו זיי, און האָב מיר אָנגעשלאָסן אין זייערע רייען.

נחמן איז געזעסן די גאַנצע צייט און האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד מיט גרויס נייגיר. אים האָט זיך געדאַכט אַז איצטער האָט ער געפונען דאָס צו וועלכן ער האָט שוין לאַנג געגאַרט און נאָך וועלכן זיין נשמה האָט געבענקט ווען ער איז נאָך געווען אין דעם שטעטל, און האָט געזאָגט צו אסתרן.

— איך בעט דיך זאָלסט מיך אויך פירן אויף דעם דאָזיקן וועג אויף וועלכן דו גייסט ווייל איך פיל אַז דער דאָזיקער וועג וועט באַלויכטן מיין נשמה.

פּירנדיק אַזוי דעם דאָזיקן שמועס האָבן זיי אפילו נישט באַמערקט אַז ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן שוין לאַנג געברענט און דער הימל איז געווען פאַרזייעט מיט אַן א צאָל גרויסע און קליינע שטערן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. די לופט איז געווען קיל. א לייכט פרילינג=ווינטל האָט געבלאָזן און זיי געגלעט די פּנימער.

זיי זענען אַרויס פונעם פּאַרק, זיי זענען אַריין אין דעם געדיכטן מענטשן=שטראָם און האָבן זיך געלאָזט גיין אהיים.

נחמן איז געגאַנגען א שווייגענדיקער א פאַרטראַכטער און געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין. אסתר איז געגאַנגען ביי דער זייט און האָט פון צייט צו צייט

געוואָרפֿן אויף אים א זייטיקן בליק. זי איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס קומט פֿאָר אינעם אין זיין צעשטורעמטער אויפֿגעברויזטער נשמה.

קומענדיק אהיים האָט זיי די מומע אויפֿגענומען מיט א ברייטן ברוך הבא:

— ווי זענט איר עס ערגעץ פֿארפֿאלן געוואָרן? אויף א גאנצן טאָג. מאלע גייט מען עס אוועק. איר האָט שוין גאָר פֿארגעסן אהיים צו קומען.

— זייט נישט ברוגז מומע, האָט נחמן געענטפֿערט. מיר האָבן ארומשפּאצירט. אסתר האָט מיר געוויזן די שטאָט, דעם פּארק. א שיינע שטאָט, ס׳איז גוט צו לעבן אין אזא גרויסער שיינער שטאָט.

די מומע האָט אויף אים געקוקט א פֿארחידושטע און ביי זיך געטראכט; וואָס איז דער יאָלד אזוי שנעל נתפּעל געוואָרן פֿון דער שטאָט! וואָס האָט ער שוין דערזען אויף איר! און וועלנדיק ביי אים דערגיין מיט וואָס די שטאָט האָט ביי אים אזוי שטארק אויסגענומען האָט זי א זאָג געטאָן:

אָט האָסטו דיר, ער איז שוין פֿארטיק. ווארט אביסל, האָסט נאָך צייט, וועסט נאָך דאָ געגוג פֿארשווארצט ווערן. ער האָט נאָך נישט געפּאָקט און נישט געמאָזעלט און דער קאָפּ פֿליט אים שוין אין די עולמות.

— מומע, האָט איר נחמן געענטפֿערט, אין אזא שיינער שטאָט איז כדאי צו פּאָקן און צו מאָזלען.

די מומע זעענדיק אז זי וועט ביי אים נישט דערגיין קיין טאָלק, האָט זי זיך געווענדט צו אסתרן:

— זאָג נאָר אסתר, וואָס איז מיט אים געשען? וואָס האָט ער דערזען? אפֿשר האָט ער שוין גאָר אויסגענעמען אויף דער לאָטעריע!

— וואָס פֿארשטייסטו נישט מאמע, האָט אסתר איר געענטפֿערט, מיט א שמייכל — מען קומט אראָפּ פֿון דעם פּראָווינץ און מען דערזעט צום ערשטן מאָל א שטאָט מיט אזעלכע גרויסע מויערן, מיט עלעקטריקע, מיט א פּארק און אזויפֿיל מענטשן, ווערט מען אביסל נתפּעל.

ביים עסן האָט זיך געפֿירט א שמועס וועגן נחמנס גיין מאָרגן צו דער ארבעט. ער האָט ארויסגענומען זיין נאָטיץ ביכל און איבערגעלייענט: פֿאבריק „זעברא“, סטראדא אינקלינאטא, 18.

— יאָ, האָט די מומע געזאָגט, איך קען די פֿאבריק, איך בין א סך מאָל דאָרט געווען, איך פֿלעג גייען וועש פֿאר די

באַמטע. אָבער איך ווייס נישט וואָס פאַר אַן ארבעט ער קאָן קריגן אין דער דאָזיקער פאַרבן־פאַבריק.

— עס מאַכט נישט אויס, האָט נחמן געענטפערט, איך וועל אַרבעטן ביי וואָס ס׳וועט זיך נאָר לאָזן.

די מומע האָט געטאָן א זיפץ און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט גענומען אַפּראַמען פונעם טיש. נחמן האָט א זאָג געטאָן א גוטע נאַכט און איז אַריין צו זיך אין צימער.

מאָנטיק גאַנץ קאַיאָר איז נחמן אויפגעשטאַנען זיך שנעל אָנגעטאָן, און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פאַבריק „זעבראַ“ אָנקומענדיק אַהין איז דער טויער נאָך געווען פאַרמאַכט, אָבער ער האָט שוין דאָרט געטראָפן שטיין עטלעכע אַרבעטער וואָס זענען אויך געקומען זוכן אַרבעט און וואָס האָבן געוואַרט ביים טויער. נחמן האָט זיך מיט זיי געגריסט, זיך געשטעלט אין דער ריי און זיך צוגעהערט צו דעם וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט.

— איך האָב שוין אַמאָל דאָ געאַרבעט, האָט איינער געזאָגט, די אַרבעט איז נישט אַזאַ לייכטע. די פאַבריק פירט אָן דער אייגנטימער אַן איידעם, וועלכער איז נישט קיין איבעריק גוט מענטשל.

— זיי זענען אַלע גלייך, שאַנדרע־באַנדרע, האָט געענטפערט א צווייטער.

נאָך אומגעפער א האַלבע שעה צייט איז אָנגעלאָפן אַן אויטאָ. דער טויער האָט זיך געעפנט דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין הויף און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער געביידע פון רעכטס. פונעם מאַשין איז אַרויסגעקומען איינער א הויכער פאַרשוין, אַן עלטער מאַן, מיט א קאָפּ שניי־ווייסע האָר, דערנאָך איז אַרויס א צווייטער, א שיין געבויטער יונגערמאַן מיט א פּאָר גרויסע ברילן אויף דער נאָז.

נחמן האָט זיך משער געווען אַז דאָס איז מן הסתם דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק מיט זיין איידעם.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פונעם ביוראָ און דער דינער האָט זיי אַריינגעלאָזט איינציקווייז. ס׳איז געקומען נחמנס ריי. ער איז אַריין אין ביוראָ. ביי א גרויסן שרייבטיש איז געזעסן דער יונגערמאַן מיט די ברילן. דורך דער אָפענער טיר פונעם צווייטן צימער האָט ער געזען זיצן אין א טיפן ווייכן פאָטעל, דעם באַלעבאָס פון דער פאַבריק, וואָס האָט דורכגעקוקט די פּאָסט. ער האָט אוועקגעלייגט די בריוו אויפן שרייבטיש, אַריין געשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, זיך געלאָזט אַריין גיין צום איידעם און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. דער יונגערמאַן מיט די

ברילן האָט אויסגעפרעגט נחמנען, פון וואנען ער איז, וויאזוי ער הייסט, און צי ער איז איינגעשריבן אין סינדיקאט. נחמן האָט געענטפערט אז ער איז ערשט פריער מיט א פּאָר טעג געקומען אהער פון דער מאָלדאַווע. דער יונגערמאַן מיט די ברילן, האָט זיך איבערגעקוקט מיטן אלטן, וואָס איז געשטאנען אויף דער שיועל און האָט געזאָגט:

— גוט, קענסט בלייבן ארבעטן.

גוט, איך בלייב, אָבער זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס וועל איך ביי אייך קריגן פאר א טאָג ארבעט.

— וואָס איילסטו דיך אזוי? וועסט ארבעטן א פּאָר טעג וועלן מיר זען צו ערשט וויאזוי די ארבעטסט, דערנאָך וועט מען דיר באשטימען דעם לוין. ער האָט א דרוק געטון אויף א בוטאָן און ס'איז ארייגנעקומען דער דינער. דער יונגערמאַן מיט די ברילן, האָט געהייסן ארייגפירן נחמנען אין פאבריק און זאָגן מען זאָל אים שטעלן צו דער ארבעט.

דער דינער מיט נחמנען זענען אריין אין פאָרהויז פון פאבריק, ביי דער טיר איז געזעסן א נידעריקער פארשוין, מיט שפּיציקע גרויע אויגעלעך מיט אן אויסגעפרעסן פּנים, מיט פארדרייטע בלאָנדע וואָנצעס און מיט א פליך אויפן קאָפּ.

— הער קארל, האָט דער דינער געזאָגט, פירט אריין דעם דאָזיקן מענטשן צו דער ארבעט.

נישט ארויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט קארל אריינגעפירט נחמנען אין א גרויסן זאל אין וועלכן ס'זענען געשטאנען אויס־געשטעלט א ריי מענטשן וועלכע האָבן אָנגעמאכט א גרויסן רעש. די לופט איז געווען אָנגעפּולט מיט א געדיכטן און אלערליי קאָ־לירנדיקן שטויב, פון די פארבן וואָס די מאשינען האָבן געמאָלן, אזוי אז איינער האָט קוים געזען דעם צווייטן.

קארל האָט איבערגעגעבן נחמנען דעם מייסטער וועלכער האָט אים צוגעפירט צו א מאשין און אים געגעבן די גויטיקע אינ־סטרוקציעס. אים געלערנט וויאזוי צו לאָזן די מאשין אין גאנג און וויאזוי זי אָפּצושטעלן. ער האָט אים אָנגעוויזן א הויפן קאָלירטע הרידעס וואָס ער דארף יעדעם טאָג ארייגעבן אין דער מאשין, און ווען דער זאק וואָס הענגט ביי דער עפנונג פון דער מאשין ווערט פול מיט צעמאָלענער פארב זאָל ער אים אוועק־שטעלן ביי דער זייט און שנעל צוטשעפּן אן אנדערן א ליידיקן.

דער מאשינען גערויש האָט נחמנען אזוי פארטומלט אז ער האָט נישט געוווסט אויף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך. דער פארביקער שטויב פון דער מאשין האָט זיך אים איינגעגעסן

אין די אויגן, אין דער נאָז און אין האַרצן. ער האָט כּסדר געפּינטעלט מיט די אויגן, אין דער נאָז האָט אים געהאַלטן אין איין קיצלען, אין האַרצן האָט אים געשטיקט און ער האָט געהאַלטן אין איין ניסן. און דאָ האָט ער נאָך געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק די מאַשין זאָל אים נישט אַריינכאַפּן א פינגער צווישן די ציינער ביים צוטשעפּן אָדער ביים אויסגלייכן דעם זאַק.

די אַרבעטס־צייט האָט זיך געצויגן פּאַמעלעך. יעדע רגע האָט אים אויסגעוויזן א שעה. די אַרבעט האָט אים געמאַטערט און און ער האָט כּסדר געווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פונעם פּנים וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן קאָלירנדיקן שטויב. ערשט איצט האָט ער באַמערקט אז א טייל אַרבעטער וואָס שטייען ווי ער ביי די מאַשינען, טראָגן אויף זייערע פּנימער מאַסקעס וואָס זיי האָבן זיך אַליין געמאַכט, כּדי דער שטויב זאָל זיי וואָס ווייניקער דערקוטשען. נחמן האָט זיך געקלאָגט פאַר זיין שכן אז די אויגן שמאַרצן אים און אז ער פילט זיך אויסגעמאַטערט.

— ווען ס'זאָל זיין דאָ א סיסטעמאַטישע ווענטילאַציע, וואָלט מען געקענט אַרבעטן אין מענטשלעכע באַדינגונגען, האָט אים דער שכן געענטפערט.

נחמנען איז דורכגעפלויגן א געדאַנק אין מוח ער זאָל אַלין איבערלאָזן און אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאַנט אָן אסתרן און געטראַכט וואָס זי וועט זאָגן דערצו.

זי וועט אים אוודאי באַשולדיקן אז ער האָט נישט געהאַט גענוג אויסדויער. ער האָט פאַרטריבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק און האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּוחות און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

ס'האָט זיך דערהערט דאָס סירענע־פייפן פון מיטאָג צייט. די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעוואַשן און יעדער פון זיי האָט אויפגעבינדן זיין בינטל עסן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים און זיך אַוועקגעזעצט עסן. נחמנען איז גאָר אַרויס פונעם קאָפּ אז ער האָט זיך געדאַרפט מיטברענגען עסן. ער איז אַזוי געשטאַנען א פאַרטראַכטער און נישט געוווסט וואָס צו טון. אין דער רגע איז צו אים צוגעקומען א יונגערמאַן מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן און שמייכלענדיק האָט ער אים א פרעג געטון:

— איר אַרבעט דאָ צום ערשטן מאָל?

— יאָ, האָט נחמן געענטפערט. — איך בין ערשט עטלעכע טאָג אין בוקאַרעשט. איך האָב נישט געוווסט אויף זיכער אז איך

וועל דאָ הײנט פֿאַרבלײַבן אַרבעטן און האָב מיר נישט מיט־געבראַכט קײן עסן פֿון שטאָט. איך וועל שוין מוזן אָפּאַרבעטן דעם נאָכמיטאָג אַ הונגעריקער.

— איך בין אויך פֿון דער מאָלדאַווע, פֿון באַקוי בין איך, מײַן נאָמען איז סאָלאָמאָן. איך בין אַ מעכאַניקער און אַרבעט דאָ אין דעם צווייטן זאַל אין דער מעטאַל־אַמבאַלאַזש אָפּטײלונג. און וויאַזוי הייסט איר? און וואָס זענט איר פֿונעם פֿאַר?

— איך הײס נחמן און פֿונעם פֿאַר בין איך אַ שלאָסער.

— אַזוי, אַ שלאָסער! ס'דאַרף אײַך זײַן שווער צו אַרבעטן אין דעם שטויב וואָס עסט זיך אײַן אין די בײנער. אפֿשר וועל איך אײַך קענען אַרײַנעמען די קומענדיקע וואָך אין מײַן סעקציע וואָלט איר פּטור געוואָרן פֿון דעם שטויב וואָס עסט אויף דיר די לונגען, ווײַל קײן סך צײַט וועט איר דאָרט נישט קענען אַרבעטן.

— איך וואָלט אײַך דערפֿאַר זײער דאַנקבאַר געווען, ווײַל אויב נישט ווײס איך נישט צו איך וועל דאָ קענען פֿאַרבלײַבן אַרבעטן.

— נו, מיר וועלן זען וואָס ס'איז צום טון, האָט סאָלאָמאָן געזאָגט. איר דאַרפֿט דערווײַל נישט שטײן דאָ אַ הונגעריקער, קומט וועט איר עסן מיט מיר צוזאַמען איך האָב עסן פֿאַר אײַך אויך.

נאָכן עסן האָט נחמן זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך געפֿרײט וואָס ער האָט דאָ געפֿונען אַ נאָענטן מענטשן.

אַרום זעקס אַזײגער האָט זיך ווידער געהערט פֿײַפֿן די סי־רענע. די אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען, זײ האָבן זיך שנעל אַרומגעוואַשן און זיך געלאָזט גײן אַהײם. בײַם טויער האָט זיך נחמן ווידער געטראָפֿן מיט סאָלאָמאָן און זײ זענען זיך געגאַנגען צוזאַמען. אויפֿן וועג האָבן זײ צווישן גערעדט וועגן דער פֿאַבריק, וועגן דער אַרבעט. וועגן די באַלע באַטים, דערנאָך האָבן זײ זיך אָפּגעזעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע און יעדער איז זיך געגאַנגען זײַן וועג.

אַז נחמן איז אַהײמגעקומען איז אים די מומע באַפֿאַלן מיט אַן אַ שיעור שאלות: צו מ'האָט אים טאַקע דאָרט פֿאַרהאַלטן צו דער אַרבעט, בײַ וואָס פֿאַר אַן אַרבעט, וואָס פֿאַר אַ שכי־רות און ווו ער האָט געגעסן מיטאָג. נחמן האָט איר אויף אַלעמען געענטפֿערט. אַז זי האָט דערהערט אַז אַ באַקאַנטער

האָט זיך מיט אים געטיילט מיטן עסן האָט זי א פּאַטש געטון מיט די הענט און געזאָגט:

— א ווייטיק איז מיר, וואָס פאר א נארישע יידענע איך בין. איך האָב באַדאַרפט פאַרשטיין, אז דו וועסט נישט האָבן דאָרט וואָס צו עסן. מאָרגן וועל איך דיר שוין עפּעס צוגרייטן. און אזוי רײדנדיק איז אָנגעקומען אסתר. זי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן דער פאַבריק, וויפל ארבעטער ס'זענען דאָרט פאַראַן, וויפיל שעה מ'ארבעט. נחמן האָט איר אויף אַלעמען געענטפערט און ער האָט איר אויך דערציילט אין וואָסערע שלעכטע באַדינגונגען מ'ארבעט אין דער אָפּטיילונג ווו ער איז, און אז דער שטויב איז דאָרט אומדערטרעגלעך.

— איך ווייס אַלץ, האָט אסתר געזאָגט. נישט איינמאָל האָט מען וועגן דעם גערעדט אין סינדיקאַט. די מאַשינען זענען אַלטע, ס'איז נישטאָ פאַראַן קיין סיסטעמאַטישער ווענטילאַציע=סיסטעם און אז בכלל זאָרגן זיי זיך ווייניק פאַרן ארבעטער.

אין משך פון דער וואָך האָט זיך נחמן באַקאַנט אויך מיט אַנדערע ארבעטער און כמעט יעדער פון זיי האָט זיך געהאַט צו באַקלאָגן וועגן די שווערקייטן וואָס זיי האָבן ביי דער אַרבעט און וואָס קיינער נעמט זיי נישט אין אַכט.

אין א טאָג האָט ער זיך נאָך אמאָל באַגעגנט מיט סאָלאָמאָנען וועלכער האָט אים דערציילט אז ער האָט שוין גערעדט מיט זיין שעף ער זאָל אים אריבערנעמען אין זיין סעקציע, אָבער ס'גייט נישט אזוי גיך ס'מוז נאָך אביסל געדויערן. סאָלאָמאָן האָט אים אויך דערציילט אז אין זיין אָפּטיילונג זענען אויך פאַראַן גענוג שוועריקייטן. אָט ארבעט ער צומאָל ביים שווים=אַפּאַראַט, ביי וועלכן דער ווענטיל איז קאַליע, דער גענעראַטאָר איז פאַרזשאַווערט, דער אַפּאַראַט קען עקספּלאָדירן און אז ער איז איינגעשטעלט מיטן לעבן. ער האָט שוין מערערע מאָל געמאָלדן אין ביוראָ אז מען דאַרף האָבן א נייעם שווים=אַפּאַראַט. אָבער דער באַלעבאָס לייגט אַלץ אָפּ פון היינט אויף מאָרגן, מ'באַדאַרף האָבן אביסל געדולד ביז עס וועט געלונגען אים אריבערצופירן אין זיין אָפּטיילונג ווו די ארבעט איז א מער שכלדיקע און זי ווערט אויך בעסער באַצאָלט.

אן אומגעדולדיקער האָט נחמן געוואַרט אויפן שבתדיקן טאָג ווען ער האָט באַקומען דעם לוין פון א וואָך ארבעט אין פאַבריק. ער איז געווען נייגעריק צו וויסן אויב דאָס געלט וועט אים קלעקן אויף עסן און דירה=געלט.

שבת אינדערפרי איז נחמן אויפגעשטאנען א פריילעכער א מונטערער און איז אוועק צו דער ארבעט, דער פרימאָרגן איז געווען א שיינער, א לויטערער. די זון, א גרויסע, א רויטע און א קיילעכדיקע האָט בהרחבהדיק צעשפרייט אירע שטראַלן אויף די דעכער, אויף די הייזער, אויף די מענטשן און אויף אלץ וואָס זי האָט נאָר באגעגנט אויפן וועג.

ווען נחמן איז צוגעקומען צו דער פאבריק איז דער טויער נאָך געווען צוגעשלאָסן. ער האָט ארויסגענומען א צייטונג פון דער קעשענע און האָט געלייענט די לעצטע נייעס. באלד האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען אויך די אנדערע ארבעטער און ארבעטערנס. פון דער ווייטן האָט נחמן דערזען אָנקומען סאָלאָמאָנען. ער איז אים אקעגן געגאנגען און אים געדריקט די האנט.

סאָלאָמאָן האָט אים דערציילט אז ער איז אומרויק ווייל זיין דרייי־אָריק טעכטערל איז נישט געזונט, זי ליגט אין איין היץ ער ווייסט נישט וואָס עס איז, אז תיכף נאָך דער ארבעט וועט ער אהיים גיין און אויב דאָס קינד וועט זיך נישט פילן בעסער, וועט ער רופן א דאָקטער.

די סירענע האָט אָנגעהויבן פייפן, דער טויער האָט זיך געעפנט, די ארבעטער זענען אריין איינציקווייז, זיי האָבן פונקטירט די קארטן ביים זייגער, און זענען זיך צעגאנגען יעדער איינער אין זיין אָפטיילונג.

די מאשינען האָבן זיך געלאָזט אין גאנג און די ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

נחמן איז געשטאנען ביי דער מאשין און געקוקט ווי די צע מאָלענע פארב שיט זיך דורך דער עפנונג אין זאק אריין. דער שטויב האָט ווידער אָנגעפילט די לופט און דורך די זון־שטראַלן וועלכע האָבן זיך אריינגעגאָסן דורך די פענצטער האָט דער פארביקער שטויב אויסגעוויזן ווי א רעגן־בויגן.

נחמנען האָט דער שטויב ווידער אמאָל אָנגעהויבן צו שטיקן אין הארצן. ער האָט אָנגעהויבן הוסטן. ער האָט געטרונקען אביסל וואסער, ס'איז אים לייכטער געוואָרן, און ער איז ווידער געשטאנען אויפמערקזאם ביי דער מאשין.

ס'זענען אזוי פארגאנגען א פאָר שעה, פלוצעם האָט זיך דער־הערט א פארטויבנדיקער קנאַל ווי א דונער פון דער מעטאַל־אמבאלאזש סעקציע. אלע ארבעטער פון די אנדערע אָפטיילונגען האָבן אָפגעשטעלט די מאשינען און געלאָפן זען וואָס דאָרט איז געשען.

די לופט פונעם זאַל איז געווען אָנגעפּולט מיט א געל־גרויען נעפּל. אויף דער ערד איז געלעגן סאָלאָמאָן און האָט געקרעכצט. פונעם שטערן האָט אים גערונען בלוט. אייניקע ארבעטער האָבן זיך נעפּאָרעט ארום אים און געשריגן: א דאָקטער! ברענגט שנעל א דאָקטער! ער אָטעמט נאָך. איין ארבעטער פון דער אָפּטיילונג האָט דערקלערט אז סאָלאָמאָן האָט געארבעט מיטן שוויים־אפּאראט ווי שטענדיק, און גאָר פּלוצעם האָט דער אפּאראט עקספּלאָדירט און סאָלאָמאָן איז אנידער געפאלן.

פונעם ביוראָ האָט מען טעלעפאָנירט נאָכן פאבריק־דאָקטער. דערווייל האָט א ארבעטער געבראכט א פּריוואט דאָקטער. סאָלאָמאָן איז געלעגן אין א באוווסטלאָזן צושטאנד ער האָט נאָך א פּאָר מאָל א קרעכץ געטון און איז געבליבן ליגן אומבאוועגלעך. דער דאָקטער האָט אים געהאלטן דעם פולס, א מאך געטון מיט דער האנט, געזאָגט אז ער קען שוין גאָרנישט העלפן און איז אוועק.

די ארבעטער וואָס האָבן סאָלאָמאָנען ליב געהאט פאר זיין פריינטלעכקייט און איבערגעבנקייט זענען געשטאנען ווי פּאַרטומלט. זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די ערטער צו גיין צוריק צו דער ארבעט. נחמן איז געשטאנען און געקוקט אויף סאָלאָמאָנען און פון זיינע אויגן זענען גערונען טרערן. ער האָט געטראכט וועגן דעם פריינטלעכן שמועס וואָס ער האָט געהאט מיט אים היינט אינדערפרי ביים טויער און ווי אומרויק סאָלאָמאָן איז געווען וועגן זיין קראנק קינד.

מען וואָלט באדארפט אויסגעפונען די סבה פארוואָס דער שוויים־אפּאראט האָט עקספּלאָדירט, האָט זיך אָנגערופן גריגאָרע, אן ארבעטער פון דער מעטאל־אמבאלאזש סעקציע.

— די סבה איז א קלאָרע, האָט נחמן געענטפערט. ערשט צוריק מיט א פּאָר טעג האָט זיך פאר מיר סאָלאָמאָן געקלאָגט אז דער ווענטיל פונעם אפּאראט איז קאליע, דער גענעראטאָר איז פארזשאווערט, אז דער אפּאראט קען יעדן מאָמענט עקספּלאָדירן, און אז ער האָט שוין וועגן דעם עטלעכע מאָל גערעדט אין ביוראָ אז מען דארף קויפן א נייעם שוויים־אפּאראט, אָבער דער באַלעבאָס האָט אלץ אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן און איצט האָט סאָלאָמאָן באצאָלט דערפאר מיטן לעבן.

פון אונטער נחמנס פּלייצעס איז אויסגעוואקסן קארל, דער מיט די שפּיציקע אייגעלער. ער האָט זיך ארויסגערוקט פון פאָרנט און געזאָגט צו נחמנען:

— זייט ווען ביסטו עס געוואָרן אזא גרויסער ווייסער, ער ארבעט סך־הכּל אין פֿאבריק א פּאָר טעג און איז שוין געוואָרן א גאנצער אינזשינער. ער ווייסט שוין בעסער פֿון דעם פֿאבריק־אינזשינער וואָס האָט נאָר וואָס דערקלערט אין ביוראָ אז דער שווייס־אפּאראט האָט עקספּלאָדירט דורך סאָלאָמאָנס אומפֿאָרזיכטיקייט. די הענט זיינע זענען געווען אויסגעשמירט מיט אייל און אומגעגאנגען מיט די אויסגעשמירטע הענט ביים ווענטיל. און יעדער איינער ווייסט אז ווען דאָס זויער־שטאָף קומט אין קאָנטאקט מיטן אייל געשעט אן עקספּלאָזיע. אין סאָלאָמאָנס טויט איז נישט שולדיק קיין אנדערער ווי נאָר ער אליין.

אָפּזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער איז קארל פֿארשווינדן געוואָרן און מען האָט נישט געזען ווו ער איז אהין געקומען. די ארבעטער וואָס זענען געשטאנען דערביי האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אנדערן און האָבן געשוויגן. בלויז גרינאָרע האָט געזאָגט צו נחמנען:

— דו האָסט דיך געדארפֿט היטן און נישט רעדן פֿאר אים אין די אויגן. ער איז דעם באלעבאָס מענטש. אלץ וואָס ער הערט רעדן צווישן די ארבעטער גייט ער דערציילן.

צווישן דעם בלעך און אייזן וואָס איז געלעגן אָנגעוואָרפֿן אויף דער ערד, האָט נחמן גענומען זוכן דעם ווענטיל פֿונעם שווייס־אפּאראט, אז ער האָט אים דערזען, האָט ער, נישט באמערקט פֿון קיינעם, אים אויפֿגעהויבן, און אים ארייַנגעלייגט אין קעשענע און געטראכט אז אפֿשר וועט ער שפּעטער צונוץ קומען.

נאָך א פּאָר מינוט האָט זיך געעפֿנט די טיר, און ס'איז אריינגעקומען דער יונגערמאן מיט די ברילן און האָט זיך צעשריגן:

— וואָס שטייט איר דאָ און קוקט ווי אויף א חתונה? פֿארוואָס גייט איר נישט צו אייער ארבעט! ס'איז געווען באשערט אן אומגליק האָט עס אים געטראָפֿן. דאָס אומגליק האָט אים געקענט טרעפֿן אינדערהיים, אויפֿן וועג. ס'האָט אים געקענט איבערפֿאָרן אן אויטאָ אָדער א טראמוויי, וואָס קען מען טון!

די ארבעטער זענען זיך צעגאנגען. נחמן איז אריין אין זיין סעקציע. די טיר צו דער מעטאל־אמבאלאזש סעקציע איז געבליבן אָפֿן.

נחמן איז געווען אזוי גערירט פֿון סאָלאָמאָנס טויט אז ער האָט זיך נישט געקענט נעמען ווידער צו דער ארבעט. ער איז געשטאנען און געקוקט דורך דער אָפֿענער טיר אויף סאָלאָמאָנס טויטן קערפּער וואָס איז געלעגן אויף דער ערד.

פֿונעם ביוראָ האָט מען טעלעפֿאָניש געמאָלדן דעם פּארקעט וועגן דעם טויטפֿאל און מען האָט געוואַרט אויפֿן פּראָקוראָר.

נאָך א קורצער צײַט האָט זיך געהערט א גערויש פֿון אן אויטאָ וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿארן ביוראָ. ס'איז געווען דער פּראָקוראָר ער איז ארײַן אין ביוראָ, געזעסן אביסל מיטן באלעבאָס און מיטן אײַדעם. דערנאָך זענען אלע דרײַ ארײַן אין דער מעטאל־אמבאלאזש סעקציע. הינטער זיי איז נאָכגעקומען קארל, און באלד איז אויך אָנגעקומען דער פֿאבריק־אינזשינער.

דער פּראָקוראָר האָט אויסגעפֿרעגט וויאַזוי דאָס איז געשען. דער אינזשינער האָט דערקלערט אז דער שוויס־אפּאראט איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר סאָלאָמאָן איז געווען אומפֿאָרזיכטיק און האָט מיט אויסגעשמירטע הענט אויפֿגעשרויפֿט דעם ווענטיל און ס'איז קלאָר אז דערפֿאר איז געשען די עקספּלאָזיע. קארל האָט באשטעטיקט אז ער אליין איז געשטאנען דערבײַ און האָט עס געזען מיט אײגענע אויגן.

דער פּראָקוראָר האָט אלץ אויסגעהערט און פֿארשריבן; צוגעפֿגעשטעלט א פּראָטאָקאָל אויף וועלכן אלע האָבן זיך אונטערגעשריבן. ער האָט געהייסן אָפּפֿירן דעם טויטן אין דער מאָרגא. ער איז נאָך אמאָל ארײַן אין ביוראָ ווי די באלעבאטים האָבן אים מכבד געווען מיט פֿײַנע ציגארן. וואָס זיי האָבן צווישן זיי גערעדט האָט קײנער נישט געוווּסט. ס'האָט נישט לאנג געדויערט און דער פּראָקוראָר איז ארויסגעקומען זיך אָפּגעזעצט אין אויטאָ און איז אוועקגעפֿאָרן.

ס'איז אָנגעקומען דער מאַשין פֿון דער מאָרגא אין וועלכן מ'האָט ארײַנגעלייגט סאָלאָמאָנס טויטן קערפּער. קארל איז אויך מיטגעפֿאָרן כדי ער זאָל דאָרט געבן די נויטיקע דערקלערונגען.

אין א שעה ארום איז קארל צוריקגעקומען. ער איז ארײַן אין ביוראָ און האָט איבערגעגעבן דעם ראַפּאָרט אז אלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג. ער איז ארויסגעקומען פֿונעם ביוראָ. זיך ארומגעדרייט אין הויף, ער האָט גענישטערט אין אלע ווינקעלער, ארײַנגעקוקט אין אלע סעקציעס און זיך צוגעהערט וואָס די ארבעטער רעדן צווישן זיך.

א שעה פֿארן ענדיקן די ארבעט איז ארײַנגעקומען דער דינער, האָט געהייסן נחמנען אָפּשטעלן דעם מאשין און געזאָגט אז מען רופֿט אים אין ביוראָ.

ארײַנגעקומען אין ביוראָ, האָט אים דער יונגערמאן מיט די ברילן געפֿרעגט מיט וואָס פֿאר א רעכט ער האָט זיך גענומען

דערציילן פאר די ארבעטער אן אויסגעטראכטע מעשה וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן אז דער אפאראט איז נישט געווען אין אָרדנונג און צי גיט ער זיך אָפּ חשבון וואָס ער האָט געטון. ער אליין, א ייד, האָט געהעצט די ארבעטער קעגן זיין באלעבאָס, זיין ברויט־געבער וואָס איז אויך א ייד.

— איך האָב נישט דערציילט די ארבעטער קיין אויסגעטראכטע מעשה. האָט נחמן געענטפערט, דאָס האָט מיר סאָלאָמאָן אליין דערציילט צוריק מיט א פּאָר טעג און אז יעדער איינער וואָס האָט געקענט סאָלאָמאָנען ווייסט אז ער איז געווען אן אָרנטלעכער ארבעטער און ס'איז א שאָד וואָס ער איז אן אומשולדיקער אומגעקומען איבערלאָזנדיק א פרוי מיט א קינד. און בנוגע דעם וואָס ער נחמן איז א ייד און וואָס די באלעבאָטים זענען צופעליק אויך יידן, ווייסט ער נישט וואָס פאר א שייכות עס האָט צו דעם וואָס ער האָט אויפגעדעקט פאר די ארבעטער די אמתע סבה פון סאָלאָמאָנס טויט. און אז דער באלעבאָס זיינער, דער ברויט־געבער איז א ייד, פארוואָסזשע האָט ער נישט געהאט קיין רחמנות אויף סאָלאָמאָנען וואָס איז אויך געווען א ייד און האָט נישט אָנגענומען די נויטיקע מאָסמיטלען דער אומגליק זאָל נישט געשען. ניין, ביי אים איז נישטא קיין חלוק א ייד, צי נישט א ייד, ווער ס'איז שולדיק דעם דארף מען באשטראָפן. איך וועל דאָס זאָגן פאר יעדן איינעם אפילו פארן פּראָקוראָר.

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער איז דער יונגערמאן מיט די ברילן רויט געוואָרן אויפן פּנים ווי א בוראַק. פאר כעס זענען אים די ברילן אראָפּגעפאלן פון דער נאָז, און ער האָט א געשריי געטון:

— באָלשעוויק. ארויס פון דאנען. מיר וועלן זיך דאָ באגיין אָן דיר. ער האָט אים א וואָרף געטון דעם קאָנווערט מיטן לוין פאר דער וואָך־ארבעט און געזאָגט:

— טראָג זיך אָפּ פון דאנען וואָס שנעלער, דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין. וואָרעם אז נישט וועלן מיר דיך איבערגעבן דער פּאָליציי פאר אויפהעצן די ארבעטער. און ער האָט באפוילן דעם דינער ער זאָל אים ארויסבאגלייטן ביז יענער זייט טויער.

ארויסקומענדיק פונעם ביוראָ האָט נחמן דערזען פון ווייטן שטיין קארלען מיט זיינע שפּיצעכיקע אייגעלעך און מיט א כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן.

ביים פענצטער זענען געשטאנען דער שווער און דער איידעם און נאָכגעקוקט אויב נחמן רעדט נישט מיט די ארבעטער.

ווען נחמן איז שוין געווען פון יענער זייט טויער האָט דער שווער אַ זאָג געטון:

— אַ שטיל וואַסערל, גראָבט טיף.

— ווען נישט דאָס וואָס מיר האָבן איינטערעס ס'זאָל נישט ווערן קיין טומל, וואָלט איך אים געווען אָנגעלערנט. האָט געענטפערט דער איידעם. נאָר פאַרפאַלן, — גיי ווייס אַז אַזאַ איינער וועט וואַגן אַרויסצוטרעטן אַזוי חוצפהדיק.

ער איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך און האָט געטראַכט וועגן דעם אַלעמען וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ס'איז נאָר געווען פרי אַהיים צו גיין און פאַרבייגייענדיק דעם פּאַרק איז ער אַריין זיך אַביסל אָפּרוען. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיקער אַלייע זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און געטראַכט וואָס וועט אסתר זאָגן צו דעם אַלעמען. נאָך אַ וואָך אַרבעט איז ער שוין ווידער אַרבעטסלאָז און דאַרף ווידער אַמאָל אָנהויבן זוכן אַרבעט. ער איז אָבער געווען זיכער אַז אסתר וועט זיין איינשטימיק מיט אים, אַז אַזוי האָט ער געדאַרפט און געמוזט האַנדלען. אַנדערש האָט ער נישט געקענט. וויאַזוי האָט ער געקענט פאַרשווייגן אַזאַ זאַך און נישט זאָגן די דאָזיקע נידערטרעכטיקע לייט אַלץ אין פּנים אַריין און פאַרוואָס זאָלן זיך טאַקע די אַרבעטער נישט דערוויסן די אמתע סבה פון סאָלאָמאָנס טויט אַפשר זענען פאַראַן אויך אַנדערע אָפּטיילונגען ווי דאָס לעבן פון די אַרבעטער איז אין געפאַר און די באַלעבאַטים מאַכן זיך נישט וויסנדיק און נעמען נישט אָן די נויטיקע פאַרזיכערונגס-מיטלען. פאַרקערט, האָט ער זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף, ער האָט באַדאַרפט אָפּוואַרטן ביים טויער ווען די אַרבעטער וועלן אַהיים גיין און זיי אויפקלערן אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען, וויאַזוי מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, כדי זיי זאָלן דערפון עפּעס לערנען. אָבער ער טרייסט זיך, אַז היינט איז דאָס נישט געווען מעגלעך. זיי האָבן אים אַלע געהיט ביים אַרויסגיין פון דער פאַבריק און וואָלטן אים געווען איבערגעגעבן דער פּאָליציי וועלכער איז אויך בלאַט מיט זיי. ער וועט נאָך זען וואָס ער האָט צו טון, ער וועט זוכן זיך צו באַגעגענען מיט אַ פּאָר באַקאַנטע אַרבעטער פון דער פאַבריק וועלכע האָבן זיך צו אים באַצויגן פריינטלעך. ער וועט אויך אויפזוכן סאָלאָמאָנס פרוי און וועט איר אַלץ דערציילן. ער וועט זי ראָטן זי זאָל אָנקלאָגן די באַלעבאַטים אין געריכט, און אים, נחמנען רופן פאַר אַן עדות. ער וועט נישט מורא האָבן און אַלץ דערציילן. ער וועט איר אויך זאָגן וועגן דעם געפונענעם ווענטיל כדי זי זאָל

פארלאנגען אן עקספערט. אויפדערנאכט וועט ער זיך וועגן דעם בארא̇טן מיטן אסתרן זי פארשטייט זיך בעסער אין אזעלכע זאכן. א̇ט הא̇ט אים א̇פּגעגליקט דא̇ס מזל אז ער הא̇ט א̇נגעטרא̇פן ביי זיין קומען קיין בוקארעשט צו אסתרן אין הויז. אסתר איז א וואויל מיידל, א קלוגע, א שיינע, א באלעזענע, ווי גוט ער פילט זיך ווען זי רעדט מיט אים, און ער הערט זיך איין אין אירע קלוגע רייד. ווען זי קלערט אים אויף וועגן פארשיידענע פרא̇בלעמען וועלכע זענען אים געווען אינגאנצן פרעמד ביז אצינד. וויאזוי זיי לייענען צוזא̇ל צוזאמען און רעדן צווישן זיך וועגן דעם וואס זיי הא̇בן געלייענט. דא̇ס הייסט זי רעדט און ער הערט אוים. ווייל וואס ווייסט ער אין פארגלייך מיט איר? ביי וועמען הא̇ט ער דא̇ס אלץ געקענט לערנען אין דעם קליינעם שטעטל פון וואנען ער איז געקומען, אחוץ דעם וואס ער הא̇ט געכאשט פון זיין חבר איסאק, דערפאר איז ביי אים טייער יעדעס ווא̇רט אירס, און ער זאפּט עס איין אין זיך ווי א שוואם. ער פילט אז זי ווערט אים פון טא̇ג צו טא̇ג אלץ נענטער, אלץ ליבער און איינגעבאקענער אין הארצן. קיין גרעסער פארגעניגן הא̇ט ער נישט ווי צו זיין מיט איר צוזאמען. צומא̇ל דערשרעקט ער זיך אליין פאר דעם רא̇זיקן געדאנק, פאר דעם פארלאנג זיינעם זי צו הערן לאכן, רעדן א̇דער זינגען. ער וויל פון זיך דעם געדאנק פארטרייבן א̇בער דא̇ס געלונגט אים נישט, דער געדאנק לא̇זט אים נישט א̇פּ און עקבערט אים כסדר אין מוח.

אזוי זיצנדיק פארטיפט אין זיינע געדאנקען, הא̇ט ער נישט באמערקט אז ס'איז שוין צוגעפאלן דער שיינער קילער פרילינגסא̇ונט מיט זיינע טויזנט לא̇קנדיקע חנען. ער הא̇ט זיך שנעל אויפגעהויבן און זיך געלא̇זט פא̇רן אהיים.

אריינקומענדיק אין שטוב הא̇ט אים אסתר געפרעגט:

— וואס עפּעס אזוי שפּעט? ווו ביסטו עס ערגעץ פארפאלן געווא̇רן?

— מיין באלעבא̇ס הא̇ט מיך היינט א̇פּגעלא̇זט פריער מיט א שעה צייט הא̇ט נחמן געענטפערט. נא̇ר אזוי ווי ס'איז נא̇ך געווען פרי אהיים צו קומען בין איך דורכגייענדיק נעבן פארק אריין אהין זיך א̇פּרוען און הא̇ב איך מיך דא̇רטן פארזעסן.

— אזוי, איינער אליין אין פארק, א̇ן מיר, גאנץ שיין פון דיין זייט, הא̇ט אסתר געזא̇גט מיט א פריינטלעכן שמייכל. א̇בער זא̇ג מיר נא̇ר, מיין טייערער, מיט וואס הא̇סטו עפּעס היינט אזוי נושא חן געווען ביי דיין באלעבא̇ס, און פארוואס

פאַרא מעשים טובים האָט ער דיך באַפרייט פון דער אַרבעט פריער מיט אַ שעה? און זי האָט אים, אָנגעשטעלט אירע שיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן.

— נישט נאָר מיט איין שעה, נאָר ער האָט מיך אינגאַנצן באַפרייט פון דער אַרבעט און געזאָגט אַז ער קען זיך באַגיין אָן מיר.

— וואָס הייסט? האָט אסתּר געפרעגט און געפּאַכט מיט אירע דינע נאָז־לעכער דערפילנדיק אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק.

נחמן האָט איר אַלץ דערציילט.

— זאָג דו אַליין, האָב איך נישט באַדאַרפט דאָס דערציילן די אַרבעטער כּדי ס'זאָל זיין פאַר זיי אַ וואָרנונג? איצט בין איך ווידער געבליבן אָן אַרבעט און דאַרף אָנהויבן פון דאָס ניי. אָבער אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

— אַוודאי האָסטו געדאַרפט אַזוי האַנדלען, ווען דעם איז אפילו נישטאָ וואָס צו רעדן. און נישט נאָר דו נאָר יעדער באַוווסטזיניקער אַרבעטער וואָלט אַזוי געהאַנדלט. מיר וועלן דאָס אַלץ איבערגעבן אין סינדיקאַט ביי דער ערשטער זיצונג און מיר וועלן זען וואָס פאַר אַ באַשלוס דער קאָמיטעט וועט אָננעמען. מיר וועלן אויך וועגן דעם פאַל מעלדן אין אונדזער צייטונג. און בנוגע דיין פאַרלירן דעם אַרבעטס־פּלאַץ זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. דאָס איז סיי ווי סיי נישט געווען קיין אַרבעט פאַר דיר. דו האָסט אַ פאַך. וועסט קריגן אַרבעט אין דיין פאַך. איך האָב היינט גערעדט וועגן דיר מיט אַ חבר, אַ מעכאַניקער, וואָס אַרבעט אין אַ גרויסער פאַבריק, אין דער פאַבריק „וולקאַן". ער הייסט מיכאַיל שערבאַנעסקו. מאָנטיק אין דער פרי זעקס אַ זייגער וועסטו גיין אין דער פאַבריק און פרעגן אויף אים און ער וועט דיר שוין זאָגן וואָס דו האָסט צו טון.

נחמן איז געשטאַנען אַן איבעראַשטער און ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל איר ענטפערן. מיט גרויס מי האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער און איר געדאַנקט פאַר דעם אַלעמען וואָס זי טוט פאַר אים.

— נישקשה, האָט אים אסתּר געענטפערט, וואָלסט דיך דאָ געווען איינגעאָרדנעט אָן מיר אויך. ס'וואָלט דיר נאָך אַפשר תּחילת אָנגעקומען אביסל שווערער. מיך פרייט וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דיר אַרויס צו העלפן. איצט, גלויב איך, וועסטו געפינען דעם ריכטיקן פּלאַץ. דער חבר שערבאַנעסקו וועט דיר אויף ווי ווייט מעגלעך אַרויסהעלפן ביז דו וועסט שטיין אויף

אייגענע פּיס. מיר וועלן נאָך מאָרגן רעדן וועגן דעם. איצט בין איך פאַרנעמען. מיר גרייטן זיך פייערן דעם ערשטן מיי.

— יאָ, איך וואַרט אויך אויף דעם דאָזיקן יום־טוב. ווייל א חוץ דער בראָשור וועגן דעם ערשטן מיי, וואָס מיין חבר איסאַק האָט מיר אמאָל געגעבן צו לייענען, האָב איך אויך געלייענט מאַקסים גאָרקיס ראָמאַן „די מוטער". און איך קען ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן דעם רושם וואָס דאָס דאָזיקע ווערק האָט אויף מיר געמאַכט. איבערהויפּט דאָס קאַפּיטל וואָס שילדערט די דעמאָנסטראַציע פונעם ערשטן מיי. וויפל שיינקייט, וויפל באַגייסטערונג ס'איז פאַראַן אין אַזעלכע העלדן ווי פּאַוועל ולאַסאָוו, די מוטער, וועלכע זענען געווען פּשוטע אַרבעטער און וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער אידיי פאַר וועלכער זיי האָבן געקעמפט.

נחמן האָט גערעדט פונעם האַרץ און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט פון באַגייסטערונג.

אסתר איז געשטאַנען און אויסגעהערט נחמנס רייד און זי האָט געפילט אין איר האַרצן א וואַרעמקייט צו דעם דאָזיקן בחור וואָס האָט זי פאַראינטערעסירט פונעם ערשטן טאָג ווען זי האָט אים דערזען. זי איז געווען זיכער אַז מיט דער צייט וועט אָט דער שעמעוודיקער פּראָווינצעלער בחור געפינען זיין קעמפערישן וועג אויף וועלכן ער דאַרף גיין.

דימיטראָוו

דו! —
בראָנדז־פיגור, נס!

דו,
וואָס האָסט די גאַנצע צייט פון פּראָצעס
ניט פאַרלוירן
איין וואָרט אַזאַ, וואָס זאָל אין די אויערן
קלינגען,
זינגען
מיט די אַלע דינגען,
וואָס איז כולל אונדזער יחסן „איך“:
שיינגייסט, רעטאָריק און „פאַרגעסט ניט מיך“...

דו,
וואָס יעדעס וואָרט דיינס צוריקגעלעסטערט האָט,
צוריקגעשענדט.
יעדעס וואָרט דיינס ניט געווען אַ אינטעליגענט,
רק:
פּראָסטע, שווערלעכע וואָר — אַ האַק,
וואָס איז געפאַלן שווער. מעטאַלענע רייד,
וואָס רינג נאָך רינג צעהאַקט אויף אייגענעם לייב
די געררינג־קייט...

דו,
וואָס ביסט געוועזן ניט פּערזאָן, נאָר קלאַס
און פון מיליאָנען די פאַראַכטונג, האָט —

זיי מוחל, וואָס פאַר דיין מאָנומענט
וואַג איך שטיין און דיכטן — איך, אָרימער אינטעליגענט.

כ'לעבן!
דו האָסט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן
ניט נאָר דיר, טאָרגלער, טאָנעף, פּאַפּאָוו, נאָר אונדז אַלע
אָפּגעשניטן פונעם האַלדז דעם תּליה־שטריק,
וואָס פאַרצויגן האָט דער יאוש אין איין אויגנבליק.

דו,
וואָס ביסט געווען ניט פּערזאָן, נאָר קלאַס, —
אויף דיין נאָמען דאַרף מען היינט אָנרופן ניט
אין יעדער שטאָט א גאַס,
נאָר די גאַנצע וועלט.

היינריך היינע

גלויבט איר, עס איז וואָר,
אַז פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן שוין די בויד
פון דער פּופּן־שפּיל פון זיין הומאָר?

כ'האָב א פריינט א דיכטער
איז ער אייפערזיכטיק ווי א ווייבל.
לאָז דאָס אייפערזיכטיק טייבל
לויבן זיך מיט אייגענעם טייוולסקויט —
כ'וויל עס גאָרניט רייצן.
איך פון מיין זייט נאָר בין אָפּן מודה:

אלע טראָגן מיר ארום אין גאס אויף אונדזער פּלייצע
היינריך היינעס פּופּן־בויד,
און פאַרדינען זיך דערביי דאָס שווערע
שטיקל ברויט.

אָבער נאָכן טאָג, ווען זון גייט אונטער טראַגיש רויט,
ווערט אין בודע
שטיל. איז ווייסן מיר: די פּופּן, משה, קריסטוס, בודא
האָבן דאָרט פאַרנעמען די ארענע.
פלאַמען כאַפּן זי ארום. זי ברענט און קאָן זיך
ניט פאַרברענען
און מיט פייעריקער בויד
אויף דער פּלייצע, הייליק רויט
אינעם זונפאַרגאַנג — מיר שפּילן זיך מיט גאָט און מיט
טויט,

ווי להבדיל מיט די חיות אין דער שטייג די דאַרע מויד,
און פאַרדינען זיך דערביי דאָס שווערע
שטיקל ברויט.

פראַנקרייך אויף דער גאַס

פּראַנקרייך אויף דער גאַס...
פּונקט ווי אויף א טיש א ברענענדיקער לאָמפּ מיט גאַז,
אויסגעגאָסן זיך די רעגנאַליסטן אויף די מאַרקן און בולוואַרן,
ווו אויף אלע ראָגן שטייען פאַרשטיינערטע די שאָטנס פון
די קאָמונאַרן.
ליעבן אייזערנעם צילינדער פונעם שטאָלענעם פּאַבריקאַנט

שפאניע

פרומע יארמעלקע און חוזק־מיצל פון מאָנסיע ארפאגאָן —
דער צווייטער העך אין לאנד.

אונטער אָרעם מיט שקאטולקע, ווו ער האלט זיין גאָלד־
שטיק געלן,
הינקט ארום, געשפּענסטערט, סליונעט צווישן די רעבעלן —
אָרעמע געגארטע פּאשטשיא־בונטארן,
אָט דער העלד מאָליערס אין אלע זיינע מאָסן, עקזעמפלארן
אויף די זעלבע מארקן און בולווארן,
ווו אויף אלע ראָגן שטייען די שאָטנס פון די קאָמונארן.
וויי! זיי קענען אים, דאָס אלטן, לינגערישן, שטארקן
ארפאגאָן —

איצט בשעת אין גאס ער גיריק קלעטערט,
מיט די פּאָלעס שטורעמדיק צעוועטערט,
זיך ארויפצוכאפּן אויף די טעמפּע קארקן
פון אפּאש און סאמע שפּיץ קאנאָן —
אים דאָס געלט פון זיין שקאטולקע נאָך אויסשיטן
דאָ, אין סאמע מיטן
פון די מארקן...
פראנקרייך אויף דער גאס.
פונקט ווי אויף א טיש א ברענענדיקער לאָמפּ מיט גאז,
אויסגעגאָסן זיך די רעגאליסטן אויף די מארקן און בולווארן.
ווי אויף אלע ראָגן לעבן אויף די שטיינעריקע שאָטנס
פון די קאָמונארן,

„וויען, דו שטאָדט!“...

כ'הייב אָן פונעם עפּילאָג —
פון אויסקושן יעדע וואנד, א יעדן צוואָק
אויף מארטירער לייב און עסטרייכס תליה־וואלד,
וו די שווארצע ראָבן, טמא (יאָ סען מעג שוין זאָגן באלד)
טמא ווי גענאָסע מאקדאָנאלד,
פרעסן אונדזער פלייש,
און מיט קאלטער, שארפער רייש,
און מיט אלע קלעריקאלישע העויות
קראַזן נאָך די טויטע העלדן שוואַ־ין משניות..

כ'הויב אָן פונעם עפּילאָג
און איך זאָג:
— ווין, דו שטאָדט
מיט די עלטסטע ווייסע דיפּלאָמאטישע האנטשו און צילינדער,
וואָס דו האָסט זיי פון תמיד אָן געשנאָרערט רעכט
אויף רויב,
ווי עס בעטלען ברויט, להבדיל, דיינע אָרעמע גאסן־קינדער
פאר קאפעהויז שויב!

ענדלעך פון דיין קאָפּ
אראָפּ
דיין ראָקאָקאָ־פּארוק פון פרומער מערקלטויב!...
אין די אייגענע ווילדע קליאָטשע־האָר
צו בערלין א פּאָר
ביסט שוין געבליבן.

ביזן גרוב, דו מיינסט, דו וועסט זיך אזוי ליבן
מיט דיין זיסן אָפּערעטע־פּרינץ,
וואָס איז אויסן נאָר דיין פּותיקא, דאָס ביסל מינץ...

אלטע ציילעמניצע, עובר=בטלדיקע פריצה — ווין דו
שטאדט —
לאנג צעבראָכענער טאָפּ אָן לינדז!
זיגן סוף כל סוף וועט אָבער אלץ דיין נאָבלער פּראָלעטאריאט
און דער איידלער ארבעטער פון ליניע.

ריגע

ריגע
איז אן אלטע, נייע שטאָט אזא
ביי דעם ים
דעם באלטישן און ביי דער דווינע
און א חוץ אויך ביי דער: **א** א

גאנץ באזונדער
איז א שטאָט נאָך ריגע —
נישט פאר היגע

מן הסתם
פילט עס אויך דער ים
ערגעץ אין זיין טיפן הארץ
און דערפאר וועט ער נאָך קומען
זיצן דאָ מיט מיר אין „אָטאָ שווארץ“...
און אז אויף טשיקאַווע
לעבן אונדז ביי שאָל מיט קאווע
קומט אויך טרעפן זיך די דווינע
מיט דער **א** א,

ווען די גאנצע וויים „עמיגראנשטשינע“
זיך צעלויפן רעטן
פון די כוואליענדיקע וועלן
צום קאפעהויזם שווע‏לן.
און פון דאָרטן — טויבע פון דעם וואסער־שאל —
צום פארבליבענעם דענקמאָל־פיעדעסטאל
פון אראָפּגעהאקטן צאר
אויפן בריוויבאס־בולוואר...

אָט אזוי, דערלייזט פון אלע ווייסע עמיגראנטן,
וועל איך גיין באקוקן נאָכאמאָל די קאנטן
ביי דעם ים,
די דווינע
און די **א** א.

ריגע —
איז אן אלטע, ניי שטאָט אזא.

ווען?

ווען
וועלן
שוין אראָפּגיין אלע טאנצפּראק־העלדן און די טרעמפּן
פון די ברענענדיקע פילמישע רעקלאמעס
צו די טכויר און סויבל — און קאראקול־דאמעס,
וואָס באקוקן זיי פון קאָפּ ביז פים מיט נייגיר טעמפּן,
זאטן —

און זיי אויסטון ביז צום לייב דעם פּריציש גלאַטן
ווי אַלפאָנסן טוען אויס אין גאַס א זונה
ווען באַהאַלט דאָס געלט, וואָס זי געקריגן פון איר קונה —
ווי אַלפאָנסן שטיינערנע מיט בלוטיקע קראַ=
וואַטן ?

ווען
וועלן
אַלע אונדזערע שיינע הונדערט טויזנט פינף
אויטאָס, וואָס ווי עלעגאַנטע, פעטע הינט שפּאַצירן,
פירן כאָטש איין טאָג בלויז שמשורעס און דעם טינוף
פון די אָרעמע קוואַרטאַלן, שמשורעס בלויז אין טינוף
פירן ?

ווען
וועלן
שוין די אָקסן, קי און שאָף, וואָס קומען מיט די באַנען,
ווילד באַווייזן זיך בשעת דעם עסן אין די רעסטאָראַנען,
נעמען אויף די הערנער אַלע ווייסע טעלער,
שטייפע קלאָרע העמדער
פון די געסט און איידלע קעלנער, וואָס זיי מאַכן,
שטאָט א גרויסן
שם דיר?

ווען
וועלן
צו די גאַסנקינדער — תמיד אויף א זייט מיט אויג
און קעפּל —
פאַלן רייף אין האַנט אַריין די גאַסנלאָמפּן ווי די עפּל
און זיי וועלן טראָגן זיי אַזוי ביז נאַכט, זיך
קינדיש פרייען,
פרייען ?

מיינע נייע לידער

פארטאָג, אזוי ווי גלאָז דורך דימענט־שטיין, אין סאמע מיטן
איך האָב דערפילט מיין שלאָף צעשניטן
פון פויגלישן געצווישטשער שארפן, קלאָרן,
דאָס אויער צוגעלייגט — און כ׳האָב דערהערט אין אים
די קילע שטים
פון מיינע הייסע, צייטיקע געזאנגען:
„שוין צייט צו שניידן — אוים מיטן געוויטער!
מיט פעסטער האנט אונדז בינדן, פאָרן,
ווי ס׳טוט דער שניטער
ביים זאמלען אין איין סנאָפ די רייפע זאנגען".

די אויגן האָב איך דעמאָלט מער נאָך צוגעשלאָסן,
געמאכט מיך, אז איך בין אין דרימל פון גן־עדן,
עס האָט מיין אָנשטעל שרעקלעך זיי פארדראָסן...
נאָר איך האָב מיך געווענדט פון ליד צו ליד,
געפרווט אזוי זיי איבעררײדן:
— איר ווייסט, ווי טייער איז מיר, וואָס איר זינגט און פליט,
און דאָך פאר מיין געמיט,
פאר מיין געהער
איז דאָס געזאנג פון מאָרגן־וואלד אליין פיל מער
פון דיר, מיין ליד,
וואָס אויך צום היגן וואלד געהער —
צום היגן וואלד און היגער ערד,
וואָס לערנען פונדאָסניי מיך זינגען לידער...

ווי פייגל, וואָס א ווארף זיך טוען אלע צו דער נידער,
זיי האָבן איבער מיר באלד אויפגעפלאטערט
און ממש מיך פארפייניקט און פארמאטערט:
— אָ, טרייב נישט, דיכטער, דיינע לידער!
דו האָסט באשאפן אונדז אין גרויסע ליידן.
דערפאר מיר זענען אפשר צו באשיידן,

מיר ווייסן אָבער: האָסט געבוירן אונדז, איז אונדז געגעבן
אונטער אָט דעם נייעם הימל שוועבן —
איבער אָט דעם נייעם הויכן לעבן...

דו האָסט געבוירן אונדז אין גרויסן קלעם,
דערפאַר פאַר אונדז א נאָמען נעם,
א נאָמען גיב, וואָס ער זאָל אונדז באַפליגלען
צו פליען מיטן כוח פונעם שם
פון אייגן לאַנד מיט ליכט פאַר גאָר דער וועלט אויף זייגע הימלען
דאָ האָבן זיך די ביימער אויסגעשטראַלט —
די שלאַנקע ביימער מיט דער שיין פון זון=אויפגאַנג אין וואַלד
און איך — א קינד נאָך פונעם שווערן נעכטן,
וואָס וואַרעמט אין די שטראַלן פון מיין היינט
די פיין געפּרוווטע גלידער. —

איך האָב פון זיך אַרויסגערעדט דעם ווייטיק דעם געדעכטן,
כדי דערהייבן אים פון טיפער נידער.
צעשריען האָבן זיך די פייגל — מיינע לידער,
נצחונדיק צעפלאַטערט איבער מיר זיך ווידער.
איז מיר געבליבן זיי מיין ברכה געבן
און בענטשן זייער פריידיק שוועבן.

מ אָ ס ק וו ע.

פון דער פאַריזער „נייע פּרעסע“, אפּריל 1958.

פּאָעם ציקל „רוסישער וואַלד"

(1955)

ניט אַנדערש...

ניט אַנדערש נאָר אַ גליק פאַר מיר דאָס קינד —
דאָס פרעמדע קינד, וואָס כ'טרעף עס דאָ אין פּאַרק.
שוואַרצהויטיק, אויסגעקושט פון זון און ווינט,
איז אים דאָס צאַנדיקע האַרבסט־ליכט קאַרג.

כ'בין גרייט אים געבן אויך אַוועק אַ טייל
פון חלק מיינעם זון און ווינט און לופט.
אָ, שפּאַניש טונקל־ליכטיק קינד, עס רופט
צו דיר מיין טרויעריק געמיט: אוי הייל

מיין קראַנקן גייסט, וואָס איז אַזוי באַשווערט,
וויש אויס זיין שויב פון דרימל, אייז און טרער,
קער אום צו אים זיין שמייכל צו דער ערד,
די ניט געפעלשטע שיין פון שאַרפער שווערד...

ליב קינד! אין צופלוס פון באַנייטער קראַפט
איך פיל אויך, שפּיר דיין רווישיק־זיסע זאַפט.

אויך דער רעגן

1

אויך דער רעגן פרייט א דאָ מיך וויפל מאָל איך אים באגעגן
איך דערמאן מיך עפּעס אין דעם נאסן זאק אויף פּלייצע
פון דעם ערדיש שטומען פויער אויף די אָסיען־וועגן
פון מיין קינדהייט...

כ׳שטעל מיך אויף און ביי דעם רעגן כ׳פרעג אן עצה:
וויאזוי אומקערן זיך צו יענער בלינדהייט
פון די קינדער־יאָרן
און צו יענעם פרי־בליק טיף־טיף קלאָרן?

2

וויפל רחבות פארן רעגן
איז פאראַן דאָ אויף די וועגן!
אָפּטמאָל דאכט מיר, אין די היגע שטילע דערפלעך־גאסן
קומט דער רעגן, ווי דער קונצנמאכער, שפּרינגען, שפּאסן,
גייט אויף זיינע הימל־קלעטער־שטאָלצן הויכע, דינע,
טרייבט ארום די גענדז, די קאטשקעס און די הינער.
צוואָגט דעם הונט פאר רייסן זיך פון שטריק, דעם שוטה,
יאָגט אראָפּ פון דאך אן איינגעשפּארטע ציג, א רויטע.
פּלוצעם בלייבט ער שטיין און ווערט אן אינו רואה...
בעסער אָבער קוקט און זייט אייך נאָר ניט טועה.
זעט, ער זיצט און ריט זיך פּשוט אוים
אויף דער העכסטער סאָסנע, ווי ביי זיך אין הויז...

3

רעגן.
רעגן.
רעגן.
כ'ווייס ניט צי ער זיפט זיך, גייט צי שוועבט.
כ'מיין גאָר גיכער, אז ער וועבט...
ר'האָט זיין וועב־שטול דאָ אין פעלד אוועקגעשטעלט
און פארמעסט זיך אויף דער גאָרער וועלט.
יעדעס מאָל נאָר ער די פעדעם רייסט, פארלירט
און ווי ביי די וועבער פירט זיך, פירט,
שטעלט ער אויף זיך, כאפט דעם פאָדעם און פארקניפט
צוריק —
שפינט אריין די קנופן אין מאטעריע־שטיק.
רעגן.
רעגן.
רעגן,
הייגט אויף אלע מיינע שטעגן —
אויף דער וועב־שטול־לייוונט פונעם רעגן
זע איך יעדן רים און יעדן קנופ אין די געוועבן
פון מיין אייגן לעבן...

ווידער שיין איז

ווידער שיין איז און די הארבסט־זון הארציק זאלבט
די געמישטעביימער גרין און געל אויף האלב,
גלייך זי האָט דערביי איר אייגענעם געדאנק

אויף דעם רייכן וועלקונגס־יום־טוב דאָ, אין וואלד,
נאָר די פארב אליין אָרקעסטרירט שאלט
אויף א מעש מיט וייכן סאמעטענם קלאנג.

וואָס פאר טיפע, שטילע, דענקערישע רו!
יעדער פאל פון קלענסטן בלעטל לייגט זיך צו
צו דעם גרויסן חשבון, וואָס עס פירט זיך דאָ.

זע, דער וואלד — פון זיך אליין פארגאפט —
זאמלט איצט זיין גאנצע שײנע וועלקונגס־קראפט
פאר דער טראגיש־לעצטער שטורעמדיקער שעה...

זבארזשעריאדע

צוועלף מאָל האָט אויסגעקלונגען,
ווי א זייגער דער טראַטואר
גייט אהיים א גאס־לאמטערן,
קען ער ניט די טיר געפונען.
לייגט ער צו די האנט צום שטערן:
— „בין איך נאָך ביים קלאָרן זינען.
אָדער האלט מיך ווער צום נאר?“

פון דער נאכט שווימט אים אקעגן
שווארצער פראק מיט א ציגייער:
— „אנטשולדיקונג! א ביסל פייער!
— „ביטע!“ טרוקן איז דער גאָרגל
און אין קעשענע קיין דרייער...
און ער מאכט א רעווערענץ.
— „ווערוול זבארזשער ערנקראנץ“.

און געאָרעמט קאטשען זיך
קאלעא וואקארעשט, דודעשט. *
פארביק ווי א רעגן־בויגן,
ברענען זייערע קרעטשמע־אויגן:
** „Of, drăguță unde ești?“

---

* צוויי יידישע קווארטאלן אין בוקארעשט.
** אך, געליבטע וווּ ביסטו?

אויף א פעסל רייטנדיק,
פאָרט אהיים א לידל־זינגער,
זיבעציק א האָר נישט יינגער.
מיט זיין שמוציק־רויטן טיכל,
בינט ער צו דער נאַכט א קאָרע. *
דורך צוויי בלאָע קילע ברילן,
זינגט א יונגער דיכטער ניכטער
צי דעם רויטן פאס א אָדע.

מיטן פנים צו דער ערד.
כראָפּעט שוין דער גאס־לאמטערן
קלאפט דער זייגער צוויי און דריי,
טאנצט די נאכט — א קוימען־קערער
מיט א גראָבן פּאָליציי,
בייטן יעדעס מאָל די היטלער
און זיי טאנצן פון דאָס ניי.

פון דער נאכט שפּרינגט זיי אקעגן
א צעבראָכענער צילינדער:
„נעמט אריין און ראָד מיך, קינדער,
הערט זיך צו צום רבינס וואונדער!
זעעוודיק איז שוין דער בלינדער,
און דער קרומער קען שוין גיין.
כניאָקעס, באָקעס, קוגל־עולם
אויף צוויי פּאות הענגט מיין גולם,

צאפּלט אין דער לופט דער קילער.
הוזק־שפּיל, און פּורים־שפּילער,
פּלעדער־מייז, און קהלס בעלי־טובות,
ס'ווערט געמקלט און געהובלט
ווי אין מקל נועם... מקל... חובות...“

* אן עק.

און ער מאכט א רעוועראַנץ:

. . . .
. . . .

וועלוול זבארושער ערגקראַנץ".

גאָלדפאַדניאַדע

יאס.
ווייסער שניי אויף מארק און גאס —
פרישע שטיקער ווייסער קעז.
אויף א טעלעגראַפן־סלופּ
שפּאַנט א שאָלטיקל און זינגט:
— „הייסע באַבקאַלעך, יידאַלעך, הייס!"

העגדום פעגדום יידן צוויי
לויפן, קלאַפּן זיך צוזאַמען —
טראַך! אין טאַטן און דער מאַמען!
מאָדנע קללות אלערליי,
אין ווייסן פערז און האַלב אין גראַמען.
א פייג אַהין, א פייג אַהער
נא דיר נטע! נא, אוורעמל!
קרייט דער שאָלטיק אויפן סלופּ
— „הורא ביידע קוני לעמל!".

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
לויפן קינדער מיט געשריי:
אָטאָ גייט ער, אָטאָ גייט ער!

שמענדריק, חברה — א טרומייטער
האלט ער אין דער רעכטער האנט,
און א פייקל אין דער צווייטער.

שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען
גאָדלען, דראטוועס אין די העגט,
גייען פאָרויס און זיי זינגען:
„ווײנט און קלאָגט איר, ציאָנס טעכטער!
טאנצט בר־כוכבא אויף א שטריק.
האָצמאך, אין א טערקיש מיצל...
— בראוואָ! בים! און א געלעכטער.
אויפן שילהויף, דורכן פענצטער,
קוקט ארויס דער אלטער רב:
— „גאָטעניו, אזא מין שטראָף!
אין א פראָסטן ערב מיטוואָך
חברה־לצים, פורים־שפילער...„
טאבאקע א שמעק... האפּציו...
פאלט אראָפּ א זיפץ א שטילער.
— „שוין פארפאלן היינט דער שלאָף“

אויף א בעזעם רייט קאָלדוניא,
אין דער האנט, א לאנגע בייטש
פאר איר ציט זיך אויס א שאָטן
חצי חסיד, חצי דייטש:
— „ס'שטייט געשריבן, אז „לא תחמוד“.
און איך וויים נאָך ניט דעם טייטש“.

טייטשט קאָלדוניא מיטן פינגער
טאנצט דער שטריימל, דער צילינדער,
ברומט דער אלטער פאָליציי;
— „קינדער, האָצמאך איז א בלינדער“
— „קינדער, האָצמאך איז א גוטער!“
— „קינדער, האָצמאך איז א שלעכטער,
„ר'האָט קיין גראָשן ניט ביים פופיק

פאר די זיבן מיאוסע טעכטער".
פליט א דאַשיק אין דער הויך:
— בראוואָ! בים! און א געלעכטער.

פלוצים — אלע אויף די קני.
אין א בלאָען שטערן־קלייד,
גייט שולמית הויך און בלייך,
ווי די מאמע רחל גייט
אין דער האַנט א זיידן שטריקל
(ס'ציטערט איר שווארצע ברעם)
זי פירט דאָס גאָלדענע ציגאלע
איבערן ווייסן שניי אהיים...

גייט שולמית אויף צופריר,
און דער מאסקאראד נאָך איר,
ביז זיי קומען צו א טויער,
ביז זיי קומען צו א טיר.
א פראָזשעקטאָר פאלט — א צווייטער...
און א דריטער — ווייטער, ווייטער...
פארביק בליצט א שילד ארוים:
„פאָמול ווערדע" — „גרינער בוים" —
וויג פון יידישן טעאטער.

בראָדער־זינגער

כ'בין ארויפגעשפרונגען אויפן וואָגן פון די „בראָדערזינגער"·
און מיט זיי א מהלך־וועג אָפגעפאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך הונגער.

דעם אמת געזאָגט, ס'איז מיר געווען גרינגער
מיט אָט די ערשטע פרייל'עכע יידישע אקטיאָרן,
פאר די פעלדער זינגען פייגל. די גרילן — פארן קאָרן,
און פאר די יידן זינגען מיר — די בראָדער־זינגער.

אין יידישע אכסניות, אין קרעטשמעס ביי די וועגן,
הארבסט־צייט, ווען אין די לאָדנס פויקט דער רעגן
שטעלן מיר זיך אָפּ כדי צו זינגען און צו זאָגן.

ביי לאנגע הילצערנע טישן זיצן פראָסטע יידן און זיי הערן
אָט זיפצן זיי פארזאָרגטע און אָט לאכן זיי מיט טרערן,
אינדרויסן אויפן רעגן ווארט אויף אונדז דער וואָגן.

אָקטאָבער־באלאדע

ציטערט אויף א קאָפּ ביים פענצטער
און צען הארטע פינגער קלאַפּן
„העי, געגנוג דאָרט אין דער פינסטער
איפן פוילן שטרוי צו כראָפּן
רוסלאנד פיבערט אוים א פרילינג,
קומט ארוים דעם פרילינג הערן!
אמת, ס'פאלן געלע בלעטער,
אָבער ס'בליען רויטע שטערן".

אין דער שווארצער טונקלער חורבה
ציטערט אויף א באָרד א ווייסע:
„רויטע שטערן, זאָגסטו, בליען —
גיי, די שקרן, ס'איז א מעשה.

רויטע שטערן זענען חלום,
געלע בלעטער זענען וואָר.
האָסט מיין ווייסע באָרד דערשראָקן,
גיי צו אלדי שווארצע יאָר!"

שטייט דער קאָפ ביים צווייטן פענצטער
און צוויי הארטע פויסטן קלאפן:
„העי, געגנוג דאָרט פון דער פינסטער
אויפן פוילן שטרוי, כראָפּן."

שפרינגט א יונג אין זיין געלעגער.
„פרילינג, זאָגסטו, אין אָקטאָבער
איבער אונדזער ווייסן לאנד...
רויטע שטערן... אמת... אמת... אמת...
און ער כאפט די ביקס פון וואנט.

שטייען צוויי ביים דריטן פענצטער
און פיר הארטע פויסטן קלאפן
„העי, געגנג דאָרט אין דער פינצטער
אויפן פוילן שטרוי כראָפּן.
רוסלאנד פיבערט אויס א פרילינג,
קומט ארויס דעם פרילינג הערן!
אמת, ס'פאלן געלע בלעטער,
אָבער ס'בליען רויטע שטערן".

צען און הונדערט סילועטן
שפאנען אויפן שווארצן שליאך.
ס'פרעסט דער הונגער זייער דערפל,
און דער טרויער זייער דאך.
ווייסע מאמעס אויף די שוועלן —
שווארצע וויזיעס פון דער נויט
נאָר די ביקס הענגט אויפן אקסל
און דער שטערן פיבערט רויט..

טונקל פארבן זיך די פעלדער.
טונקל פארבן זיך די וועגן.
פלאטערט זיי א שווארצער פויגל,
ווי א וואָרענונג אקעגן.
ווייזן זיי: ס'איז דער טרויער
פון דעם רוסיש־ברייטן סטעפּ.

ווערן זייערע אויגן טונקל
און געבויגענע די קעפּ.
העי, דו פויגל, שווארצער פויגל,
דו דערמאנסט אונדז אונדזער היים
מיטן קלויסטער דעם גרינעם,
און די שטיבאלער פון ליים,
אָן דו שוועסטערלעך די קליינע
מיט די ווייסע פלאקסן־צעפּ,
וועלכע ווייגען מיטן אָוונט
איבער אונדזער ברייטן סטעפּ.

פלאקערט רויטער אויף דער שטערן,
ווערט דער שווארצער פויגל רויט.
זינגען זיינע ברייטע פליגל:
„העי, נצחון, אָדער טויט!"
הונדערט שארפע מאסקעס שוועבן
דורך דער טיפער נאכט פארביי,
און די דערנער ווערן ביקסן,
און די כמארעס ווערן בליי.

„העי, דו פויגל, רויטערפויגל,
העי, די פויגל פלי געשווינד,
פלי, אדורך אונדזער דערפל —
דו און דער אָקטאָבער ווינט.
ס'איז א חלום אויפגעגאנגען
איבער אונדזער ווייסן לאנד,
און מיר נייען אים דערגרייכן
מיט די ביקסן אין דער האנט.

יאס

דו, אלטע שטאָט, מיט ווינקליק־קרומע גאסן.
אין דיינע פענצטער בליט דער אָוונט אויף מיט טויזנט פארבן,
איך וואנדער אום אליין און ס'שפּיגען זיך דמיונות,
וואָס בליען, ווי די זונען־בלעטער און זיי שטארבן,
און ס'קלינגען מיינע טריט מיט מידע עכאָס אויף די שטיינער
און קיינער שמייכלט צו דעם אָוונט, קיינער.

ביים אָפענעם פענצטער זיצט א מיידל
און זינגט: „איך האָב אויף דיר אזויפיל געוואַרט"
און ס'צאפּלט איר נשמה מיטן ריטם פון די אָוונט כמארעס.
„צו האָסטו מיך, ליובינקער געגארט?"
און ס'ברענען אירע אויגן שווארץ, פארקלערט און מיד
און ס'שפּילט דער אָוונט־ווינט מיט טרוים און ליד.

פון דער שטילער אָוונטיקער מיידל בענקשאַפט
אָטעמט צו מיר מיין מאמעס טרויער.
איבער מיר ווערט דאָס פענצטער בלאסער,
און אונטער מיר דער אָוונט טונקל־גרויער
און שאָטנס וועבן זיך, וויגן זיך, און שפּיגען
דעם צער, וואָס וויינט נאָך פארלוירענע זונען.

און אין דער טונקל וועבן זיך געשטאלטן,
וואָס האָבן דעם גאסן־שטויב אויף זיך געטראָגן
הונגעריק, בלייך און פריילעך — נאכט וואגאנטן
מיט ווינט אין די האָר און הונגעריקן מאָגן,
און איינער הייבט דעם כוס און הויבט אָן זינגען —
ווי בלאָע אָוונט־גלעקער זיינע לידער קלינגען.

דער זבארזשעוווער וועלוול — כ'האָב אים באַלד דערקאַנט
אָן זײַנע לעבעדיקע גרויסע אויגן.
אין דעם שטויביק־טונקעל־גרינעם פראַק,
דעם קאָפּ וויל־יינגליש אויף אַ זייט געבויגן —
„קום נאָר אהער דו פילאָסאָף!" און ער לאַכט
שכור פון שטערן, ווייַן, ווינט, און נאַכט.

און ווייטער געוואַנדערט... און אין דער ווייט.
ווערן די געשטאַלטן ווי רויך צערינען.
אַ גאַסלאַמטערן ציטערט פאַרן אויג,
וואָס הוידעט שאָטנס און וואַרפט זיי טיף אין ברונען,
וואָס שטייט אַקעגן מאַכיק, טונקל־גראָ,
און שפּינט געשפּענטיש אויס אַ וואַנדער־קראָ.

דו אַלטע שטאָט, מיט ווינקליק־קרומע גאַסן.
פון דײַנע פענצטער שטראָמט אַ זיס דערמאַנען.
דאָ האָט געבליט טרובאַדורן־ליד און לייד
און ס'בליִען נאָך זכרונות, וועלכע וויאַגען
אין יעדן פענצטער, וואָס ברענט אין בלייכן שײַן
און וויגט דעם וואַנדערער מיט בענקשאַפט אײַן.

די באַלאַדע פון ווײַסן ברויט

שטייען מאַמעס אין צעריסענע שאַלן
אויף טונקלע אָוונטיקע שוועלן.
בלייכע געזיכטער. פאַרלאָשענע פינגער.
דרייצן אַפּאָסטאָלן פון דעם הונגער.

צינדט דער אָוונט איבער זייערע קעפּ
די לבנה אָן, ווי א ברויט א ווייס.
שטרעקן די מאַמעס פאַרלאַטעטע הענט.
טרויעריק צום ווייסן ברויט געווענדט.

„הייליק ברויט פאַל אין אונדזער שוים!
הייליק ווייצן־ברויט, לייז אונדז אויס!

דער הונגער קנעט אין אונדזערע בעטן
פון אונדזערע קינדער נאַכט־סקעלעטן“.

פלאַטערט לבנה איבער אַלע פענצטער,
איבער קינדער־קעפּ, איבער נאַכט — געשפּענסטער.

שמייכלען ביים שיין פון ווייסן ברויט
די קינדער און שטאַרבן א גרינגען טויט.

פאַרברענט לבנה אין טייך אירע שטראַלן
לבנה, וועט פונעם הימל נישט פאַלן.

שטייען מאַמעס אויף שוועלן געבויגן
אין צעריסענע שאַלן מיט פאַרלאָשענע אויגן.

און זעצן זיך שבעה נאָך א יונגן טויט
און זעצן זיך שבעה נאָכן ווייסן ברויט.

שטילער אָוונט טונקלגאָלד

שטילער אָוונט טונקלגאָלד.
איך זיץ ביים גלעזל וויין.
וואָס איז געוואָרן פון מיין טאָג ?
א שאָטן און א שיין.
זאָל כאָטש א רגע טונקלגאָלד
אין מיין ליד אריין.

שטילער אָוונט טונקלגאָלד
אן אלטער גרויער ייד —
דאוונט פרום אַוועק דעם שטויב
פונעם יאָר=יאריד.
זאָל כאָטש א מורמל פון דעם ייד
אריין צו מיר אין ליד.

שטילער אָוונט טונקלגאָלד
ווינט, — וועלט אויס, וועלט איין
דער טרויער וואָס געוועזן וואר
שלאָפט ווי א הינדל איין.
זאָל כאָטש אן אָטעם פון זיין שלאָף
אין ליד צו מיר אריין.

שטילער אָוונט טונקלגאָלד
א זוניק=פויגל פליט
די פליגל זיינע — גראָ און גאָלד
אוועק און, „גאָט באהיט“
זאָל כאָטש א ציטער פון זיין פלי
אריין צו מיר אין ליד.

שטילער אָוונט טונקלגאָלד
ווינט און וועג און וויין
וואָס איז געוואָרן פון מיין טאָג?
א שאָטן און א שיין
זאָל כאָטש א רגע טונקלגאָלד
אין מיין ליד אריין.

זייי עקסצעלענץ מיין טאטע

אָט שטייסטו פאר מיר אין דער האנט דעם כוס מיט וויין,
און זינגסט מיר אָפּ דיין לעבן אין וואונדערליכע גראמען,
דו באדויערסט דעם פריען טויט פון דער מאמען.
דער אָוונט ביי דער שויב האלט דעם אָוונט איין.

ארום דיין קאָפּ גייט אויף א הייליקער שיין
וואָלסטו אים געזען, וואָלסטו אים גענומען „אויפן זיכער“
ווי מיך, מיינע חלומות אין אלע מיינע ביכער,
און צום סוף אים געגעבן אין טאטנס טאטן אריין.

יאָ, עקסצעלענץ, דו גוטער אלטער שניידער־מייסטער
איך באשווער דאָ אין דער פרעמד אלע גוטע גייסטער,
צו היטן און באהיטן דיינע מידע טריט...

און כאָטש איך בין „א לייט“, נאָר פון די „אָרעמעלייט“,
ווי די האָסט מיר אויף דייטשמעריש „פראָפעצייט“
נעמט דיך מיין ליד אין ווייטע צייטן מיט.

צייט־באלאדע

אין מיטן וועג א קינד א טויטס,
א מיידעלע מיט בלאָנדע האָר
נאָך פינעף וואָכן אָדער זעקס —
וואָלט עס געוואָרן זיבן יאָר.
דער מארשאל גערינג שפילט זיך מיט זיין קינד.

די מאמע שטייט אין מיטן וועג,
און ברעכט די בלייכע דארע הענט,
זי האָט געזען די שטאָט פארוויסט,
זי האָט געזען די היים פארברענט.
דער מארשאל גערינג שפילט זיך מיט זיין קינד.

און פורלער שלעפן זיך פארביי
מיט האק און פאק אויף נע־ונד,
וואָגלער זענען אלע די,
וואָס האָבן ערשט א היים געהאט.
דער מארשאל גערינג שפילט זיך מיט זיין קינד.

דער פויער האָט פארלאָזט דאָס דאָרף,
דער שטאָט־מענטש האָט פארלאָזט די שטאָט,
ווער מיט אקס און ווער צו פוס
וואנדער איצט אויף גאָטס בארעט.
דער מארשאל גערינג שפילט זיך מיט זיין קינד.

די מאמע שטייט אין מיטן וועג:
גיין און גיין, זי וועט נישט גיין.
ווי לאָזט מען דאָס אין מיטן וועג
דאָס שלאָפנדיקע קינד אליין?
דער מארשאל גערינג שפילט זיך מיט זיין קינד.

זי זעצט זיך לעבן טויטן קינד
פאַרוויקלט אין איר גראָער שאַל.
די האַרבסט־לבנה איבערן וואַלד —
א גרויסע זילבערנע מעדאַל.
דער מאַרשאַל געהרינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

דער מאַרשאַל זינגט: „מיין טעכטערל,
דיין טאַטע איז א בלאָנדער בער"
און פאַר זיין פענצטער טראָט ביי טראָט
מאַרשירט דאָס ברוינע מיליטער.
דער מאַרשאַל געהרינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

די מאַמע זינגט: „מיין טעכטערל,
מיין גאָלד, מיין קרוין און מיין פאַרמעג,
דיין מאַמע איז א ווערבע איצט
וואָס טרויערט דאָ אין מיטן וועג".
דער מאַרשאַל געהרינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

און ווי א ווערבע רוישט זי שטיל
איר טרויער איבער איר טויטן קינד,
מיט אירע שוואַרצע צעלאָזטע האָר
שפּילט זיך דער סעפּטעמבער ווינט.
דער מאַרשאַל געהרינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

דער מאַרשאַל זינגט: „מיין טעכטערל,
דיין טאַטע איז א פעלד־מאַרשאַל"
די האַרבסט לבנה אויף זיין ברוסט
בליצט — א זילבערנער מעדאַל.
דער מאַרשאַל געהרינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

די מאמע זינגט: „מיין טעכטערל,
מיין קינד, מיין פארלאָשן קינד,
דיין מאמע איז א סאָזע איצט
וואָס קלאָגט איר ווייטיק פארןווינט“.
דער מארשאַל גערינג שפּילט זיך מיט זיין קינד.

. . . . , ...

דאָס דאָזיקע ליד האָב איך פארטראַכט
אין לאָנדאָן אין א האָספּיטאל,
דאָס ליד פון דעם טויטן קינד אין וועג
און פון דעם פעטן פעלד־מארשאַל
וואָס טויט, און שפּילט זיך מיט זיין קינד.

היידל, דידל, דאם

לאָמיר זינגען דאָס שיינע ליד
היידל, דידל, דאם —
פליט די גאָלדענע פאווע
איבערן שווארצן ים.
און טראָגט א ליבע־בריוועלע,
פאר דעם רבינו תם,
פאר דעם רבינו תם.

ווער האָט געשריבן דאָס בריוועלע?
היידל, דידל, דיי —
געשריבן האָט דאָס בריוועלע
די מלכה פון טערקיי.

געשריבן עס מיט רויטע טינט
און פארחתמעט עס געשווינד
מיט הייסע טרערן דריי,
מיט הייסע טרערן דריי.

וואָס שטייט געשריבן אין בריוועלע?
הײדל, דידל, דו —
„ראבי אַ איך ליבע דיך,
וואָסזשע שווייגסטו, נו?
איך עסע ניש און טרינקע ניש
און ווער צעזעצט פון בענקעניש

און האבע נישט קיין רו
און האבע נישט קיין רו.
וואָסזשע טוט רבינו תם?
הײדל, דידל דע —
ער קראצט די פאות און די באָרד
און מאכט דריי מאָל „פע“

און דאָס ציגעלע אין שטאל
ס'הייליקע ציגעלע אין שטאל,
העלפט אים אונטער „מע“
העלפט אים אונטער „מע“.

נו און זי, די רביצן?
הײדל, דידל, דו —
זי קלאפט אים מיטן וואלגערהאלץ
און זאָגט צו אים אזוי:
„שיקסעס ליגן דיר אין זין
נו און יאך, און יאך ווו בין?
דיין היים געליבטע פרוי,
דיין היים געליבטע פרוי.

טרעפֿט ווער ס'האָט דאָס ליד געמאַכט
היידל, דידל, דאַם —
אַ שניידער־יונג האָט עס געמאַכט
צו להכעיס דעם רבינו תּם
שבת צווישן טאָג און נאַכט
און ס'האָט אַ לץ אַריינגעלאַכט
אַקוראַט צום גראַם.
אַקוראַט צום גראַם.

מ א י ר ד י ס פ ל ע ד

דער זיג

(פראגמענט)

צווישן בערג, אין טאָל, נישט ווײַט פון וועלדער, און אינדערמיט פון שפּעדיקע פעלדער האָט זיך אויסגעשפּרייט א שטעטל.

פון מזרח־זייט האָט זיך געשלענגלט א שטראָז וואָס האָט זיך געצויגן העט ווייט אין וואלד אריין און דאָרט פארשווינדן גע־וואָרן צווישן די שטאָלצע ביימער וואָס האָבן געמאַכט חנדעלער דער זון, שאָקלענדיק זיך אהין און אהער דאנקענדיק איר פאר דעם גרויסן חסד וואָס זי האָט געטון מיט זיי שיקנדיק אירע שטראלן, וועלכע האָבן זיי אויפגעלעבט פון זייער צייט־ווייליקן ווינטערדיקן שלאָף. אינעם טיפן וואלד האָט זיך געהערט ווען און ווען א קראַד. דאָרט איז אומגעפאלן א בוים אונטער די קלעפּ פון די העק וואָס די פּויערים האָבן אים דערלאנגט. דאָס ווידער־קול וואָס האָט אָפּגעהילכט צווישן די ביימער, האָט אָנגעזאָגט דעם אומקום זייערן, וואָס וועט נישט לאנג פאר־שפּעטיקן.

פון יענער זייט וואלד האָט זיך געצויגן דער שליאך איבער־שפּאנענדיק איבער דערפלעך, וועלדלעך, וואסערלעך ביז העט ווייט צו די בערג און וועלדער.

פון מערב זייט בארג אראָפּ איז געשטאנען דאָס באָד. פון דאָרטן ביז גאָענץ צום סערעט* זענען געווען אָנגעוואָרפן שטיב־לעך, בעראקעס, ווו די אייזנבאן־ארבעטער האָבן געוווינט. דאָ זענען געווען א סך זומפּן ווו די אומגעהויערע מאסע פון פלי־געלעך פלעגן פארשפּרייטן אלערליי קרענק, איבערהויפּט פיבער. די איינוווינער פון דער געגנט האָבן נישט נאָר איינמאָל געפילט דעם טעם פון די בייזוויליקע וואסערן וואָס האָבן פארפלייצט זייער אָרעם באלעבאטישקייט.

אינעם שטעטל האָט אויך געלעבט אן עדה יידן, באלמעלאָכעס; שוסטערס, שניידערס, קיזשנערס, רימערס, זייגערמאכערס, סטאָ־

* סערעט — א טייך אין מאָלדאָווע.

ליערם, סטעלמאכערס, האָלץ־העקערס, באַלעגאָלעס און וואסער־
פירערס, מוזיקאנטן, סוחרים און סוחרימלעך, באנקירן און ארענ־
דאטאָרס, שילן מיטן גאנצן כלי־קודש דהיינו; א רב מיט שוחטים
ד יינים, גבאים, שמשים, א באָד און א בית־עולם.

אינעם רעבנס הויף; א שיינער בנין מיט א סך חדרים, וועלכע א
טייל פון זיי זענען געווען געבויט אין פאָרם פון א „חית", איז אין
קלויז וואָס איז געווען אויסגעמאָלט אויף א פרימיטיוון אופן פאר־
שיידענע חיות און מזלות—געזעסן אן אלטער „יושב" וועלכער איז
געקומען פון רוסלאנד, קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס ס'האָט
אים באַוויגן, אז ער זאָל אהער קומען, און איינער אליין אָפ־
זיצן זיינע לעצטע פאַר יאָר, דאָ צווישן די פיר ווענט פונעם
בית־המדרש און אריינקוקן אין די קליינינקע אותיות און געפונען
אין זיי אן אָנהאלט אין לעבן.

משהלע, — א יונג בחורל וואָס איז געזעסן אין קלויז אין
געלערנט מיט גרויס חשק, דעם שיעור גמרא, וועלכן ער האָט
געדארפט קענען אויסנווייניק, ביז דער פאָטער זיינער וועט זיך
אומקערן פונעם שליחות ווו דער רבי האָט אים געשיקט צונויף
זאמלען „מעמדות". — איז צוגעגאנגען מיט גרויס דרך־ארץ
צום אלטיטשקן און געזאָגט:

— ר'אליעזר, האָט נישט קיין פאריבל, ס'איז מיר דאָ עפעס
קשה.—און ער ווייזט אים מיטן פינגער, אין דער אויפגעעפנטער,
גמראָ די שורה ווו ס'הייבט זיך אָן די סוגיא.

— אנו לאָמיר זען, — רופט זיך אָן דער אלטער מיט א
שמייכעלע — ער אראנזשירט זיך דאָס טעוועלע וואָס האָט אים
געדינט פאר א דאשעק כדי צו פארשטעלן די הייסע זונען־
שטראלן פון די אויסגעמוטשעטע קראנקע אויגן, אויף וועלכן
ס'זענען געווען אויפגעשריבן, מיט בלאָע געדרוקטע אותיות:
„ראפינעריע און צוקער פאבריק, ראָמאן".

דער אלטיטשקער מאכט זיך צורעכט די ברילן און קוקט אריין
אין דער גמרא. משהלע באמערקט ווי שווער עס קומט אָן דעם
אלטיטשקן צו לייענען די דריבנע אותיות, וועלכע ווייזן פאר
אים אוים צו זיין איין אויסגוס, ער לאָזט זיך אָבער נישט, ביז
ער האָט נישט משהלען ארויסגעהאָלפן פון זיין גמרא־פלאָנטער.

משהלע איז געווען צופרידן און זיך געזעצט ווייטער לערנען.
בשעתן לערנען איז אים ארופגעקומען דער רעיון, „היתכן"
וויאזוי קען אזא מענטש ווי ר'אליעזר, וואָס איז דורכגעגאנגען אין
זיין לעבן, אזוי פיל ליידן און צרות, וועלכער גייט ארום קראנ־
קערהייט מיט 38 גראד היץ און שלאָפט אויף א טרוקענער

הארטער באַנק, וויאַזוי באַקומט זיך ביי אים דאָס אויסגעשריי „אבי געלעבט!“ מיט אַזאַ פרייד, מיט אַזאַ הנאה! די ווערטער „אבי געלעבט“ האָבן איבערגעריסן די שטילקייט פונעם קלויז, וואָס פלעגט ווען און ווען אָנגעפילט ווערן מיטן טרויעריקן גמרא־ניגון. פאַר אים שטייט נאָך לעבעדיק דאָס בילד, ווען מען האָט געבראַכט דעם אַלטן אין קלויז אַריין, אַן אויסגעמאַטערטן מיט אַ צעבראָכענעם פוס, און אָט וואָס ס'איז געשען; דער גביר פיליפּ, אָדער וויאַזוי דער אַלטער האָט אים גערופן „פיליפּ“, האָט צוגעזאָגט אין קלויז „תיקון“, דער גביר דער שטאָט־עושר, האָט אָבער נישט געוואָלט איינהאַלטן דאָס וואָרט און אַז ר'אליעזר איז געקומען מאָנען, האָט ער אַליין אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן. פאַר ר'אליעזר איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. ראשית האָט טאַקע דאָס ביסל בראָנפן אויסגעפעלט אים, ר'אליעזרן, גאַנצע טעג פאַרבלאַנקעט, נישט געגעסן, פלעגט ער זיך מיטן טראָפּן בראָנפן מחיה זיין. האָט דער אַלטער זיך גענומען אין געדאַנק אַריין, אַז ער זאָל גיין צו דעם רשע מרושע אין אַ וואָכנמאַרק, דעמאָלט וועט ער מורא האָבן אַז ס'זאָל זי נישט אָפּטון די שפּע און ער וועט דערלאַנגען די פלאַש מיט י"ש אַן פּטור אַן עסק. צווייטנס וועט ער דעם פּאַסקודניאַק ראַטעווען פון אַן עבירה, און ער וועט זיך דערהאַלטן די נשמה. פאַר משהלעס אויגן טוט זיך נישט אָפּ דאָס בילד; אַ מאַרק פול מיט פויערים, מיט פערד און וועגעלעך, מיט אָקסן, מיט בעטלערס מיט קאַליקעס, וואָס בעטלען מיט יעמערלעכע קולות מען זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין און זיי שענקען אַ נדבה, ווייזנדיק דערביי זייערע אָפּגעהאַקטע פיס, אויסגעדרייטע הענט. אָט, צווישן דעם דאָזיקן הו הא, צווישן דעם דאָזיקן געטומל גייט דער אַלטער צו דעם פּאַסקודניאַק נאָכן תיקון, וועלכן ער האָט אַזוי פיל מאָל צוגעזאָגט, אָפּגענאַרט און נישט געגעבן און אָט, — זעט משהלע — ווי אַ וואָגן פון איין זייט, אַן אַנדערער פון דער אַנדערער זייט, פאָרן אַרויף אויף אים, אויף ר'אליעזרן, אויף זיינע פיס...

משהלע קוקט איצט מיט ליבשאַפט און מיט רחמנות אויפן אַלטיטשקן מיטן פאַרפאַרענעם דאַשעק וועלכער שטעקט צווישן זיין סאַמעטענעם קאַפּעלוטש און זיין צעאַקערטן הויכן שטערן, אַ דאַשעק, אויף וועלכן ס'שטייט אויפגעשריבן: „ראַפינעריע און צוקער פאַבריק, ראָמאַן“.

ראָמאַן, דאָס איז די שטאָט, וווּ דער אַלטער האָט באַקומען אַ פּאָר קוליעס אַ מתנה פונעם דאָרטיקן יידישן שפּיטאָל.

משהלע דערמאנט זיך אָן דער ערשטער רייזע, וואָס ער האָט געמאכט מיטן אלטן, פאָרנדיק אויף א בירזשע קיין ראָמאן אין שפיטאָל אריין. ער זעט די רחבותדיקע פעלדער וועלכע זענען פון ביידע זייטן פונעם שליאך, וואָס שיקן זייערע ריחות נאָענט צו זיינע נאָזלעכער און ער אָטעמט איין די לופט, וואָס איז פול מיט בשׂמים מיט אזא מין חשק, פשוט פארשכורט צו ווערן. די לופט האָט אים, משהלען געשלעפערט, ער האָט זיך אָבער איינגעהאלטן נישט צו שלאָפן מיט אלע זיינע כוחות, ער האָט געוואָלט אלץ זען. תמיד געווען צוגעקאָוועט צו דער קלויז, וווהין ער איז געקומען טאָג איין טאָג אויס דאַווענען און לערנען, איז ביי אים דאָס אלץ וואָס ער האָט געזען, געווען לויטער חדוש... דער קוטשער, א ייד, א דארער אן אויסגעטרוקנטער, וואָס פלעגט זיך אלץ קלאָגן אז עס טוען אים ווי די קריזשעס, האָט געהאלטן אין איין שעלטן די פריצים, יעדעס מאָל, ווען ער איז דורכגעפאָרן א שיינעם גאָרטן, וועלכער האָט ארומגערינגלט א פריציש הויז...

— וואָסזשע מיינט איר, — האָט ער געזאָגט — אז דאָס אלץ איז געוואקסן אויף זייער מיסט? דאָס איז די פויערימס, זייער בלוט און שווייס ליגט אין דעם. א רוח אין אלע פריצימס טאַטן אריין!

— מיר זענען שוין נישט ווייט פון ראָמאן. האָט געזאָגט דער קוטשער — מיר וועלן זיך אָפּשטעלן ביי ניקאָלאיעם קרעטשמע, איך וועל אָנפּאָיען די פערד און איך אליין וועל אויך נעמען א כוסעלע און איר וועט מסתּם מנחה דאַווענען... א נישט וועט מען אייך חלילה נישט אריינעמען אין שפיטאָל אריין... האָט ער געזאָגט מיט א סארקאסטיש־שמייכעלע.

אויפן גאנצן וועג האָט ר'אליעזער כמעט ווי געשוויגן, צי מחמת ער האָט געהאט גרויסע ווייטיקן, אָדער מחמת ער איז געווען פארטיפט אין געדאנקען און אפשר איז ער אויך אזוי ווי משהלע געווען פארשכורט פון דעם גרויסן כשוף־מאכער וואָס הייסט פרילינג. ער האָט פון צייט צו צייט אויסגערופן זיינע באליבטע צוויי ווערטער „אבי געלעבט“! „אבי געלעבט“! מיט אזוי פיל שׂמחה און מיט באגייסטערונג, ווי בשעת ער איז געווען פארטיפט אין זיין למוד.

כאָטש משהלע איז געווען פול מיט פחד איידער ער איז ארויסגעפאָרן צום ערשטן מאָל פון זיין שטעטל, ער האָט מורא געהאט פאר די פויערים ווייל ער האָט זיך אזויפיל אָנגעהערט מיט מעשׂיות און געשיכטעס אז ס'האָט אים אָנגעכאפּט א שרעק.

מיט דעם אלעמען האָט די ליבע זיינע צו ר'אליעזרן איבערגעוויגן, אז ער זאָל מיט אים מיטפאָרן. אויפן וועג, האָט ער דערזען פויערים וועלכע זענען געגאנגען אויף די סטעזשקעס צווישן שטראָז און פעלד, דאָס הערצל האָט אים אָנגעהויבן געוואלדיק צו קלאפן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אז אָט שטעלן זיי אָפּ די בירזשע* און קודם רייסן זיי אוים דעם אלטן די באָרד און דערנאָך — מי יודע וואָס ס'קען נאָך געשען? דאָס יינגל האָט זיין שוואך גופל צוגעטוליעט צום אלטן און האָט געזאָגט:

— ר' אליעזר, כ'האָב אזוי מורא! — דער אלטער, מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל און מיט זיין ליבלעך פנים האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און געזאָגט:

— שרעק דיך נישט משהלע! נישט פאר די דאָזיקע דארפסטו מורא האָבן. אין מיין לעבן האָב איך באגעגנט א סך, גאָר א סך, לייטישע פויערים. זיי זענען נעבעך אָרעמע און איבערגעשראָקענע מענטשן. זיי ליידן אויך, זיי זענען אומגליקלעכע.

משהלע איז אביסל רויקער געוואָרן. די שרעק איז אָבער פון אים נישט אָפּגעטרעטן. די דראָשקע איז אלץ נענטער צוגעקומען צום ראנד וווּ די פויערים שפאנען. משהלע קוקט מיט אומגעדולד מיט שרעק, ער וואָלט שוין געוואָלט דורכפאָרן די עטלעכע מעטער וואָס האָבן אים אויסגעוויזן ווי מיילן די לענג. אָט זענען זיי שוין טאַקע אײנער קעגן אנדערן. די אייגעלעך ביי אים ווערן גרעסער און ער קוקט גלייך צו זיי, צום קוטשער צו ר' אליעזרן. „דאָאמנע אזשוטע"** הערט ער, און די אלע שווארצע קאפעלוטשן, הויבן זיך און באגריסן מיט גרוים דרך ארץ ר' אליעזרן. דער אלטער ר' אליעזר ענטפערט זיי און ער לייגט אויך צו זיין האנט צו זיין שווארצן סאמעטענעם קאפעלוטש פון הינטער וועלכן ס'זעט זיך ארוים א טונקל=בלויע יארמעלקע.

משהלעם הערצל איז געקומען אויפן פלאץ, די מורא איז פון אים אוועק. אין זיין מוחל האָבן זיך געבאָמבלט פארשידענע מחשבות; וואָס=זשע הייסט דאָס — פרעגט ער זיך — די מעשיות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין די זומער אויפדערנאַכטן אונטער דער שיין פון דער לבנה, וואָס זיין חבר האָט דערציילט וועגן די גרוילן וואָס יידישע קינדער האָבן זיך אָנגעליטן, ווען זיי זענען אריינגעפאלן אין נישט יידישע הענט. זענען אָט די

* בירזשע — דראָשקע.

** דאָאמנע אזשוטע — גאָט העלף.

אלע מעשׂיות אויסגעטראכטע? לויטער שקרים? אפשר זענען נאָר אַט די עטלעכע פּויערים לייטישע מענטשן און די איבעריקע נישט? א סך ענלעכע פּאסירונגען זענען דורכגעפלויגן דורך זיין צעהיצט קעפּל. ער דערזעט פון דערווייטנס נאָך עטלעכע גרוי פּעס פּויערים, וועלכע גייען זיך גאנץ בניחותא, דאָס הערצל הייבט אים ווידער אָן צו קלאַפּן גיכער, ווידער טוליעט ער זיך צו צום אלטיטשקען, נישט ארויסרייינדנדיק קיין איינציק וואָרט.
ר'אליעזר האָט געגלעט דעם קינדס קעפּל און אים אויך א קנופּ געגעבן אין בעקל. ער האָט א זיפץ געגעבן און געזאָגט:
— וואָס איז מיט דיר משהלע? — כ'פיל, אז דו ביסט ווידער אומרויק.
— כ'זע דאָרטן — ענטפערט משהלע — צווישן די ביימער לעבן דעם ראנד פונעם וועג, פּויערים מיט העק, קאָסעס און לאָפּעטעס אויף די אַקסלען און כ'דערמאן זיך אָן די מעשׂיות וואָס כ'האָב מיך אָנגעהערט אין די בין השמשותן כ'קען מיך נישט איינהאלטן און נישט וויינען.
— שרעק דיך נישט — מאַכט דער אלטיטשקער — ס'וועט אונדז גאָרנישט געשען. בארויק דיך!
דער קוטשער האָט געגעבן א שמיץ די פערדלעך, זיך צוגעזונגען א וואָלעכישע דוינע, אויסגעמישט מיט עפּעס א חסידישן ניגון. די פערדלעך זענען געלאָפן, דאָס ווינטל האָט געגלעט משהלעס פּנימל און צעבלאָזן דעם אלטנס באָרד. די פערדלעך האָבן אָנגעהויבן צו גיין לאנגזאמער, וויל דער שטראָז האָט זיך געהויבן אלץ העכער. די רעדער האָבן זיך געדרייט אלץ פּאמעלעכער, משהלעס הארץ אלץ שנעלער און האסטיקער. די פּויערים האָבן זיך אלץ דערנעטערט. אז זיי האָבן די פאָרנדיקע באגעגנט האָבן זיי דעם אלטן נאָך פריינטלעכער באגריסט.

★

דאָס שטעטל איז גראָ, שווערע וואָלקנס האָבן זיך אויפסנייי אראָפּגעלאָזט, משהלעס פאָטער גייט ארום פארקלערט, פארזאָרגט. זיין אויסגעדארט פּנים אויף וועלכן ס'האָבן זיך געזעצן בלאָע אָדערן ווערן ווי אָנגעבלאָזענער. ער שטייט לעבן שיפלאָד פון דער קאָמאָדע, ער מאַכט דאָרט אָרדענונג. פון צייט צו צייט הערט זיך א זיפץ וואָס גייט ארויס פון די טיפסטע טיפענישן פון זיין הארץ. ער ווענדט אלע מאָל זיינע בליקן צו זיינע פינעף קינדערלעך, בליקן, וועלכע זענען געווען פול מיט צערטלעכקייט און

רחמנות. ווי אײנער רעדט: „אויף ווע מען לאָז איך אײך איבער“.

משהלע גײט צו צום פאָטער און פרעגט אים:

— טאַטע, פאַרוואָס ביסטו הײנט אַזוי טרויעריק?

דער פאָטער גיט אים אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט:

— קינד מײנס, שווערע צײטן קומען אויף דער וועלט. עס ברעכט אויס אַ מלחמה, איך גרײט מיך צו, אין אַ טאָג אָדער צװײ, וועל איך מוזן אַוועק פון דאַנען. מען וועט מיך אינטערנירן אין אַ לאַגער.

בשעת דער פאָטער האָט גערעדט מיט זײן זונגדעלע, האָבן זיך די קלויסטער־גלאָקן צעקלונגען: גלין, גלאָן, גלין, גלאָן. אַ שרעק האָט זיך אויסגעשפּרײט אין צימער און אַלע פון דאָרט זענען געבליבן אָן לשון. זײערע אויגן און פּנימער האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פּחד, גלײך ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען, אָדער גלײך ווי זי וואָלט געהאַלטן בײם אונטערגײן.

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט, האָט אויך אַ לאָקאָמאָטיוו צו וויסן געטון וועגן דעם צאָרן וואָס גיסט זיך אויס אויף דער וועלט.

אַן אַלטער סערזשאַנט, מיט אַ ווײסער באָרד און מיט אַ גרויסער פּויק אין דער האַנט, האָט צו וויסן געטון אַז די מלחמה האָט שוין אויסגעבראָכן, און אַז אַלע פרעמדע דאַרפן זיך מעלדן צו די זשאַנדאַרן.

אין שטוב איז געוואָרן אַ הו־האַ, אַן איבערקערעניש. די מאַמע איז געוואָרן אויסער זיך. זי האָט זיך אָבער באַהערשט, נישט פאַרלוירן איר גלײכגעוויכט, איר איז געוואָרן קלאָר, אַז פון איצט אָן און ווײטער, וועט זי מוזן אַ חוץ קאָכן און וואַשן, פאַרעכטן העמדלעך, קאָכן און באַקן, אָפּשערן די קינדערלעך און אַ סך אַנדערע אַרבעטן, וועט זי אויך מוזן זאָרגן וועגן פּרנסה. די אויגן אירע זענען אָנגעפולט געווען מיט טרויער. די מינעס פון איר פּנים האָבן ווי אויסגעדרוקט דעם געדאַנק: „קינדערלעך, נישט געזאָרגט, מ'דאַרף זיך נישט פאַרלירן, מען טאָר נישט מורא האָבן, מ'דאַרף קעמפן און זיך נישט אונטערגעבן, כדי צו קענען איבערטראָגן די אַלע אָנשיקענישן“.

— זײ אַזוי גוט, — רופט זיך אָן דער פאָטער, צו מענדלען, משהלעס עלטערע ברידערל — גיב מיר, דאָס רענצל, כ'זאָל דאָרט אַרײנלײגן די וועש און די אַנדערע חפצים, וואָס כ'דאַרף מיר מיטנעמען.

מענדל ברענגט צו דאָס אַלטע רענצל, און העלפט דעם פאָטער אײנפּאַקן.

— מאמע, — פרעגט משהלע — וווהין שיקט מען דעם טאטן?

— כ'זאָל אזוי וויסן פון זיי, ענטפערט די מוטער. און נעמט זיך צו גרייטן עסן פארן מאן און פאר די קינדער.

דעם אנדערן טאָג, נאָך איידער דער פאָטער איז זיך געגאנגען מעלדן צו די זשאנדארן, האָט ער יעדן פון דער משפחה אָנגעזאָגט, אז מען זאָלן זיך היטן, נישט לויפן קוקן אויפן מיליטער וואָס וועט מן הסתם דאָרימעט דורכמארשירן, מחמת ס'איז א גרויסע סכנה. שונאים וועלן קענען אויסטראכטן ווער ווייסט וואָס פאר א בלבולים און ס'קען חלילה שמעקן מיט פולווער.

פונעם טייסטער האָט ער 120 פראנק ארויסגענעמען, געוויזן דער מאמען און געזאָגט:

— אָט זעסטו, חנהלע, דאָס איז מיין גאנץ פארמעגן. נעם דיר 80 פראנק און ס'איבעריקע וועל איך מיר מיטנעמען... דער רבי האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט דיר ארויסהעלפן.

— מילאָ, ענטפערט די מאמע, און טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן — אז דו זאָגסט אזוי.

— זייט געזונט קינדער — האָט דער פאָטער אָנגעהויבן זיך צו געזעגנען — פאָלגט די מאמע, איך פאָר אוועק, איין גאָט ווייסט, ווען כ'וועל צוריקומען. זייט לייטישע קינדער און באגערט צו לערנען. גאָט זאָל זיך מרחם זיין אויף אונדז און אויפן כלל ישראל... טרערן, האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. ער האָט ארומגעכאפט איטלעכס קינד באזונדער, עס געטוליעט צו זיך און געקושט. דערנענטערט זיך צו דער טיר, געקושט די מזוזה, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

גאָטעניו, נאָר דו איינער קענסט מיך מיט מיין בני־בית באשיצן!

די שכנים פון ארום, זענען שוין לאנג געשטאנען אויף די גאניקעס און געווארט זיך צו געזעגנען מיט די וואָס פאָרן אוועק אהין, וו קיינער ווייסט נישט ווו. לאה, די מילך־יידענע, א פשוטע, וואָס האָט געשמט אין שטעטל אלס גרויסע בריה, איז ארויס מיט א דראָענדיקע האנט, וואָס איז געווען פול מיט לייס, מחמת זי האָט נאָר וואָס געהאלטן אין שמירן דאָס שטובל. איר שמאָל פיסקל איז נאָך שמעלער געוואָרן. די ביר־אויגן זענען איר אויסגעוואקסן, דאָס פנים איז איר געווען פול מיט שנאה. זי האָט זיך צעשריגן:

— אז פארברענט און פארשרפעט זאָלן ווערן די דאָזיקע, וועלכע נעמען צו די מענער פון זייערע ווייבער און די טאטעס

פון זייערע קינדער. א מיתה משונה זאָל אויף זיי קומען, אזעלכע גזלנים!

ברוך, דער באַלעגאָלע, איז אראָפּ פונעם וואָגן. די פּלייצעס זיינע, זענען געווען פול מיט מעל, די שטיוול ווייס. ער איז צו צו זיין ווייב און איר איינגערוימט א סוד, אז יעדער האָט אים געקענט הערן... אז בשעת ער האָט ביי אברהם בעקער אָפּגעלייגט די זעק מעל, איז דאָרטן געווען דער סערזשאַנט מיט די גרויסע פּלעצעס, ניקאָלאַיע הייסט ער. האָט ער אים געזאָגט, דער סערזשאַנט; אז פון היינט אָן און ווייטער, זאָל קיינער נישט וואגן צו רעדן יידיש. די אלע וואָס וועלן רעדן יידיש, וועלן פארעכנט ווערן פאר שפּיאָנען. און מ'וועט זיי אָנקלאָגן און פארמשפּטן.

— א ווינסטער און א פינצטערער חלום — האָט זיך לאה צולאָזט — אויף זייערע קעפּ, אויף זייערע הענט און פיס און אויף זייער לייב און לעבן. הער דו וואָס מ'קען אויסטראכטן!

— שא דו, שטיל זאָל זיין, זאָגט מען דיר — האָט זיך ברוך צעבייזערט אויף זיין ווייב — מ'האָט שוין געקלעפּט צעטלען, אז ס'איז „סטארעא דע אסעדיו״* עפּעס א גאנצע מגלה איז דאָרט אָנגעשריבן. ווער קען דען לייענען, וואָס ס'איז דאָרט אָנגעפּאצקעט. ס'איז שלעכט, ס'איז ביטער. און זי צעלאָזט איר פּה־קדוש. שטיל זאָל זיין זאָגט מען דיר!

דער טאטע און פערעניץ, וועלכע זענען געווען עסטרייכישע בירגער, האָבן זיך אויפגעזעצט אויף דער דראָשקע. באגלייט פון די בליקן פול מיט ליבשאפט און טרויער פון דיביידע משפחות און פון די ארומיקע שכנים. דער קוטשער האָט געגעבן א צי מיט דער לייצעס אויפגעהויבן די בייטש און מיט איר געדרייט אין די לופטן... און וויאָ. די פערד האָבן פונעם אָרט גערירט. דער שטויב איז וואָס אמאָל גרעסער געוואָרן אין וועלכן אונ־דזערע פארשווינען זענען פארשווינדן געוואָרן.

*

— שטופּ זיך נישט אריין אין דער נשמה. שטיי ווי א מענטש — זאָגט צו משהלן נפתלי סטאָליערס ייִנגל, בשעת זיי זענען אין דער ריי געשטאנען און געוואָלט קויפן ברויט ביי דער קאָאָפּע־ראטיוו ק. פּ. ר.** — זע נאָר וויאזוי ער שטופּט זיך!

* „סטארע דע אסעדיו״ — קריגס־צושטאנד.
** ק. פּ. ר. — רומענישע אייזנבאַן.

— זעסט גישט — האָט משהלע געענטפערט — ווי מ'שטופט מיר פון הינטן? וואָס בין איך שולדיק? און פון זיין שטערן רינען ריקעס שווייס.

א טשערטשעטאשל,* וואָס איז געשטאַנען אויפן טראָטואַר און געקוקט אויף דעם שטופעניש האָט זיך אָנגערופן:

— מ'קען שוין גישט אויסהאַלטן פון די עזות־פנימער, פון די זשידאַנעס! אומעטום זענען זיי פול. גייט אייך אַרויף אין שטעטל, און נעמט נישט צו דאָס שטיקל ברויט ביי די רומענער. די דאָזיקע וואַנצן דאַרף מען צעטרעטן. בלוטזויגערס!

משהלע קוקט און זוכט מיט די אויגן פונוואַנען דאָס קול איז געקומען. ער האָט דערזען דעם פרימאַרס יינגל אָנגעטאָן אין א מונדירל פון א טשערטשעטאַש און אַרומגעגאַרטלט מיט א רימען אויף וועלכן ס'זענען געווען אויפן שפּראַכשיק אויסגראַווירט ווערטער, מאָדנע ווערטער, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

אין אים האָט זיך אָנגעהויבן א געראַנגל: ס'איז פאַר אים פאַרגעקומען דאָס בילד ווען ער איז געפאָרן אויף די ברייטע שליאַכן און שמאָלע וועגן, ווו ער האָט באַגעגנט אַזוי פיל פויערים און פויערישע קינדער. וואָס האָבן אים נישט געטשעפּעט, פאַרקערט, זיי האָבן אַזוי העלפער און הכנעהדיק באַגריסט. ער האָט זיך דערמאַנט ווען ער איז שבת נאָכמיטאָג געגאַנגען מיט זיינע חברים זיך שפּילן אָדער לייענען אַרויס פונעם שטעטל, צו די שיפעטעס, האָט זיי באַפאַלן א באַנדע פויערימלעך און געזינגען א חוזק־לידל, וואָס פלעגט אַזש פאַרגליווערן זייגע חושים. באַלד האָט זיך געוואָרפן פאַר די אויגן דער אויסגעפרעסענער מילנערס זונדל, טיליק, וואָס איז געווען דער ראש פון די אָנפאַלער. דאָ זעט ער דעם פרימאַרס זונדל אָנגעטאָן מיט דעם מונדיר. ס'באָמבלט זיך אים אין קאָפּ: חנוודיקע פויערימלעך, שיפעטעס... טשערטשעטאַש. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. און ס'איז ביי אים געבליבן, תיקו. ווי א סך זאַכן וועלכע ער האָט געלערנט אין דער גמרא און נישט געקענט פאַרשטיין.

דעם סטאָליערס יינגל, חיים, גיט אים ווידער א שטופּ.

— וואָס שטייסטו דאָ ווי א גולם? זעסט נישט אַז ס'איז געקומען דיין ריי? משהלע נעמט די צוויי שוואַרצע ברויט וואָס בריען אים אָפּ די הענט און רוקט זיך אַרויס פונעם איינקלעמעניש און אָטעמט אָפּ פרייער.

---

* טשערטשעטאַשל — סקויט.

ער איז אהיימגעקומען, די מאמע האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט אים, זעענדיק ווי ער קומט מיט פֿולע הענט.

— זע נאָר ווי ס'איז דיר אויסגעשמירט דאָס פּנים — האָט די מוטער אויסגעשריגן — וואָס איז געשען?

— ס'איז דאָרט א געדרעננעניש געווען. כ'בין קוים ארויס א לעבעדיקער.

— דו נעפּעלסט מיר גאָרנישט. — איז די מוטער צוגע־שטאַנען — עפּעס קאָכט עס אין דיר. זאָג מיר וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? — האָט משהלע איבערגעחזרט דער מוטערס ווערטער — מירטשעא דעם פּרי־מארס זונדל, האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשען. ער האָט אונדז, יידן באַליידיקט, ער האָט געזאָגט אז מיר זענען בלוט־צאַפּערס. אָט דאָס איז געשען.

— ס'עפּאַלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע. — רופט זיך אָן די מוטער פאַרטראַכט — דער פאָטער, דער המן האָט אים איבערגעגעבן די דאָזיקע תורה, ער האָט אים דאָס אָנגע־שטאָפּט מיט שנאה צו אונדז. נאָר נישקשה זונעניו, מיר זענען גרעסערע נסיונות איבערגעשטאַנען, מיר וועלן דעם המן אויך איבערקומען.

ס'איז געווען א רויקער פאַרנאַכט, דער הימל לויטער ריין, די לופט אָנגענעם און מילד, שא. שטיל. משהלעס רעיונות פליען ווייט, ווייט, קערן זיך צוריק און גאָרנישט... „וואנצן...‟ „בלוט־זויגער...‟ „וועמען זוכט איר דאָ?...‟ אלץ בלשון רבים. ער גייט אריין אין בית־המדרש לערנען זיין שיעור. עפּנט די גמרא: „שנים אוחזין בטלית‟ צוויי רייסן זיך איבער איין טלית, איבער איין מלבוש, קריגן זיך. ער האָט זיך אָבער מיט קיינעם נישט געקריגט. ער איז געגאַנגען קויפן ברויט פאר זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. זיי האָבן נישט קיין רעכט צו עסן? פאר־וואָס? ס'איז געקומען די צייט פון דאווענען מנחה ער האָט זיך געשטעלט שמונה־עשרה. ער וויל דאַווענען מיט כוונה, די געדאנקען טרעטן נישט אָפּ. פאַרוואָס? פאַרוואָס? אזא בזיון. ס'פאַלט אים איין ער זאָל דאָס גיין זאָגן סרולן און שמעונען.

אין דרויסן איז געווען קיל. ער גייט און קלערט. ער גייט און קלערט. ער איז שוין כמעט ארויס פונעם שטעטל. ער האָט דאָס נישט באמערקט.

— פיר דאָס פערד פּאָיען — האָט ער געהערט א קול. משהלע קוקט זיך אום. ער דערזעט דעם באַלעגאָלע פייביש

אָנגעטון מיט א רעקל וואָס איז שוין גרין פון אלטקייט א לאַ־טע אויף א לאטע, פון די הויזן באַמבלען זיך נאָך צוויטן. די פלייצע איינגעבויגן, ווייזט אויס אונטער דער משא פון שווערע צרות. דער וואָגן זיינער איז משהלען שוין פון לאנג באקאנט, ווען ער פלעגט פאָרן באגלייטן דעם טאטן זיינעם צו דער באן. משהלע דערמאנט זיך ווען ער איז ארויפגעפאָרן אין שטעטל, האָט ער געזען ווי פייבישעס אויסגעדארט פערדל, הויט און ביין, פלעגט שלעפן דעם הינקענדיקן וואָגן וואָס האָט זיך שטענדיק געריקט אויף א זייט. זיין לעדערנער דאך איז געווען געלעכערט. אפשר איז ער איבערגעבליבן פון דער מלחמה פון 1877?

די כאטע אין וועלכער ס'האָט געוווינט פייבישעס משפחה איז געווען צוגעדעקט מיט אלטע שינדל אונטער וועלכע מ'האָט געקענט זען ווי די שטערן פינקלען.

שמעון, א בחור'ל פון דרייצן־פערצן יאָר, א פלינקער דער בעסטער לויפער פונעם שטעטל, קען גוט שווימען, שפילן „אוינע"*, א שטיפער אָבער אן ערנסטער, דערזעענדיק משהלען, גייט צו געשווינד אויף די שפּיץ פינגער און פארדעקט משהלעס אויגן מיט זיינע הענט:

— טרעף! טרעף! האָט שמעון געזאָגט, מיט אן איבערגע־מאכט קול. משהלע טאפּט אים די הענט און זאָגט:

— לויט די ידים דארף דאָס זיין שמעון דאָס קול אָבער איז נישט זיינס. יעדנפאלס לאָז מיר אָפּ. ס'גלוסט זיך מיר גאָרנישט צו שפּילן. שמעון האָט אים אָפּגעלאָזט.

— וואָס איז געשען? — פרעגט אים שמעון. אין דער שעה באלד ארויס פון דער שטאָט? ס'איז גאָרנישט דיין שטייגער. משהלע דערציילט אים אין דער שטיל וואָס ס'האָט אים פּאסירט ווען ער איז געגאנגען קויפן ברויט. שמעונס שטיפערישע אויגן זענען פארכמורעט געוואָרן. ער האָט א ווײַלע נאָכגעקלערט. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען.

— און דו האָסט אים גאָרנישט געענטפערט דעם כלב? האָט שמעון געפרעגט.

— לאָז! מיר וועלן זיך שוין מיט אים אמאָל אָפּרעכענען.

— וואָס זאָל איך אים געזען ענטפערן? דו האָסט נישט געהערט אז דער מאיאָר קוזשבע, מאכט חוזק פון יידן, ער שטופט זיי ארײַן אין דעם „וואגאָן" און האלט זיי דאָרטן פארמאכט וויפל זיין הארץ גלוסט אים. נאָכדעם וואָס ער באליידיקט זיי

* אוינע — באל־שפּיל

און שטעלט אלטע און קראנקע צו די שווערסטע ארבעט... זיי זענען שטיין געבליבן און געשוויגן א ווײַלע.

מיט אמאָל האָט זיך געהערט א קנאלערײַ פון ביקסן. משהלע און שמעון האָבן אָנגעהויבן לויפן צום אָרט פון וואנען ס'האָט זיך געהערט דאָס שיסערײַ. אינמיטן שטראָז איז געשטאנען דער אלטער נאָטאר מיט זײַנע ווײַסע ארויפגעדרייטע וואָנצעס, און געשאָסן... ער האָט געשאָסן מיט דער ביקס אין דער לופטן. ער האָט געוואָלט טרעפן דעם „צעפעלין" וואָס האָט זיך גערוקט אויפן הימל און האָט אויסגעזען ווי א שטערן וואָס וויל בשום אופן נישט אראָפפאלן...

דער צעפעלין איז דורך בשלום ס'האָט אים גאָרנישט געשאט. דער עולם האָט זיך צוביסלעך בארויקט.

★

שווארצע וואָלקנס זענען אָנגעלאָפן ווי די נישטגוטע, גע־טראָגן און געיאָגט פונעם ווינט. די גלעקלעך פון מענדל בירזשארס וואָגן האָבן מודיע געווען אז דער זייגער איז שוין ניין. ווײַל דעמלט קומט אָן דער פערזאָנען־צוג. אויף דעם וואָגן זענען געזעסן דרײַ פארשוינען צווישן זיי פערענצס זון. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אקעגן משהלעס היים. משהלע האָט איבערגעלאָזט זײַן חבר און איז גיך ארײַן אין שטוב.

— א גוטן אָוונט, — האָט ער אין איין אָטעם געזאָגט — איר ווייסט מיר האָבן א גרוס פונעם טאטן. די מאמע וואָס האָט דעמלט צוגעשניטן א פּאָר הויזן פאר איר גרויסן זון בערל, איז געבליבן שטיין מיט דער שער אין דער האנט. איר פּנים האָט געשטראַלט. ס'איז דאָך אַוועק אזויפיל צײַט, און ס'איז נישט געקומען קיין שום לעבנס־צייכן פון אים.

— נו זאָג שוין, — האָט זיך די מאמע אָנגערופן — ווער האָט געבראַכט דעם גרוס? נעם נישט ארויס די נשמה.

— דודו פערענץ, איז איצט געקומען צו פאָרן. איך האָב געהערט פריער מיט עטלעכע טעג אז ער פאָרט אהין. צום טאטן צו זײַנעם. זיי זענען דאָך צוזאמען אינטערנירט געוואָרן.

— פון יענעם געבאלעוועטן בחור, וועלן מיר גאָרנישט זיך דערוויסן. — האָט די מאמע געענטפערט.

דודו איז געווען א בן־יחיד בײַ זײַנע עלטערן. די מאמע און זײַנע שוועסטער האָבן געהאָרעוועט שווער און אים נאָכגעגעבן אלע זײַנע באגערן. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פלעגט ער באקומען. ער איז געווען דווקא א שיינער יונג. נאָר די אויפירונג זײַנע איז געווען א פארדאָרבענע.

משהלעס מאמע האָט נישט איינמאָל געטענהעט צו איר שכנה, אנא, אַז זי גיט אים נאָך די שמד און אַז ס'וועט פון אים קיין לייט נישט אַרויס. זי פלעגט טענהן; הלמאי זאָל ער זיך נישט אַראָפּגעמען א בילד פון זיין טאַטן, כאָטש ער האָט געהאַט א הילצערנעם פוס, פונדעסטוועגן פלעגט ער יאָרן דורכאַנאַנד גיין באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. די פּערענצקע, פלעגט שאָקלען מיט דעם קאָפּ און זאָגן: „ער וועט זיך אויסבעסערן ווען ער וועט עלטער ווערן, וואָס זאָל איך טון, איך האָב אים נישט איינמאָל געזאָגט ער זאָל זיך וואָס ווייניקער חברן מיט דעם מילנערס יונגען וואָס גייען אום פּוסט און פּאַס און לעבן א משוגענעם טאָג, ער דאַרף זיך נישט גלייכן צו זיי, זיי זענען רייכע קינדער און ער, דודו, איז א קינד פון אָרעמע ערלעכע אַרבעטער. וואָס מיינט איר האָט ער מיר געענטפערט? וואָס טויג מיר א טאַטן אַן ערלעכן וואָס אַרבעט טאָג איין טאָג אויס און אין שטוב הערשט דער דלות, בעסער וועל איך גיין אויף די מילנערישע וועגן און האָבן אַלץ וואָס מיין האַרץ באַגערט, אויב וועסט מיך פרעגן פונוואַנען איך וועל נעמען געלט? אויף דעם וועל איך דיר ענטפערן, אַז כ'וועל נישט אויסמיידן קיין שום וועג, מעג ער זיין שענדלעך לויט אייער קבצנישער אויפפאַסונג און וועל דערגרייכן מיין ציל". חנה, משהלעס מוטער האָט געבראָכן די הענט, און מיט א פאַרביטערט האַרץ געענטפערט: א פאַרדאָרבענע סביבה איז אַרגער פון א קרענק. אינדערזעלבער צייט קומען איר פאַר אירע קינדערלעך. „וואָס וועט זיין פון זיי? ער, איז נישטאָ, און ווען ער זאָל אפילו יאָ געווען זיין, אינדערהיים, וואָס וואָלטן זיי געלערנט? חומש, גמרא, וכדומה. דאָס אַלץ איז שיין, אָבער א תכלית פאַר זיי וועט דאָס נישט זיין. איר זענען פאָרגעקומען אָט די אַלע שיינע יידן וועלכע זי האָט נאָך געזען אינדערהיים אין פּוילן, ווען זיי פלעגן טאָג און נאַכט זיצן מיט דעם מאַן אירן, ווען ער איז אַהיים געקומען אויף יום־טוב און אַלץ אים אַריינקוקן אין מויל אַריין ווען ער האָט אויסגעטייטשט גמרות, פּוסקים און פאַשידענע חסידישע שיטות. זי פלעגט טאַקע אַליין אויך א גרויסע הנאה האָבן ווען ער האָט זיך געדרייט די לינקע פּאה, און בשעת מעשׂה פלעגן אים די אייגעלעך פינקלען און זיין פּנים האָט געשיינט ווי ביי א צדיק. ער איז באַהאַוונט געווען אין אַלע סודות התורה, ער האָט זיי געענטפערט אויף אַלע קשיות און זיי זענען אַוועק הערט גאַנץ פרייצופרידענע, גליקלעכע. ווו זאָל ער איצט זיין דער מאַן אירער, ער האָט אינעם לעצטן בריוו געשריבן, אַז זיי האָבן פאַרלאָזט

דאָס פריערדיקע אָרט און זענען אוועק, וווהין ווייסט ער נישט. תורה איז טאַקע די בעסטע סחורה, און זי היט אָפּ פון אַלעם בייזן. איז זי דען אים בייגעשטאַנען ווען ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן ווייב און קינד און איז אוועק ווייט, ווייט און שוין זייט אַזאַ לאַנגע צייט. וואָס איז דאָס מלחמה? זי מוז קומען? מען קען זי נישט אויסמיידן? זי איז פון גאָט אָנגעשריבן? פאַר אירע אויגן שטייט די שכנטע און וויינט און קלאָגט אויף איר אײדעם ישׂראל דער בעקער וואָס איז געפאַלן אויפן פראָנט, טייכן ביטערע טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן, די שנור אירע, פערל, שטייט פאַרשטיינערט, אויף די הענט האַלט זי אַן עופעלע וואָס זויגט, זויגט איר ארויס די נשמה, ביי דער פּאָלע שטייט דאָס דריי יעריקע מיידעלע און וויינט קוקנדיק אויף דער באָבע, מיט דעם פוס טרעט די מוטער אויף דעם וויגל שוין פון געוווינהייט, זי ווייסט נישט אַז זי האַלט דאָס קינד אויף די הענט. פון איר ברוסט רייסט זיך ארויס א קול: „רבונו של עולם וואָס וועט זיין פון די אָרעמע עופעלעך? איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, כ'פאַל פון די פיס“. זי איז טאַקע געפאַלן. די שוויגער האָט געוואַלדעוועט, ס'זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן. דער יאָמער און דאָס געוויין האָבן זיך פאַרשטאַרקט און געבראָכן הימלען. די הימלען האָבן זיך געבראָכן און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, יעדן טאָג זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן מעלדונגען וועגן די וואָס זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד און פון די וואָס מ'ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען.

— מאַמע, קום אהיים! מענדעלע איז געקומען פונעם הויף. דאָס פּנים זיינס איז אויסטערליש, האָט משהלע געזאָגט.

— וואָס איז געשען משהלע? — פרעגט די מאַמע.

— כ'ווייס נישט. — ענטפערט משהלע — ער איז אַזוי בלאַס.

די מוטער, האָט אַן א גוטן טאָג פאַרלאָזט די שכנה, די פּערענצקע און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט אהיים.

— ווי איז דער מאמען, — האָט זי אויסגערופן — ווען זי האָט געזען דאָס קינד ליגן מיטן פּנים ארויף. — אוי איז דער מאמען וואָס דאַרף שיקן אין דער פרירסטער יוגנט די קינדער אויף ארבעט. א ווייטיק איז דער מאמען וואָס קאָן נישט האַלטן די קינדער לעבן זיך און כאָוועון זיי ווי ביי לייטן!

זי האָט גענליינט די האַנט אויף מענדעלעס קעפּל. ס'ברענט! ברענען זאָלן די וואָס מוטשען אויס די מידע גלידער פון די יונגע קינדער. זי האָט געכאַפּט דעם האַנטער, גיך געמאַכט רעפּטלעך פון עטלעכע קאַרטאָפל און צוגעלייגט צום קינדס

גליענדיק קעפל. אים אויסגעפרעגט וואָס איז געשען. געשיקט משהלען צו גאָלדנשטיין, אז דער דאָקטער דער משומד זאָל געשווינד קומען.

משהלע איז געקומען צוריק און געזאָגט, אז עפּעס א גראָבע יידענע איז ארויסגעקומען און געזאָגט אז דער דאָקטער איז נישטאָ, ווען ער וועט קומען וועט זי אים שיקן.

די מוטער איז געווען פארצווייפלט אויף א מאָמענט. ס'קומט איר אויפן געדאנק זי זאָל רופן דעם רוסישן דאָקטער דעם פּאָלקאָווניק. זי ווארפט אויף זיך ארויף דאָס שאַלעכל און איז שוין אין דרויסן. פונקט דעמלט גייט ארויס פון דער טיר דער דאָקטער.

— מיין קינד באָליא, אידישע צום אָרימען קינד. דער דאָקטער האָט נישט פארשטאנען וואָס זי רעדט צו אים כאָטש זי האָט זיך געמוטשעט אים געבן צו פארשטיין אויף איר לשון. ווען זי האָט געזען אז ער פארשטייט נישט, האָט זי אים אָנגענומען ביי דעם אָרעם און אים ארייגעפירט אין שטיבל ווי דאָס קינד אירס איז געלעגן אָנמעכטיק און אויף אים געוויזן מיטן פינגער. דער אָפיציר האָט באלד אויסגעטון דעם שינעל און גענומען באטראכטן מענדעלען.

די מוטער איז געשטאנען לעבן אים און געקוקט אויף זיין פּנים. באמערקנדיק אז ער האָט געמאכט א פארצווייפלטע מינע, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען און צו בעטן ער זאָל אלץ טון און ראטעווען דאָס קינד. דער רוסישער דאָקטער האָט געהייסן נעמען דאָס ליילעך וואָס איז געלעגן אויפן בענקל, משהלע איז אריין אין קיך, דורכגעווייקט עס אין קאלט וואסער און די מוטער האָט איינגעוויקלט דאָס קינד דערמיט. די מוטער האָט נאָכגעקוקט דעם דאָקטער יעדע באוועגונג אין אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דאנקבארקייט, פרייד און שרעק. דער דאָקטער האָט איר געגעבן א גרינגן קלאַפּ אויף דער פּלייצע.

ס'איז נישט אוועק קיין שעה און דער רוסישער דאָקטער איז געקומען און דערלאנגט דער מוטער פונעם קראנקן קינד א רעצעפּט, מיט אָנווייזונגען אויף דער רומענישער שפּראך וויאזוי אים צו נעמען. ער האָט אויפסניי באטראכט דאָס קינד און מיט א פריינטלעכן שמייכל זיך אָפּגעזעגט און איז אוועק.

פייבל, דאָס פירטע קינד, א שטילער, שטענדיק פארטיפט אין זיך איז אראָפּ פונעם פּיעקאליק, ווו ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קעצלער, איז צוגעגאנגען צום בעטל ווו זיין ברודער איז געלעגן, ער הערט ווי מענדעלע רעדט, פונעם שלאָף דאכט זיך,

ער קומט צו נענטער, קוקט זיך צו צום ברודער, עס פלאַמען זײַנע באַקן, זײַנע אויגן פינקלען, און רעדט, און רעדט. ס'קלעפּט זיך נישט, ס'איז נישט פאַרשטענדלעך. ער גייט צו דער מאַמע וואָס איז געשטאַנען אין קיך און געשיילט קאַרטאָפליעס און שטיל איר איינגערוימט אַז מענדעלע רעדט עפּעס נישט צו דער זאַך. די מאַמע וואַרפט אַוועק דאָס מעסער און לויפט אַריין, ווישט זיך אָפּ די הענט אינעם פאַרטוך. לייגט צו די האַנט צום קינדס שטערן. ס'ברענט. זי כאַפּט שנעל אַ פריש ליילעך פונעם קאַמאָדל לייגט עס אַריין אין קאַלט וואַסער, דרייט עס אויס. די איבעריקע קינדער קוקן אויף איר, זי וויקלט איבער אויפסניי מענדעלס פלאַמענדיקן קערפּער. אַלע אין איין אָטעם וואַרטן אויף אַ בעסערונג, אַלע שווייגן פול מיט פּחד און האָפענונג. זיי האָבן געוווסט מיט וואָס ס'שמעקט. אין שטאָט האָט דער טיפוס געוועלטיקט. דאָס שפּיטאָל איז געווען פול מיט קראַנקע. איניקע שולן זענען רעקוויזיאָנירט געוואָרן ווייל ס'איז נישט געווען קיין פלאַץ פאַר אַזוי פיל קראַנקע. אין שטעטל איז אַרומגעגאַן דער מלאך־המות און האָט אַליץ פאַרקלענערט די צאָל פון די אויסגעהונגערטע איינוווינער.

— נאָך עטלעכע טעג פון אומרו און שרעק איז געקומען דער קריזיס־טאָג. אַלע ווילן זיך דערנענטערן צו זייער געליבטן ברודער. די מאַמע שטייט און טרייבט זיי אַוועק, זיי זאָלן שטיין וואָס ווייטער, זיי זאָלן חלילה נישט איבערנעמען די קראַנקהייט, נאָר זי מיט דער עלטערער שוועסטער האָבן באַדינט דעם קראַנקען.

פון די טיפּעניש פון דער געפּלאָגטער מוטער האָט פון צייט צו צייט זיך געלאָזט הערן אַ שטילער ווי פון אַ צעבראָכענער נשמה. און אַנדערט מאָל וואָלט דאָס געווען אַ געשריי וואָס וואָלט געריסן הימלען. נאָר דאָס מאָל איז ער געווען שטיל, טיף טיף, דערשטיקט פון טרערן און בלוט וואָס האָט געטריפט פון איר צעווייטיקט הארץ.

מיט אָנגעשטרענגטע נערוון זענען די קינדער אויף די שפּיץ פינגער געשטאַנען אין דער קיך. זיי האָבן געוואָלט זען; דעבעט נאָך דער ברודער, רירט זיך די קאָלדרע? די מאַמע ברעכט זיך די הענט. אומעט און מרה־שחורה באַהערשט אַלע.

מענדעלע האָט גענעבן אַ ניס. די מאַמעס פּנים האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען. אַ בנעימותדיקע פרייד האָט זי אַרומגענומען און זי האָט אויסגעשריגן „צום געזונט, צום געזונט זונע=

ניו". אויף די פנימלעך פון די איבעריקע קינדער האָט זיך באַוויזן דער גוטמוטיקטער קינדערישער שמייכל און אַלע אין איין קול האָבן מיטגעהאָלפן דער מוטער: „צום געזונט, צום געזונט, מענדעלע!"

★

דער פרימאָרגן דער שטילער איז צעשטערט געוואָרן פון די מעשענע טאַצן און פון די מיליטערישע פויקן און טרומייטן וואָס האָבן פאַרהילכט דאָס שטעטל. קליינוואַרג האָט זיך געיאוועט און געשפּאַנט צום טאַקט גלייך ווי די אומענדלעכע רוסישע מחנות וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אָפּהאַלט. א ים ביקסן, די שווערדן האָבן געבלישטעט, פערד, אויף זיי סאָלדאַטן מיט שפּיזן, קאָזאַקן, מיליטערישע קיכן נאָך זיי. געוואַלד! פון וואַנען קומען אַזוי פיל מענטשן אָן א צאָל און אָן אַן ערד. און וווּהין גייען זיי? די מוטיקע מאַרשן פון די טרומייטערס ווערן אַלץ מער פאַרשווינדן. ס'פאַרנעמען זייער אָרט סאָלדאַטן-לידער. פון דער טיפקייט פון די הערצער אָבער פילט זיך, דער טיפער טרויער וואָס פילט אָן זייער אויסגעמוטשעטע יונגע געמיטן פולע מיט בענקשאַפט צו די ליבע פון וואַנען זיי זענען אַוועק שוין טויזנטער מייל. פון די מידע און טרויעריקע אויגן האָט זיך אויסגעוועבט א שוואַרצע דעק וואָס האָט פאַרדעקט די זון און זיי אַלעמען מיט א שוואַרצע פאָן.

צווישן דעם יונגוואַרג האָט זיך געפונען אויך משהלע. כאָטש דער טאַטע זיינער האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל נישט וואַגן אַרויסווייזן זיין פּנים פאַרן מיליטער.

קודם איז ער פריילעך געווען און זיך משמח געווען מיט אַלע קינדער וואָס האָבן מיטגעשפּאַנט. ער איז אויך געגאַנגען מיטן טאַקט פון דער מוזיק. די מחנות וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין ציען, די צאָל פון די סאָלדאַטן וואָס זענען געגליכן געוואָרן ביי אים אין מוחל צו „די שטערן פונעם הימל און דאָס זאַמד פון דעם ים" האָבן אויסגערופן ביי אים פאַרשידענע געפילן. דערנאָך האָט ער צווישן דעם מיליטער וואָס האָט דורכמאַרשירט געזען איינעם א סאָלדאַט וואָס איז זייער ענלעך געווען צו לייבל בעקער וואָס איז נישט לאַנג געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט שוין מער נישט געהערט די מוזיק. דאָס יאָמערן און די געוויינען פון לייבל בעקערס הויז האָבן זי פאַריאָגט. וויפל פון דער גרויסער מענגע וועט בלייבן, וויפל טאַטעס וועלן שוין מער נישט צוריק קומען צו זייערע קינדער? וויפל מאַמעס

וועלן פאלן, ווי לייבל בעקערס פרוי איז אנידערגעפאלן מיטן זויגלינג אויף די הענט בשעת ס'איז איר אָנגעקומען די פינצטערע בשורה אז איר מאן איז אומגעקומען. ווער האָט גורם געווען די מלחמה? מ'זאָגט אז עפּעס אן עסטרייכישער פּרינץ איז געשאָסן געוואָרן פון א סערב פאר וואָס־זשע קומען אהער רוסן, רומענער, דייטשן, וואָס זוכט דאָ דער פראנצויזישער אָפיציר וואָס שטייט איין ביי אונדז? מ'זאָגט אז אויך ענגלענדער שלאָגן זיך און אויך טערקן, בולגארן און ווער ווייסט נאָך ווער, וואָס פאר א שייכות האָבן זיי מיטן עסטרייכישן פּרינץ. ווהין גייט די דאָזיקע גרויע מאסע? צום אומקום?

— א נו, קום נאָר אהער, — ווו ביסטו פארקראָכן?

משהלע קוקט זיך ארום דערזעט שמעונען. ער איז שוין טאקע ווייט אַוועק, דאָס בית־הקברות זעט זיך קוים אָן.

— די מארשן פונעם מיליטער האָבן מיך פארכאפּט. — האָט געענטפערט משהלע — און דערנאָך מיינע געדאנקען, וואָס זענען פארפלויגן ווער ווייסט ווהין. זאָג מיר שמעון וואָס איז שולדיק דער פּשוטער המון, וואָס גייט מיט אזעלבע מידע שריט און מיט אזוי פיל משא אויף דער פּלייצע, מיט ביקסן, שווערדן, מיט אזוי פיל טרויער אין די אויגן אויפן שלאכטפעלד, זיך שלאָגן פאר וועמען, פאר עפּעס א פּרינץ וואָס איז אומגעקומען? כ'קען עס נישט פארשטיין.

— העלף מיר בעסער צו, — האָט אים שמעון געזאָגט — שלעפּן דאָס וועגעלע מיט פּאַפּשויע־מעל וואָס האָב עס געמאָלט אין דער מיל. כ'האָב מיך דאָרט אָנגעהערט זאכן וואָס די פּויערטעס האָבן זיך אָנדערציילט אז די האָר שטעלן זיך דיר קאפּויר.

ביידע חברים מיט אויסגעלאָשענע פּנימער האָבן פאמעלעך געשלעפּט דאָס וועגעלע, יעדער באזונדער האָט געטראכט וועגן דעם אָנשיקעניש וואָס הייסט מלחמה.

נאָך זיי פונדערווייטנס, זענען געגאנגען; טיליק און דער טשערטשעטאָש מירטשעא.

משהלע און שמעון האָבן זיך אָנגעקוקט איינס ס'אנדערע און ווייטער געשלעפּט און געטראכט. ביז זיי זענען אָנגעקומען און אָפּגעלייגט דאָס ביסל פּאַפּשויע־מעל.

— מאָרגן צען אזייגער טרעפן מיר זיך דאָ! — האָט שמעון געזאָגט באפעלעריש מיט א שמייכל אין זיינע גוטמוטיקע אויגן.

— גוט! האָט משהלע מסכים געווען.

*

שפּעט בײנאַכט האָט מען געקלאַפּט אין פּײוויש בירזשאַרס טיר, אַזוי שטאַרק אַז אַלע האָבן זיך אױפגעכאַפּט זײער דערשראָקענע. דאָס טראַסקן איז געווען אָן אױפהער.

— ווער זאָל דאָס זײן? האָט צביה מיט אױסגעגלאָצטע אױגן און אינגאַנצן אײן ציטער, זיך געווענדט צו איר אָפּגעהאַרעוועטן פאָטער. ער, אַ — צעשױבערטער, אין אַ העמד, צונױף געשטיקעוועט פון פאַרשײדענע פאַרבן און מאָדעלן, צעטומלט. זוכנדיק עפּעס זיך אָנצוטון, כאַפּט אַ שטיוול, אים אָנגעטון אױף דער האַנט. די טיר איז אַנידערגעפאַלן, די שרעק מיט דער קעלט האָבן אַרומגענומען די אָרעמע משפּחה. ס'זענען אַרײן דרײ זשאַנדאַרן. אײנער איז צו צום בירזשאַר, און באַפוילן, שרײענדיק, ער זאָל זיך אָנטון און מיטגײן. שמעון איז געבליבן שטײן אױף די קני אינעם בעט. די פױסטן און די שׂנאה וואָס האָט אַרױסגעשפּריצט פון זײנע אױגן האָבן אױפמערקזאַם געמאַכט אַ צװײטן זשאַנדאַר וועלכער איז שנעל צו צו אים און געשריגן: „דו שמוציקער זשידאָן, וואַרף עפּעס אַרױף אױף דיר און קום שנעל“. ער האָט מיט זײנע לאַפּעס אָנגענומען דעם ײנגלס הענט און זײ אַזאַ דרוק געגעבן אַז די פינגער זענען געבליבן ווי פאַרשטאַרצט. אױס פױסטן. נאָר פון זײנע אױגן האָט געשטראָמט אַ ים פון צאָרן.

— ניכער! שנעלער! שפּיאָנען! האָט דער עלצטער פון די זשאַנדאַרן געשריגן און געשלעפּט דעם בירזשאַר.

אינדרױסן, דערזעענדיק די אײנגעהױקערטע בירזשע און דאָס אײנגעשרומפּענע פערדל, האָט ער באַפױלן: „זאָפּאַרט אײנשפּאַנען! מיר האָבן נישט קײן צײט צו פאַרלירן“.

ער האָט זיך צעלײגט אין דער בירזשע, אױסציענדיק די פיס, איז אײן פיס אַרױס, ווײל די אַלטע און שוואַכע זײטיקע ברעטלעך האָבן נישט געקאָנט אױסהאַלטן די „גבורה“ פונעם „מוטיקן“ זשאַנדאַר. דאָס ראָד האָט פאַרכאַפּט דעם העלדישן שטיוול. עס האָבן זיך געהערט ווײ־געשרײען. די אַנדערע צװײ זשאַנדאַרן האָבן אָנגעהױבן צו שלאָגן דעם טאַטן און דאָס קינד. „אַזאַ זשידאָווסקע העזה!“

— שפּאַן אױס די פאַרשאָלטענע נבילה! — באַגלײט מיט אַ סטוסאַק האָט דער דריטער זשאַנדאַר מיט אױסגעשטורעטע צײן זיך געווענדט צום צעטומלטן בירזשאַר — נעם עס אָן בײם צױם, פיר עס צו צום רעקווױזיציע־אַמט! פײביש האָט געפילט אַז

א סוף האָט גענומען צו זיין בידנע פערדל. און צו זיין אומגליקלעכער פרנסה. אויף ווער(ע)ן וועלן בלייבן די אויסגעהונגערטע יתומים. ער האָט אָנגענומען דאָס פערד ביי דער גריווע, האָט עס געגלעט דעם האלדז. דאָס פערד האָט אויסגעדרייט דאָס פנים צו אים און אים אָנגעקוקט גלייך ווי ס'וואָלט פארשטאנען די טרויעריקע לאגע אין וועלכער זיי האָבן זיך ביידע געפונען. פייביש האָט נישט לאנג געטראכט און איז ארויף אויפן פערד און וויאָ! וווהין ווייסט ער אליין נישט. דאָס פערד האָט אָנגעהויבן לויפן פייל אויסן בויגן גלייך ווי ס'האָט געפילט אין וואָס פאר א מוראדיקע סכנה זיי זענען.

דער עלצטער פון די זשאנדארן וואָס איז געלעגן אין וואָגן און געהאלטן אין איין אויקען ווען דער צווייטער זשאנדאר האָט אים געביטן די אָניטשעס אויפן פוס, האָט מיט א ווילדן אויסגעשריי באפוילן: שיס!

דער דריטער זשאנדאר האָט אויף גיך אָנגעלאָדן די ביקס און אָנגעהויבן צילן אויף די פארמשפטע צום טויט.

— און דו פארשאָלטענער ממזר — האָט זיך צעשריגן דער צווייטער זשאנדאר — שפאן דיך אליין איין צום וואָגן און שלעפ צו דעם דאָמנו מאזשור* צום שפיטאָל וואָס איז נישט ווייט.

שמעון האָט נאָר געוואָרט אויף דעם באפעל און איז געשווינד צוגעלאָפן צום וואָגן, אויסגעריסן דעם דישל און אים מיט אימפעט אראָפּגעלאָזט אויף די פינגער וואָס האָבן געצילט אויף זיין אומגליקלעכן פאָטער און אויף זיין אויסגעמוטשעט פערד.

די ביקס איז ארויסגעפאלן פונעם זשאנדארס הענט און שמעון האָט גענומען די פיס אויף די פלייצעס און איז געלאָפן ווי די אויגן האָבן אים געטראָגן.

דעם אנדערן טאָג צען אזייגער ווען משהלע אין געקומען צו שמעונען, האָט אים אָפּגעוואָרט איינער, און זיך צו אים געווענדט:

— וועמען זוכסטו דאָ? האָט אים געפרעגט דער פארשויין מיט די גראָבע ליפּן און מיט די אָנגעלאָפענע אויגן.

— איך בין געקומען גלאט אזוי, האָט אים משהלע געענטפערט און האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן.

— זיי האָבן נעכטן אוועקגעשלעפט דעם טאטן און שמעונען, — האָט ציפע, א מיידעלע פון א יאָר דרייצן מיט א טיפן טרויער און שרעק אין די אויגן, געשעפטשעט.

* מאזשור — פעלדוועבל.

*

שווערע וואָלקנס, שווארצע, האָבן זיך געיאָגט, ס'האָט זיך געדאכט אז אָט אָט פאלן זי אראָפּ. ס'האָט נישט לאנג געדויערט און ס'האָט אָנגעהויבן צו גיסן פון די דעכער. די גאסן זענען פארפלייצט געוואָרן. מענדעלע, משהלעס ברודער איז ארויסגעקומען אונטערצושטעלן דאָס פעסעלע ווענן רעגנוואסער. בערל באלעגאָלע, מיט א גלאָנע-זאק אויפן קאָפּ און מיט א שטעקן אין דער האנט האָט געטריבן די בהמות אין שטאל אריין, דערזעענדיק מענדעלען, האָט ער שטארק געקלאפּט מיטן שטעקן אין פלויט. מענדעלע קוקט זיך ארום און דערזעט דעם באלעגאָלע, וועלכער מאכט אים א סימן ער זאָל אריבערקומען. מענדעלע, קאטשעט זיך ארויף די הויזן שפּרינגט אריבער דעם פלויט.

— קום נאָר אריין אין שטוב, זאָגט צו אים דער באלעגאָלע. מענדעלע פאָלגט אים. — הער נאָר, רופט זיך אָן דער באלעגאָלע, היינט, ווען כ'בין געפאָרן מיט דער קאָטיוגע* צו דער גארע**, האָב איך געזען, ווי דעניל, דער רשע מרושע, טרייבט א יינגל צום קאָמאנדאנט. כ'וואָלט געקענט שווערן אז דאָס איז דיין ברודערל משה. כ'האָב געגעבן עטלעכע גוטע שמיץ דעם פערד ס'זאָל זיך צו איילן כדי כ'זאָל מיך איבערצייגן צי ס'איז אמת. אומזיסט אָבער, ווייל, ווען כ'בין נענטער צוגעפאָרן איז דאָס יינגל שוין געווען אריינגעשטופּט. כ'האָב מיר נישט געקאָנט געפונען קיין פּלאץ. דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט אז דאָס איז נישט קיין ריינע זאך. נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טון? כ'בין צוגעפאָרן מיט דער קאָטיוגע, געקוקט אפשר וועט עמעצער ארויסגיין פון דאָרט און וועל עפּעס געוואָר ווערן. כ'בין אזוי געשטאנען און געקוקט, כ'האָב זיך נישט גערעכנט דערמיט וואָס דער וואגאָן מעל שטייט, און באלד וועט אָנציען משה קטן און מאכן א געוואלד אז מען שטעלט אים בדיל הדל, ער וועט דארפן באצאָלן ווייס איך וויפל פאר פארזאָמען. און אזוי ווי כ'שטיי און קלער, וואָס דאָ זאָל האָבן געשען? עפנט זיך די טיר פונעם קאָמאנדאנט, און א יינגל געטריבן פון א סאָלדאט דערנענטערט זיך אלץ מער צו דער ליניע מאָארטע*** דאָס מאָל זע איך שוין גאנץ גוט אז דאָס איז טאקע משהלע. דאָס הארץ האָט אין מיר אָנגעהויבן קלאפּן שטארקער, כ'האָב שוין געוווסט וואָס

---

* קאָטיוגע — לאסט-וואָגן.

** גארע — באן סטאציע.

*** טויטע ליניע.

דאָס הייסט. מ'פירט אים אינעם באַוווסטן וואָגן ווי דער המן מאַיאָר קוזשבע, טרייבט אַריין יידן און מאַכט פון זיי חוזק. כ'האָב געוואַרט אויף דער מינוט, כ'זאָל שוין אַהיים קומען, און דאָ רעגנט, ס'גיסט. רוף אַריין די מאַמע זאָג איר זי זאָל באַלד קומען!

מענדעלע איז גיך געלאָפן אַהיים.

אַ דערשלאָגענער מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל איז מענדעלע געלאָפן.

— ווי לויפסטו אַרום מענדעלע אין אַזאַ שלאַקס־רעגן? — האָט אים די מאַמע געפרעגט, דו קענסט זיך חלילה פאַרקילן, טאַקע נאָר דאָס פעלט מיר אויס אַצינדערט. ס'פאַלט מיר אַרויס דאָס האַרץ, כ'ווייס נישט וווּ משהלע איז אַהין געקומען. ער איז אַוועק זייט אַזאַ לאַנגער צייט און איז נאָך נישט געקומען. וויי איז מיר, וויי איז מיר!

מענדעלע פאַרענטפערט זיך, אַז ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן אויסקצושטעלן דאָס פעסל אונטער דער רינווע, האָט ער געהערט ווי עמעצער קלאַפּט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען ווי דער שכן האָט אים געמאַכט אַ סימן ער זאָל געשווינד אַריבער־שפּרינגען. איך בין אַריבערגעשפּרונגען און אַרייַנגעקומען אין שטוב אַריין. ער האָט מיר געזאָגט כ'זאָל דיך גיך אַרייַנשיקן.

— וואָס איז געשען? האָט זיך די מוטער געבראָכן די הענט — דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ס'וועט עפּעס טרעפן. זי האָט געכאַפּט דאָס שאַליקל און געלאָפן צום שכן.

— וואָס איז געשען? האָט די מוטער גלייך געפרעגט. ברוך האָט פאַרזיכטיק דערציילט וואָס ער האָט געזען.

חנה האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס דער שכן האָט אַרויסגערעדט. בשעת זי האָט געהערט דאָס וואָרט וואָגן, האָט מען געזען ווי דאָס פּנים אירס מיניעט זיך, דער צער האָט זי אַרומגעכאַפּט, באַלד אָבער האָבן זיך באַוויזן אויף איר געזיכט סימנים פון רואיקייט און זי האָט אויף אַ הויך קול מיט אַנטשלאָסנקייט געזאָגט: ס'זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך, איך גיי ראַטעווען מיין קינד.

לאה וואָס איז געזעסן אין אַנדערן שטובל און געשלאָגן פּוטער, דערהערנדיק חנהס קול, האָט זי זיך שנעל אופגע־בונען דאָס פאַרטעך, זיך געווענדט צו חנהן: וואַרט נאָר צו אַ ווייַלע, דו וועסט נישט גיין אַליין, מיר וועלן מיטנעמען די פערענצקע און איך וועל זיי מאַכן דאָרט אַזאַ שוואַרצן סוף, זיי זאָלן פאַרזאָגן אויף קינדס־קינדער אַזאַ פּאַסקודסטווע מער נישט צו מאַכן. האָסטו געהערט אַביסל, אַזאַ חזירייַ, צו נעמען אַ קינד

אן אומשולדיקס און עם אריינוואַרפן ערגעץ אין א וואַגאָן אַריין. זאָלן זיי שוין פאַרשרפעט ווערן, גאַטעגיו, געטרייער.

זי וואַרפט פון זיך געשווינד אראָפּ די פּאָפּעצעס, טוט זיך אָן די שיך, די בלוזע, וויקלט זיך ארום מיט דער בערטע, ווישט זיך אָפּ דאָס מיילעכל דאָס שמאָלע, כאַפּט אָן הנהן ביי דער האַנט זאָגט א גוטן טאָג דעם מאַן און שפּאַנט מיט ענערגישע טריט ארויס.

דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולייטערן, שטיקער הימל זענען באפרייט געוואָרן פון די מוראדיקע כמארעס. דינע ווייסע וואָלקנדלעך האָבן זיך געשלאָגן מיט דער זון, ס'האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן, די זונען-שטראַלן האָבן זיי גובר געווען, דער הימל איז געוואָרן לויטער, ריין, אומשולדיק.

ברוך איר מאַן, לויפט איר נאָך א פּאָר טריט, דערמאָנט זי, רוימט איר איין אין אויער: „זאָלסט נאָר נישט דעם וועג געבן דיין פּה-קדושל, פאַרגעס נישט אַז ס'איז סטארע דע אסעדיו* מלחמה-צייט. פאַרגעס נישט אַז מיר האָבן קינדער הערסט!“

דאָס ווייב האָט אויף אים געגעבן א קוק, וואָס האָט באַטייט, לאָז מיך צורו, „גבור“ מיינער כ'קען מיר שוין מיין שטעטל אליין באַשטיין אָן דיינע עצות. ברוך האָט געהויבן די אקסלען ווי איינער רעדט: „כ'ווייס ס'זענען ארויסגעוואָרפענע רייד“. ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

דורכגיינדיק פאַר דער פערענצקעס הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער אראָנזשירנדיק דאָרט די בלומען-טעפּ, איז די ענערגישע לאה צו איר צו און איר געזאָגט, אַז זי זאָל באַלד אראָפּקומען צו דער גאַרע.

דודו, וואָס איז געשטאַנען און זיך געוואָרפן קאָרטן, דערבליקנדיק די שכנטע, האָט באַלד נאָכדעם וואָס זי איז אוועקגענאַנגען, זיך געווענדט צו דער מוטער זיינע: „וואָס האָט זי געוואָלט די זשיראָווקע? וואָס פאַר א סודות האָט זי מיט דיר?“

די פערענצקע האָט אים אָנגעקוקט, אין אירע בליקן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א גרויסער צער און אים געענטפערט: „כ'בין זייער אומרויק, כ'זע אַז מיט וויפל די צייט גייט אַלץ מער אוועק, ווערסטו אַלץ שלעכטער, וואָס האָסטו צו דער פאַרצרהטער פרוי? כ'וואָלט שוין געוואָלט זען צוריק דעם טאַטן דיינעם. כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו דיר. אפשר וועט ער אויף דיר א גוטע ווירקונג האָבן.

---

* סטארע דע אסעדיו — באַלאַגערונגס-צושטאַנד.

— כ'גיי, — האָט די פערענצקע געזאָגט — צו דער באַן.

נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע האָבן זיך די דריי שכנות באַגעגנט. חנה מיט איר שכנטע זענען געשטאַנען א ווײַלע און גערעדט מיט וואַסילע געאָרגיו, א באַן ארבעטער, וועלכער האָט זיי אויסגעהערט מיט אינטערעס. זיי האָבן זיך פאַר אים אויסגערעדט דאָס האַרץ.

געאָרגיו, האָט זיי דערמאָנט אז ס'איז מלחמה־צײַט און אז עס טאָר נישט שטיין אויף איין פּלאַץ מערערע מענטשן. ער האָט זיי צוגעזאָגט אז ער וועט טון וואָס ער וועט קאָנען, פרײַנטלעך זיי באַגריסט און איז אוועק.

ווען די פרויען זענען געקומען צום קאָמאַנדאַמענט, האָבן זיי זיך געווענדן צום סאָלדאַט וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך — אויב ער ווייסט נישט צי דאָ איז געווען א דרײַצניעריק ייִנגל, וואָס איז געפירט געוואָרן פון איינעם מיט גראָבע ליפּן און מיט פאַרשוואָלענע אויגן?

דער סאָלדאַט האָט זיי געענטפערט, זיי זאָלן זיך באַלד צוריקציען, ס'איז פאַרבאָטן צו שטיין נאָענט צו דער קאַנצעלאַריע! אויב דער מאַזשור* וועט דערהערן וועט זײַן אַן אומגליק.

— אוועק פון דאַנען!

נישט ווייט איז געשטאַנען קאָנו** קאָסטיקע, דער אַדוואָקאַט. זיך דערנענטערט, געקוקט אויף די דריי פרויען וועלכע דיסקוטירן מיט דעם סאָלדאַט; „זיי ווילן בשום אופן נישט אָפּטרעטן, מ'זאָל ארויסלאָזן זאָפּאָרט דאָס ייִנגל, ער איז אומשולדיק“.

לאה, האָט זיך א לאָז געטון צום אַדוואָקאַט און אים דערציילט וועגן אומגליק וואָס ס'האָט זיך געטראָפן מיטן ייִנגל.

דער אַדוואָקאַט האָט איר געגעבן א ווינק זי זאָל אים נאָכגיין אינעם צווייטן צימערל. זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

— הער אויס, — האָט זיך דער אַדוואָקאַט אָנגערופן צו דער ייִדענע — דאָס איז נישט אזא גרינגער ענין, דאָס שמעקט מיט א האַרבן שטראָף. דער מאַזשור איז א גרויסער רשע, כ'קלער וויאַזוי מען קען צו אים צוגיין כדי אים אביסל ווייכער מאַכן.

— ס'טײַטש, ס'איז דאָך א הימל־געשריי, מ'נעמט א קינד און מען פאַרשפּאַרט עס גלאַט אזוי, אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרוואָס, כ'וועל גיין שרײַען, געוואַלדעווען; אז מ'וועט דאַרפן אפילו ביז

* מאַזשור — פעלדוועבל.

** קאָנו — פּריץ.

צום מלך. וואָס? די וועלט איז הפקר, יעדער קאָן טון וואָס ער וויל?

— היץ דיך נישט אזוי, זאָגט דער אדוואָקאט — כ'האָב גע־מיינט אז דו ביסט א פארשטענדליכע פרוי, איך האָב נאָר געקלערט וויאזוי אייך ארויסצוהעלפן. דו גייסט זוכן גערעכטי־קייט? וועסט געפונען ווען ס'וועט דאָ, ער ווייזט איר אויף דער דלאָניע וואקסן גראָז.

די רייד פונעם אדוואָקאט האָבן איר געגעבן ווי א פריט־שמעלע אין קאָפּ. זי האָט געהאט צו זיינגען און צו זאָגן מיטן פּראָצעס וואָס זי האָט נישט לאנג געהאט, ביז זי האָט נישט געגעבן דעם אמתדיקן באקשיש*, איז טאקע גאָרנישט גע־וואָרן.

— וואַרט צו א ווײַלע, — מאכט זי צום אדוואָקאט און גייט ארויס.

חנה האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף איר. נו, וואָס האָט ער דיר געזאָגט דער תכשיט?

— אוי, ס'זאָל אים, און אלע שונאי־ישראל זיין אזוי גוט ווי מיר איז שלעכט. נאָר א ברירה האָבן מיר? מיר מוזן טון אלץ כדי דאָס קינד צו ראַטעווען.

חנה איז בלאָ און ווייס געוואָרן... זי האָט געפילט אז דאָ מוז מען אָפּגיין מיט א שטיק געזונט, מיט בלוט.

— הער אויס חנה, — מאכט לאה די מילכיקע — כ'זע אז דו טראָגסט דאָס שווער איבער. איך האָב דעם כלב דאָרט גע־לאָזט וואַרטן. ווי איך האָב פארשטאַנען האָט ער מיך אליין אריינגערופן כדי ס'זאָל נישט זיין קיין עדות בשעת פארענדיקן דאָס געשעפט. כ'גיי אריין איצט צו אים און זען ביי וואָס דאָס האַלט. ביסט מסכים?

פון דער מוטערס אויגן האָט געשפּריצט צאָרן.

ווען לאה איז צוריקגעקומען האָט זי געטראָפן דעם אדוואָקאט זיצן אויפן שטול, א פוס איבער א פוס, גע־צווינגן פונעם גראָבן ציגאַר מיט א גיריקייט פון א פּיאַווקע וואָס ציט ארויס דאָס בלוט פון א קערפּער אויף וועלכן מ'האָט זי ארויפגעלאָזט.

— איך האָב קיין סך צייט נישט דאָ צו פארלירן, זאָגט ער, — נישט קוקנדיק אפילו אויפן קרבן. — אויב איר ווילט איך

---

* באקשיש — שוחד־געלט.

זאָל דעם בחור באַפרייען, זאָגט עס מיר און איך וועל באַלד אָנהייבן מיין אַרבעט.

— וואָס וועט דאָס דאַרפן קאָסטן? האָט לאה געפרעגט.

— ביז כ'וועל נישט נעמען קאָנטאַקט מיט די לייט, קאָן איך אייך נישט זאָגן.

— גייט, — ענטפערט לאה — מיר וואַרטן דאָ אויף אייך.

דער אַדוואָקאַט איז אַריין אַהין, דאָרט ווו דער מאַזשור האָט זיין קאַנצעלאַריע.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און משהלע — מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, דאָס פּנים פאַרלאָפן, בלאָע צייכנס האָבן זיך דורכ־געזען דורכן צעפּליקטן העמד, גייט פאָרויס באַגלייט פון אַ זשאַנדאַר.

די אַכזרים, דער אַדוואָקאַט און דער מאַזשור האָבן דאָס אַזוי רעזשיסירט, כדי אַרויפצוואַרפן אַ פּחד אויף די אומ־גליקלעכע וואָס זענען דאָ נישט ווייט געשטאַנען.

די אויסוווּרפן זענען געשטאַנען ביים פענסטער און אַ טייוו־לאָנישער שמייכל האָט זיך פאַרצויגן אויף זייערע פאַרברעכע־רישע פּנימער.

משהלע האָט זיך אַליין מער דערנענטערט, די דריי פרויען זענען ווי פאַרשטומט געוואָרן, נאָר איין געדאַנק האָט זיי אַלע באַהערשט זיי ווילן אים שוין זען, וואָס פאַרא פּנים ער האָט.

ווען די מוטער האָט דערזען די צעריסן פונעם העמד, זענען אירע אויגן אָנגעצינדן געוואָרן, אינעם האַלדז האָט זי עפּעס געוואָרגן, געוועזן ווי אויסגעטרוקנט דערזעענדיק דאָס פּנים זיינס די בלויע צייכנס, האָט זי אָנגעהויבן געוואַלדעווען און שרייען, „וואָס איז געוואָרן פון מיין קינד?" אַז אַך און וויי איז צו מיר וואָס איך האָב מיך דערלעבט גאָטעניו! שטראָף די אַלע וואָס לעסטערן דיין נאָמען און גייען אַזוי ווייט ביז שפּיכת־דמים! די שכנות האָבן אויך אָנגעהויבן קלאָגן און וויינען און געשאָלטן מיט טויטע קללות.

געאָרגיו, מיט נאָך עטלעכע חברים וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער פערטער באַן־ליניע, זענען באַלד צוגעקומען, די מוטער האָט זיך געגעבן אַ לאָז צום זון, דער זשאַנדאַרם האָט אויסגעדרייט די ביקס צו איר. די צוויי שכנות וועלכע האָבן די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון דער אומגליקלעכער מוטער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן צווישן איר און זשאַנדאַר; „זאָלסט נישט וואַגן איר עפּעס טון, זי איז אַ בידנע פאַרביטערטע מוטער". ווען

דער זשאנדאר האָט זיך אויסגעשריגן אויף אַלע דריי און גע־דראָט מיט פאַרהאַפטן, זענען צו, די באַן־אַרבעטער און געמאַכט א מחיצה צווישן זשאנדאר און די דריי פרויען.

פון דער אָפענער קאַנצעלאַריע האָט זיך געהערט דעם מאַ־זשורס הילכיק קול: ער האָט געשיקט דעם זשאנדאר און די זשידאָווקעס אין די מאַמעס מאַמעס אַריין. דער אַדוואָקאַט האָט אים אַ צי געטון ביים אַרבל, אים אַריין געשושקעט: „מאַר ניט אזא גערודער ס'וועט זיך באַלד דאָ צונויפקומען דער גאַנצער שאַנטיער. ס'איז ניט טאַקטיש. וואָס טויג דער טאַראַראַם? לאָז, כ'וועל שוין אַראַנזשירן דעם ענין, גענוג"!

נאָכדעם וואָס דאָס ייִנגל איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אין צי־מער, זענען אַרויס נאָך צוויי זשאַנדאַרן און באַפוילן אַז די אַנוועזנדע זאָלן תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט. אַלע זענען אַוועק.

ביטער איז דער מאַמען, ווי איז דער מאַמען!

— אויקע ניט אַזויפיל! מאַכט צו איר די פּאַנפּאַטשקע לאָמיר בעסער פאַרזאָרגן לאַ יחרץ־געלט פאַר די כלבים. מיר שטייען שמאַל.

די מאַמע זייער פאַרווירט, קלערט. ווו נעמט מען? ס'איז איר אַדורך אַ געדאַנק, — די לייכטער. זי האָט פאַר זיך געזען די באָבע, עליה השלום בשעת ליכט־בענטשן. אפשר וועט זי זיך מיען. אַזאַ ווילע באָבע געווען! דער געדאַנק פאַרשווינדט באַלד, אַ חוץ די לייכטער. יאָ, אָבער ווהין גייט מען מיט זיי, ווער וועט זיי נעמען פאַר אַ משכון. דער מיט דעם ציגענעם בערדל? זי דערמאַנט זיך וויפל שפיכת־דמים ער — דאָס הייסט דער מאַן איר'ער — האָט געהאַט ווען ער האָט טאַקע געשיקט משהלען מיט די זעלבע לייכטער צום פּראָצענטניק, יאָ, זי דערמאַנט זיך גוט ווען מ'האָט געדאַרפט באַצאָלן דירה־געלט און ס'איז ניט געווען. ער האָט דעמלט דאָס קינד צוריקגעשיקט און אָנגעזאָגט אַז דער טאַטע זאָל אַליין קומען און אויך מיטברענגען אַ ווייס ווע‏קסעלע... זי דערמאַנט זיך און טרערן שטיקן זי. זי מענטשט זיך, שלינגט אַראָפּ די טרערן, ענדלעך זיך באַשלאָסן אַז: זי טאָר זיך ניט פאַרלירן, אַז זי דאַרף אויספירן דעם חוב פונעם טאַטן אויך, אַז זי דאַרף זיך ניט לאָזן אַראָפּפאַלן, אַז זי האָט פינעף קינדער. מ'דאַרף זיין ענערגיש!

קום — זאָגט זי צו דער שכנה מיר גייען צו דעם, מיטן ציגן־בערדל. אָנגעקומען. זיי קלאַפּן אָן. די טיר עפנט זיך. אויף דער שוועל דערשיינט אַ דאַר יידל מיט גראָבע פינגער, רעדט ניך, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט, ווען ער האָט זיי דערזען;

האָט ער געמאַכט א זויערע מינע ווי איינער רעדט, „וואַשנע קונים“, ער פרעגט זיי גיך אויס וואָס ס'האָט זיי געבראַכט צו אים? דאָס לשון איז ביי אים נישט געווען קלאָר. גלייך ווי ער וואָלט געהאַט הייסע קאַרטאָפל אין מויל... חנה, דערציילט אים בקיצור דעם אומגליק וואָס ס'האָט זיך מיט משהלען געטראָפן. איר קענט דאָך מיין משהלען — ער איז דאָך א חבר מיט אייער יוספל.

— צו דער זאַך! שלאָגט איר איבער דאָס דאַרע יידל, — כ'האָב נישט קיין צייט צו פאַרלירן.

לאה ברוכס האָט אויף איר געקוקט און האָט דעראָטן איר געדאַנק. זי רופט זיך אָן: איך וועל גאַראַנטירן פאַרן רעשט ווערט. וואָס אמבעלאַנגט פראָצענט, וועל איך מיר שוין איינפאַרשטיין מיט אייער פליכטוואַטער פרוי, כ'וועל איר געבן קעז מיט פוטער, מילך, וואָס ס'וועט זיך לאָזן...

— שלושה דברים, צוויי ווערטער. ברענגט די לייכטער און איר ביידע וועט מיר דאָ אונטערשרייבן די וועקסלען, וויים, זעלבסטפאַרשטענדלעך. חנה שרייבט אונטער, לאה ברוכס לייגט דעם פינגער. זיי באַקומען דאָס געלט.

— כ'האָב נאָר דאָס צוליב אייער מאַן געטון. ער איז א לייטישער מענטש, און א חוץ דעם דאַרף מען דאָך מקיים זיין די מצוה פון פדיון־שבוים — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעלע, וואָס האָט אים געפאַסט ווי א חזיר אן אויריננגל. ביידע פרויען האָבן זיך איבערקוקט און וואָס זיי האָבן אים געווינטשן אין זיך, הלוואי וואָלט עס אים נאָר די העלפט אָנגעגאַנגען. זיי זענען אוועק.

— כ'וועל איצט מיך דורכגיין צו דעם שטובל וואָס געפינט זיך אין סטורדזעס הייזער, דער שכור איז זיכער דאָרט, און וועל נאָך היינט מיט אים ענדיקן. — האָט לאה ברוכס געזאָגט צו חנהן.

— גוט, — האָט חנה געענטפערט — איך גיי אים צוטראָגן, די לייכטער. טראָגן זאָל מען אים שוין אויפן הייליקן אָרט.

אינדרויסן האָט אויפסניי געליאַפעט. ס'איז געווען א בלאָטע איבער די אויערן. לאה ברוכס גייט נעבער, זי פילט נישט ווי דאָס וואַסער איז א גאַנצער באַלעבאָס אין אירע שיך. ס'גייט אריין און גייט ארויס ווי ארומער ס'לאָזט זיך. ענדלעך, קומט זי אין דעם „שטובל“ וו די אדונים שכורן. דער אדוואָקאַט קומט איר אקעגן, די אויגן בלישטשן. דאָס פנים רויט.

— זאָג, רופט ער זיך אָן צו איר. — האָסט געבראַכט די פותיקא?

— יאָ, געבראַכט, א גאַנצן הונדערטער. געלינגן ביים ציינענעם בערדל. פאַרזעצט דאָס ביסל אַרעמקייט. „ברענגען זאָל מען

דיר א קרענק און אויסזעצן זאָל זיך דיר מכות". — האָט זי זיך געטראכט.

— וואַרט צו אביסל. כ'גיי אריין צום מאזשור, מיט אים זיך דורכשמועסן. ער גייט אריין און א צווייט שטובל, פארמאכט נישט גוט צו די טיר.

— הער נאָר, דו! די זשידאָווקע האָט געבראכט א פופציקער, נעם צו דאָס מזומן און זאָל זיין „לחיים". און קלאַפּט אָן זיין גלאָז מיט ווײַן אינעם מאזשורס גלאָז. יענער קוקט אים אָן. וואָס פארא חיים? ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אז חיים האלאָוטשעסטער דרייט זיך דאָ ארום, און פאר יענעם האָט ער מורא געהאט. חיים, איז געווען א דאָרפס־יונג וואָס האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאשע. ער האָט געהאט יענע פּאָר ידים און אז עמעצער האָט אים אָפּגעטרעטן אויפן הינער־אויג, האָט ער שוין געהאט זיין ערלעך אויסקומעניש. דער מאזשור ווען ער איז יונגער געווען, האָט געהאט דעם כבוד צו פארזוכן פון חיימס פּעטש, אזוי, אז זיי זענען אים געלעגן אין טעם. דער אדוואָקאט האָט געוווּסט דערפון און האָט באלד געזוכט צו פארגלעטן די זאך. ער דערציילט אים וועגן אן אנדערן חיים א לייטישן, כדי צו ווירקן אויפן מאזשור. און ווייטער באדייט לחיים אויף יידיש ווי וויוואַט ביי אונדז. גיסט אים אָן דאָס גלעזעלע, נאָראָק*. — וויוואט ניצע. נאָראָק ביז אראָפּ. מ'טרינקט אויס.

— כ'וועל נישט מאכן מיט דער זשידאָווקע קיין שום געשעפט. איך בין א ריינער רומענער כ'שווער מיך... ער צלמט זיך, א הונט זאָל איך זיין אויב איך נעם א באניקל**.

— זיי נישט קיין נאר, געלט האָט נישט קיין ריח. נעם און שיק אריין דאָס געלט דער מאמען דיינער, זי דארף מסתם האָבן. היי נאָראָק! ביידע זשליאָקן אויס ביז צום דנאָ. און היינט ווײַן איז טייער. אין אזא ביטערער מלחמה־צייט מוז מען טרונקען. יאָ טרונקען, היי נאָראָק! ליידיקן ווייטער אויס די גלעזער.

דער מאזשור שליקערצט אביסל און זאָגט: מיינסט אז כ'בין אזא שוטה? ס'איז א מצוה ביי זיי צו נעמען. ס'איז אָבער ווייניק, און חוץ דעם האָב איך געזען צוויי גענדז דרייען זיך ארום ביי די זשידאָווקעס און דער אָגראָדע.***

הער מיך אויס ניצע, דאָס זענען אָרעמע לייט. גוט ביי א חזיר א האָר. דאָ קען מען מער נישט אויסצאַפּן, איך מיין אז

---

* נאָראָק — גליק

** באניקל — א גראָשן

*** אָגראָדע — הויף.

דו וואָלסט אים געדאַרפט אַרויסלאָזן אָן א גראָשן. דו האָסט נישט געזען אז דער גאַנצער שאַנטיער איז געווען אויפגערודערט. דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר. וואָס דאַרפסטו וואַרטן ביז וואַנען מ׳וועט דיר א באַפעל געבן דו זאָלסט אים באַפרייען?

היי נאַראָק! היי נאַראָק!

— ביסט גע — גע — גע — רעכט. גיב אהער. ער האָט אים געגעבן א פופציקער פונעם געלט וואָס ער האָט באַקומען.

— איצט פאָרן מיר צו און מיד לאָזן אים אַרויס.

— אין אָרדנונג האָט צוגעבאָמקעט דער מאַזשור.

מענדל! שרייט דער אַדוואָקאַט. די בירזשע איז צוגעפאָרן. ביידע לייטישע מענטשן האָבן זיך שווערלעך אַרויפגעזעצט און צוגעפאָרן באַפרייען משהלען.

דער ערשטער מײַ

(1889)

איר שאפערס פון אוצרות, אליין בידנע אָרעם.
פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום.
אין פעלד, אין פאבריק, ביי דעם שרייבטיש, אין שאכט!
צום קאמף מיט די גענער, וואָס איר האָט געמאכט.

אכט=שעה טאָג פון ארבעט און העכערע לוינען
און קאסעס פאר קראנקע און שטיבער צום וווינען
אין קאמף צו געווינען, אייער חוב און אייער רעכט!
איצט — זיי די באלעבאטים און איר זענט נאָך קנעכט.

אייער אחדות וועט מאכן זייער כוח צו נישט.
זייער הערשאפט וועט זיין פון דער וועלט אָפגעווישט.
ווי געצן, וואָס ליגן אָן פיס און אָן הענט
פון העק און פון פייער צעקלאפט און פארברענט.

דער ערשטער מײַ

(נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע 1917)

איר שאפערס פון אוצרות! אייער מאכט און אייער ווערט
האָט זיך שוין צעשפּרייט אויף א זעקסטל פון דער ערד.
די בלוטיקע הערשער צעקלאפּט און פארלענדט
איצט — שאפן און בויען! באווייזט וואָס איר קענט!

פון בלוטיקע הערשער נישטאָ קיין געביין.
דאָך שונאים פיל, שארפן די שווערד און די צײן.
מאכט צענפאך דעם ארבעטס־טאָג, זייט אויף דער וואך,
כאָטש איר זענט איצט שטארקער און זיי זענען שוואך.

פארגעסט נישט די בלוטיקע הערשער פון דרויסן,
וואָס זיי גרייטן צו און וואָס זיי זענען אויסן.
אייער אחדות, אייער מי, דארף פארטיליקן זייער מאכט,
דארף האָבן דער וועלט איר באפרייונג געבראכט.

דער ערשטער מײַ

(נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה 1945)

איר שאפערס פון אוצרות! איר האָט שוין באוויזן
אייער מערעשקע־פּליים און די גבורות פון ריזן.
דער בלוטיקסטער שונא דער וועלטס ליגט צו דר'ערד
איר בויעט דעם שלום, וואָס ער האָט צעשטערט.

נאָר גייע בעלנים צו וועלט־מאכט באשפריצן
די דאָרשטיקע ערד מיט זייער גיפטיקער פינע
און שלאַנגען־קעפּ שפּראָצן, אויף פירער־בענק זיצן,
פאַרשפּרייטן נקמה, — מלחמה, שרעק, שׂנאה.

די פעלקער, וואָס לעבצן זייט טויזנטער יאָר,
דעם חלום פון פרידן צו זען אויף דער וואָר,
זיי ווענדן צו אייך זייער דאָרשטיקן בליק,
פאַר פרייהייט! פאַר שלום! צום קאַמף! ביז צום זיג!

דער זיג

מערן זיך ווי שאָף, משפחות, פולן אוים די ערד,
לעבט דער מענטש אויף דער ערד בשלום. קיינעם קיינער שטערט.

פאָרויס גייט א מענטש, א פאסטוך, אָבער אָן א שטעקן,
אָן א שופר, אָן א גלאָק, צו וועקן און צו שרעקן.

שניי־בערג געבן ברויט און ווין, גלייך ווי די רייכסטע פעלדער.
וויסטן ווערן וואסער־זאט, מיט שאָטנס גרינע וועלדער.

פרייט זיך מיט זיין צייט דער מענטש. מיט ווינטער און מיט זומער.
זון־אויפגאנג און זון־פארגאנג, מיט ליבע נעמט ארום ער.

הימל, כמארע, סטעפּן, בערג און זון, לבנה, שטערן
זע־פארנעמ אויף בארג און ים און כוואליעס זעען און הערן.

אלע חושים פרייען זיך. זיין ארבעט מאכט ניט מיד אים.
רבים האָט ער אָן א צאָל, חברים און תּלמידים.

ער — מענטש, זי — מענטש,ביידע גלייך. און ווערט איז קיינער מינדער.
קוקן זיך מיט ליבע אָן און פרייען זיך מיט קינדער.

ווען צום לעצטן מאָל אין לעבן, א מידער כאַפּט זיך אויף,
לאָזט ער זאט און פול די טעג ביים ברעג פון דעם אין־סוף *.

---

* אין־סוף — אומענדלעכקייט.

צוויי ברויט

לוי־יצחק גאָלדענבערג, דער געלער און פרומער פאַבריקאַנט פון גלאָזוואַרג און פון שפּיגלען, זיצט מאָנטיק גאַנץ פרי ביי זיך אין קאַנטאָר און קוקט אַריין אין א בלאַט. זעט ער ווי אויף דער וועלט האָט מען זיך פּאַסקודנע גענומען צו זיין יידישן פאָלק, מע פּלאָגט עם און מע פּייניקט עס, אַז ס'רייסט אויש ביים האַרצן. באַקומט ער נערוון, לוי־יצחק, ווערט נאָך געלער ווי ער איז, און הייבט אָן אומשפּאַנען הין און צוריק איבערן חדר.

אין א זייט פּויקט א מיידל אויף א שרייבמאַשינקע. באַפעלט לוי־יצחק:

— אוועקלייגן ס'שרייבן און תיכף ענטפערן: וויפל יידן אַר־בעטן ביי די „ברידער גאָלדענבערג" און ווו זיי אַרבעטן!

שמייכלט ס'מיידל, זוכט אין די ביכער און ענטפערט:

— איין ייד... ער קלאַפּט צונויף קעסטלעך אין הויף... ער אַרבעט אויפן טאָג!...

— איי, איי!... מאַכט לוי־יצחק — און דאָס געלע, גאָלדענע האַלבע־לבנה בערדל זיינס פּאָטאַקעוועט נאָך און מאַכט אויך: איי, איי!

אין הויף איז בלאָטיק און גליטשיק. פאַרזשאַווערטע שטיקער בלעך וואַלגערן זיך פאַר די פיס און לאָזן ניט גיין. א שווערער האַמער מאַכט פון דינע ברעטלעך גרויסע קאַסטנס. פרעגט לוי־יצחק דעם האַמער:

— אַרבעטסטו שוין לאַנג ביי מיר?...

— לאַנג!...

— ביסט א היגער?...

— א היגער.

— א חתונהגעהאַטער, האָסט קינדער?

— דריי קינדער!

— און וויאַזוי הייסטו?

— שלום! שמייכלט דער האמער.

— איי, איי! מאכט לוי=יצחק, — א טייערער נאָמען... א נוצלעכער נאָמען!... און דאָס געלע, גאָלדענע, האלבע לבנה=בערדל זיינס פּאַטאַקעוועט נאָך און מאכט אויך: איי, איי! א טייערער נאָמען, א נוצלעכער נאָמען!...

באַפעלט לוי=יצחק:

— דעם יידן דאָרט, דעם קאסטן=קלאַפּער, זאָל מען אלע טאָג מיטגיבן צוויי ברויט ביים אהיימגיין!...

פארשטייט זיך אז דער ייד דאָרט, דער קאסטן=קלאַפּער, איז אים די טייערע טובה מוחל געווען. א שווערער האמער האָט זיך א הייב געטאָן און געסטראַשעט, אז ער דאַרף קיין נדבות ניט. נאָר לוי=יצחקן איז דערווייל גוט געוואָרן אויף דער נשמה. די נערוון האָבן זיך אָפּגעקילט. ער האָט צוריק גענומען ס'בלאַט אין דער האנט און ס'איז אים ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן.

אין א זייט פּויקט דאָס מיידל ווייטער אויף דער שרייב=מאַשינקע. לוי=יצחק ברומקעט א זמרל. ס'איז אים ווויל. ער ווערט צעשמאָלצן פאַר נחת.

— וואָרען, — מאכט ער, — לאָזן אומקומען אן איינגן פאָלק? און דאָס געלע, גאָלדענע, האלבע לבנה=בערדל זיינס פּאַטאַקעוועט נאָך און מאכט אויך: וואָרען, לאָזן אומקומען אן איינגן פאָלק?...

די מאַשין

גערווידמעט מיינע צוויי ברידערלעך
— די וועבער

דער קליינער שמואליק ארבעט ביי א גרויסער הילצערנער וועב=מאַשין. די מאַשין איז פּראָסט, און נאריש, און געטריי, און פארשאַפט שמואליקן א סך פארגעניגן. דער באַלעבאָס איז קלוג, איז שאַרף, איז מיט אלע מעלות, נאָר שמואליק האָט ליב די נארישע מאַשין און האָט פיינט דעם קלוגן באַלעבאָס.

ס'גאַנצע פאַבריקל באַשטייט פון דריי אַזעלכע וועב־שטולן. אין סעזאָן קלאַפּן אַלע. איצט אָבער אַרבעט נאָר שמואליק. מע האַלט אים דאָ דערפאַר ווייל ער איז נאָרוואָס אַרויס פון דער לערע און אַרבעט פאַר דריי פערטל אומזיסט.

אונטער דער נאָז איז שמואליק תמיד אויסגעשמירט מיט שוואַרצן. מיינט מען אַז ער איז שוין אַ גרויסער און עס שפּראָצן אים צוויי שיטערע צעשויבערטע וואָנציאַלעך. און אַז סע מאַכט זיך אַמאָל די מאַשין פאַרהאַקט זיך, וויל ניט גיין ווייטער, שרייט זיך שמואליק גוט אויס אויף איר און זידלט זי טאַקע פּונקט ווי אַ גרויסער. ווי עס זידלט אַ שטייגער דער באַלעבאָס. וואָרעם שמואליק ווייסט אַז האָלץ און אייזן איז נישט מער ווי האָלץ און אייזן: זיין אויסשרייען זיך וועט איר נישט ווי טון און די קללות הערט זי אַקוראַט ווי גאָרנישט.

נאָר באַלד, דערנאָך, בעט ער זיך איבער.

ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ ס'גרויע העמדל, צעלייגט זיך אונטער איר, נעמט זי אַרום מיט אַ פּאָר גרויסע איבערגעוואַקסענע הענט, טאָרעט זי, רעד צו איר עפּעס און פייפט איר צו אַ פריילעך לידל.

דערנאָך שלעפּט ער פון ערגעץ אַפיר אַ פאַרזשאַווערט קליין בלעכערן פלעשל.

— דו, בהמה, — זאָגט ער, — ביסט דאָרשטיק, האַ... אַ ביסל משקה האָט זיך דיר פאַרגליסט...

און פון פלעשל רינט אַזאַ געדעכט פליסיקייט, רינט מיט אַ קנייטשל, מיט מעסיקייט, ווי אַ שטיל — שטילער, דינער ניגון.

שמואליקווישט אָפּ די הענט, גלייכט אויס די ביינער און אָט לאָזט די מאַשין פון זיך אַרויס אַ פאַרגרעבטן קרעכץ, דאָס שיפל שיפט זיך דורך, די פעדים גיבן זיך אונטער און עס וואַקסט. עס וואַקסט דאָס זיידנס און עס וואַקסט די פרייד: אַ שכנה טראָגט אַזאַ בלוזקע; אין וויטרינעס הענגען אַזוינע העמדער; און די שוועסטערלעך — אַ'י, וואָלטן זיינע באָרוועסע שוועסטערלעך געדאַרפט אַזעלכע קליידעלעך...

דעמלט, ווען ער גייט אַהיים, שמואליק, איז ער גאָר לעבעדיק. סע אַרט אים איט ניט וואָס הענט און פיס זענען קלעצער, ער פילט ניט ווי אין קאָפּ דרייען זיך רעדער מיט אַ גרילץ און מיט אַ סוויפּטש. אַזאַ טאָג אַרבעט וואָלט זיך געמעגט ציען גאַנצע מעת־לעתן. נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט וואָלט שמואליק אַרומגעכאַפּט די גאָרע וועלט און זיך מיט איר צעקושט אָט דאָ — אינמיטן גאַס...

אינדערהיים, אויף דער טיר, קוקן שוין ארויס אויף אים די דארע איינגעקאָרטשעטע מאמע און דער פארטראכטער קראנקער טאטע. די מאמע דערלאנגט אים עפּעס צום טיש אין א בלעכערן טעלערל און דער טאטע זעצט זיך אוועק ביי דער זייט, שווייגט, קלערט, און באטראכט דעם קליינעם ברויטגיבער זייגעם.

דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— נו, שמואליק, ווי אזוי איז עפּעס געגאנגען היינט דיין מאשין ?...

שמואליק, ס'היטל אויף א זייט, די בעקלעך פלאמען, דערציילט וואונדער, ער מאָלט אָפּ די מאשין מיט אלע קלייניקייטן, היצט זיך, הייבט אלעמאָל אָן פון אָנהייב, שיט פאר פייער און פאר וואסער און דער טאטע — א צעעפנט מויל און געלעבערטע אויערן.

אזוי קאָן דאָס פּאָרל אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאכט אריין.

ביינאכט טאָרעט די מאמע דעם טאטן:

— לייזער!... פארמאָגט די מאמע אזא הייזעריק קוויטשיקל, — לייזער, קריך אראָפּ און דעק צו שמואליקן — קוק, ווי ער איז אָפּגעגאָסן... הוילע שוויים איז ער!

אז לייזער שלעפּט נאָר ארויס א פוס פון אונטער דער קאָלדרע פארהוסט ער זיך און פארקייכט זיך אז ס'איז א גרויסער חידוש ווי אזוי אזא קליין מאָגער מענטשל ווי לייזער קאָן אזוי שטארק הוסטן. ער זוכט ערגעץ אוים אן אלט מלבוש, ווארפט עס ארויף אויף שמואליקן, טאפּט אים דעם שטערן, זיפצט, קרעכצט, כראקעט און שארט זיך פּאוואָלינקע צוריק צום געלעגער.

די מאמע קללות דערווייל:

— אז אויסגעריסן זאָל זי ווערן... א קאלטע בראנד איר אין לייב ווי זי ציט מיר פונעם קינד ס'גאַנצע חיות ארוים...

— ווער, יידענע, ווער ?... פארקייכט זיך לייזער ווידער אמאָל און פאלט אריין אין בעט ווי א קלאָץ.

— ווער, — קרומט זיך ס'ווייב — די רבצין... אָט ווייסט ער הייסט עס ניט ווער... תם, די מאשין אייערע, א שׂרפה איר אין די קישקעס אריין!...

און דאָס פּאָרפאָלק רוט שוין אזוי ניט ביז העט=העט פארטאָג. אויך שמואליק דרייט זיך הין=און=הער אויפן געלעגער, אין שלאָף הערט ער דעם טאטנס זיפצן און דער מאמעס הייזעריק קוויטשיקל.

נאָר אָט צעקרייעט זיך דער וועק=זייגער. ער קרייעט מיט א פארזשאווערטן כריפּ און א סך — א סך הייזעריקער ווי די מאמע. שמואליק שפּרינגט אראָפּ פון געלעגער. אין שטוב טאָגט שוין. דאָס לעמפּל וואָס האָט א גאנצע נאכט געררייכערט הויבט אָן

ווי אָפּטרעטן אין א זײט, ווערט נעבעכדיקער, איבעריק, און באַקומט א פּנים ווי א רחמנות יאָרצייט נאָך א ווייטן – ווייטן קרובֿ.

שמואליק שטייט אין מיטן שטוב א פארלוירענער און צע־שוויבערטער. אין קאָפּ פּלאָנטעט זיך אן אומרואיקע נאכט. א נאכט וואָס הוסט און קללהט, קללהט און הוסט.

נאָר אָט טוט ער א טראכט צו דער מאשין, צו די טויזענטער דינע זיידענע פעדים. ווי יעדער פאָדעם באזונדער איז א גאָרניש־מיט נישט, א נעכטיקער טאָג, נאָר קוים שליסן זיי זיך צונויף אײנס מיטן אנדערן, וואקסן זיי און וואקסן: א שכנה טראָגט אזא בלוזקע; אין די וויטרינעס הענגען אזוינע העמדער; און די שוועסטערלעך — איי, וואָלטן זיינע באָרוועסע שוועסטערלעך געדארפט אזעלכע קליידעלעך...

און אינמיטן שמואלם טראכטן טענהט דער טאַטע אריין אין די קישן אריין, טענהט אריין אין דער בייזער מאמע אריין:

— יידענע וואָס האָסטו צו דער מאשין, וואָס איז זי נעבעך שולדיק אז מ'האָט זי קרום אוועקגעשטעלט?... געזען אזוינס... א מענטש זאָל א גאנצע נאכט אומזיסט און אומנישט שעלטן... ס'איז דאָך פשוט א צער בעלי־חיים... קכע, כע...

פארהוסט ער זיך אזוי אז דאָס אונטערגעשוירענע צעשויבערטע בערדל זיינס, לויפט אום הין און צוריק איבער דער קאָלדרע, גלייך א מויז א גראָע, א דעשראָקענע, וואָלט ארויף אויפן גע־לענגער און געטאנצט לייזערן אין פּנים אריין.

אין איין רגע איז שמואליק אָנגעטון און אָפּגעוואשן.

...דער קליינער שמואליק ארבעט ביי א גרויסער הילצערנער וועב־מאשין.

וויג־ליד

איך געדענק נאָך יענע יאָרן
ווען איך בין א קינד געווען
פאר מיר שוועבן נאָך די בילדער
וו עס פלעג מיין וויגל שטיין.

ווי מיין מאמע זאָל זיך מיען,
האָט מיך צו איר הארץ געדריקט,
און מיט זיסע מעלאָדיען
אין דעם שלאָף מיך איינגעוויגט.

אוי דער מאמעס זיסע לידער,
זיי פארגעסן קאָן איך ניט,
זיי דערקוויקן מיר די נשמה
זיי היילן מיר מיין קראנק געמיט.

ווען הארץ הייבט אָן צו ציען,
נאָך דעם אומבאקאנטן גליק.
זינג איך פון די מעלאָדיען,
וואָס איך האָב געהערט אין דער וויג,

אוי די יאָרן גיך אנטלאָפן,
און זיי קומען ניט צוריק
אָפגעשטאָרבן לאנג שוין די מאמע,
שוין צעבראָכן לאנג די וויג.

ווי געשטאַנען איז דער וויגס שטיבל,
וועלכעס איז געווען מײַן היים
טרעף איך נאָר א פוסט גריבל.
און א בערגעלע מיט ליים.

און איך וואַנדער ווי א הון
זוכנדיק א שטיקל טרייסט
אין דעם רימל פון דעם לעבן.
ווי א פויגל אָן א נעסט.

נאָר מײַן זוכן בלײַבט פאַרגעבן
ווהין איך ווענד מײַן טרערן־בליק
אזוי ענדיקט זיך מײַן לעבן
ווי דאָס שטיבל מיט דער וויג.

1920

קינדער־יאָרן

אין דעם קעמערל פון מײַן זכרון,
נאָר ווי אין א שפּיגל אין א קלאָרן,
זע איך דאָרטן אָן א צאָל,
שיינע בילדער פון אמאָל,
זכרונות פון די שיינע קינדער־יאָרן.

אין דעם חזנס גערטנדל דעם שיינעם.
בײַ דעם גרינעם בערגעלע דעם קליינעם,
יעדן שבת זיך געשפּילט.

אזוי גליקלעך זיך געפילט,
דאָרט מיט די חברימלעך אינײנעם.

דער רבי אין חדר זיצט מיט די בחורים,
טײטשט דאָרט אײן מיט זײ דעם שיר־השירים.
די רביצן בײם לאָקשן־ברעט,
מיט דעם װאלגער־העלצל שטײט
זי װאלגערט המן־טעשלעך אויף פורים.

דער בעלפער קומט און קנײפט מיך אין מײן בעקל,
טוט מיר אָן דאָס נײע לײבצודעקל,
דעם רבינס מײדל ציפקעלע
זיצט זינגענדיק בײם ריבקעלע,
זי נײט דעם חתן אויס א טפילין־זעקל.

הײנט איז פורים גײ איך נישט אין חדר.
איך פארשטעל זיך אין מײן שװעסטערס קלײדער
א רויטע מאסקע פון פאַפּיר,
האָט געבראכט מײן ברודער מיר,
און א ספּאָדיק מיט א גרינער פעדער.

איך זע דיך דאָרט מײן געליבטע חנה,
מיט די שײנע שװארצע אויגן דײנע
געליבט האָב איך דיך אָן א שיעור,
איך האָב געמײנט אז דו װעסט בלײבן מײנע.

ניט געפעלן האָב איך דײן משפּחה,
װײל איך לערן זיך א באַלמעלאָכע,
האָט מען דיר דעם קאָפּ פארדרײט,
און אויף אײביק אונדז צעשײדט,
זאָל דיר שענקען גאָט דערפאר הצלחה.

איך וואָלט ביי מיין לעבן וועלן גערן,
אַז איך זאָל פון דיר גוטע בשׂורות הערן,
אַז דו האָסט אין דער וועלט באַגליקט,
איך וואָלט פשוט מיך דערקוויקט,
איך וואָלט וויינען אָט מיט פרייד־טרערן.

קינדער יאָרן אין תהום געפלויגן,
ביי דער אַרבעט זיץ איך אָנגעבויגן,
מיט דעם נעדעלע איך ניי,
דאָס בענקענדיקע האַרץ טוט וויי,
זכרונות־טרערן קאַפּען פון די אויגן.

י. ל. ב ד ר ק ש ט י י

לייזער דער בלעכער

דערציילונג

ווער האָט נישט געקענט ביי אונדז אין שטעטל לייזער דעם בלעכער?

ווער געדענקט נישט דעם אלטן שייגעם ייד, מיט זיין גרוי קאלעכיק בערדל און מיט זיין אָפענעם שמייכל פון צווישן די צוויי שורות ווייסע געזונטע ציין.

ווען זיינע פיר טעכטער און דריי זין זענען שוין געווען לאנג אויסגעגעבן, געגרינדעט נייע נעסטן און זיך צעפּאָרן אין דער גרויסער וועלט — האָט זיך דער אלטער בלעכער נאָך אליין ארומגעצאנקט מיט זיין יידענע.

— כאנצע, דו ביסט שוין אן אלטער שקראַב געוואָרן! — פלעגט ער איר זאָגן.

— לייזער דו ביסט דאָך עלטער פון מיר מיט א שטארקע אכט יאָר, ביז הונדערט און צוואנציק! — האָט זיך די אלטי־טשקע געמאכט ברוגז.

— אָבער דו האָסט שוין נישט קיין איין צאָן אין מויל און נייסט מיר שטענדיק ארום מיט אן איינגעבויגענעם רוקן...

ווער געדענקט נישט לייזער דעם בלעכער, ווי ער איז געגאנגען גראד ווי א ליכט, טראָץ זיינע 77 יאָר וואָס ער האָט געהאט אהינטער זיך, — אין זיין זויבערן שווארצן מאנטל אָנגעטון, מיט זיין קאלעכיקן סאמעט־הוט אויפן קאָפּ, ווי ער איז יעדן אינדערפרי און פארנאכט אדורך די זעלביקע גאסן ביז אין „פּועלי־צדק" — די ציגיינער גאס, רעכטס אריין אין דער יידישער גאס, פון דאָרט לינקס אריין אין חדרים־געסל וו גאנץ אין יענעם עק איז געווען דאָס בית־המדרשל.

זייט 37 יאָר, איז ער אזוי געגאנגען יעדן פרימאָרגן פּינקטלעך זעקס אזייגער אין „פּועלי־צדק", אז די איינוווינער האָבן זיך געקענט אָפּשטעלן די זייגערס נאָך זיין פאָריבערגיין צום דאווענען.

ווער האָט אים נישט געקענט!

באַלעבאַסטעס און קליינע קינדער, חדר יינגלעך, פאַר וועמען ער האָט געמאַכט יעדעס יאָר נייע דריידלעך אויף חנוכה און שיינע בלעכענע גרעגערס אויף פורים, פון עכטן ווייסן צינבלעך, אַזוי גוט פאַראַרבעט אַז די קינדער זאָלן זיך חלילה־נישט צע־גראַטשען די הענטלעך.

און דער ציטעטירער? אַז מ'האָט אים געבראַכט די מאָסן פון לייזער דעם בלעכער, האָט ער שוין נישט איבערגעמאָסטן. אַז ר' לייזער האָט דאָס טעפּל געמאַכט פאַר אַ ליטער, איז דאָס אַ ליטער און נישט אַ טראָפּן מער אָדער ווייניקער.

און די באַלעבאַטים וואָס ער האָט זיי געמאַכט די רייערן צו די אויוונס און די דעכער איבער זייערע הייזער, — און אויף וועלכן דאַך איז ער נישט געקראָכן?... ביי די פּופּצן יאָר האָט ער זיך גענומען צו דער מלאָכה. ער האָט געמאַכט די דעכער פונעם שטאָט־הויז, פונעם קאַטאָלישן קלויסטער, פונעם רעפאָר־מירטן טעמפּל, פונעם שטייער־אַמט, פון דער גרויסער שול, פון...

אין זעכציק יאָר, אַרבעט מען איבער אַ וועלט!

לייזער דער בלעכער האָט אויך געמאַכט דעם דאַך פונעם „פועלי־צדק" בית־המדרש.

לייזער האָט געדאַוונט אין דער אַלטער קלויז, געהאַט דאָרט אַ דרום־זייט גאַנץ הינטן אין דער לעצטער ריי, צווישן זיינס גלייכן, ווי ער פלעגט תמיד זאָגן. אין אַ שיינעם טאָג איז אים שוין נמאס־ומאוס געוואָרן פון אַזוי פיל פּליאַטקעס און באַ־רעדערייען פון די יידן, פון די הינטערשטע בענק. דאָ האָט זיך חיים דער שניידער געקלאָגט אַז מ'האָט אים נישט דערלאַנגט אַן עליה. דאָ האָט מען מעכל דעם שוסטערס זון — וואָס ער איז שוין קיין עין־הרע דאָך אַ דערוואַקסן קינד — אויסגערופן שמחת־תורה אונטער איין טלית מיט אַ פיר קלענערע יינגלעך, דאָ האָט מען קאָפּל דעם באַלעגאָלע נישט צוגעלאָזט צום עמוד כאָטש ער איז נישט געווען אַ חייב — און מייראָוויטש דער טישלער אַ „פריידענקער" אַ תמיד אומצופרידענער, האָט אַלץ אויפסניי אָנגעהויבן:

— אוודאי! די נגידים קומט אַלץ! אָט די וועלט האָבן זיי שוין צוגענומען און יענע וועלט ווילן זיי אויך איינגאַנצן פאַר זיך!

— אַלע כבודים פרעסן זיי אויף די שיינע יידן!

— מע ליציטירט, מע פאַרקויפט אוים די עליות! פאַר וואָס ליציטירט מען? אַז מיר זאָלן קיינמאָל נישט קענען צוקומען צו עפּעס...

מייראָוויטש איז געווען אָפּטמאָל אַן עזות=פּנים, אַזוי אַז ס'האָבן אויסגעבראָכן גאַנצע קריגערייען און שיר נישט געקומען צו שלעגערייען צווישן זיין חברה און די גבאים, די שיינע יידן און די שמשים פון דער אַלטער קלויז. ווייל מייראָוויטש האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי איינס און צוויי איבערעדן. ער פלעגט זיי אַריין זאָגן, אַז די וועלט וואָלט געקענט גאַנץ גוט באַשטיין אָן באַלעבאַטים, אָבער נישט אָן באַלמעלאָכעס.

צוריק מיט אַ 37 יאָר, בשעת ער איז אַזוי געשטאַנען אין זיין ווערק=שטיבל און אויסגעקלאַפּט אַן אַלטן רייער, האָט ער אַהיינגעקלערט אין דער זאַך.

ער האָט דעמאָלט געוווינט ביי ר' שלמה דעם צווייטן דין אין הויף, די גאַנץ אינטערשטע דירה — איין צימערל פאַר דער וווינונג, איין צימערל פאַרן וואַרשטאַט. צו ר'שלמה דין איז ער אָפט געקומען, ער האָט מיט אים איבערגעשמועסט אַ סך ענינים וואָס פלעגן אים פאָרקומען און ר'שלמה פון זיין צד, האָט נישט אויפגענומען קיין געלט, וואָס מ'האָט געוואָלט ביי אים איינליגן, איידער ער האָט אַריינגערופן ר'לייזערן ער זאָל אויך זיין דערביי.

אין יענעם פאַרנאַכט איז לייזער דער בלעכער אַריין צום דין, זיך לאַנג געראָטן מיט אים. ס'האָט שוין געקענט זיין חצות, ווען ער איז אַרויס און געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן. דעם אַנדערן טאָג האָט ער גערופן די חברה באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס און טרעגערס, די פון די הינטערשטער באַנק פון דער אַלטער קלויז, צו זיך אין שטוב און זיי דערציילט זיין המצאָה: אין חדרים=געסל דאָרט גאַנץ אין עק, נאָך די קהל'ס חדרים און לעבן דעם גרויסן תבואה=שייער, איז דאָ אַ פאַרלאָזט הייזל. דאָס וועט מען קענען דינגען, אָדער אפשר אָפּקויפן ביליק ביי דער קהילה און דאָרט איינריכטן אַ בית=המדרשל. ער האָט שוין גערעדט מיט ר'שלמה דעם צווייטן דין, ער וועט רעדן ווייטער מיט ר'אלחנן דעם ערשטן דין, מיט ר'יעקל דער ראש=הקהל און מיט די אַנדערע מנהלים און קאַרפּנקעס. דאָס הייזל איז גאַנץ אין אַ גוטן צושטאַנד. מע דאַרף אוודאי פאַריכטן די טירן און פענצטער. מע ברויך אויסקאַלעכן, מאָלן, די ווענט פאַריכטן, זענט איר דאָך מאָלערס, מויערער, מע ברויכט אַ פּרוכת, אַ טישטוך צום בעלעמער און אַ דעק=טיכל צום עמוד, זענען דאָ קיין עין=הרע שניידערס גענוג. מ'וועט נאָך מוזן פאַרשאַפן טיש און בענק, אַ פּאָר שטענדערס, און אַלעם איבערדעקן מיט אַ גוטן דאַך שטאַט דעם פאַרפוילטן שינדל=דאַך, — וועלן מיר אַלע צוזאַמענלייגן אַביסל געלט... און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אמת

ס'איז נישט געגאנגען אזוי לייכט אין קעגנטייל מיט די קארפן קעפ און מנהלים איז עס קודם געגאנגען גאנץ שווער. מ'האָט באדארפט איבערקומען פארשידענע זיצונגען און אסיפות. ס'זענען געשאפן געוואָרן פארשידענע קאָמיסיעס און סוב־קאָמיסיעס, ביז קוים מיט צרות איז עס געלונגען צו קומען צו א הסכם. פיפציק פראָצענט פון אלע הכנסות פונעם בית־המדרשל, פון די עליות, נדרים ונדבות זאָל געהערן פאר דער קהילה, „זיי האָבן ווידער געמאכט א גוט געשעפט" — האָט מייראָוויטש געמורמלט מיט כעס — „פופציק פראָצענט פונעם ברוטאָ, ווי זיי זאָגן דאָס, און ווילן נישט וויסן פון קיין היזק, פון הוצאות... באלד ווי מע האָט באקומען דעם בנין האָט יעדער געלייגט א האנט און א פּאָר שווער פארדינטע מטבעות און דערפון איז געוואָרן דאָס בית־המדרשל „פּועלי־צדק". שיין, ווייס געקאלעכט, מיט א גוטן רויטן בליטשענדיקן בלעכענעם דאך, אינעווייניק מיט די ווייסע פריש געהיבלטע בענק און שטענדערס, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט טענענוואלד, מיטן עמוד אויף וועלכן ס'האָבן געגלאנצט צוויי מעשענע לייכטערס, מיטן בלויען פּרוכת אויף וועלכן עס זענען געווען אויפגעשטעפּט א הימל מיט שטערן און רויטע אותיות:

„הפּרוכת הזאת שייכת לחברה פּועלי־צדק מפה ק'ק..."

ס'איז געווען ממש א מחיה, נישט צו זען יענע מזרח ווענט. מ'האָט געוויילט א גבאי, דעם ערשטן גבאי. איז טאקע אויסגעוויילט געוואָרן לייזער דער בלעכער. ער האָט זיך גענומען א שטאָט ליגקס, לעבן דעם בעלעמער. נאָך דעם ערשטן טאָג האָט ער אָפּגעטראָגן זיין טלית און תפילין זאק אין בית־המדרש און אים ארייגעלייגט אין שטענדער. און מייראָוויטש דער טישלער האָט באקומען א מזרח־זיץ, און חיים שניידער האָט געקענט גאנץ לייכט צוקומען צו א שישי, און מעכלם יינגל איז עולה געווען שמחת־תורה אליין; כמעט אין גאנצן אהיינגעקומען אונטער זיין פאָטערס ברייטן טלית.

יאָר איין, יאָר אויס איז לייזער דער בלעכער געוויילט געוואָרן פאר גבאי אין „פּועלי־צדק" און ס'איז געווען שלום ושלוה צווישן דעם עולם. זיבן און דרייסיק יאָרן זענען אזוי פאָריבער געגאנגען. די ווענט זענען געוואָרן פארייכערט, די שטענדערס פארברוינט, די בענק און זיצן האָבן באקומען דעם גלאנץ פון די הויזן און שפּאלטן האָבן זיך געמאכט אינעם אויסגעטרוקנטן האָלץ — דאָס פּרוכת האָט באקומען פלעקן פון אזויפיל קושן מיט די הענט און דער עמוד איז געוואָרן פארחלבט.

ס'האָט אויסגעזען אַלץ אַזוי געזעצט, אַזוי פעסט, געשיינט, אַז אייביק וועט דאָס שוין אַזוי בלייבן.

זיבן און דרייסיק יאָר זענען אַזוי פאַריבער. יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט האָט מען געקענט זען ליזער דעם בלעכער גיין אָן אַ טלית־זעקל, גראָד ווי אַ ליכט און פּונקטלעך ווי אַ זייגער אין בית־המדרש און צוריק צו זיין ווערק־שטוב. דער טלית איז געבליבן ליגן שטענדיק אין שטענדער פון לעבן בעלעמער.

— כאַנצע דו ביסט שוין אַן אַלטעטשקע געוואָרן, קריכסט מיר אַרום אַ גאַנצן טאָג נאָר מיט דער צאנה וראנה...

צוריק מיט יאָרן ווען אַלע זיינע פיר טעכטער און צוויי פון זיינע זין האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט, האָט זיך נאָר ליזער דער בלעכער אַלץ אַזוי אַרומגעצאַנקט מיט זיין יידענע. איין טאָכטער זיינע, די עלטערע, האָט זיך נאָך מיט יאָרן צוריק באַזעצט אין אַ נאָענטן דאָרף, אין קרעמטשענעוו מיט איר מאַן ברוך דער שמיד, אַ פלייסיקער אַ שטילער. די איבעריקע דריי טעכטער האָבן אויך חתונה געהאַט מיט אָרנטלעכע באַלמעלאָכעס צוויי טישלערס, און איין שלאָסער, און זיך באַזעצט ערגעץ טיף אין לאַנד, אין ווייטע שטעט, געשריבן אַ יעדן ערב־יום־טוב אַ קאַרטל פאַר די עלטערן—„מיר זענען ברוך השם געזונט, דאָס זעלבע פון אייך צו הערן...“ פון די צוויי עלטערע זין זיינע איז איינער, יאָסל, געבליבן ביים פאָטערס פאַך און נאָך דער חתונה זיך באַזעצט אין סאַטמער, געעפנט דאָרט אַ ווערק־שטובל בשותפות מיט אַן אַנדערן באַלמעלאָכע. און יידעלע דער צווייטער זון, וואָס ער איז געווען פון קינדווייז אויס אַיין אײדל, בלאַס שוואַך יינגל, האָט אויסגעלערנט שניידעריי, אַ גרינגערע מלאכה הייסט דאָס, און איז געבליבן נאָך דער חתונה וווינען אין סיגעט מיט זיין משפחה און געאַרבעט אין ר'יעקל קויפמאַנס קאָנפעקציע־פאַבריק.

נאָר פון זיין דריטן זון פון חיימלען זיין מעזינעק, האָט ליזער דער בלעכער נישט געהאַט קיין נחת. ביז צו די פירצן יאָרן, איז ער טאַקע נעגאַנגען אין קהלס חדרים, געלערנט גוט אַז ס'איז געווען אַ מחיה אים אויסצוהערן דאָנערשטיק ביים פאַרהער, אַ פאָר יאָר דערנאָך האָט ער אויך געאַרבעט אין ווערק־שטוב, אַ סך געהאָלפן דעם אַלטן, ווייל ער איז געווען געשיקט און האָט גיך אויסגעלערנט די סודות פון זיין פאָטערס פאַך, — דערנאָך אָבער איז אין אים ווי עפּעס אַריינגעקראָכן... „די סיטראָ־אַחראָ“ ווי דער אַלטער פלעגט פאַרביטערט זאָגן, קודם כל האָט ער אויפגעהערט צו גיין צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין בית־המדרש,

אויפגעהערט צו לייגן תפילין אפילו — ער האָט זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט ניקאָלאיען גאָר, מיט געאָרגיאַן דעם שלאָסערס זון, טאקע א־ין אָרענטלעכער קריסט, אן אלטער גוטער שכן געווען געאָרגיאַן, אָבער צו וואָס טויג דאָס? — און סע איז געקומען צו אים אַפּטמאָל אויך פערענצי דער באנער גאָר און בערי דער שניידער־געזעלן פון קויפמאַנס קאָנפעקציע־פאבריק, וואָס יעדער האָט געוווסט אז ער עסט טריפות און איז א מחלל־שבתניק בפרהסיא. און וואָס ס׳איז געווען נאָך ערגער, אין א שיינעם טאָג האָט חיים, וואָס איז שוין געווען א געזעלן אין פאך, גלאַט איבערגעלאָזט זיין פאָטערס בלעכער־ווערק־שטוב און איז אריין אין ריזנטאַלס דרוקעריי, זיך אויסלערנען צו ווערן א זעצער, אָנהייבן אויפסנייַ ווי עפּעס א קליין לערן ייִנגל...

צו וואָס פלוצים א נײַ פאך אויסלערנען חיים? — האָט דער אלטער געפרעגט מיט ווייטיק.

— ס׳וועט דיר אויספעלן צו דער פרנסה? וואָספארא מין מענטש ביסטו?

— איך בין אזא מענטש, טאטע, וועלכער מוז קענען אלצדינג וואָס ס׳איז נויטיק, און ווען ס׳איז נויטיק, — האָט אים חיים געענט־פערט און ס׳האָט געשיינט אז ער רעדט ברמיזה.—אסך מלאכות און ווייניק ברכות! — האָט דער אלטער זיך אָפּגערעדט אליין, ווי צי פיר נאָענטע ווענט פון זיין ווערק־שטיבל און דערביי געקלאַפּט פארביטערט אן אלטע בלעך — א סך מלאכות און ווייניק ברכות! איך האָב אויפגעצויגן זיבן קינדער פון דער — אָ מלאכה... אמת אסך מאָל געווען ביטער, שווער. א סך יאָרן צוגעהונגערט איבער־הויפּט ביז די קינדער זענען גרויס געוואָרן, און דאָך... אָבער צוויי מלאָכות? ווער האָט געהערט אזוינס? צו וואָס טויג דאָס? לייזער דער בלעכער האָט נישט פארשטאַנען!

זיין זון האָט אָנגעהויבן קומען אהיים אלץ שפּעטער נאָך האלבע נאכט און אוועקגיין פרי איידער די זון פלעג נאָך אויפשטייגן, אסך מאָל האָט ער געברענגט א פּעקל אונטער זיין רעקל, עס באהאלטן גיך אונטערן קישן און זיך אראָפּגעלייגט שלאָפן א פּאָר שעה, זיך אויפגעכאַפּט גאנץ פרי אזוי אז קיינער זאָל אים נישט באמערקן און ארויס אין דער גאס.

אין א סך אזעלכע נעכט האָט דער אלטער נישט געקענט איינ־שלאָפן. ביי דער שיין פון דער לבנה האָט ער געזען ווי זיין זון דריקט מיטן קאָפּ דאָס קישן אונטער וועלכן ער האָט באַ־האלטן דאָס פּעקל ווי עפּעס א טייערן אוצר.

וואָס זאָל דאָס זײַן האָט לײזער דער בלעכער נישט פאַרשטאַנען! אײנמאָל אין מיטן דער נאַכט, ווען זײַן זון איז אויפגעשטאַנען און אַרויס אין הויף צו דעם ברונעם זיך אָפּוואַשן, האָט דער אַלטער זיך אַראָפּגעלאָזט פון זײַן בעט, לאַנגזאַם, ווי עפּעס א גנב, אַז דאָס בעט זאָל נישט סקריפּען, אָנגעצונדן א ליכט און צוגעגאַנגען צו חיים׳ס געלעגער, אַפּגענומען דאָס פּעקל פון אונטער זײַן קישן, עס אויפגעפּאַקט...

ס׳זענען געווען בלויז פּאַפּירן, געדרוקטע בויגן-פּאַפּיר, און דער אַלטער האָט געלייענט די גרויסע אותיות:

„שנײַדער געזעלן! איר וועט וויסן וויאַזוי צו ענטפּערן אײַערע באַלעבאַטים! נעמט אַ דעם בײַשפּיל פון די זשיראַפּענער גראָבאַרבעטער!“

די אויגן זענען אים געבליבן שטעקן ווי פאַרשפּיפּט...

— וואָס טוסטו טאַטע? — חיים איז פּלוצים דערשינען אין דער טיר. — דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט די בויגן פון דער האַנט און זיי זענען זיך צעפּאַלן אויף דער בריק.

— וואָס טוסטו מײַן זון? — האָט דער אַלטער געוויזן מיט ציטערדיקע הענט אויף די פּאַפּירן.

— דו ביסט דאָך א מורד במלכות!... דו האָסט נישט געלערנט, מיר ברויכן בעטן וועגן שלום, וועגן שלום-המלכות!

— וועגן שלום פון דער אַ מלוכה? — האָט חיים געשעפּטשעט מיט האס — וועגן די אויסניצערס און בלוטצאַפּערס? ניין טאַטע. מיר דאַרפן אַן אַנדערן שלום, אַן אמתן. און מיר וועלן נישט אים אויסבעטן, נאָר אויסקעמפּן.

— דו חיים? דו ווילסט איבערקערן די וועלט? — האָט דער אַלטער געשעפּטשעט פאַרצווייפלט.

— נישט איך, נאָר די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער. איך וועל אויך גיין מיט זיי — האָט חיים געזאָגט און צוריקגעהאַלטן זײַן אויפגעבריזט קול מיט די ציין, אַז ער זאָל נישט אויפוועקן די מוטער.

חיים האָט גיך צוזאַמענגענומען די פּאַפּירן פון אויף דער בריק, צוזאַמענגעלייגט דאָס פּעקל, אַזוי ווי ס׳איז געווען, און אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון זײַן פאָטערס האַנט — טאַטע דו האָסט גאָרנישט געזען — האָט ער נאָך געשעפּטשעט און איז גיך אַרויס אין דער טונקלער גאַס.

טאַטע דו האָסט גאָרנישט געזען!... — די ווערטער זענען נאָך לאַנג געקלינגען אין לײזער דעם בלעכערס אויערן און אין

קומענדיקע פינצטערע נעכט, אינעם פינצטער חדרל, האָט ער תמיד געזען פאַר זיינע אויגן די גרויסע געדרוקטע אותיות:

„שניידער געזעלן! איר ווערט וויסן ווי אזוי צו ענטפערן אייערע באַלעבאַטים!“ און א סך טעג דערנאָך, אין מיטן דער אַרבעט, ווען דער אַלטער האָט געהאַלטן אין אויפקלאַפּן אן אַלטע בלעך אָדער אין פאַרניטעווען א לעכעריק טעפּל, האָט ער געזען פאַר זיך די אותיות. און אַנומלט אין בית-המדרש איז ער געבליבן שטיין אן איבעראַשטער. אין סאַמע מיטן פון דער שמונה-עשרה ווען מען טאָר נישט אַמאָל טראַכטן וועגן קיין שום וועלט זאַכן — זענען פאַר זיינע צוגעמאַכטע אויגן דערשינען די ווייסע בלעטלעך פּאַפּיר מיט די גרויסע אותיות...

לייזער דער בלעכער האָט נישט פאַרשטאַנען.

און ער האָט שפּעטער אויך נישט פאַרשטאַנען, ווען די שניידער געזעלן פון נאָרמאַנס מיצל און קויפמאַנס קאָנפעקציע-פאַבריקן האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און זענען אַרויס אין לאַנגע געדעכטע רייען אין דער גאַס. צווישן זיי, אין די רייען גייענדיק מיט אַנגעשלאָסענע טריט, האָט לייזער דערקענט אויך ייִדעלעך, זיין צווייטן זון, מיט זיין געבויגענעם רוקן, מיט זיין בלייך פּנים און זיינע פייכטע רויטע אויגן, פון א סך איבערגעהאָרעוועטע נעכט.

זיין מעזונעק חיים! און אַצינד ייִדעלע, זיין צווייטער זון אויך! רבונו של עולם! ווי אַהין גייט די וועלט?... דעם צווייטן טאָג זענען באַפאַלן זיין שטוב צוויי פּאָליציאַנטן מיט דראָענדיקע פּיסטאָלעטן און א דעטעקטיוו אין ציוויל-קליידער אָנגעטאָן. די אַלטיטשקע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס ראַנדל פון דער האַנט און איז געבליבן ווייס, דערשראָקן. לייזערן האָט לייכט געציטערט די באָרד, ער איז אָבער געבליבן שטיין גראָד ווי א ליכט אין מיטן צימער.

— ווו איז ער, דיין זון? האָט געפרעגט שטרענג דער דעטעקטיוו.

— מסתמאָ ביי דער אַרבעט! — האָט דער אַלטער געענטפערט.

— א שיינע אַרבעט אין דער דרוקעריי! — האָט דער אַגענט געזאָגט מיט כעס.

די פּאָליצי-לייט האָבן איבערגעקערט דאָס ווינצימער און דאָס ווערקשטיבל. אָפּגערוקט די בעטן און די שאַפּעס, געזוכט אין יעדן ווינקל, ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט דער ציווילער, — אן אומצופרידענער — געזאָגט שטרענג צו די צוויי אַלטע:

— איר קומט מיט אונדז!

בײַ דער סיגוראַנצע האָט מען זײַ גלײַך פֿאַרגעבראַכט פֿאַר אַן אָפֿיציר מיט אַן עלעגאַנט רױטן קאַנטשיק אין דער האַנט, װעלכער האָט אָנגעהױבן בעסיק.

— װוּ האַלט אײַער זון די זאַכן זײַנע? זאָגט אױס! איר װײסט אַז אײַער זון איז אַ קאָמוניסט, אַ באָלשעװיק?

— אױ װײ איז מיר! — האָט אױסגעשריגן די אַלטיטשקע דערשראָקן.

— איר האָט נישט געזען בלעטער, דרוק־סאָרטן בײַ אים? — האָט דער אָפֿיציר געפֿרעגט דאָס מאָל אַביסל װײכער, און האָט זיך געשפּילט מיטן זילבערנעם הענטל פֿון זײַן קאַנטשיק.

די אַלטע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נײן? אַזױ, ױ,? האָט דער אָפֿיציר געצױגן די װערטער — און דאָס אָ האָסטו נישט געזען? זאָג דו אַלטער הונט! — האָט דער אָפֿיציר געשריגן צו לײזערן און אים געפֿלאַטערט פֿאַר די אױגן אַ געדרוקט בלעטל.

לײזער האָט אױפֿגעהױבן זײַן בליק. אױפֿן פּאַפּיר האָט ער דערקענט די שײנע גרױסע אותיות:

„שנײַדער געזעלן! איר װעט װיסן װיאַזױ צו ענטפֿערן...“

דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהױבן גיכער צו קלאַפּן, די אױגן האָבן אים אױפֿגעגלאַנצט, אָבער נאָר אַ רגע.

— זאָג דו ייד האָסט דאָס געזען? — האָט דער אָפֿיציר װידער געפֿרעגט און איז צוגעקומען גאָר נאָענט צום אַלטן.

לײזער האָט זיך פּלוצים געדאַכט אַז ער הערט די הײסע שעפּטשענדיקע שטימע פֿון דער אַמאָליקער נאַכט, איז נאָענט, גאָר נאָענט צו זײַן אױער. אַ טײַערע שטימע... און ער האָט געענטפֿערט שטיל:

— נײן איך האָב נישט געזען גאָרנישט!

— מיט װעמען איז ער אַרומגעגאַנגען, דײַן זון? — האָט דער אָפֿיציר געפֿרעגט העכער און געפּאַטשט מיטן קאַנטשיק אין דער לופֿט.

— איך האָב נישט געזען!

— װער זענען געװען זײַנע חברים? — האָט שױן דער אָפֿיציר מוראָדיק געשריגן.

— איך האָב נישט געזען גאָרנישט!

דער אָפֿיציר האָט צעשניטן מיטן קאַנטשיק זײַן פּנים, כאַנצע זײַן װײַב האָט געשריגן און זיך פֿאַרדעקט די אױגן. דער אַלטער איז געבליבן שטײן גראַד װי אַ ליכט און פֿעסט װי אַ דענקמאָל אױף זײַנע צװײ פֿיס. דער אָפֿיציר האָט זײ

אריינגעוואָרפן אין באַקוועמען זעסל פון לעבן שרייב־טיש אין זיך געווישט דעם שווייס פונעם שטערן.

— פירט זיי אַוועק — האָט ער געגעבן אַ באַפעל. נאָך דריי טאָג און דריי נעכט האָט מען די אַלטע ארויסגעלאָזט. חיים זייער זון איז שוין מער נישט אהיים געקומען. ער איז פאַר־שוואונדן, ווי די ערד וואָלט אים געווען פאַרשלונגען. צו יענער צייט זענען אויך נעלם געוואָרן פון דער שטאָט ניקאָלייע גאַר־גיאַן, דעם שלאָסערס זון, פערענצי דער באַנער, בערי דער שניי־דער־געזעלן און נאָך אַ סך אַנדערע.

ערשט מיט חדשים שפּעטער, האָט מען געשמועסט אין „פּועלי־צדק" בית־המדרש אַז זיי זענען ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין די מאַראַמורעשער בערג.

אַ גזרה האָט זיך פאַרשפּרייט גיך אין שטעטל. מע שטעלט אויף די ווענט פונעם געטאָ — קיין ייִד טאָר זיך נישט געפינען אויף דער גאַס. די גאַסן ווערן אויסגעליידיקט פון די ייִדן אין דער ריי איינס נאָכן אַנדערן... מען קען זיך מיטנעמען אין געטאָ אַרײַן, אַ פּעקל פון צוואַנציק קילאָ — ס'איז אַ ממרא, אַז דרייסיק קילאָ דערלויבט מען אפשר אויך — אַ דאַכענע, עפּעס געשיר, עטלעכע מלבושים... אַ מאַטראַץ פאַר אַלטע... רבונו־של־עולם, וואָס זאָל מען גיכער איינפּאַקן? ס'זענען דאָ אַזויפיל זאַכן אין אַ שטוב...

די ידיעות זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פייל אויסן בויגן לייזער דער בלעכער האָט געהאַט ביטערע יסורים. פון זיין זון יידעלע, דעם שניידער געזעלן וואָס האָט געוווינט אָט דאָ אין דער שטאָט און פון זיין טאָכטער פונעם נאָענטן דאָרף קרעט־שענעוו און פון איר מאַן ברוך און פון זייערע קינדער, האָט ער שוין זייט אַ פּאָר וואָכן נישט געהערט גאָרנישט. פון זיינע דריי טעכטער וואָס האָבן געוווינט ערגעץ טיף אין לאַנד, אין ווײַ־טערע שטעט האָט ער אויף פּסח קיין קאַרטל נישט באַקומען. פון זיין זון יוסל דער בלעכער פון סאַטמער אויך גאָרנישט. פון חיים זיין מעזינעק... ווער ווייסט וו ער איז ערגעץ? דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די ווייטע גרינע בערג...

אַזוי צו זיין אָפּגעריסן פון אַ וועלט! פון אַ וועלט מיט קינ־דער און אייניקלעך, שנירן און איידעמס. לייזער דער בלעכער האָט אויך איינגענומען בושות ער האָט יעדן אין דער פרי גע־

דאַוונט אין ר׳שלמה׳ס דעם צווייטן דינגס טלית, אין א געבאָרגטן טלית הייסט עס ווי עפּעס א ייִנגערמאַנטשיק וואָס האָט ערשט חתונה געהאַט.

— געדענקסטו כאַנצע אַזוי ווי דערמלט, ווען דו ביסט נאָך געווען יונג — האָט דער אַלטער געזאָגט אין שפּאַס און ס׳האָט זיך געפילט דער ביטערער נאָך טעם פון זיינע ווערטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין די יאָרן נאָך דער חתונה ווען ער האָט געדאַוונט אין זיין שווערס טלית ביז ער האָט צונויף לייגנדיק גראָשן צו גראָשן, אָפּגעשפּאָרט געלט און זיך געקויפט אַן אייגענעם. מע האָט שוין געשמועסט בעפּאָר אַז מע וועט נישט לאָזן אַרויס אין די גאַסן. אפילו ער אַליין האָט אויך איינגעקויפט אביס׳ קמח און אַנדערע לעבענסמיטלען — אַז די וועלט איז משוגע גייט מען נאָך דער וועלט! אָבער ער האָט זיך דאָך נישט געוואָלט לאָזן גלייבן, זייט 37 יאָר גייט ער אַזוי יעדן טאָג וואָס דער פון אויבן שענקט אויף דער וועלט אין פּועלי־צדק. די לופט איז כאָטש געווען פריי, דאָס וואַסער און די גאַסן זענען כאָטש געווען פריי.

פונדעסטוועגן איז אים אויפגעקומען אויף די געדאַנקען אין די לעצטע טעג, אהיים צו ברענגען דעם טלית. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַשליסן. ער האָט פאַר זיך געזען דעם אַלטן שטענדער און דעם נאָך עלטערן טלית, דעם תּושב, דערין...

און איצט זייט א צען טעג, קען מען נישט אַרויס אויף דער גאַס. און וואָס וועט זיין מיטן „פּועלי־צדק“?

— „ימח שמם וזכרם! — זיי וועלן מאַכן גאַראַזשן, אָדער אַמוניציע־לאַגערס פון די בתּי־מדרשים.

די בלעכענע דעכער, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע אייגענע הענט? דער דאַך פונעם שטאָטהויז, פונעם שפּייער־אַמט פון די אַנדערע ערטער?... פאַרוואָס זענען באַפאַלן די ברוינע רוצחים, די פאַשיסטן? שווערע פראַגן! ווי הייסער בליי האָבן זיי געטריפט און געבראָטן אין האַרץ, די שווערסטע פראַגן אין זיין גאַנץ לעבן, כאָטש ער איז שוין דאָך קרוב לשמונים.

דערווייל איז מען ווי אין א תּפיסה. נאָר דורך די לעכעריקע פּלויטן קאָן נאָך אַריבערגיין צום צווייטן אָדער צום דריטן שכן.

לייזער דער בלעכער האָט געפילט, ווי פונעם הייסן בליי פון די יסורים און צרות, וואַקסט אויס א מין מוראדיקע שנאה און כעס, ווי דאָס גראָז אויף א גוט געמיסטיקט פעלד.

און צווישן מאכט מען „יורענפרייע" גאסן. געלט, גאָלדענע רינגלעך, זילבערנע לייכטערס, אלעס וואָס ס'איז נאָך דאָ ווערטפול אינעם הויז, אראָפּגעבן און נעם דאָס בינטל פון צוואנציק קילאָ — און אפילו אז דרייסיק קילאָ — אויף די פּלייצעס און צי זיך אין געטאָ אריין.

מ'האָט אָנגעהויבן מיט דער וואַרגער=גאס און דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום אויבעריאַרעש...

ס'הייסט אז מאָרגן קומט מען אָן אין אונדזער גאס, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. דער אַלטער האָט שוין א פּאָר נעכט נישט צוגעמאכט אן אויג. ער האָט זיך ארומגעדרייט אין זיין ווערקשטיבל, געכאַפּט דעם האמער, אים אנידערגעלייגט ווידער, די צוואנג — זי אוועקגעשטעלט ביי דער זייט, וואָס איז צו טון? אז קיינער קען צו דיר נישט אריינקומען אין שטוב? און דעמלט איז צו דעם אַלטן דערגאַנגען דער שרעקלעכער געדאנק: זיי האָבן צוגענומען דאָס רעכט צו ארבעטן, דאָס רעכט צו לעבן הייסט עס...

ער האָט זיך ארומגעדרייט אין זיין פאַרייכערט ווערקשטיבל און דער כעס און די יסורים זענען געוואַקסן אין זיין הארץ אַלץ שטארקער אַלץ מעכטיקער מיט יעדער מינוט, מיט יעדער רגע, ווי דער דאמף אין א אויפגעהייצטן קעסל.

אין א פארנאכט, וואָס ער האָט געפילט אז ער איז דער לעצטער פארנאכט אין דער אַ יידישער גאס, איז ער אַנגעקומען צום בית=המדרש.

ער איז געוואָרן אַביסל רויקער! פון דעם בית=המדרש א גאראזש אָדער אן אמוניציע=לאגער? דער בנין שטייט דאָ אזוי באשיידן אין עק געסל, לעבן דעם גרויסן שייער. ביי ר' שלמה דעם דיינ'ס הויף, האָט דער אַלטער שוין נישט געקענט ווייטער פארטראָגן. ער איז ארויסגעלאָפן דורכן טויער. אין דער גרויסער גאס. כאנצע זיין ווייב האָט אים נאָכגעיאָמערט:

און וואָס וועט זיין מיט זיין גאנצע האָרעוואַניע? וואָס געפינט זיך דאָרט אונטער דער זיכערהייט=דינסט. ער איז אדורך די באַקאַנטע מצרים=גאס, געקלערט אז מען כאַפּט אים, ענדיקט זיך דאָ זיין לעבן אין די פינצטערע קעלערס פון עס. עס: זיך באהאלטן די באָרד אינטער דו לאצן פון זיין שווארצן מאנטל. גלייך ווי ער וואָלט אליין געווונטשן, וואָס ווייניקער זיך אָנזען, ווייניקער פּלאַץ פארנעמען.

אינעווייניק איז געווען א טיפע שטילקייט. גרויע שאָטנס האָבן זיך אריינגעזופט דורך די פארשטויבטע פענצטער. די קילע לופט האָט געגלעט זיין פארשוויצטן שטערן. ער איז צוגעגאנגען צום שטענדער פון לעבן דעם באַלעמער, ער האָט אויפגעעפנט דאָס טירל. דער טלית איז דאָרט געלעגן רואיק און געשיינט, איינגעגעסן זייט יאָרן אינעם תוך, אין דער לופט פונעם בית המדרשל, אזוי ווי דאָס בלויע פרוכת מיט די רויטע פלאמיקע אותיות, אזוי ווי דער פארחלבטער עמוד מיט די צוויי מעשענע לייכטער...

לייזער האָט אָנגעטון דעם טלית, אָנגעצינדן די צוויי ליכטלעך ביים עמוד און זיך אנידערגעשטעלט זאָגן שמונה־עשרה, שמע קולינו ווי אין תשעה באָב. די טרערן האָבן זיך אים געגאָסן ווי פון א צעקוועטשטער שוואם, פון די צוויי פארשלאָסענע אויגן און זיך איינגעזאפט אין טלית, מיט וועלכן דער אלטער איז געווען איינגעהילט.

אונטערן טלית איז דעמלט געווען חושך... טונקל, ווי אין יענער נאכט, ווען ער האָט זיך אראָפגעלאָזט פון זיין בעט, לאנגזאם אז דאָס בעט זאָל נישט סקריפען.

און ביסלעכווייז, האָבן די דינע ליכטלעך פונעם עמוד א־ורך געלויכטן דאָס געוועב, ווי דאָס ליכט וואָס ער האָט אָנגעצונדן, האָט אַדורכגעלויכטן יענע נאכט... און פלוצים האָבן דערגרייכט אין זיינע אויערן, די הייסע געשעפטשעטע ווערטער:

— „ווען דעם שלום פון דער אַ־מלוכה דאַווענען? ווען שלום פון די אויסניצערס און בלוט־צאַפּערס? ניין, נייין טאטע מיר ברויכן אן אנדערן שלום, אן אמתן און מיר וועלן נישט דאַ־ווענען דערפאר, נאָר קעמפן...“

דער אלטער האָט געפילט חיימן גאנץ נאָענט צו זיך. צוזאמען מיט זיינע חברים געאָרגיאן דעם שלאָסערס זון, פערענצי דעם באנער און אפילו בערי דעם מחלל שבתניק.

א מין ווארעמקייט איז זיך צעגאנגען אין אלע זיינע אברים ער האָט זיך געפילט אזוי גוט, אזוי מאָדנע רויק... און ווען ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, האָבן זיי געגלאנצט פאר אנטשלאָסנקייט. ער האָט גענומען די ליכטלעך און איז מיט זיי ארומגעגאנגען, ווי ביי בדיקת חמץ אין בית־המדרש. ער האָט אונטערגעצונדן דאָס פרוכת, דאָס טישטוך פונעם בעלעמער, די שמות וואָס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט אין די ווינקלען... די בלויע פלאמען, האָבן אָנגעהויבן זשומען מיט התלהבות, מיט אלץ גרעסערן התלהבות ווי א מנין מיט יתומים וואָס זאָגן צום

ערשטן מאָל קדיש... ווען לייזער דער בלעכער האָט צו זיך גענומען דעם טלית און איז ארויסגעלאָפן אויף דער גאַס, האָט ער זיך געפילט ווי א גנב. ער האָט געפילט אז מיטן טלית רייסט ער ארויס — א שטיק „פועלי־צדק" א שטיק פונעם בלויען פּרוכת, א שטיק פונעם פארחלבטן עמוד, וואָס האָט זיך צו אזויפיל תפילות צוגעהערט, א שטיקל פונעם בלעכערנעם דאך אפילו, וואָס ער האָט געמאכט צוריק מיט 37 יאָרן, מיט זיינע אייגענע צוויי הענט — ער רייסט זיך ארויס מיט געוואלד און שלעפּט אָט דעם גאנצן עבר מיט, מיט זיך אין געטאָ אריין צווישן די מרה־שחורהדיקע ווענט. אריינטרעטנדיק צו זיך אהיים איז אים זיין יידענע אקעגן געקומען.

— ווו ביסטו געווען לייזער?... כ'האָב אזוי מורא געהאט... — האָט די אלטיטשקע קוים אויסגערעדט. לייזער דער בלעכער האָט נישט געענטפערט ער איז געשטאנען ביי דער טיר ביז שפּעט אין דער נאכט, ביז חצות — צוגעקוקט אין דער ווייט ווי רויטע פלאמען ציען גראָד אין הימל...

דעם אנדערן טאָג זענען די ידיעות איבערגעגעבן געוואָרן איבער די פּלויטן, דורך די אונטערשטע גערטנער פון די יידישע הייזער.

דער גרויסער תבואה־שייער האָט אָפּגעברענט... מ'האָט אים אונטערגעצונדן...

ס'הייסט א סאבאָטאזש — האָט מען געשושקעט.

— אוי, ס'וועט נאָך אויסגיין צו יידן — האָבן זיך אלטע לייט געבראָכן די פינגער.

— ניין, דאָס פייער איז געקומען פונעם בית־המדרש... יידן צינדן נישט אָן א בית־המדרש, א מזל!...

— און דאָס בית־המדרש?

— דאָס „פועלי־צדק" האָט אויך אָפּגעברענט... בלויז די נאקעטע פיר ווענט זענען געבליבן..

— און דער טלית! — האָט לייזער דער בלעכער געקלערט ביי זיך.

מיטן טלית איז שוין לייזער דער בלעכער אָט אזוי פארבליבן. ער האָט אים מיטגענומען אין געטאָ אין זיין לעצטן וועג איבער דער שטאָט, ווען מע האָט דעם געטאָ ליקווידירט. די זשאנדארן האָבן געטריבן מיט די ביקסן און שטעקנעס, די לאנגע קאָלאָנע מענער און פרויען, אלטע און קינדער — ארויס צו דער באנ־

סטאנציע, צו דער אייבערשטער ראמפע צו, ווו ס'האָבן געוואַרט די פי־וואַגאָנען, מיט די קליינע פאַרדראָטע פענצטער.

לייזער איז אויך געגאַנגען ערגעץ אין מיטן אין דער קאַלאָנע, מיט זיין בינטל אונטער דער אָרעם, אָנגעטון אין זיין שוואַרצן מאַנטל, מיט זיין קאַלעבירן הוט הויפן קאָפּ, מיט זיין גרויער באָרד, מיט זיין אָפענעם בליק, געגאַנגען גראָד ווי א ליכט, ווי אמאָל ווען ער פלעגט ארומגיין די גאַסן צום דאַווענען און צוריק צו דער ארבעט.

— יאָ, דו ביסט שוין אלט כאַנצע — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב מאַכנדיק מיטן אויג. זי האָט זיך געשלעפּט לעבן אים, איינגעבויגן אין דרייען און געלאָזט הערן טיפע זיפצן, ווי עפּעס א ווייטער ווידער־קול פון דעם וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איר נשמה.

פון א ווייט געסל האָבן זיך מיט איינמאָל באַוויזן צוויי יונגע ס־ס לייט. זיי האָבן געקוקט אויפן מאַרש מיט א ציניש צופרי־דענעם שמייכל ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „אָט דאָס איז אונדזער ארבעט! אַלעס קלאַפּט אור־פּונקטלעך"... און ס'האָט אויסגעזען אז דער שטאָלצער טאָם־טאָם פון זייערע צוויי פּאָר שוועדע שטיוול, האָבן פאַרטריבן אַלץ וואָס ס'איז געווען לעבן אין די גאַסן.

— ווהין פירט מען אונדז?... וואָס וועט זיין?

— די גרויסע שׂרפה האָט דערגרייכט אונדזער שטעטל...

קולות, האָבן זיך געהערט פון אונטער די איינגעבויגענע רוקנס, פון אונטער די שווער געוואָרענע פּעקלעך:

קולות פון יאוש.

קולות פון אָנמאַכט.

לייזער דער בלעכער האָט דעמלט שוין געקענט פאַרייסטן און האָט נביאות געזאָגט אז די ישועה איז נישט ווייט. ער האָט דעמלט שוין געוווסט, אז דאָס וואָס פלייסיקע הענט האָבן אויפ־געבויט אין אזויפיל צענדליקער יאָרן וועלן די בלוט־רוצחים נישט קענען פאַרניכטן...

די זון האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צעהיצט דעם שרעק־לעבן סיון־טאָג. די זשאַנדאַרן, מיט זייער גראָבער חוצפּה, מיט זייערע שטעקענעס און ביקסן אין די הענט, האָבן געטריבן, געשטויסן, אריינגעציילט צו 70 אין א וואַגאָן... שנעלער! שנעלער!... די טירן צו! פאַרקלאַפּט דעם שלאָס!

בעת ער האָט צוגעהאָלפן די אַלטיטשקע אין וואַגאָן אריין, האָט נאָך לייזער דער בלעכער צום לעצטן מאָל אויפגעהויבן זיין בליק איבער דער שטאָט

די הייזער די גערטנער, די פּלויטן — אַלעס האָט געגליט אונטער די נאָגנדיקע זון־שטראַלן און ס'האָט געשײַנט אַז אָט, ווערט אַלץ פאַרוואַנדלט אין קוילן און אַש.

— די ווענט וועלן בלייבן... און די דעכער... און דאָס לעבן ווערט צוריק קומען צווישן זיי.

ווייט אַרום דער שטאָט האָבן זיך געצויגן די הויכע מאַראַמורעשע בערג, מיט די גרינע געדיכטע וועלדער.

— און ניקאָלאַיע דעם שלאָסערס זון און פערענצי דער באַגער און בערי און מײַן זון חיים וועלן צוריקקומען... און זיי וועלן נישט מער צולאָזן אַזאַ מלחמה... נישט צולאָזן אַזוינס, מער קיינמאָל...—האָט נאָך לייזער דער בלעכער געזאָגט שטיל און איז אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַגאָן ווי אַ יונגערמאַן פון זעכצן יאָר.

ער איז געבליבן ביי דער טיר פונעם וואַגאָן, מיט אַ פעסטער האַנט אין דער הויך, מיטן נאָבן שטעקן ווי אַרײַנגעפּלאָנטערט אין דער דיכטער לופט...

גליקלעכע מינוטן

האָב געאַרבעט היינט א סך. אויך איבערשעהן.
און דעריבער,
ווען בין שוין אהיימגעגאנגען האָבן אלע שטיבער
זיך געדרייט מיט מיר,
ווי מיט איינעם א פארחלשטן, וואָס הונגערט לאנג
צי אויף דער פאלן=קראנקשאפט איז מסוכן קראנק.

בין דערפאר אהיימגעקומען שפעט. זיך פארזאָמט.
און אויף דער שוועל פון מיין מאנסארדע=שטיבל, בין פארתמט
געשטאנען, ניט געקאָנט צונויפקניפן א פראזע
ביז מיין גלייכגעוויכט געפונען, ביז געפונען צוריק מיין באזע.

קאָנטיק,
ביי מיין מיידל יום=טוב איז, וואָס האָט פארשווענדעט א מאיאָנטעק
נאָר אויף בלומען, וועלכע שטייען אין דער בלומען=וואזע.

און גערעכטן צוויי, איך זע נאָך, אויסער דעם סאלאט
(בירגערלעך שטיל=לעבן ממש) און א אָוונט=בלאט
וואָס נעמט זיך פאר די „פרעמדע" אָן, די עמיגראנטן,
ווען ס'האָט אהער פון לענדער אומבאקאנטע, פון די
וייטסטע קאנטן,
גויט געטריבן, דחקות, ארבעטסלאָזיקייט און צוואנג,
רישעות פון די הארן, וואָס פאר פרייהייטס=ליבשאפט זיי,
אויף יאָרן=לאנג,
פארשפארן אין יסורים=קאמערן, צי זעצן אויף דער
עקזעקוציע=באנק.

אין יום־טובדיקן גלאנץ האָט געראַנשט דער פּרימוס,
אין אויך זי, מיין מיידל, כאָטש געוואָלט מיט טענות
צושטיין, מיט תרעומות
האָט געקוקט אויף מיר אַזוי בנעימות,
מיידליש־זיס,
וואָס צום יאָר פון אונדזער ליבשאַפט האָט דעם טרויער־שאָטן
זיך געפּרוווט פאַרטרייבן און געמאַכט מיר אַ — דעם
בלומען און געגרייטן־טיש סורפּריז.

וועל איך ניט פאַרגעסן יענע אָוונטן, די גליקלעכע מינוטן
אין דעם בוידעם שטיבל פון דער עמיגראַנטן־שטאָט — פּאַריז.

מיך אַרט נישט

מיך אַרט נישט טאָמער וועט אַ ליידיק גראָב, פאַרוועזט,
פּוסטן, משפּטן מיין יונגן פּערז
דורך וועלכן ס'האָט דאָס בילד (וואָס אים דעם קונסט־
מפונק העסלעך)
פון בראָנזענע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אָרעמקייט און הונגער־געסלעך
זיך ווי דורך אַ פּריזמע דורכגעבראָכן.

און נישט כדי מען זאָל ווי טענצערינס מיט ווייכע גומי־קנאָכן,
ווי אַ מוזיק־האַל־וועדעט מיר אַפּלודירן אין באַגייסטערונג־דעליר
פון דער אומרויִק־פאַרווירטער צייט, מיט פּראָלעטאַרישער מאַניר,
האָב געקליבן מיינע טעמעס, אינספּיראַציע־קוועלן,
און זיי זאָרגפול אויסגעצייליעט אויף אַ גראַם אָריגינעלן.

נאָר מײַן נאָמען, וואָס אי פּײַנט, אי פרײַנט געהאַט,
ענטוזיאַסטן,
אין די שטעט ווו כ'פֿלעג אַזוי פֿיל תּעניתים פֿאַסטן
מערער פֿון אַ צדיק וואָס צו גאָט זיך חנפֿט, אַן אַסקעט, —
אויב מײַן נאָמען ווי אַ שיף מיט הויכע מאַסטן ווערט,
מיט אַנדערע אַ סך, אין די שטורעמדיקע וואַסערן פֿון לעבן
דערשווימען צו די בלויע האַפֿנס פֿון שפּעטערע עפּאָכן,
ווערט זיך דאַן פֿאַרטראַכטן אַפֿשר ווער, אַז מיר האָבן זיך
נישט נאָכגעגעבן
דעם שקיעה־גײַסט פֿון צײַט, דער צײַט פֿון שווערע איבערבראָכן.

קלײנבירגערלעכע פֿאָראורטײלן

כ'וויל מיך אויך אַמאָל אויסקלײדן עלעגאַנט, אַז גראָב,
ציניש, זאָלן מיך די דאַמעס פֿון טעאַטער־גאַרדעראָב
צי די קעלנערס פֿון קאַפֿעהויז נישט באַטראַכטן
ווען איך וועל אַהין אַרײַנגײן מיט אַן אַדל־טראַט־ —
מיושבֿדיקן, נאָכגעמאַכטן.

און אין אַ לאַנד ווו אַלץ מיר נײַ איז, וווּנדערפֿול, עקזאָטיש:
נעאָפּאָל, ניצע, אָדער אויף דער צויבער־ריוויערע —
(דאָס קלײנבירגערלעכע פֿאָראורטײלן וועט זיך ווערן מסתּם
פֿאַרקרומען שפּאָטיש)
איך וויל אויך אַמאָל מיט דיר שפּאַצירן — נישט הונגעריק, מיט
מאָגנס לערע
ווי דאָ, אין אָ — דער אַלטער שטאָט מיט הײזער טורעמדיקע,
גאָטיש...

פוסט=און=פאס=שפאצירער,
דאָרמאָיערן, רײַכטום=אויסגעלאָזטע און פארפּירער
אַלע נאַכט באַגעגן איך אויף די בולווארן, צי באַגינען,
ווען עס קערן ארבעטער זיך אום פון „נאכט=שיכט" — זיי,
און לימוזינען
שיכור=לוט פון קאַבארעטן קערן זיך אהיים,
אין לייבט=זיך=ווײַנגדיקע עקיפּאַזשן —
און מיר —
ווען ווערן אויך מיר שוין האָפּערדיקע, אין דעם גרעלן
לאַמפּן=בלעסק
פר ילער שפּרייזן, און ניט זיין שוין מער דער סומנער
אראבעסק,
דער טראַגישער דעקאָר צו שטאָטס=מיזעריע=פּייסאַזשן...

ווי מיט פליגל אויסגעלענקטע

ווי מיט פליגל אויסגעלענקטע פייגל מאַטע,
האָבן דײַנע טעג זיך נידעריק געקוילערט, טאַטע,
זינט ביי בלינדע און מיט אָוונט=אנגעזאַפּטע שויבן
די האָסט נייען בגדים אָנגעהויבן
פאַר די רייכע, פאַר די אויסגעקעפּלטע=זאַטע.

דײַנע טרוימען האָבן אויסגעטרוימט זיך אַנדערשטיק,
פאַרקערטער
און נאָך היינט די קערסט ווי פריער זיפצן מיט א
שטים, א קוים=געהערטער
נאָך א טאָג פון שווייסיק=שווערער האָרעוואַניע:
לחמאָ עניאָ!

אָ, דעם זין פֿון אַט די ווערטער — אומאויסשעפּלעך — טיפֿן
האָב באַגעגנט איך, באַגריפֿן
דעמלט נאָר, ווען שטומע צייכנס בלויז געזען אין ביכער,
הערגליפֿן,
רעטעניש, צי א סוד אויף זיבן שלעסער
וואָס מ'ין נייגיר זיי צו וויסן איז געוואָרן הייסער, גרעסער.

איך געדענק:
כ'האָב געטרוימט שוין דאַן פֿון העלדן,
אין געלעבט דעם נס פֿון טיפֿן.

אין מ'ין דמיון קינדישן א זעאונגען־געדרענג
פֿונעם קומענדיקן אויסלייז־וווּנדער
וואָס וועט אויפֿגיין איבער אונדזער דאָר דעם שיפֿן.

איצטער קוקסטו אויף מ'ין בלאַסן פּנים, פֿול מיט
דאגה טאַטיש
און דו האָרכסט די לידער מ'ינע, אין וועלכע איך, עקסטאַטיש,
האָב אַריינגעזונגען מיט א הייסן טראָפּ — כאָטש
אומעטיקן, שטילן
יענעם אויסגעבענקטן נס, דעם נס פֿון מ'ינע העלע
פֿאַרגעפֿילן.

ניט דערפֿאַר

אָ, נישט דערפֿאַר ווייל מיט יחוס־בריוו זיך איבערנעמען
הײַנט די מאָרע,
זינג צו מ'ינע זיידעס איך די אָדע.
זיי קיין שם־טוב ניט געהאַט. אַלס שטר״מל־קעפּ זיי ניט
באַקאַנט געוועזן

וואָס אָנגעשטאָפּט מיט שווייס, מיט וויסן פּיל רעליגיעזן.
און אויך ווי ווענן קעמפּער, ווידערשפּעניקער, רעבעלן
האָב מיין טאטן
ניט געהערט דערציילן איך פון זייערע העלדנטאטן.

זיי געווען האָרעפּאשנע יידן
באַלעמעלאָכעס סאמע.

זאָלן זיין פון אונדז ווייט אָפּגעשידן!
וואָלט מסתם, שוין פון געוווינהייט, מיר דערגאנצט די מאמע,
פון געוווינהייט צי פון אַלטע פאָרורטיילן,
גלייך ווי שאָטנס זייערע וואָס געשפּענסטיק זיך אויסשיילן
פון זייער יענערוועלט־הלבשה, אין דער שפּעטער אָוונט־שעה,
וואָלט זי מיט דעם שפּרוך צוריק פארטריבן צו זייער
טונקלער מתים־רו.

ווי די נאכט מיט אירע מיסטישע געוועבן,
צי פארקויפטער וועלט־געוויסן — פינצטער איז געווען דאָס לעבן
פון די זיידעס מיינע, וואָס ביים ווערקשטעל האָבן מיט
טרויעריקער שטימע,
לידער פון זייער נויט געזונגען, וואָס אליין פאַרפאַסט —
פּאָעטן אַנאָנימע.

און א סך מיסתם געדענקען נאָך פון ייגנלווייז
ווי זיי, די שניידערלעך האָבן געמאכט מיט ליבשאַפט, פלייס,
די פורים־שפּילן, די מיסטעריעס (מיט בערד און גרעלן
קליידער־רעקוויזיט)
לויט דעם עכטן פון פאַנטאַסטישן טעאטער־שניט.

אָבער ניט דערפאַר ווייל מיט יחוס־בריוו זיך איבערנעמען
הײַנט די מאָדע
זינג צו מײַנע זיידעס איך די אָדע.
גאָר ווייל פון זיי צו לידער איך די ליבשאַפט האָב,
צו סטראָפן וואָס מיט זאָרג געשניצט פון קינדהייט פריסטער,
פון וועלכע ס'עט אמאָל, קאָן זײַן, פאַרקרומען מיט דער
נאָז א סנאָב,
אַן אויסגעבאָליעטער פיליסטער.

מאַרס באַפאַנצערט

אין געהיימע חושבדיקע הײַלן
פון זײַן צוואַנגס־העמד א באַפרייטער — מאַרס,
פון קריג דער אַלטער און אַבזריותדיקער גאָט
באַפאַנצערט און באַוואָפנט שטייט
גרייט
אָנצוהייבן דעם בלוטיקן מלחמה־פאַרס.

באַלד, באַלד וועט איבעראַל
פון האַרן מעשענעס, דער פחדים־שאַל
א פאַרטוויבנדיקער זיך דערהערן!

און זיי — די מלחמה־רעזשיסערן
קומען,
קומען
צו אונזערע אין צער זיך טיקנדיקע נעסטן
מיט דעם פרידן־שפּרוך אויף זייער ליפּן,
ווי א בינטל בלומען

פארשטעקט אין זיידענעם לאַץ,
גלאַנצנדיקן,
אויסגעפּרעסטן.

נעטע,
ווי די ריידנערס — עלעגאַנטע, אויסגעגלעטע
רעדן זיי און רעדן, רעדן אין אַלע הייליקייטנס נאָמען
(און ס'קלעפּט זיך זיי ניט צו די צונג צום גומען)
גלייך פאַרבלענדט,
וואָלטן מיר דעם גרים אויף זייערע באַקן ניט דערקענט,
אויף זייערע באַקן — העסלעכע, פאַרבלאָזן־פּעטע.
ווידער
קומען זיי שוין, ווידער.
ציווישן אונדז ווי אייגענע שטעלן זיך אַנידער,
און ווי פּרעדיקער, מיט אויגן פרום־פאַרגליווטע, פּרייפּלען ברייען,
אַז אַפילו קינדער ווילט זיך ווילן צעשרייען:

אַראָפּ די פאַלשע מאַסקע!

ווייל אויך איך אַ זעץ־טון האַסטיק
אין געוויסן זייערן ווי אַ פּגר שוין פאַרשטאַרטן
מיט מיין בלוטפול אויפגעשווימטן ליד
ווי מיט אַן אייזערנער קורקע אין האַרטן
גראַניט.

איך קאָן מיך היינט נישט לייגן שלאָפן

כיימעלען אין אָדענק

מיך האָט אין גאס ארויס גערופן,
מיך געצויגן
יענע זעאונג, וואָס פאר מיינע קינדיש=פייכטע אויגן
האָט געבלענדעט (ניין, ניט מאגיש)
יענע שפיל וואָס האָט אָנגעהויבן האָט זי זיך אינמיטן מארק
און געענדיקט זיך אין טויט=שטוב טרויעריק=שטארק,
מענטשלעך=טראגיש.

שטייען ווי אבלים איצט געבויגן אלע אָוונט=דעכער
און איך הער: זיי זאָגן דאכט זיך קדיש נאָכן בלעכער,
נאָך דעם ברוינעם יינגל, וועמעס גוף פארשטארטן
האָט אן אויטאָ אויפגעהויבן פון די שטיינערדיקע הארטן,
ווו א הייסער זאלפ האָט אים אנידערגעוואליעט,
ווען אין זיין האנט האָט זיך די פאָן געפאלדעוועט,
זיך יום=טובדיק געכוואליעט.

האָט קיין חבר ניט פארמאכט אים זיינע אויגן
ניט אָפגעווישט דאס בלוט פון שטערן אים, וואָס פליגן
איצטער זויגן,
לעקן,
ווו אָנגעטרעטן האָט א פערד מיט אייזערנעם אָפצאס
און אויך די ריפן אויסגעבראָכן אים — רייפן אָפגעשפּרינגענע
פון פאס —
ווער געזען דאָס וועט אים שנאה שוין אויף אייביק קלעקן...

דאכט זיך מיר: ווי איך שטיי אזוי און הער גיט אויף
אויף אים צו קוקן
און עס ברעכן זיך די קני ביי מיר צום בוקן,

אַז עס לויכטן העל אויף זיינע טונקלע בּרעמען,
און די ליפּן זיינע, וואָס צעבּליען זיך ווי קנאָספּן, זיך צענעמען,
מורמלען עפּעס, מיך באַשווערן.

קאָן איך מיך שוין ניט אַהיים אומקערן.
שלאַנדער אום אין גאַס, איך קאָן ניט שלאָפן.
אין גילדענעם לבנה־בראָך
וואַלגערט, רייעט זיך די שטאָט
שיכור, בּגילופין.

מילאָ!

מילאָ,
מילאָ וואָס ס'עט זאָגן — בּייזווילִיק צי אויף קאַטאָס,
נאָר כ'קאָן ניט פאָרעמען מיין ליד מער לויט דער כּלל
פון די אַלטע, אויסגעזינגענע פּאָעטיק־מאָסן...

נישט געשטילטע, לאַנגסטיקע פאַרדראָסן
האָבּן היינט ווי דינאַמיט
די מיט רו — זיך זיגנדיקע בּערג פון מ'ין געמיט
אויפגעריסן,
אויפגעבּראָכן,
זיי צעשמעטערט.
אַלע אָוונט־סטעזשקעלעך ווו טרוימעריש איך בּין אַרומגעקראָכן,
ווו מיט מ'ינע בּענקשאַפטן די ייִנגלשע אַרומגעקלעטערט,
זע נאָר ווי זיי בּרענען,
בּרענען —

איך אליין וועל באלד זיך ניט דערקענען
אָט אזוי האָב אויפגעלויכטן זוניק, אזש מיר זענען
אי דער קלאסישער טראָביי און יאמב, אי דער מידער
דעקאדענטן מעטער
ענג געוואָרן, ווי יבשה, צו די ראגדן פון אן איינגעשלומערט
וואסער
פאר די וואנדער=פייגל, וועלכע מיט זייער הויכן פלי זענען מבשׂר
שטורעמס, אוראגאנען=וועטער,
ענג געוואָרן ווי פאר רחבות=שיכורע און אומגעצוימטע
אלבאטראָסן.

ווייל איך ניט און כ'קאָן ניט מער, ווי די אלטע פורעם=קנעטער
אריינפרעסן מיין ליד אין אָפגעניצטע, אויסגעזוונגענע
פּאָעטיק=מאָסן

פארוואָס וויגסטו זיך ווערדל?

פארוואָס וויגסטו דיך ווערדל אָן א ווינט
וואָס הוידעסטו די צווייגן אָן א רעגן?
מיט וואָס איז אָנגעצויגן יעדער בוים אצינד,
אז טרויעריק ער טרייסלט דעם געדיכטן קרוינען=בינט
און כ'קאָן ביי זיינע פיס מיך נישט אנידערלייגן...

וואָס ציטערן אזוי די בלעטער — יעדעס בלאַט,
וואָס מורמלט ווי דערשלאָגענע אבלים.
זיך אומגעקערט צו דיר פון לאנגן נע=ונד,
עס האָט דיין שטילער דיכטער, פון איבערלעבנישן זאט —
וואָס איז געשען מיט דיר, דערצייל אים!

װאָס האָסטו דורכגעלעבט אין אַ דער צײַט פֿון שרעק?
איך זע דו ביסט צו דיר נאָך נישט געקומען.
בײַצװױנגען איז באַשערט געװען מיר דאָס געשלעג
װאָס דורכגעװױכערט בײַ דײַן ראַנד אין יענע טעג —
כ'האָב װעגן דעם פֿונװײַטנס שױן פֿאַרנומען...

דו האָסט געזען מײַן שטאָט אין מערדערליכן צױם.
אין ברידער־קבֿרים לעבעדיק פֿאַרשאָטן.
אַ־דאָ צופֿוסנס טאַקע בײַ דײַן גרינעם זױם —
װאָס דען איז דאָס געװען, מיט װעלכן יעדער בױם
איז אָנגעצװױגן נאָך, װי ס'װאָלט דער װײ נאָך נישט פֿאַרזאָטן.

דײַן מורמל־װידױ הערן װיל דײַן דיכטער אַצינד,
װאָס האָט זיך אומגעקערט צו דיר פֿון װײַטע װאַגל־װעגן.
װאָס טרײסלסטו מיט דעם געדיכטן קרױנען־בינט?
װאָס װײנסטו אַזױ טרױעריק זיך אָן אַ רעגן?
איך לעב! כ'בין דאָ! מיט אַ װיװאַט מיך באַגעגן...

די בלומען

עלא דערוואַרט מיט אומגעדולד איר צוועלף־יאָריק בחורל, דעם פּיאָנער פון זעקסטן קלאַס. זיין אָפיציעלער נאָמען איז בערנהארד סעגאַל, בערעלע הייסט ער ביי זיין מאַמען, ווייסע חברה פון דער יידישער שול רופט אים אָבער פּיקסל. ס'איז שוין צייט. אַט יאָגט ער אָן. די מאַמע זאָגט אים עפּעס, אָבער ער הערט נישט. זי כאַזערט איבער: — קומסט אהיים און זעסט מיך אפילו נישט!

— איך האָב דיך דאָך באַגריסט!

— אָבער אָנגעקוקט האָסטו מיך?

מיט דעם ברוינעם שול־טאַש נאָך אין דער האַנט, בלייבט דער פּיאָניער שטיין אין מיטן שטוב און צעלאַכט זיך אויף א קול:

— מאַמע, איך האָב אזא שיין בוך. ווילסט עס זען?

די זאַך ווערט עפּעס פריקרע, געווייטלער, קאָן ער זי פאַרעדן. היינט גייט דאָס נישט. ער פילט זיך נישט שולדיק אין גאָרנישט, דאָס הייסט נישט שולדיקער ווי אַן אַנדערט מאָל. האָט אים עמעצער צוגעקלאָגט? א בלבול צוגעטראַכט?

— מאַמע, רופט ער זיך אָן. איך בין הונגעריק.

דאָס איז פאַר דער מאַמען אַן ארגומענט. זי נעמט דעם זון אין קיך אריין און ער שלינגט ווי נאָך א תענית. זי אָבער קוקט צו ווי צו א וואונדער, גלייך ווי זי וואָלט נאָך קיינמאָל נישט געזען, ווי ער עסט. זי ווענט אים אָפּ מיט די אויגן און געפינט, אז ער איז אביסל צו מאָגער פאַר זיינע צוועלף יאָר.

זי זיפצט, האַלב פאַר פאַרדראָס. זי דערמאַנט זיך, אז זי דאַרף אים עפּעס זאָגן. זי עפנט אָבער נישט דאָס מויל. צוערשט זאָל ער אָפּעסן.

— ווילסט נישט נאָך א שטיקעלע ברויט? פרעגט זי, אפשר מיט וורשט? — ניין, ענטפערט ער, איך וועל נישט קענען עסן קיין מיטאָג.

געוואָרן גאָר א לייטישער מענטש, טראַכט זי. ער הייבט זיך אָן גאָר צו באַרעכענען. — בערל, טוט זי א זאָג, האָסט, הייסט עס, שוין אָפּגעגעסן?

בערל קוקט צו איר עפּעס שיף, פּונקט ווי דער פאָטער, ווען ער רעכט זיך אויף א פאָרוואורף. עס קומט איר אָן צו לאכן, אָבער זי באַהערשט זיך. די אָנגעלעגנהייט איז ערנסט.

— בערל, זאָגט זי, און באמיט זיך אריינצולייגן אין אירע ווערטער מער וואָגיקייט. „זילבערמאן, דיין קלאס־אָנפירער, איז מיט דיר שטארק אומצופרידן".

— איך ווייס, מאכט גלייכמוטיק בערל, נישט באַרירט פונעם טראָפּ, וואָס די מוטער לייגט ארויף אויפן וואָרט „אומצופרידן".

— נו! פרעגט די מוטער.

— נו! חזרט ער איבער און מאכט מיט די אַקסלען.

— סע אַרט דיך נישט! בייזערט זיך די מוטער, איך וועל דערציילן דעם טאַטן.

דעם טאַטן דערציילן קאָנווענירט אים גאָרנישט: — פארוואָס זאָלסטו דערציילן דעם טאַטן? בין איך נישט קיין גוטער שילער? וואָס ווילט איר פון מיר? און טאקע באלד אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבער דעם לינקן אָרעם און אָנגעהויבן צו כליפּען. די מאמע שרעקט זיך אָבער נישט. זי ווייסט, מיט וועמען זי האָט צו טון. דאָס שפּילט ער. רואיק זאָגט זי צו אים: מיר ווילן גאָר־נישט. דער פּראָפעסאָר האָט פּרעטענציעס צו דיר.

דעם יינגלס פלינקע אויגן פארטונקלען זיך פאר ערגערניש: „וואָס פארא פּרעטענציעס? איך בין צווישן זיינע בעסטע שילער".

די שטערסט אים ביי דער ארבעט, אזוי זאָגט דער פּראָפעסאָר.

— איך בין נישט שולדיק, פארעקשנט זיך בערעלע, ביים פארהער גיט ער זיך נאָר אָפּ מיט די שוואכע שילער, און איך לאנגווייל מיך.

— איך פארשטיי נישט, רופט זיך אָן די מאמע; אז מען לאנגווײלט זיך, מוז מען שפּילן טעאַטער?

די מיידלעך זענען שולדיק, כליפּעט ער בייז. זיי קוקן צו מיר.

דער מוטער געפעלט דאָס גראָד. פונדעסטוועגן פרעגט זי שטרענג: „דערפאר מוזטו אָנהויבן צו וויינען?"

— מאמע, שווערט ער זיך. איך טו נאָר א מאך מיט די אויגן, א ריר מיט די פינגער, און דער גאנצער קלאס לאכט שוין; אחוץ דעם פּראָפעסער. פארוואָס לאכט ער אויך נישט מיט?

— בערל, דו פאַרשטייסט נישט? איר שטערט אים דאָך! מאַך נישט מער די שטיקלעך מיט די מיידלעך!

בערעלע איז צופרידן. אָפּגעפּטרט, טראַכט ער, א צרה. זיין ברוסט הייבט זיך, אָטעמט אָפּ פריי, און וויל שוין אוועק.

— וואָרט, האַלט אים מיט ביידע הענט, די מוטער, מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק.

ער בלייבט שטיין און קוקט זי אָן מיט א דערשטוינטע פּנים. כדי מיט אים זיכער צו זיין, הייסט זי אים זעצן. אין קיך איז אים צו הייס, גייט זי מיט אים אין שטוב אריין. דאָ איז קילער. דורך די געדיכטע לייכט-געלבלעכע פאָרהאַנגען פאַרלירט די וואַרעמע שיין פון דער מיי-זון איר ברענענדיקע היץ.

בערעלע זיצט מיט א געמאַכטן ערנסט. דאָס אַנטמוטיקט אָבער נישט די מוטער. זי קען אים צו גוט. רואיק, אָן נערוון זאָגט זי אים:

— הער, בערל, כדי דו זאָלסט איבערבעטן זילבערמאַנען, וועסטו אים ברענגען א בוקעט מיט בלומען און אים צוזאָגן, אז דו וועסט מער נישט מאַכן דיינע נאַרישע שטיק, און דאָס וועסטו טון פאַר דעם גאַנצן קלאַס.

ביי די ווערטער פאַרלירט זיך דעם יינגלס געקונצלטע האַל-טונג. ער שפּרינגט אויף, צעשרייענדיק זיך מיט שטאַרק צע-רייצטע קלאַנגען:

— איך טו דאָס נישט, מאַמע! איך וועל מיך נישט אוועק-שטעלן פאַרן גאַנצן קלאַס מיט א בוקעט ווי א חתן-בחור; אַלע וועלן פון מיר לאַכן.

זעענדיק דעם יינגלס אויפרעגונג, טוט דער מאַמען וויי דאָס האַרץ. זי גיט אָבער נישט נאָך, אַנדערש וועט זי פאַרלירן די שפּיל. — „הייסט עס, מאַכט זי, נישט תמיד געפעלט דיר דאָס לאַכן אין קלאַס!“

— מאַמע, שפּאַרט ער זיך איין, איך וועל דאָס נישט טון!

— ווי דו מיינסט, זאָגט די מוטער; זי טוט א קוק אויף איר זייגערל. אין פינף מינוט איז דער טאַטע דאָ, ער וועט מיט דיר רעדן.

וואָס דאָס רעדן קאָן צומאָל באַטייטן, ווייסט ער גענוי. אין דער טעאָריע איז דער טאַטע מסכים מיטן לערער זילבערמאַן: מען דאַרף נישט שלאָגן. ליידער האַלט ער זיך נישט תמיד נאָך דער טעאָריע. איצט אָבער איז בערעלע גרייט, זיך לאָזן שלאָגן און פייניקן, אבי אין קלאַס נישט ליידן קיין בושה. וואָס? מאַניע זאָל פון אים לאַכן, די מיט די לאַנגע צעפּ און דעם

חן=גריבל אויף דער לינקער באק! ניין! ער האָט ליב חוזקן פון אנדערע, אָבער נישט פון זיך.

לויט זיין שטייגער, וויל ער שוין א הייב טון מיט דער אקסל, אן אָנצוהערעניש, אז סע ארט אים נישט. נאָר פלוצעם דערמאנט ער זיך אָן עפעס. ער שטרעקט אויס זיין האנט. נישט געפינענדיק קיין אָנשפאר, לאָזט ער זיך פאלן אויף דער טונקלבלומיקער קאנאפע.

די מאמע מיינט, אז ער שפילט טעאטער, זי האָט א טעות. ער זעט פאר זיך דעם ברוגזן פאָטער מיט ווילד דערצערנטע אויגן. ער שרעקט זיך, א מוראדיקער געשריי דערהערט זיך: „מאמע!" מיט א פארצווייפלט געוויין ווארפט זיך די מוטער צווישן פאָטער און זון. דער טאטע ווערט נאָך בלייכער. — ערשט קלאָגסטו אים צו און... ער קייכט און פארענדיקט נישט. ער לאָזט אָפּ דאָס יינגל, אָבער פארפאלן, בערעלע האָט א טייל פון דער פאָרציע שוין אריינגעכאפּט. דאָס איז אָבער נאָך גאָרנישט. עס הייבט זיך אָן צווישן טאטע=מאמע א קריגעריי. זיי זאָגן זיך צווערשט אריין אלע אייגענע עברות פון אלף ביז תוו, דערנאָך די חטאים פון דער באָבען און פונעם זיידן, פונעם שוואָגער און פון דער שוועגערן, פונעם פלימעניק און דער פלימעניצע ביז צום לעצטן גליד פון דער משפחה. די ערגסטע שונאים רעדן נישט אזוי איינער צום אנדערן. אָן אים האָט מען שוין פארגעסן, נאָר דעם יינגל וואָלט אָנגענעמער געווען, מען זאָל אים שמייסן מיט רישער ווי אזא סצענע נאָך איינמאָל צו דערלעבן.

די מאמע בלייבט רויק, ווארטנדיק, די שפּיל, ווי זי מיינט, זאָל זיך פארענדיקן. דאָס יינגל אָבער נאָך דער וויזיע הייבט זיך אויף א פארענדערטער, א געלאסענער, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן און דאָס שפּיצקע נעזל מיט די פאָר שפּרענקעלעך איז שוין גאָר נישט פאריםן. די פיינגעצייכנטע שווארצע ברעמען פינצטער צונויפגעקנייטשט, די פויסטן קראמפּיק פארקלעמט, ברומט:

— מאמע, איך וועל טון, וואָס דו ווילסט, און לאָמיך אָפּ און פארטיק. איינס נאָר בעט איך דיך, זאָג גאָרנישט דעם טאטן!

די מוטער, פאר א מאָמענט איבעראשט, הייבט אָן צו פארשטיין, וואָס עס האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן אינעם געמיט פון איר קינד. „גוט, בערל", ענטפערט זי און פארלאָזט די שטוב, לויפנדיק גיך אין קיך אריין, גלייך ווי זי וואָלט פארגעסן די מילך אויפן פייער. אין קיך שטעלט זי זיך אָפּ פארן פענצטער. מיט אירע ווי פארשלייערטע אויגן זעט זי נישט דעם יונגן

גרינעם פלאָמענבוים, וואָס איז היי־יאָר ווי פּלוצעם אזוי הויך אויפגעשאָסן. זי ווישט זיך איבערן פּנים מיט אירע נעגוג ביטער פאַראַרבעטע הענט. ס'איז איר אומעטיק און דאַך לייכט אויפן הארצן. זילבערמאן, ווייזט אויס, האָט רעכט. די קינדער זענען צומאָל נארישער, אָפטאָל אָבער קליגער פון אונדז.

זי הערט בערעלען קומען און נעמט זיך פאָרען ביי אירע טעפ אויפן אראנאז. דער פּיאַנער עפנט די טיר, נישט פאַר־מאכנדיק זי. „מאמע, בעט ער זיך, איך וויל טון, אזוי ווי די זאָגסט, אָבער אָן די בלומען".

„אָן די בלומען", ענטפערט זי, דרייט אָבער נישט אוועק דעם קאָפ פון די טעפ. די טיר צווישן קיך און שטוב פארמאכט זיך, די מוטער בלייבט אליין. ס'איז שטיל. מען הערט נאָר די לייכטע זשומעריי פון די פליגן. אין דרויסן שיינט די זון. די ווארעמע מיי־זון.

צוויי וועגן

פאָרענדיק זיך אין א טאָג פון מיין איצטיקן זומעראור־לויב מיט אלטע העפטן און פּאפּירן, כדי מיר צו פארטרייבן די צייט, געפין איך צווישן אנדערע פּאפּירן, א העפט מיט צע־ריסענע דעקלעך, באשריבן פון אן אומבאקאנטער האנט מיט יידישע אותיות. אין מיין שיפלאַד געפינען זיך א גרעסערע צאָל יידישע כתב־ידן פון פריער מיט א זעכצן יאָר, ווען איך האָב מיר אָפגעגעבן מיט זאמלען פאָלקס־לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין די היטלעריסטישע לאגערן. דאָס העפט אָבער אנטהאלט נישט קיין פערזן. דאָס זענען נישט קיין פאָלקס־לידער. וואָס זאָל דאָס אָבער פאַרט זיין? פּלוצעם דערמאָן איך מיר. דאָס האָט מיר געגעבן א חבר פון דער שאָצער געגנט. „ס'זענען דאָ נישט פאראנגען קיין פאָלקס־לידער, האָט ער מיר געזאָגט, אָבער סע קאָן נישט שאטן, זאָל עס זיך געפינען צווישן אייערע פּאפּירן. אין בוקארעשט קאָן דאָס האָבן א תיקון".

— ווער איז דער אויטאָר פון די שורות, האָב איך א פרעג געטון מיט א נייגעריקן ברען, ווי מ'ין שטייגער איז.

— וואָס פרעגט איר? פון דאָרט, פונעם טויטן־לאגער, און טוט זיך א וויש איבער דעם שטערן און אויגן.

איך האָב מער גאָרנישט געזאָגט און געוואַרט, דער חבר זאָל זיך בארואיקן. נאָך אן איבערייס, וואָס האָט נישט צו לאנג געדויערט, האָט ער פאָרגעזעצט: „נו, יאָ, וואָס טויג טראכטן! לעבעדיק וועלן מיר אים שוין נישט מאכן. אויך היטלערס א קרבן. א שאָד אזא מענטש! שווער צו פארגעסן! א ווילער מענטש געווען און זייער א געלערנטער! ווילט איר יידיש, איז יידיש. ווילט איר...“ דאָ איז ער אָבער אומגעדולדיק געוואָרן. „איר מעגט מיר גלייבן אויף נאמנות! אז איך זאָג אייך א געלערנטער, איז ער געווען א געלערנטער! דער הונגער און דער טיפוס האָבן אויך אים אוועקגעריסן פון אונדז. דאָס העפט איז פון אים געבליבן. לאָזט עס דריקן, אויב איר קאָנט!“

דאָס איז געשען, ווי איך האָב געזאָגט, צוריק מיט א זעכצן יאָר, טאקע נישט לאנג נאָך דער באפרייונג. געפונענדיק איצט דעם מאנוסקריפט, דערמאָן איך מיך סוף כל סוף, וויאזוי ער איז געקומען אין מ'ינע הענט. וויאזוי האָב איך געקאָנט דאָס פארגעסן? ווי פארנומען איך זאָל נישט געווען זיין, דער כתב־יד האָט שוין באדארפט האָבן פון לאנג א תיקון. איך טו א טיפן און לאנגן זיפץ, לעבן אזויפיל חטאים, וואָס איך האָב מיר פאָר־צוווארפן, נאָך א גרויסן חטא!

נאָר וואָס טויגן די לאנגע שמועסן, לאָמיר שוין הערן, וואָס סע שטייט אין דעם כתב־יד. מיט דער דאטע פון 15־טן נאָ־וועמבער 1921. מיר לייענען דאָ:

אויף דער וועלט טוט זיך אן איבערקערעניש, און איך זיץ מיר דאָ אין דער שטיל, אין מ'ין אָרעם שטיבעלע, אין דער קליינער אוניווערזיטעט־שטאָט און פיל מיך גליקלעך. איך האָב נישט גענוג צו עסן? איך טראָג אן אלטן פון מ'ין טאטן עליו־השלום געירשנטן אויבער־ראָק, וואָס גרייכט מיר ביז צו די קנעבל און איז געלאטעט ביים רעכטן עלנבויגן? וואָס זשע אַרט מיך דאָס? איך בין גליקלעך! אין קורצן וועל איך פארענדיקן מ'ין דאָקטער־ארבעט און איך וועל זיין דאָקטאָר אין פילאָזאָ־פיע. איי, איך וועל מיט דעם שיין געדרוקטן דיפלאָם קארג פרנסה האָבן. נו, וואָס־זשע? דערפאר בין איך א ייד און לעב אין דעם רומעניע פון זיין מאיעסטעט פון האָפנצאָלערן, פארדאָן פון האָהענצאָלערן.

ערשט נישט לאנג האָב איך אזוי געטראכט, און איצט ציטער איך נאָך ווי א בלעטל אין ווינט. גוט, וואָס די סיגוראנצע... נאָר, וואָס הייב איך אָן מיט דער סיגוראנצע. אומזיסט זאָגט דער פראָפעסאָר, אז איך שרייב זייער סיסטעמאטיש. ווו איז דאָ דאָס סיסטעם? איך הייב אָן ביים סוף אָנשטאט ביים אָנהויב. גערעכט! וויאזוי זאָגט דער אלטער לאטיינער קאָרנעליוס נעפאָס: „אב איניציאָ עסט אָריענדום!“ אז דו הייבסט אָן, מוזטו אָנהייבן פון אָנהויב:

זיץ איך מיר אזוי גאָר צופרידן פאר מיין טעזע, דער דאָקטער=ארבעט: „דער באלמעלאָכע אין די פארגאנגענע יאָרהונדערטער“. איז דאָס א תענוג א פארגעניגן! צוויי מאָל האָט מיר דער פראָפעסאָר די ארבעט צוריקגעשטויסן, צום סוף האָט ער זי אָבער דאָך אָנגענומען און זי אפילו געלויבט. איך באדארף זי איצט נאָך איינמאָל איבערקוקן און פארטיק. איך בין, טראכט איך, טאקע באמת שוין ווי א פארטיקער דאָקטאָר.

פלוצום קלאפט עמעצער אָן דער טיר. א מיידל אפשר! אי, וואָלט איך געוואָלט א מיידל זאָל צו מיר אריינקומען. מיט מיין געלאטעטן אויבער=ראָק קאָן איך מיך דערצו נישט דערווארטן. מיר דאכט, אז אפילו דער דאָקטאָר=דיפלאָם וועט נישט קענען צודעקן די לאטע. נאָר וואָס זאָל איך זאָגן, די נארישע געדאנקען זענען מיר גיך צערינען געוואָרן, עמעצער קלאָפט אָן מיין טיר. איך טו א כאפ די אייזערנע, האלב=צעבראָכענע קליאמקע און ווער, מיינט איר, קומט אריין? יוסף! יוסף אייזענבאך, וועלכן מען זעט שוין א צייט=לאנג נישט מער ביי די אוניווערסיטעט=קורסן. מ'רעדט אז ער איז געוואָרן א קאָמוניסט און דאָס הייסט, ביי אונדזערע באדינגונגען, אז ער איז מיט זיין לעבן נישט מער זיכער.

איך דערזע יוספן און א פחד פאלט אויף מיר. ער איז נישט צום דערקענען. דאָס לענגלעך געוואָרענע פנים איז טונקל, אש=גראָ, די שמאָלע ליפן אָן א טראָפן בלוט, די אויגן פלאקערן ווי אין פיבער. יוסף, שריי איך, וואָס איז פון דיר געוואָרן?

— פרעג נישט! איך בין נישט לאנג ארויס פון זייערע הענט. קאָן איך דאָ בלייבן, א נאכט, צוויי?

— איך האָב מוראָ, שטארק מוראָ, זאָג איך.

— הייסט עס, זאָגט ער, דו... און פארענדיקט נישט. זיינע ברענענדיקע אויגן ווערן שפיציק און צעפלאקערן זיך נאָך מער' ער וויל גיין. אים אוועקלאָזן אזוי, האָב איך אויך נישט געקאָנט. וואָס איז צו טון?

— זעץ דיך, בלייב! בעט איך מיך ביי אים. זאָלן מיר א טראַכט טון!

יוסף ענטפערט נישט און זעצט זיך אנידער. איך גיי צו צום איינציקן פענצטער פון מיין מאנסארדע־צימערל. איך טראַכט: מיט איין שפרונג אראָפּ איז מען אויפן דאך פונעם הויז, וואָס איז הארט לעבן אונדזער בלאָק. פון דאָרט קאָן מען אריין דורך א דאכפענצטער אין א ווייטערדיקן הויז גראָד אויפן בוידעם ארויף. אז מען וועט הערן עמעצן קומען, קאָן ער זיך גיך פאַר־באהאלטן.

איך טו א פרעג: האָסט קוראזש? יוסף מאכט מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: „דו האָסט שוין גאָר קיין שכל נישט, ווי קאָנסטו אזוינס גאָר פרעגן?" איך נעם אים אָן ביים ארבל און פיר אים צו צום פענצטערל און ווייז אים מער מיט זשעסטן ווי מיט ווערטער דעם וועג צום בוידעם־פענצטער, ער פארשטייט, וואָס איך מיין. איך האָב נאָר איין דאגה. ווי וועט ער דאָס פענצטער עפענען. ער קוקט מיך אָן ווי א נעבעכדיקן גולם און זאָגט: „זאָרג דיך נישט! זיי וועלן נישט דערלעבן מיך אראָפּ צו כאפּן. מיר זאָלן נאָר הערן צו דער רעכטער צייט, אז זיי קומען".

— איך וועל האלטן די טיר פארשלאָסן, דאָס בעט וועט בלייבן נישט געמאכט און אז זיי קומען, וועל איך שפּילן דעם פארשלאָפענעם, וואָס קריכט שווער ארויס פונעם בעט. דערווייל וועסטו...

— איך פארשטיי גוט, מארקוס־לעבן, זאָגט ער מיר, איך האָב קיין טעות נישט געהאט! דו ביסט א פריינט!

— און דו נישט? מאך איך. ווען נישט דו, וואָלט איך מיך נישט גענומען צו דער געשיכטע פון די באלעמעלאָכעס. דו האָסט מיך דערצו געראָטן.

ער האָט זיך צעלאכט און א פרעג געטון: האָסטו נישט עפּעס צו עסן?

— ביסט צופרידן מיט א גלאָז טיי, א שטיקל שווארץ ברויט און א פיצל נישט גאָר פרישן קעז?

— גיב אהער, ברודער, ער איז פריילעך געוואָרן.

איך האָב צוגעקוקט, ווי ער עסט, הונגעריק געווען, שטארק הונגעריק! נישט זייער גיך געגעסן. גאנץ קליינע ביסנס אין מויל גענומען. פּאוואָליע צעקייט און זייער שווער געשלונגען, גלייך ווי ער וואָלט שוין געווען אָפּגעוווינט צו עסן. קוקנדיק צו אים, איז מיר אָנגעקומען צו וויינען. פּלוצעם האָבן מיר שריט דער־

הערט. דער ביסן איז אים אין האלדז שטעקן געבליבן. ער האָט שוין געוואָלט טון א שפרונג צום פענצטער. צום גליק האָב איך דערקענט די שריט פון מיין צימער־שכנה, דער וועשערן פלאָריקא, וואָס פלעגט תמיד אהיימקומען אזוי שפעט מיט א מידן שלעפנדיקן גאנג.

„דאָס איז פלאָריקא, האָב איך אים בארויקט. איך דערקען זי נאָך איר שפאַן". יוסף האָט זיך גענומען ווידער עסן. ער האָט קוים אויפגעגעסן דאָס שטיק שווארצע ברויט מיטן פיצלקעז, דערנאָך האָט ער זיך גענומען זופּן דעם טיי וואָס איך האָב אים אָפּגעקאָכט אויף מיין פּרימוס. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאט אויסגעטרונקען א האלב גלעזל, האָב איך געפילט, אז מען קאָן שוין מיט אים רעדן.

— נו, האָב איך אָנגעהויבן.

— נו, האָט ער געענטפערט, ווו האלטסטו מיט דיין דאָקטאָראט?

— איך האָף פארטיק צו ווערן אין דער סעסיע.

— בראַוואָ, זייער שיין!, מאכט ער, דעם ריכטיקן דאָקטאָראט אָבער גיב איך.

איך האָב אים געוואָלט אריינפאלן אין די רייד. נאָר ער האָט מיך נישט געלאָזט. „איך וויים, וואָס דו ווילסט זאָגן", האָט ער געשמייכלט. דו האָפסט צו באקומען א דאָקטאָר־טיטל און חתונה צו האָבן מיט דער גאנדז.

— וואָס רעדסטו?, האָב איך אים איבערגעריסן, אויפשפרינגענדיק פון מיין בענקל.

— באלײדיק דיך נישט פאר מיר, האָט ער רויק געענטפערט. גאנדז ווי גאנדז! צו דיין גליק איז זי אליין נאָך קליגער פון דיר. זי וועט מיט דיר נישט חתונה האָבן, ווייל א טיטל פון דאָקטאָר אין פילאָזאָפיע ברענגט א יידן קיין פרנסה נישט. איך ראָט דיר, לאָז דיך אָפּ פון איר.

איך וויל מיך נישט לאָזן און גיי איבער צו אן אָפענסיווער טאקטיק. און וואָס וועט פון דיר זיין, פרעג איך.

— איך, האָט ער באשיידן און מיט גרויסן ערנסט געזאָגט, בין ווי א זאָמען, אריינגעוואָרפן אין דער ערד און דערפאר בין איך אזוי שווארץ. און האָט זיך צעלאכט, האלב פריילעך, האלב טרויעריק. דערנאָך האָט ער פאָרגעזעצט: נישט אָנגענעם צו ליגן אין דר'ערד. דער זאָמען וועט אָבער אויפגיין און עס וועט זיין א גערעטעניש, א גערעטעניש, זאָג איך דיר...

דו גלויבסט אויך נישט אין גליק, וואָס קומט פון זיך אליין. דער פּרייז פאַר דעם גליק אָבער איז דיר צו טייער.

דאָ איז ער פּלוצעם ברוגז געוואָרן: „פון וואַנען ווייסטו, אַז ער איז צו טייער?‟, האָט ער זיך צעשריגן; ער איז אָבער תיכף ווי פאַרשעמט געבליבן און געשוויגן.

אזוי האָבן מיר זיך א צייט געאַמפּערט.

דו, לייג דיך שלאָפן, האָט ער צו מיר געזאָגט. איך וועל מיר צולייגן דעם קאָפּ אויפן טיש, נישט אויסגעטון. מען קאָן נישט וויסן, וואָס עס קאָן אונטערקומען.

איך האָב אים געוואָלט פּלאַץ מאַכן אין מיין בעט. ער האָט זיך זיינס אויסגעפירט. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן. גליקלעכע חלומות האָבן מיך געוויגט, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין ביי פּאָולינען און זי ליבט מיך שוין און איז שוין גרייט צו ווערן, א כלה פאַר מיר אַז זי און איר טאַטע ווערן נישט מיד, מיך צו רופן „הער דאָקטאָר!‟, הער דאָקטאָר אהער, הער דאָקטאָר אהין! גראָד זענען מיר ביידע אליין געבליבן אין זייער גרויסן, שיינעם, פאַר געסט באַשטימטן צימער, איך מיט פּאָולינען. אָט האָב איך שוין געוואָלט צו איר צוגיין און דאָ האָבן זיך פּלוצעם דערהערט מענערשטימעל, וואָס קלאַפּן אין דער טיר. א דערשראָקענער, עפן איך די אויגן, און נישט מיט מיין קול טו איך א פרעג: „ווער איז דאָרט?‟ דאָס שרעקלעכע קלאַפּן און קנאַקן אין דער טיר האַלט זיך אין איין איבערחזרן. מיט וואָספאַרא כח איך בין אַרויס פונעם בעט, מיט וואָספאַרא כח איך האָב אויפגעדרייט דאָס ליכט, ווייס איך נישט. אַזויפיל שׂכל האָב איך נאָך געהאַט, בליצנשנעל פאַרמאַכן דאָס פענצטער. פון יוספן איז קיין סלעד נישט געבליבן, עפּעס דערמוטיקט, עפן איך די טיר. און אין שטוב קומען אַריין מיט א ליאַרעם, א קאָמיסאַר מיט צוויי פּאָליציאַנטן גלייך ווי זיי וואָלטן מיך געוואָלט פאַרשלינגען ווי די ווילדע חיות. זעענדיק באַלאָדן דעם טיש מיט ביכער, פּאַפּירן, מיינען זיי, ווער ווייסט וועמען זיי האָבן געכאַפּט. אָנקוקנדיק אָבער מיין אויפריכטיק פאַרשלאָפן פּנים, ווערן זיי עפּעס געלאַסענער.

— דו האָסט קיינעם נישט באַהאַלטן, פרעגן זיי.

— קיינעם נישט, מאַך איך.

א גליק וואָס אין מיין אָרעם שטיבל איז נישטאָ קיין סך צו זוכן. גיך האָבן זיי צעוואָרפן די פּאָר זאַכן און באַלד פאַרטיק געוואָרן. איינער קוקט דעם אַנדערן אָן: גאָרנישט.

איך זאָל אכטונג געבן, זאָגט מיר דער קאָמיסאַר, א צווייטמאָל וועל איך אזוי לייכט נישט אָפּקומען.

— פארשטאנען יונגערמאן! ווו זענען אייערע פאפּירן? וואָס האָט איר צעשפּרייט אזויפיל ביכער אויפן טיש?

איך גיב זיי פאַרשידענע ענטפערס.

— פארשפּעטיקט, בורטשעט דער קאָמיסאַר, קוקנדיק אויפן זייגער, פארלוירן אזויפיל צייט. גייען מיר.

איך האָב זיי געפּטרט. און איך זיץ איצט האלבנאקעט אויף מיין בעט און איין צאָן קלאפּט מיר אין אנדערן. אוי, גאָט, וואָס האָב איך געזונדיקט! און יאָמער! וואָס וועט זיין מיט יוספן? אוי, זאָמען, זאָמען, וואָס ליגן דערווייל טיף אין דר'ערד.

דער סוף אָבער איז געווען. דאָס לעצטע בלעטל: פונעם 23-טן דעצעמבער 1943. (דאָס בלעטל איז געשריבן מיט ציטערנדיקער האנט, מיט א גראָבן בלייער, מיט לעצטע כוחות).

...אָ, יוסף, יוסף... וואָס מיט דיר איז געשען, ווייס איך נישט... דו, זאָמען, דו... איך?... וואָס בין איך? א קרבן, א געשאָכטן לעמעלע... אָט, נאָך א טאָג... נאָך א שעה... און... דער טויט... וועט מיך... איך וועל... שטארבן.. איין טרייסט... דו... דיינס-גלייכן... מיין טרייסט... וועט מיך... וועט אלע קרבנות נוקם זיין... זאָמען... זאָמען... אייער געראַטעניש גייט אויף... איך האָב געגרייזט... געבענטשט זאָלט איר זיין!... אמן! אָמ...

דאָ פארענדיקט זיך די שריפט אין די אלע בלעטער. שווער אָטעמענדיק, פארמאַך איך דאָס העפט און לאָז עס פאלן אויפן טיש אין מויל פיל איך א געזאלצענער טעם. ס'איז דער טעם פון מיינע טרערן פאר מארקוסן, דעם אומגליקלעכן יונגנמאן און אפשר אויך פאר מיינע אייגענע בלויזן, מיינע אייגענע שטרויכלונגען. דיר יוסף אָבער גילט מיין לויב, מיין דאנק. ווען איך טראכט צו דיר, גייען אויך פאר מיינע אויגן שטראלן פון פרייליגנדיקער זון, וואָס פאריאָגן אלע וואָלקן, וואָס וועקן א ניי, שענער לעבן. מארקוס און יוסף:

צוויי וועגן!

פון שכנישן דאָרף

נאָכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
פאַרבלאָנדזעט אַמאָל צו מײַן גאַניק,
זײ לעשן מײַן טרויער, זײ גלעטן מײַן אומעט
און פליסן װי זאַפטיקער האָניק.

לידער באַבלאַצקע, מונטערע, פרישע,
װאָס שמעקן מיט פעלד און מיט שײַער —
זײ פולן די לופט אָן מיט װאַרעמקײט ליבער,
װאָס שטאַמט פון אַ הײמישן פײַער.

נאַכט איז אין שטעטל. איך ליג אויפן גאַניק.
װער דאָרף איצט דער מאַמעס געלעגער,
איז װאָס אַז ס'איז אײנס, איז װאָס אַז ס'איז צװײ,
איז װאָס אַז ס'איז דרײַ שוין דער זײגער?

הער איך און װײס נישט, ס'איז יום־טוב אין דאָרף,
צי ס'הוליען דאָרט גלאַט אַזױ יונגען.
אַז װאָס איז דער חילוק, אַ באַלד װעט מיר דאַכט
די לבנה אויך אָנהײבן זינגען.

גיסן אַזױ זיך פון שכנישן דאָרף
הײמישע זאַפטיקע טענער,
ביז ס'הײבט אָן פרימאָרגן צו װאַרגן די נאַכט
און ס'הײבן אָן קרײען די הענער.

ביים קאַזאַרמישן טויער

ביים קאַזאַרמישן טויער שוין הונדערטער מאָל
האָב איך אויסגעציילט היינט מיינע נאַכטישע טריט —
מיינע זעלנערישע טריט.
ס'אַ געלעכטער;
כ'בין געוואָרן דאָ היינט אַ קאַזאַרמישער וועכטער,
כ'מוז היטן קאַזאַרמעס וואָס זענען געוויקלט
אין זעלנערישן עלנט
אין פּיין און אין צאָרן —
קאַזאַרמעס ווי ברוּיזנדער ווילן פון יינגען
פאַרטויבט ווערן מיט גרילצן פון מעשענעם האָרן.

ס'איז נאַכט.
מידע, דערשלאָגענע שלאָפן די זעלנער
חלומן אפשר פון דאָרפישע היימען,
פון פויערישע מיידלעך מיט ציטיקע ברוסטן
וואָס שפּילן זיך איצטער ווער ווייסט שוין מיט וועמ'ען.

האַלט נאַכט שוין ביים אויסגיין.
פרימאָרגן ברענגט ווידער אַ טאָג פול מיט פּיין,
וואָס גראָבט זיך אין זעלנערישע קערפּערס טיף אַיין.
פרימאָרגן.
איצט שלאָפן קאַזאַרמעס.
עס וויעט פון טונקלע פענצטער אַן אומעט.

דאַכט מיר:
עס האָט זיך פּיליעריקער טרויער,
פאַרקליבן — דאָ צום קאַזאַרמישן טויער
און דריקט אַזוי שווער אויף מיין נאַכטיש געמיט.
און היט.

איך בין היינט דער וועכטער פון זעלנערישן עלנט.
איך היט
און ס'קלאַפּן דאָ אויס מײַנע נאַכטיקע טריט
א טרויעריק ליד.

איבערברוך

ציען זיך קרומע און נאַקעטע וועגן,
שלענגלען זיך שליאַכן אויף סטעפּעס,
רוען די שליאַכן זיך אָפּ אין די שטעטלעך
וואָס דרימלען און בענקען נאָך עפּעס.

שטייען אַזוי זיך די שטעטלשע שטיבער,
זינקען אין שטויביקער ענגשאַפט
האָט יעדער געסל א כאַפּטע מיט יינגען
וואָס וועבן די טעג אויס אין בענקשאַפט.

שטייען די טאַטעס אויף שוועלן פון קראָמען,
קריגן און זידלען זיך איינער מיט צווייטן,
רייסן זיך איבער פאַרבייגייער-קונים
און שלעפּן אריין זיי צו זיך אין די קלייטן.

און יעדן פאַרטאָג ביים אריינפאָר אין שטעטל
וואַרט מען אויף פּירלער מיט ווייץ און מיט קאָרן,
רייסט מען זיך איבער א פּויער מיט תבואה,
שפּריצן דאָרט פּויערישע אויגן מיט צאָרן.

דרייט זיך אום ייִנגוואַרג מיט אומרו אין אויגן,
טוליעט זיך אומעט צו טאַטעשע היימען,
בענקען נאָך עפּעס די שטעטלשע ייִנגען
און ווייסן אַליין ניט נאָך וואָס און נאָך וועמען.

לויפן די צונגען אויף ווייט — ווייטע שטרעקעס,
פירן צו גרויסע, צו רוישיקע שטעט,
יאָגט נויט פון די שטיבער און שרייט צו די ייִנגען:
— „אַנטלויפן, ווייל מאָרגן וועט זיין שוין צו שפּעט!“

ציען צור שטאָט די ייִנגלעך און מיידלעך,
שפּייען די לונגען דאָרט אויס אין די פאַבריקן
און טויזנטער דרייען זיך אום אין די גאַסן
מיט ליידיקע מאָגנס און צאָרנדיקע בליקן.

מישט זיך אויף גאַסן אויס זאַטקייט מיט הונגער,
זויגט יעדער טאָג פרישן מאַרך פון די ביינער,
שפּראָצט א פאַרדראָס וואָס צעוואַקסט זיך אין הערצער
וואָס האַרטעוועט פויסטן ווי גאַסיקע שטיינער.

פאַרשווונדן ווערט אומעט פון ייִנגלעשע אויגן,
הערצער זיי ברויזן, פויסטן זיי דראָען,
ער ציילט שוין מינוטן — פאַר שעהן.

וואַקסן אַזוי יענע קרעפטיקע מחנות
וואָס טראָגן די פענער פון אויפשטאַנד אויף גאַסן,
זיי ברענגען דעם רוף פון רעוואָלט אין קוואַרטאַלן
וואָס הונגער אַליין האָט געלערנט זיי — האַסן.

איז וואָס אז די תפיסות די גרויע, זיי האָבן
די גיריקע, מיילער צעעפנט, צעפראלט, —
עס שפּראָצן די מחנות פון קעמפער און וואקסן
ווי גראָזן אויף פעלדער, ווי ביימער אין וואלד.

הונדערטער יינגען מיט מוט אין די בליקן,
ווער קאָן דען זיי ציילן, ווער ווייסט זייערע נעמען?
א בענקעניש בליט אין די הערצער אין זייערע,
זיי ווייסן נאָך וואָס שוין, זיי ווייסן נאָך ווענען.

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, וואקסן דאָרטן לידער
פרישע ווי פרימאָרגנדיקע טויען,
יינגען הילכן דאָרט אויף סטעפּעס:
— „מיר ארבעטן, מיר זינגען און מיר בויען!“

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, קלאַפּן אויס דאָרט האמערס
פרייד פון ארבעטער און בויער,
טראקטאָרס זינגען אויס דאָרט איבער פעלדער
ס'ליד פון פויערטע און פויער.

שלינג איך, שלינג פון יענע לידער
יעדער וואָרט און יעדער קלאנג
און ס'וויל זיך מיר אזוי אויסשאלן
אזא מונטער פריש געזאנג.

ווּזשע קאָן מען איצטער לאָזן
ס׳ליד פון שאפן הילכיק הערן,
ווען מ׳דארף אזוי פיל נאָך פארגיכטן
און אזוי פיל נאָך צעשטערן.

זינגט זיך ניט קיין ליד פון שאפן,
הילכט ניט אָפּ קיין פרייד פון בויער,
ס׳מוז צוערשט זיך איבער גאסן
קרייצן דאָ געזאנג און טרויער.

חורבות, חורבות מוזן שפּראָצן.
אויף רואינען וועט מען בויען,
ס׳וועלן וואקסן דעמאָלט לידער
ווי פרימאָרגנדיקע טויען.

און ביז דאן איז ליד קיין ליד ניט,
ליד ביז דאן איז בלוט וואָס ברויזט.
און ביז דאן איז ליד קיין ליד ניט,
ליד — א שטומע מאסן פויסט.

ווייל חורבות, חורבות מוזן שפּראָצן,
אויף רואינען וועט מען בויען —
ס׳וועלן וואקסן דעמאָלט לידער
ווי פרימאָרגנדיקע טויען.

צו יעקב שטערנבערגן

כאָטש אין יעדע נאכט טובלען זיך אין מײַנע אויגן אָפּ
שטאָטס שרײַענדיקע — אין די טויזנטער עלעקטרי=בליקן
וועל איך לאנג אין זיי נאָך טראָגן
אי די טונקעלקייט פון שטעטלשע פארנאכטן,
אי די לויטערקייט פון דאָרפישע פארטאָגן;
כ'וועל זיי טראָגן
שטאָלץ אין מײַנע אויגן,
אפילו ווען כ'וועל זײַן פארמוטשעט
און פון שטאָט ווירוואר א מידער
אזוי ווי דו האָסט זיי געטראָגן יאָרנלאנג אין דײַנע לידער.

ס'איז מיר גרינגער
דאָ צו ריכטן אינעם ריטם פון דער שטאָט
מײַן שטילן שטעטלדיקן טראָט,
ווען כ'טראָג די לידער דײַנע אין מײַן הארצן, —
האָסט דעם טרויער פון קאלעא וואקארעשטער פריילעכע קאפעליעם
האָסט דעם דינעם אומעט פון די בראָדער זינגער
אָנגעטון אין א צילינדער, אין א פראק א שווארצן
און געלאָזט זיי טאנצן דאָ א טאנגאָ
מיטן הונגער...
ס'איז מיר גרינגער
דאָ צו ריכטן אינעם ריטם פון דער שטאָט
מײַן שטילן, שטעטלדיקן טראָט,
ווען כ'טראָג די לידער דײַנע אין מײַן הארצן.

ס'האָבן הונדערטער פיל שטאָקיקע געבײַדעס
אויסגעדרייט זיך היינט צו מיר אין פראָפיל,
און איך זע ווי אויף די גרויסע שויבן=פענצטער פון וויטרינעס

האָבן

פראגע צייכנס אויפגעהאָנגען זיך ווי גרויע ראָבן
און זיי שטארצן,
שטארצן גלייך ארויס דאָ אויף די גאסן,
וו עס מישט זיך אויס די פרייד פון זאטע דאמען, הערן
מיטן אומעט און מיט צאָרן פון שאָמערן.

זע איך דאָרט דעם שיין פון דיינע אויגן
— לויטערע ווי דאָרפישע פארטאָגן —
וואָס האָבן אין א שעה א נאכטיק שפעטער
אלע גאסנלאָמפּן אויסגעלאָשן
און נערוועז, נערוועז אויף אלע שויבן־פענצטער
אָט די פראגע־צייכנס אויפגעהאָנגען,
עס זאָל די שטאָט זיי ווי די לאטעס טראָגן.

א די טונקלקייט פון שטעטלשע פארנאכטן,
א די לויטערקייט פון דאָרפישע פארטאָגן
וועל איך לאנג נאָך איבער גאסן שטאָטישע
אין מיינע אויגן טראָגן,
אפילו ווען כ'וועל זיין פארמוטשעט
און פון שטאָט־ווירוואר א מידער
אזוי ווי דו האָסט זיי געטראָגן יאָרנלאנג אין דיינע לידער.

זלמן קליאָטשע

זלמן — האָט ער געהייסן, נאָר זיין זיידן, און קליאָטשע — נאָך זיין אייגענער פלאַקסענער באָרד. דאָך האָט אים זיין ווייב, אַן אשת־חיל, ליב געהאַט און אלם באַוויזן, אים, כמעט יעדעס יאָר, א קינד געשענקט. און נישט קוקנדיק אויף זייער צאָל, קיין עין־הרע, און נישט דערויף וואָס נישט איינס פון זיי קען גילטן פאר א קדיש, האָט ער אויף איר נישט קיין פאראיבל געהאַט און פלעגט זיך, פארקערט, דערויף ווערטלען:

ווי זאָגט מיין גוטער־ברודער, זעליק שאָר: „נאָר א בויך נאָך א יויך“.

און האָט ער נישט געהאַט פאר וועמען א ווערטל אַרויסצוּרעדן, פלעגט ער זיך צוזינגען א פאָלקס־לידל און פונעם הילצערנעם האמער פלעגן אַרויסקומען בלעכערנע כלים, געפעסן און אנדערע זאכן: בראָטקאַסטנס, זייערלעך, זיפלער, טאָוועלעך, ליקעס, מילטערס, סאמאָווארן, פישקעס, פאנארן, קאָכערלעך, קעסלען, ריבאייזנס, רייערן, רינוועס, שיסלען און שעפערס.

אזוי פלעגט ער אַלץ האמערן, לייטן און שניידן ביז ס'איז טונקל געוואָרן. אויפדערנאכט פלעגט ער זיך אריינכאַפן אין קרעטשמע און אוועקזעצנדיק זיך, מיט חברה באַלמעלאָכעס, פלעגט ער ביי א גלעזל וויין, דערציילן אן אַלטן אנעקדאָט, אָדער נאָך א פרישן אנעקדאָט.

ער האָט ליב געהאַט די מלאכה און ארבעטן מיט נשמה, דאָס וואָס פלעגט זיך אָפרופן אויף זיין ארבעט, און זיך צומאָל גרענעצן מיט קונסט. דאָך, פלעגט אים צומאָל באַפאַלן א נודעניש.

נאָר אן אָפּרעוויקע פלעגט אים אַרויסרייסן פון דער מאָנאָטאָנישקייט און אים דערפרישן. די אָפּרעוויקע איז געווען: דעקן א דאך פון א שיל אָדער פון א קלויסטער דאָס האָט פאר אים באַדייט כמעט אן אוואַנטיורע.

שבת פלעגט ער, פון געוווינהייט, אויפשטיין גאנץ פרי, גלייך ווי אין א ארבעטס־טאָג, און ארויסגיין אויף לופט.

איינמאָל, אין א זומערדיקן שבת־אינדערפרי, קומט ער ארויס פארן טויער, גיט א קוק, דער שכן זיינער, דער רב, אויך פארן טויער. ער, זלמן, מיטן רעקל אויף די אקסלען איז ארויס־געקומען שעפן פרישע לופט, און דער רב, אינעם לאנגן, גע־שטרייפטן, ווייס־בלויען כאלאט, איז ארויס שמעקן פרישע, רוסישע טאבעקע. א זעלטענע באגעגעניש...

— גוט שבת, רבי! רופט זיך אָן זלמן.

— גוט שבת זלמן, ענטפערט דער רב.

נאָך א קליינער פויזע, פרעגט זלמן:

— רבי, אייער קו איז זיך שוין געלאָפן?

— נו, איז וואָס, אז זי איז זיך געלאָפן? פרעגט איבער פאר־וווּנדערט דער רב.

— מיין קו, רופט זיך אָן זלמן, איז זיך געלאָפן, וועט זי האָבן א קעלבל.

— נו, נו, מאכט דער רב, אייער קו איז זיך געלאָפן, וועט זי האָבן א קעלבל, און מיינע גייט פאוואָליע, וועט זי אויך האָבן א קעלבל.

זלמן צעלאכט זיך הארציק, און עס פרייט אים די נייע מציאה, ער וועט שוין האָבן, היינט פארנאכט, וואָס צו דערציילן אין שיל.

ער גייט אין שיל פשוט צוליבן חזן און נישט מער.

איינמאָל, אין א הייסן זומער־טאָג, זיצט זיך זלמן אריינגעטאָן אין זיין ארבעט, אז פלוצים פאלט אריין דער נוטמוטיקער גלח פונעם נאָענטן דאָרף, סאבואן, און ווענדעט זיך צו אים מיט די ווערטער:

— זאָג נאָר, „מעשטערע"* זלמן, וואָלסט נישט א בעלן געווען צו פאריכטן און פארבן מיין קלויסטער־דאך?

— פארוואָס נישט, פאָטערל, אבי מען קאָן נאָר עפּעס פאר־דינען... און דערביי פארבעט ער דעם גלח זיצן, און שרייט אריין אין דער הינטער־טיר: פיינע! פיינע!

— זיי מכבד דעם פאָטערל מיט א גלאָז וואסער! רופט ער זיך אָן צום ווייב.

פיינע ברענגט תכף ארויס א קאלט גלאָז וואסער מיט עטלעכע פלעצלעך צוקער אויף א טעלערל.

דער גלח דאנקט פאר דער טרחה, טינקט א שטיקל צוקער אין זויגט, טינקט אין זויגט, טינקט און זויגט, דערנאָך ערשט לייגט ער

---

* מייסטער.

עס אריין אין מויל און טרינקט אין איין אָטעם אויס דאָס גלאָז וואסער; ער הייסט זיך געבן נאָך וואסער און חזרט איבער די סצענע מיטן טינקען און שמאָטשקען שוויצנדיק דערביי ווי א ביבער.

אביסל געקומען צו זיך, דערמאָנט ער זיך אין זיין געטריי פערד, וואָס איז אים נאָכגעגאנגען פיס טריט די גאנצע צייט פון דער ראָהאטקע איבער דער גאנצער שטאָט, און אָפּגעשטעלט פאר יעדן געוועלב, פאר דער בעקעריי, פאר דער אפטייק און פאר דער קרעטשמע, ווי דער באלעבאָס איז אליין אריינגעגאנגען. איצט, שטייט ער אויף דער זון, פינטלט מיט די אויגן און טרייבט אלץ פון זיך די פליגן מיט דעם לאנגן בעזים־עק. ער גייט ארויס, גיט דעם פערד א גלעט איבער דער גריווע און איז אים מכבד מיט די פאָר איבערגעבליבענע שטיקלעך צוקער.

זונטיק קאיאָר, געזעגנט זיך זלמן מיט זיין ווייב, אויף א גאנצער וואָך, און לאָזט זיך אין וועג אריין מיט די סאקוועס אויף די אקסלען: פון איין זייט — צידה־לדרך און פון דער אנדערער זייט — די מכשירים אָדער דאָס „קלאפער־געצייג“ ווי ער פלעג׳ס רופן.

אָנגעקומען אין דאָרף, זיך פארגלייכט מיטן גלח... „א רענדל ארויף, א רענדל אראָפּ“, אָפּגעגעסן, איז ער ארויפגעקראָכן אויפן קלויסטער־דאך און זיך געשמאק גענומען צו דער ארבעט.

און האמערנדיק אזוי אין בלעך, טאָג איין, טאָג אויס, ווערט ער צוגעוווינט צו דער ארבעט און צו דער ברענענדיקער זון און עס זאָל אים אָנהויבן אפילו ארן וואָס די גליענדיקע בלעך בראָטן אים די באָרוועסע פיס.

ער ארבעט זיך אזוי, געמיטלעך, דאָס דרייקאנטיקע בענקל וויזט אים אויס א שטענדער פון שיל און ער פארגייט זיך אין א לידל וואָס... דאכט זיך אז עס זינגט׳ס גאָר דער חזן:

אויפן שפיץ פון קלויסטער־דאך,
זיצט זיך אהרן בלעכער,
ער זינגט זיך צו א ניגונדל
און פארקיטעט לעכער.

ווען ער זאָגט דעם „יהי רצון“
פין ראש־חודש־בענטשן,
הערן פייגעלעך זיך צו
און אין גאס — די מענטשן.

גייט ער איבער מיט דער פארב
זאָגט ער „השביבנו“

און קלאַפּט אויס מיטן חעמערל
„אבינו מלכנו“.

ביים געוויין פון יום־הדין
בלייבן שטיין די שכנים,
טוען א קוק, טוען א זיפץ,
און מאכן זיך דעם צלם.

קלויסטער־גלאָקן קלינגען שפּעט
און בעטן ווי מחילה.
דער דרויסן קומט מיר דעמלט פאָר
עפּעס... ווי צו נעילה.

ל. בערטיש

ער פילט זיך מיד. די פיס ברענען שוין. קריכט אראָפּ פונעם דאך, פארדרייט א גראָבן ציגאר פון גראָבן טיטין, און פונעם מויל און פון די נאָז־לעכער הויבט אָן זעצן א גראָבער רויער, ווי להבדיל פון א לאָקאָמאָטיוו. ער שפּאַצירט אַביסל דורך די פיס, פילנדיק זיך ווי א קליין קינד וואָס לערנט זיך ערשט גיין.

שפּאַנענדיק אזוי, אהין און צוריק, ווייזט זיך אים אויס אז די טיר פונעם קלויסטער איז אָפן. ער גייט צו נענטער, פרווט די טיר. אוודאי איז זי אָפן. ער שטעקט צו ערשט אריין דעם קאָפּ. ס'איז טונקל, מען זעט גאָרנישט; שטעקט ער, פאָרזיכטיק, אריין א פוס, דערנאָך דעם צווייטן. בלייבט שטיין. קיל... א מחיה. צום ערשטן מאָל אז ער געפינט זיך אין א קריסטלעך געבעט־הויז. דאכט זיך... יאָ א שיל און נישט קיין שיל. אין אונטער־גרונט, פינטלען צוויי פינקען, ווי ליכטיקע שייבעלעך פון א ווייטער כאטע אין א שטאָק־פינצטערער נאכט פאר א פארבלאָנדזשעטן פּיסגייער. ער גייט צו נענטער, נענטער, שטעלט זיך אָפּ... גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. דאָ, לעבן אלטאר, שטייט א פרוי, דאכט זיך... יאָ א לעבעדיקע און נישט קיין לעבעדיקע. הייננט אירע אויגן, אירע אויגן... גאָט מיינער, צוויי פלאמען פייער, נאָר צו פארברענען!

קוים פאָמיענטעט, האָט ער זי ערשט געקאָנט רויק באטראכטן, פון אויבן ביז אראָפּ. זי איז אויסגעפוצט נאָר ווי א כלה. א! דאָס איז זי דאָך, די אזוי גערופענע „הייליקע מאריא“, וועלכע מען פירט ארום איבער די גאסן אין א פּראָצעסיע, מיט גרויס פאראד, בשעת א טרוקעניש — א סגולה וועגן רעגן, פונקט ווי מען גייט ביי אונדז, צוליב דער זעלבער סגולה, אויפן פעלד זאָגן תהילים...

אויפן האלדז טראָגט זי א שנירל פערל, זיי לאָקן און בעטן זיך ממש. ער גייט אלץ צו נענטער און נענטער, מיט קארגע טריט, אָבער ווי אונטערגעשטיפּט פון עמעצן; און אז ער איז שוין גאָר נאָענט, גיט ער א פאל צו און כאפּט אראָפּ דאָס שנירל פון האלדז און לויפט ארויס, קלעטערט אויף דער לייטער ווי א וועווערק. ער נעמט זיך האסטיק צו דער ארבעט, האמערנדיק מיט מערער שוווּנג ווי אן אנדערט מאָל. זיינע אויערן הערן פּלוצים מורמלען... „עט, נאָר אלעמען, איז עס דאָך קיין מענטש נישט“.

אז דער דינער איז געקומען און זיך געכאפּט אז ער האָט דעם קלויסטער געלאָזט אָפן האָט ער גענומען שעלטן דעם „ביטערן טראָפּן“. דערנאָך האָט ער גענומען באריייניקן און באפּראָשן אלע ווינקעלעך. און אז ער איז צוגעקומען צו דער „הייליקער מאריע“ און גענומען פּוצן איר טואלעט, האָט ער פּלוצים באמערקט אז עס פעלט עפּעס פון איר שמוק, א, יאָ! דאָס שנירל פערל. ער גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. ס'איז אָבער פאָרט אזוי. ער צינדט אָן אלע לאָמפּן, נעמט זוכן אונטערן אלטאר, קערט איבער דעם גאנצן קלויסטער, אומזיסט... ער בלייבט שטיין א פארצווייפלטער, נישט וויסנדיק וואָס מען הויבט אָן טון. ער כאפּט זיך ארויס צום גלח אהיים. ער איז זיך מודה פארן פאָטערל... אז ער האָט געלאָזט אויף הפקר דעם קלויסטער און איז אוועק און קרעטשמע און צווישן, האָט מען צוגעגנבעט דאָס שנירל פערל פון דער „הייליקער מאריע“. דער גלח באפעלט אים צו מעלדן דער זשאנדארמעריע.

עס קומען זשאנדארן, אין שפּיץ מיטן שעף, און נאָך א קורצן אונטערזוך נעמט מען אראָפּ זלמנען פונעם דאך און מע ארעסטירט אים.

עס קומט דער טאָג פונעם פּראָצעס. דער טריבונאל איז פול געפּאקט מיט עולם, יידן און קריסטן, וואָס שטייט אָפּ אויף די פיס א גאנצן טאָג, נייגעריק פאר אזא טשיקאווען פּראָצעס. נאָכן לייענען דעם באשולדיקונגס=אקט, נעמט דאָס וואָרט דער פּראָקוראָר, וועלכער האלט א פייער=פלאמיקע רעדע מאָנענדיק, אז דער טריבונאל זאָל ארויסטראָגן אויף זלמנען א טאָפּלטע פּענאלע שטראָף: איין מאָל פאר גנבענען צווייטנס פאר פארשוועכן די ריייניקייטן פון א קלויסטער.

צום סוף באקומט דאָס וואָרט דער באשולדיקטער.

דאָ, ווערט דער גאנצער עולם ווי פארגליווערט. מענטשן פאר־האלטן ממש דעם אָטעם און עס ווערט „שטיל ווי אין א קלויסטער“.

נו, וואָס האָסטו, זלמן קליאָטשע, צו זאָגן אויף דער באַשולדיקונג? פרעגט אים דער ריכטער־פרעזידענט.

— וואָס זאָל איך זאָגן, הער פרעזידענט? איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת. די זאך איז אזוי געווען: איך האָב געארבעט און געארבעט אויפן קלויסטער־דאך, ביז איך בין מיד געוואָרן. און אז איך בין מיד געוואָרן, בין איך אראָפּ געקראָכן פונעם דאך און פארדרייט א ציגאר; רייכערנדיק אזוי דעם ציגאר, האָט זיך מיר פּראָווירעט אז די טיר פונעם קלויסטער איז אָפן, און אז כ'האָב מיך איבערצייגט אז זי איז טאַקע אָפן, בין איך אריינגעגאנגען. איך האָב שוין צענדליקער קלויסטערס געדעקט און געפארבט, אָבער קיינמאָל נישט אריינגעגאנגען. אזוי אז דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אז כ'האָב מיך געפונען, איינער אליין, אין א קלויסטער. אריינגעגאנגען בין איך קודם, אָן א שום זייטיקן מיין, נישט וויסנדיק אפילן אז אין א קלויסטער געפונען זיך אזויפיל רייכטימער. אָבער, גאָרנישט האָט מיך אזוי איבעראַשט ווי די „הייליקע מאריע“. און אז איך בין נענטער צוגעקומען און זי האָט אויף מיר אויסגעשטראלט אירע פייערדיקע געטלעכע בליקן, האָט מיך א פחד ארומגענומען; איך בין אויף די קניעס געפאלן, און האָב פאר איר מיין ביטער הארץ אויסגעגאָסן... מוטער, הייליקע מוטער, האָב איך זיך צו איר מיט ציטערדיקע ליפּן אָנגערופן: האָב רחמנות, דערבארעם זיך איבער מיר, העלף, הייליקע מוטער, העלף, דו קענסט, כ'בין אן אָרעמער מענטש, א מטופל מיט קינדער...

— שא, שטיל, בארויק דיך, מיין זון! האָט זי זיך אָנגערופן גלעטנדיק דערבײַ מיין קאָפּ. בארויק דיך, הער אויף צו וויינען, און שטיי אויף! גענוג געביקט! האָט זי שוין ווי באפעלעריש אויסגערופן.

און אז כ'האָב מיך אויף די פיס געשטעלט, האָט זי ווידער מיט מילדקייט גערעדט, און אראָפּנעמענדיק דאָס שנירל פּערל פונעם האלדז, האָט זי אזוי געזאָגט:

— אָט, זון מיינער, זײַ געטרייסט, גיי אהיים און טרייסט דיין הויזגעזינד...

דער פרעזידערט, וועלכער האָט די גאנצע צייט נישט געקענט איינזיצן אויף זיין ווייכן פאָטעל, האָט ביי זלמנס לעצטע ווערטער זיך איבערגעקוקט מיט זיינע צוויי ביזיצערס.

אז זלמן האָט געענדיקט, האָט דער פּרעזידענט געמאָלדן א פּויזע פון פינף מינוטן און איז פארשוואונדן צוזאמען מיט די בייזיצערס, אין א חדר מיוחד.

★

נאָך פינף מינוט, האָבן זיך די ריכטער ווידער באוויזן און דער פּרעזידענט האָט, ציילנדיק יעדעס וואָרט, געמאָלדן בזה הלשון:

— „נאָך א באראָט, טראָגט דער טריבונאל ארויס אזא פּסק: זלמן קליאָטשע ווערט געגצלעך באפרייט!".

דאָס ליד איז ארויסגענעמען פונעם בוך „שטילע ווינקלען" פון לעאָן בערטיש, פ' שלום-עליכם, בוקארעשט 1939, ז'ז 27—28.

דוינע

שפּיל דו קלעזמער מיר א וואָלער,
געלט מזומן אָט אָ צאָל איך,
און דו פּויקער פּויק בים־באם —
היינט איז חגאָ, היינט איז כראם.

(רעפרען)

אָף, אָף... ליו..

ס'האָט דער ווינט געפּאַטשט, געשמיסן,
די ציגצארעס מיך געביסן,
זון געברענט מיך און געבראָטן —
נישט קיין ווענט און נישט קיין שאָטן.

(רעפרען)

ס'האָט גערעגנט, ס'האָט געראָסעט,
נאלאקעס שאָף האָב איך געפּאסעט,
ער האָט ברינדזע, שאָף און וואָל —
איך געבליבן הויל און גאָל.

(רעפרען)

נישט קיין שאָף און נישט קיין ברינדזע
און קיין קאָרמע פאר מינדזע,
סיידן נאָר א גרוב אויפן צווינטער —
איבערקומען דאָרט דעם ווינטער.

(רעפרען)

שפּילטזשע שטאַרקער, העי קאַפּעליע,
שפּילט א דוינע, שפּילט א זשעליע!
נישט קיין שאָף און נישט קיין רינדער,
נאָר א הונגעריק ווייב און קינדער.

(רעפרען)

עלע בעלע

ווילסטו שאָף און רינדער —
האָב איך.
פייגל גאָטס א וואונדער —
האָב איך.
שאָף און רינדער
ס'ווייב און קינדער,
אוי, זיי זינגען — גאָטס א וואונדער!
עלע בעלע!

(רעפרען)

געפעלט דאָס אים אוודאי,
רייץ איך אים און יאָרע:
עלע בעלע, דלות, דלות,
דו האָסט גאָרנישט.
איך האָב אלעס!
ווער צעזעצט און ווער צעשפּרונגען,
וועל איך דווקא לידלעך זינגען!
עלע בעלע!

ווילסטו מיליאָנען —
האָב איך.
ווילסטו גראַמאַפאָנען —
האָב איך.
יעדער (עס) קינד איז ווערט מיליאָנען,
אוי, זייער שפּילן — גראַמאַפאָנען!
עלע בעלע!

רעפרען:

געפעלט דאָס אים אַוודאי... א. אז. וו.

ווילסטו א שנירל פּערל —
האָב איך.
ווילסטו א בריליאַנטל —
האָב איך.
מיין עלטערע שנור, זי הייסט דאָך פּערל,
און עכט בריליאַנטל איז איר בערל,
עלע בעלע!

רעפרען:

געפעלט דאָס אים אַוודאי... א. אז. וו.

כאָטש כ'האָב נישט קיין פּרוטה

כאָטש כ'האָב נישט קיין פּרוטה,
נישט קיין שווה־כסף,
די יד ווי זיין שיטה
שטרעקט מיר אוים דער עשו —
גיב איך,
גיב איך!
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ גיב איך!

כאָטש איך האָב קיין היים נישט,
קיין שטוב וו צו וווינען,
די וועלט, זי טרייבט און יאָגט מיך,
כ'מו איך רק נישט לוינען —
לעב איך,
לעב איך!
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ לעב איך!

אזא יאָר אויף מיינע שונאים,
סארא טעם און סארא פּנים
ס'האָט מיין לעבן, מיין פארמעגן,
און מיין וואנדער אויף די וועגן —
און דאָך גיב איך!
און דאָך לעב איך!
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ לעב איך!

כאָטש איך האָב קיין פּים נישט,
קיין אבר נישט קיין גאנצן,
מוז איך זיך א מאָל דאָך
האסטיק־ווילד צעטאנצן —
טאנץ איך,
טאנץ איך!
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ טאנץ איך!

כאָטש איך האָב קאָן שטים נישט,
קיין קול וואָס זאָל קלינגען,
מוז איך זיך א מאָל דאָך
ווילד אזוי צעזינגען —
זינג איך,
זינג איך!
אוי, אוי, אוי וויי, אוי וויי זינג איך!

אזא יאָר אויף מײַנע שונאים,
סארא טעם און סארא פּנים
ס'האָט מיין לעבן, מײַן פארמעגן,
און מיין וואנדער אויף די וועגן —
און דאָך טאנץ איך!
און דאָך זינג איך!
אוי, אוי, אוי וויי, אוי וויי זינג איך!

מלאָכה — מלוכה

(בים) ווער ס'ווייסט נישט,
(בים) זאָל אצינדערט וויסן.
ווי שווער און ביטער,
(בים) קארג און שיטער,
ס'קומט אונדז אָן דער ביסן.
העי, לעבעדיק פריילעך!
לעבעדיק פריילעך!
(בים) וואָס איז דאָ דער חידוש?
מלאָכה — מלוכה,
(בים) זינגט במנוחה
א לידעלע א יידיש!

דאָס סטאָליערל:

בין איך מיר א סטאָליערל,
(בים) רופט מען מיך רב פישל —
(בים) כ'מאך א טיר, א פענצטערל,
א בענקעלע, א טישל.

טאנצט און זינגט מיין זעגעלע
(בים) שניידנדיק די ברעטלעך —
באפוצן וועט דאָך אונדזער מי
(בים) דערפעלער און שטעטלעך.

ווערן הענט און פים מיר שווער,
(בים) היקעט צו דער הובל,
און דאָס הארץ ס'קלעמט מיך זייער —
(בים) האָט נישט קיין פארוויבל!

(רעפרען)

ווער ס'ווייסט נישט א. אז. וו.

דאָס שניידערל:

בין איך מיר א שניידערל.
(בים) רופט מען מיך רב בערל —
ניי איך מיטן נעדעלע,
(בים) שנייד איך מיטן שערל.

פרעס איך מיטן פרעסעלע,
(בים) שטעפ מיט דעם מאשינדל —
פארטיקט זיך א מלבושל
(בים) פארן נגידס זינדל.

אויסגעפוצט דאָס נגידל.
איז עם מלא שמחה —
נאָר דעם שניידערס יורשל
הונגערן איז א מומחה.
(רעפרען)
ווער ס׳ווייסט נישט... א. אז. וו.

דאָס שוסטערל

בין איך מיר א שוסטערל,
(בים) קלאפ איך מיר א פלעקל —
אָנגעטון א פארטעכל,
(בים) דארף איך נישט קיין רעקל.

זיץ איך אויפן בענקעלע,
(בים) טאנצט ביי מיר דער האמער —
האָב איך נישט קיין שטיבעלע,
(בים) וווין איך אין א קאמער.

גיסט און גיסט א רעגנדל,
(בים) וואקסט און וואקסט די בלאָטע —
זיץ איך אויפן בענקעלע,
(בים) לאטעווע און לאטע.

ווייל איז דעם וואָס איז א שוסטער
(בים) אין אזא פּאָגאָדע;
מאָנט דאָס ווייב ביי מיר אויף פיתאָ —
(בים) כ׳מאך זיך כלא ידע.
(רעפרען)
ווער ס׳ווייסט נישט... א. א. וו.

נייע דורות

איך ווייס נישט וויאזוי איר נעמט אויף דאָס אָנקומען פון א ניי יאָר. איך נעם אויף א ניי אָנקומענדיק יאָר מיט א ברוך הבאָ, איך מאַך מיר א שטיקל חשבון, סיי פון דעם יאָר וואָס איז אוועק, סיי פון דעם יאָר וואָס קומט אָן. קאָן מען דען אזוי אָ לעבן אָן חשבון?

איר האָט מסתמא אויך באגעגנט מענטשן, וואָס אינדערפרי רייסן זיי אָפּ א בלעטל פונעם קאלענדער, און מאַכן זיך דערפון נישט קיין זאָרגן. טייל מענטשן קויפן א נייעם קאלענדער, הענגען אים אויף אויף דער וואנט, און דעם אלטן קאלענדער ווארפט מען ארויס. איך בין נישט אזוי. ווייל איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן? ניין, נישט דאָס איז דער מאָטיוו. ווייל אפילו קריק מיט עטלעכע צענער יאָרן ווען איך בין נאָך געווען א יינגל, האָב איך שוין געקוקט מיט נייגיריקייט צום נייעם יאָר.

איך געדענק, ס'איז געווען מיט 50 יאָר צוריק, איך בין דעמלט געווען א שול-יינגל פון 8—7 יאָר. אין א טאָג קומענ-דיק פון דער שול צוזאמען מוט אנדערע קינדער, ווער איך גע-ווויר אז צום נייעם יאָר, באקומען א טייל פון מיינע חברים, די מיט די שיינע ווינטער-מענטעלער, מתנות פון זייערע עלטערן אז איך בין אהיימגעקומען האָב איך באלד געפרעגט מיין פאָטער:

— טאטע, ווייסט ס'קומט א ניי יאָר?

— וואָס הייסט, איך ווייס נישט?! — מאַכט דער פאָטער צו מיר מיט זיין שטענדיקן שמייכל, און ער לייגט אוועק אויף א ווײלע דאָס מלבוש וואָס ער האָט געהאלטן אין די הענט (ער איז געווען א שניידער) און נעמט מיך אויף דער שויס, מיט מיר איינטעהנען — אקעגן וואָס איז עס צו רייד געקומען זונעלע?

— איך ווארט אז דו זאָלסט מיר קויפן א מתנה — מאַך איך גלעטנדיק אים ביי דער באָרד. — בערל האָט זיך בארימט אז ער באקומט א פאָר נייע שטיוועלער.

מיין פאָטער איז טרויעריק געוואָרן מיטאמאָל, ער האָט זיך פארטראכט און באלד מיר אָנגעהויבן אויסרעדן:

— מיר קאָנען זיך נישט פארגלייכן צו די רייכע. מיר זענען נים מער ווי א באלמעלאָכישע משפחה... ס'זענען פאראן צוויי וועלטן א זוניקע מיט א שטענדיקן זומער און א פארוואָלקנטע מיט א שטענדיקן הארבסט. אָבער די וועלט, די פארוואָלקנטע שלאָפט נישט און רוט נישט, נאָר פרווט מיט אלע מעגלעכקייטן פאנאנדערטרייסלען, די אלטע יסודות, כדי צו שאפן א וועלט, א נייע, אן אויסגעלייטערטע, א זוניקע וועלט פאר די פשוטע מענטשן ווי מיר זענען. — א ווײַלע האָט ער זיך פארטראכט אין שווייגן. ער האָט געצווייפלט צי איך האָב אים פארשטאנען. דערנאָך האָט ער א טרייסל געטון מיטן קאָפ, גלייך ער וואָלט בייזע געדאנקען פון זיך געוואָלט פארטרייבן — אז דו וועסט עלטער ווערן וועסטו עס פארשטיין. אצינד קומט א ניי יאָר. א נייעיאָרהונדערט, אפשר וועט די זון אויך פאר אונדז אויפשיינען אמאָל.

אין דרויסן איז געפאלן א שניי, און באלד זיך צעטאָפעט און אָנגעמאכט א בלאָטע. אין צימער איז געווען קיל, מ'האָט געשפּאָרט דאָס האָלץ. נישט אויסצוברענען עס, אידער עס רוקן אָן די גרויסע פרעסט. דער פאָטער האָט געשטאָבן מיט דער נאָדל אײלנדיק. אנטאפנדיק זי אין דער האלבער טונקלקייט און זיך נישט פארגינען אָנצוצינדן דעם לאָמפ.

— ווען וועט זיין אויך אונדזער וועלט אן אויסגעלייטערטע?

— דאָס באלאנגט אָן אונדז, זון מיינער — האָט דער פאָטער געענטפערט ווי פארזאָרגט — ווען די פשוטע מענטשן וועלן עס דערפילן און פארשטיין און זיך פארייניקן אין זייער ווילן, דעמלט וועלן זיי אָט די וועלט, די נייע, באשאפן.

אזוי האָב איך געוואַרט דאָס אָנקומען פונעם נייעם יאָר נײַנצן הונדערט און אײנס.

אזוי האָב איך געוואַרט אויף דעם יאָרהונדערט וואָס איז מיר אקעגן געקומען, אין מיין קינדהייט. דעם יאָרהונדערט פון מיין דור, דער צוואנציקסטער יאָרהונדערט.

★

זייט דעמלט זענען נייע יאָרן אלט געוואָרן און אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען נאָך נייע יאָרן און אָט אזוי איז דאָס לעבן געגאן ווײַטער און די וועלט איז געגאן איר געווינטלעכן גאנג.

יאָרן זענען אָנגעקומען און פאַרבייגעגאַן און זיך דערווייטערט, ווי עס גייען פאַרביי א פּאָרנדיקן צוג, די טעלעפאָנען־סלופּעס. און אויף מיין גאַנצער יוגנט האָבן מיך באַגלייט מיין פאָטערס ווערטער, די קלוגע אָנגעזאַפּטע מיט דער חכמה פון די ליידן, פון דער שווערער נויט אין וועלכער ער האָט אונדז אויפגעוואַקסן.

אַזוי איז עס געווען, ווי מיין פאָטער האָט געזאָגט. אַז איך בין עלטער געוואָרן האָב איך עס אַליין פאַרשטאַנען: ס'זענען פאַראַן צוויי וועלטן, איינע א זוניקע מיט א גרינעם פרילינג און תמיד זומער, פאַר א טייל, גאָר א קליינע טייל מענטשן, פאַר די רייכע, און איינע א וועלט איז פאַראַן א מרה־שחורהדיקע, א פאַרוואָלקנטע מיט שטענדיקן האַרבסט פאַר א טייל מענטשן, פאַרן גרעסטן טייל מענטשן — פאַר די וואָס אַרבעטן.

און מיט יעדן יאָר וואָס איז פאַרלאָפן בין איך אַליין געוואַקסן און גרעסער געוואָרן און אַליין געטראַכט: וואָס דאַרף מען טון כדי איבערצוקערן די אַלטע וועלט און אויף איר אָרט צו שאַפן א נייע? וואָס וואָלט איך געקאָנט עפּעס אויפטון אין אָט דער הינזיכט?

בייטאָג ווען איך בין געשטאַנען אין וואַרשטאַט ביי דער אַרבעט האָב איך דערפון געטראַכט און אויך אָונטס ווען איך פלעג אַראָפּפאַלן א מידער האָב איך איינשלאָפן נישט געקאָנט — איך האָב געטראַכט און געטראַכט. ווייל כאָטש איך האָב נישט געוווּסט, דעם וועג צו דער נייער וועלט, האָב איך אים אָבער געפילט אַז ערגעץ מוז ער זיין. איך האָב די נייע וועלט נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען מיטן שכל ווי איך פאַרשטיי עס היינט, און איך האָב זי נישט אַמאָל געקאָנט פאַרשטיין דעמאָלט, דערפאַר האָב איך זי אָבער געפילט, די נייע וועלט, ווייל די נויט אין וועלכער איך האָב געלעבט האָט מיך מער געלערנט ווי אַלץ אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ אַזא וועג וואָס פירט צו דער נייער וועלט — מ'מוז דעם וועג זוכן.

האָב איך דעם וועג געזוכט און — געפונען.

איינמאָל אין אַן אינדערפרי, גייענדיק צו דער אַרבעט, האָב איך געפונען פאַר מיין טיר א בייגעלע פּאַפּיר, באַשריבן מיט א שרייב־מאַשין. פון אויבן איז געווען אונטערגעשריבן: „לייען איבער און גיב עס ווייטער!" האָב איך עס איבערגעלייענט און... און איך האָב נישט געגעבן תיכף ווייטער, ווי עס איז געווען

אויפגעשריבן פון אויבן, נאָר איך האָב עס איבערגעלייענט נאָך איינמאָל.

פאַר מיר האָט זיך אנטפּלעקט דער וועג צו דער נייער וועלט...

גענוי האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען „וואָס" און „וויאַזוי". אָבער איך האָב זיך שוין געהאַט אין וואָס אָנצוכאַפּן: דער וועג צו דער וועלט וואָס איך זוך, צו דער נייער וועלט, איז א ווירק־לעכקייט — אָט איז ער פאַר דיר...

און איך האָב ווידער איבערגעלייענט דאָס ביינעלע פּאַפּיר און יעדעס מאָל האָב איך אַלץ נייערע זאַכן דערפאַרן. גלייך ער וואָלט גערעדט צו מיר, גלייך ווי ער וואָלט מיך שוין געווען געקענט פון לאַנג, דער מחבר פון די שורות און געוווּסט אַלע מיינע געדאַנקען און אצינד האָט ער מיר א בריוו געשריבן — און ער בעט מיך, אז איך זאָל דעם בריוו ווייטער געבן. הייסט עס, אז ס'זענען פאַראַן נאָך פיל אַזעלכע וואָס טראַכטן ווי איך — איז פאַר וואָס זאָל איך זיי נישט קענען?! פאַר וואָס זאָל איך זיך נישט קאָנען אדורכריידן מיט זיי?!

אזוי האָב איך געפונען דעם וועג צו דער פּאַרטיי פון די ארבעטער. אזוי האָב איך געפונען דעם וועג צום קאַמף צו דער נייער וועלט, פון וועלכער מיין פאָטער האָט מיר גערעדט אין מיין קינדהייט, ווען איך האָב נאָר וועגן דעם זייער ווייניק פאַרשטאַנען.

נאָר אז איך בין גרעסער געוואָרן און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם זין פון פון מיין פאָטערס רייד, האָב איך נישט גערוט, נאָר, פאַרשפּרייט אָט די רייד, וועגן דער נייער וועלט. און יעדעס מאָל האָט זיך מיר איינגעגעבן אויפצוקלערן נאָך איינעם פון מיינע ארבעטס־חברים. יעדן טאָג איז אונדזער צאָל געוואַקסן יעדן חודש איז אונדזער קראַפט געוואַקסן און יעדעס יאָר זענען מיר געווען אַלץ מעכטיקער.

אזוי איז די צייט געגאַנגען. יאָר איז געקומען נאָך יאָר. איך האָב זיך געעלטערט און פאַרנומען דאָס אָרט פון מיין פאָטער! און אויף מיין אָרט איז מיין קינד געגאַן אין שול.

אין איינעם א טאָג ווען מיין זינדל איז פון דער שול אהיים־געקומען האָט ער מיך אָפּגעשטעלט:

— טאַטע, יאַנקל האָט דערציילט אז ביי זיי גרייט מען זיך צום נייעם יאָר. זיי האָבן אָנגעקויפט פלעשער מיט פאַרשיידענע וויינען.

זאָלן זיי זיך גרייטן — מאַך איך צו מיין זינדל, גלייך איך

וואָלט נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ער דערציילט עס מיר — זאָלן זיי זיך גרייטן, און אַנדערע אַרבעט האָבן זיי?!

— טאַטע, פאַר וואָס קויפסטו מיר אויך נישט אַ ווינטערמענטעלע מיט פעלעכלעך, ווי יאַנקל האָט?

אין דעם מאָמענט האָב איך מיר דערמאַנט אין מיין פאָטער, אין יענעם טאָג ווען איך האָב אויך געשטעלט כמעט די זעלבע פראַגע נאָר מיט אַנדערע ווערטער. איך האָב געפילט אין מיין זונס ווערטער דעם גאַנצן ווייַ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אין הערצל. איך האָב מיט אים מיטגעפילט, ווייל איך האָב נאָך זייער גוט געדענקט אַלעס וואָס איך פלעג מיר איבערטראַכטן ווען איך בין געווען אין זיינע יאָרן, ווען איך האָב זיך געשעמט אין שול אַרויסצונעמען פון דער טאַש דאָס שטיקל מאַמעליגע אָנגעשמירט מיט אַביסל פּאָווידל, בעת דער און יענער פלעגט אַריינבייסן אין ווייסן ברויט אָנגעשמירט מיט פוטער און דערנאָך עס אַוועקוואַרפן און נעמען עסן קיכל. איך האָב נאָך געדענקט און געפילט די שמיץ וואָס איך האָב באַקומען פונעם לערער נאָר בלויז דערפאַר וואָס מיך האָט ער געוואָגט צו שלאָגן און נישט מורא געהאַט אַז מאָרגן קומט אויך מיין מאַמע זיך מיט אים קריגן, ווי ס'פלעגן טון די מוטערס פון די רייכע זינגדלעך... איך האָב מיטגעפילט און פאַרשטאַנען דאָס יונגע הערצל פון מיין זינדל און איך האָב אים נישט געהאַט וואָס צו זאָגן אַחוץ די זעלבע מעשה מיט די צוויי וועלטן, מיט וועלכער ס'האָט מיך פאַרשטילט אַמאָל, צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט, מיין פאָטער.

— ס'זענען פאַראַן צוויי וועלטן, זונדעלע. אַ רייכע, פאַר די וואָס האָבן אַלדאָס גוטס און וואָס לעבן פון פרעמדער אַרבעט — און אַ וועלט פון נויטבאַדערפטיקע, אויסגענוצטע, אַזוי ווי מיר זענען.

— אויף דער גאַנצער וועלט איז אַזוי, טאַטע? — האָט מיר מיין קינד געשטעלט די צווייטע פראַגע.

— נישט אויף דער גאַנצער — האָב איך אַרומגענומען מיין קינד, כדי פון דער נאָענט זאָלן אים מיינע ווערטער טיפער אַריינדרינגען. און איך בין אים כמעט דאַנקבאַר געווען, פאַר זיין צווייטער פראַגע, ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן פון דער פאַרלעגנהייט. ער האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט, אים אויפצוקלערן און אים צו דערמוטיקן מערער ווי עס האָט געטון מיין פאָטער מיט מיר אַמאָל — נישט אויף דער גאַנצער וועלט איז אַזוי. ס'איז דאָ אַ לאַנד אַ גרויס, אַ גרויס, וואָס פון דער

גאנצער וועלט וואָלט מען קוים זעקס לענדער אזעלכע געקאָנט מאכן, און אין אָט דעם לאנד זענען שוין נישטאָ אָט די מענטשן וואָס לעבן תמיד אין טרויעריקן פארוואָלקנטן הארבסט, דאָרט איז תמיד פרילינג און זומער און פריילעך פאר אזעלכע קינדער ווי דו. דאָרט איז דאָס לאנד פון די ארבעטנדיקע, דאָס לאנד פון די... אז דו וועסט עלטער ווערן וועסטו עס שוין אליין פארשטיין.

— ווען וועט אזוי זיין, אזוי פריילעך און תמיד זומערדיק, אויך ביי אונדז אין לאנד?

— דאָס באלאנגט אָן אונדז, זון מיינער — האָב איך אים איינגערוימט שטיל ס'זאָל קיינער נישט הערן — ווען מיר, פשוטע מענטשן וועלן זיך פאראייניקן אין אונדזער ווילן, דעמאָלט וועלן מיר א טרייסל טון מיט דער אלטער וועלט און באשאפן אויף איר אָרט א נייע... אזעלכע ווי די פון יענעם גרויסן ליכטיקן לאנד.

וואָס האָב איך אים געקאָנט מער זאָגן מיין זינדל?

איך ווייס אז מיינע ווערטער זענען אים נישט געווען גענוג קלאָר. פיל האָט ער געדארפט נאָכטראכטן אז ער זאָל זיי באגריפן, אָבער א שיין פון האָפענונג האָט ער שוין געהאט, ער האָט שוין געקאָנט טראכטן פון אָט יענער זוניקער וועלט וועלכע עקזיסטירט ערגעץ.

מיט אָט דער האָפענונג האָט מיין זון אָפגעווארט דאָס נייע יאָר ניינצן הונדערט זעקסאונצוואנציק.

מיט אָט דער האָפענונג פון מיינע רייד האָט ער אָפגעווארט דאָס צווייטע פערטל פונעם יאָרהונדערט, פון זיין דור.

*

און יאָרן זענען אנגעקומען און יאָרן זענען פארגאן און מיין זון איז געוואקסן און געהאָפט און געזוכט דעם וועג צו דער נייער וועלט, דורך קאמף.

און איך האָב זיך געעלטערט און מיינע האָר האָבן זיך געגרויט. אויף מיין אָרט איז געקומען אויך מיין זון, ער האָט געארבעט האנט ביי האנט מיט מיר. און אין שול איז דאָס מאָל שוין געגאן מיין אייניקל, מיין זונס קינד.

איז דאָס א יינגל, ס'זאָל מיר נאָר זיין פאר אים. דער פאָטער אויסן אויג. א קוועקזילבערל, נישט עפעס אנדערש, אין זיינע שוואַרצע אייגעלעך באָדן זיך גיין מאָס לעבן און גיין מאָל גיין מאָס געוואגטקייט, זיכערקייט אין זיך און אין זיין צוקונפטיקן מאָרגן.

ווייל איך זיך מיט אים רייצן:

— מישא, דו וועסט מאָרגן נישט קענען די לעקציע.

— פארגעסט, זיידע, מיט וועמען דו האָסט צו טון — מאכט ער צו מיר מיט א יאָלדישן קוק — פארגעסט אז איך האָב א רויטע קראוואטע... א פיאָנער דארף זיין צווישן די בעסטע שילער...

רוף איך צו זיין פאָטער, מיין זון, און רוים אים איין א סוד:

— ווייסט אז ס'קומט ניי־יאָר, מ'וואָלט געדארפט עפעס קויפן א מתנה פארן אייניקל.

— וואָס זאָל איך אים קויפן? — מאכט מיין זון מיט א מילדן שמייכל און אויף זיין געזיכט צעגיסט זיך א זעטיקע פרייד, פון נחת פונעם זינדל זיינעם, פונעם פיאָנער.

— וואָס הייסט וואָס, דו ווייסט נישט וואָס מ'קויפט א קינד צום נייעם יאָר?

— פון וואנען זאָל איך וויסן, אזוי פיל מתנות האָסטו מיר געקויפט ווען איך בין געווען א קינד?! — הויבט ער זיך מיט מיר ווי צו קריגן — אדרבא: זאָג דו, דו ביסט דאָך עלטער, וואָס האָט מען דיר געקויפט ווען דו ביסט געווען א קינד?

וואָס זאָל איך אים געווען ענטפערן, מיין זון, אויף אזעלכע פראגעס? ס'איז עפעס די וועלט דאָס וואָס ס'איז געווען דעמלט, פאר זעכציק יאָר, ווען איך בין נאָך א קינד געווען?

— ווייסטו וואָס — מאך איך צו אים — לאָמיר אים פרעגן וואָס ער וויל מיר זאָלן אים קויפן: — ווענד איך זיך צום אייניקל — אנו, וואָס זאָל מען דיר קויפן א מתנה צום נייעם יאָר?

א ווײַלע איז ער שטיין געבליבן, אויפגעהויבן דאָס קעפל פונעם ביכל, ווי ער האָט זיך צוגעגרייט די לעקציע פאר דער שול, דערנאָך איז ער אויפגעשפרונגען:

— זיידע, קויף מיר מאטעריאלן פאר א גראפיק אין מיניאטור פאר דעם עלעקטריפיצירונגס־פּלאַן פון אונדזער פאָלקס־רע־פּובליק.

— וואָס הייסט מאטעריאלן? — פרעגט מיין זון פארחידושט.

— ס'קאָסט נישט פיל — בארויקט אים מיין אייניקל — איך באדארף צו דעם א פורניר־בלאט, עטלעכע מעטער עלעקטריש דראָט, עטלעכע לעמפעלעך און א באטעריע איך וועל עס אליין מאָנטירן לויט די גראפיקן וואָס דערשיינען אין די צייטונגען.

מיין זון האָט נישט געקאָנט זיך איינהאלטן פאר פרייד, האָט ער א פינטל געטון מיטן אויג צו מיר:

— דאָס זעלבע וואָס דו האָסט מיר געקויפט צום נייעם יאָר...

נו, וואָס מיינט איר, ס'האָט פיל געדויערט ביז דער גראַפיק איז באַשאַפן געוואָרן?

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר מיין אייניקל איבעראַשט און מיר דעמאָנסטרירט, אַז מ'טוט אַ דריי ביי אַ שאַלטער וואָס איז מאָנטירט ביי אַ ווינקל פונעם פּורגיר־בלאַט — צינדט זיך אָן אַ לעמפּל וואָס ווייזט דעם סכום־קילאָוואַט אין אונדזער לאַנד פון צוריק מיט 60 יאָר ביז 1944. טוט מען נאָך אַ דריי מיטן שאַלטער — צינדט זיך אָן אַ צווייט לעמפּל וואָס באַווייזט מיט וויפל קילאָוואַט ס'האָט זיך געמערט פון 1944 ביז 1950. טוט מען אַ דריי נאָך איינמאָל מיטן שאַלטער — צינדט זיך אָן אַ דריט לעמפּל, וואָס ווייזט וויפל קילאָוואַט מיר האָבן אין יאָר 1955. טוט מען נאָך אַ דריי מיטן שאַלטער צינדט זיך אָן אַ רויט גרעסער לעמפּל, וואָס ווייזט אָן אין יאָר 1960 וועלן מיר האָבן מער ווי פיר מאָל.

און פון אויבן איז אָן אויפשריפט: „אַזוי בויט זיך דער סאָציאַליזם אין אונדזער פאָלקס־רעפּובליק". *

איך האָב אים נישט געקאָנט זאָגן, מיין אייניקל, גאָרנישט. די טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט פאַר פרייד. אָט וואָס איך האָב מיר דערלעבט! און איך האָב זיך אין דעם הודש געפילט יונגער מיט צענער יאָרן. איך האָב זיך געפילט אין איין עלטער מיט מיין אייניקל. און מיט אים צוזאמען, מיט זיין האָפענונג און מיט זיין זיכערקייט אין זיין צוקונפט האָב איך אָפּגעוואַרט דאָס נייע יאָר.

די צוקונפט פון מיין אייניקל וועט הייסן געמאָסטן מיט מיליאָנען קילאָוואַט...

מיין וואַל־רעדע

אַזוי ווי איך, און ווי פיל טויזנטער בירגער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, האָב איך אויך געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע התחייבותן. דער מענטש לעבט דאָך שוין נישט ביי אונדז אַזוי ווי אַמאָל, געפירט ביי דער נאָז פון עטלעכע „אויבער־קעפּ",

יעדער בירגער האָט זיך זיין חלק, זיין ביישטייער אינעם פירן דאָס לאַנד; יעדער אין זיין אַרום, ווו ער איז טעטיק. אמתע פאָלקס=דעמאָקראַטיע! איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַ וואַל=רעדע ביי אַ פאַרזאַמלונג לכבוד דעם 7=טן נאָוועמבער 1950, דער יום=טוב פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע. אונדזער סינדיקאַט האָט מיר געגעבן די התחייבות און מיך פאָרגעשלאָגן אַלס קאַנדידאַט צו די וואַלן פונעם ראַיאָנאַל=ראַט. קאָן מען זאָגן „ניין“? איך האַלט נישט. איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן אין אַ וואַל=רעדע. איך בין נאָך קיינמאָל קיין דעפּוטאַט נישט געווען. דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיין וואַל=רעדע קיינמאָל נישט געהאַלטן. ווען האָט געקאָנט ביי אונדז חלומען אַן אַרבעטער, און ערשט אַ יידישער אַרבעטער, צו זיין דעפּוטאַט? היינט האָט זיך געביטן דאָס וועלטל, היינט האָט מען אויך מיך דערזען, אַ איך עקזיסטיר, לעב און אַרבעט. היינט האָט מען אויך מיך, כאָטש נישט קיין פּאַרטיי=מיטגליד, פאָרגעשלאָגן צו זיין דעפּוטאַט פון אונדזער ראַיאָן.

נו, מוז איך האַלטן, אַ רעדע, איז מוז מען זיך צוגרייטן עפּעס זאָגן. מאַך איך מיר צייט אין אָוונט, ערב דער פאַרזאַמלונג, זעץ זיך אַוועק ביים טיש, באַוואָפנט מיט אַ בליי=פעדער און אַ בויגן=פּאַפּיר. מיין פרוי ווייסט נישט פון גאָרנישט, לייגט זי זיך שלאָפן. וואָס זאָל איך איר זאָגן? גלייבט מיר ס'איז מיר עפּעס געווען נישט גלאַטיק איר צו זאָגן אַז איך בין אַ קאַנדידאַט און איך דאַרף מיך צוגרייטן צו אַ וואַל=רעדע...

זיץ איך אַזוי און ווייס נישט מיט וואָס אָנצוהייבן און אַז איך האָב נישט קיין „אָנהויב“, פאַרשטייט זיך אַז דער בויגן=פּאַפּיר וואָס ליגט פאַר מיר, איז געבליבן ווייס. טאַקע, זאָגט איר מיט וואָס קען מען אָנהויבן אַ וואַל=רעדע?

און ס'דאַכט זיך אַז ס'איז אַזוי פּשוט. נאָך דעם „אָנהויב“ זאָל איך האָבן, ווייטער וואָלט איך שוין געפונען וואָס צו זאָגן... אַמאָל — אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געדענק איך, פלעגן קומען יידישע דעפּוטאַטן פון דער גרויסער שטאָט. איינמאָל איז אָנגעפלויגן אַ פאַרשווינדל, דאָקטער פיקסלער האָט ער געהייסן; אַן אויסגעבינלטער, נאָרוואָס אַרויסגעקומען פונעם שניידער. ס'דערקענען זיך נאָך די ערטער פון די ווייסע פאַרטריגעס, וואָס מ'האָט נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פונעם נייעם אַנצוג.

אָנגעקומען מיט אַ שיינער מאַשין, אין דער האַנט אַ לעדערנע מאַפּע און די פּני פונעם שטעטל האָבן אים אַרומגענומען און אַריינגעפירט אין בית=המדרש, ווו דער עולם האָט געוואַרט צו הערן

דעם דעפּוטאַט רעדן. ווער איז ער? א דאָקטער. א דאָקטער? ניין, נישט קיין דאָקטער — א דאָקטער־אדוואָקאַט. אהא. הייסט עס פון „יענע“? נו, לאָמיר הערן.

איך געדענק, גלייך ווי איך וואָלט אים אצינד געזען פאר מיר. ער איז ארויף אויפן בעלעמער און לעבן אים איז זיין באגלייטער, מארקו דאווידאָוויטש אים קאָן איך שוין גוט. תמיד פאר די וואלן פלעגט ער קומען אין שטעטל טיילן צעטלען מיט דער פאָטאָגראפיע פונעם יידישן דעפּוטאט. מן הסתם איז דאָס געווען זיין פרנסה — וואָס טוט נישט א מענטש פאר פרנסה?

קודם האָט גערעדט מארקו דאווידאָוויטש. אייגנטלעך איז „גערעדט“ ווייניק געזאָגט — ממש פערל זענען געגאן פון זיין מויל. פסוקים פונעם חומש, מימרות פון דער גמרא און ווער ווייסט נאָך פון וואָס. ער האָט אויפגעוויזן באשיימפערלעך, אז איך מוז שטימען פאר זיין דעפּוטאט, פאר דר. פיקסלער (אן אנדערט מאָל, האָט ער די זעלבע פסוקים באנוצט ווען ער האָט געראָטן צו שטימען פאר אן אנדערן דעפּוטאט).

דערנאָך האָט ער גערעדט, דער דעפּוטאט. ער האָט זיך אויסגעווישט מיט א שנייוויים טאשנטיכל דעם גאָלדענעם צוויקער. א זיפּ געטון א קאַפּ וואסער פונעם גלאָז וואָס איז געשטאנען אויפן טיש און אָנגעהויבן:

„יידישע ברידער!“

— איר הערט? אוי איז דאָס א מענטש? א גאָלדענער מענטש א מלאך! איר הערט? אזא איינער דערנידעריקט זיך און זאָגט מיר און נאָך עטלעכע פשוטע מענטשן ווי איך, „יידישע ברידער“! נו, ווי זאָגט איר, קומט אים נישט אויסקושן יעדעס אבר באזונדער? מ'דארף דאָך האָבן א הארץ פון א גזלן, מ'זאָל נישט שטימען פאר זיין ליסטע!

אמת, צווישן עולם האָבן זיך געפונען ווילע יונגען, וואָס האָבן זיך צעשמייכלט ווי איינער רעדט: שיינע ברידער זענען מיר! דו אין געביגלטע, און מיר אין געלאטעטע הויזן! אָבער מען האָט דען געקענט זאָגן עפּעס. אנו פּרווט! וואָס? נו־אָ. עס וועט מיט אייך פּאסירן דאָס וואָס ס'האָט פּאסירט מיט די ברידער מארקאָוויטש. די וועלט איז נישט הפקר. ס'איז שוין דאָ ווער ס'זאָל אָפּשטילן אזעלכע לייט וואָס רעדן אקעגן אן אדוואָקאט וואָס וויל ווערן דעפּוטאט. צו וואָס דען האָבן מיר א סיגוראנצע?! *

---

* זיכערקייט־דינסט, אין דינסט פונעם בורזשואז־פּריצישן רעזשים.

און דערווייל טראכטנדיק אזוי וועגן די אמאָליקע דעפוטאטן-וואלן, גייט די צייט.

די נאכט שטייט נישט און דער בויגן-פאפיר ליגט פאר מיר — ווייס, ווי איך האָב אים געקויפט. וואָס זאָל איך אויף אים שרייבן, ווען איך ווייס נישט מיט וואָס אָנצוהייבן?

מיין ווייב האָט זיך געדרייט אין בעט פון איין זייט אויף דער אנדערער. די שיין פונעם לאָמפ האָט זי, ווייזט אויס, געשטערט פונעם שלאָף. און זי האָט זיך דורכגעוועקט: וואָס שרייבסטו דאָרט אזויפיל?

— גאָרנישט — זאָג איך, ווי איינער וואָס מ'כאפט אים ביי דער גנבה — וואָס זאָל איך שרייבן?

— נו, טאקע, דאָס וויל איך דאָך אויך וויסן, וואָס שרייבסטו?

און זי פוילט זיך נישט און קריכט אראָפ פונעם בעט זען „וואָס איך שרייב”. נאָר אז זי האָט געזען אז כ'האָב טאקע אין דער אמת גאָרנישט געשריבן איז דער חידוש געווען נאָך גרעסער:

— זיצט אזוי א מענטש מיט גאָרנישט, נישט ער שרייבט, נישט ער שלאָפט?

וואָס זאָל איך ענטפערן, שווייג איך און זיץ ווייטער. מיין ווייב האָט זיך צוריקגעלייגט, אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט און שלאָפט ווייטער. עפעס האָט זי נאָך געזאָגט איידער זי איז צוריק אנטשלאָפן געוואָרן, אָבער איך האָב נישט פארשטאנען וואָס. מיינע געדאנקען זענען געווען פארנומען מיט דער וואל-רעדע. מיט וואָס הייבט מען אָן?

איין „אָנהויב” האָב איך געהאט פאר מיר: „יידישע ברידער” גו, קען איך, אן ארבעטער, נישט קיין אדוואָקאט, אָן א צוויקער אָנהייבן מיין רעדע מיט אזא פאלשן „יידישע ברידער”?

איך געדענק, אז נאָך די וואלן זענען די דעפוטאטן פארשוונדן געוואָרן, נישט מ'האָט געזען, נישט מ'האָט געהערט עפעס פון זייער געביין.

גאָר, לאָמיר נישט זאָגן קיין ליגן: געהערט האָב איך יאָ עפעס פון צייט צו צייט, געגנצלעך פארשוונדן הייסט עס, זענען זיי נישט. פון צייט צו צייט, ווען ס'איז עפעס צוגעפאלן אן אויסערגעוויינטלעך געשעעניש אין לאנד — האָט זיך אונדזער דעפוטאט געלאָזט הערן אין פארלאמענט. צו וואָס דען האָבן מיר אים געוויילט?

אָט, למשל, האָבן די קוזיסטן אונטערגעצינדן א גאנץ יידיש דאָרף. די מעשה פון באָרשע, מיין איד. איר געדענקט דאָס אוודאי די שׂרפה פון דעם יאָר 1930 פון מאראמורעש, ווען

באַרשע האָט אָפּגעברענט? ווייסט איר דאָך אַז די עטלעכע נגידים וואָס זענען געווען פאַרזיכערט, האָבן שפּעטער אײַנקאַ־סירט שײנע סומעס און זיך אויפגעבויט גײַע שענערע הײַזער — און דער פּשוטער שטאַנד, באַלעמעלאָכעס, זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

וואָסזשע מײנט איר, אַז אונדזער דעפּוטאַט האָט דערפון נישט געוווּסט? וואָס הייסט עס ער האָט נישט געוווּסט; ער האָט געוווּסט, געװיס האָט ער דאָך צוזאַמען מיט קוזאַן געמאַכט די געשעפטן מיט די װײַנגערטנער, און פאַרדינט בשותפות שטיקער פאַרמעגן; זאָל ער געװען נישט געװאָר װערן װאָס קוזאַס חסידים האָבן אָנגעאַרבעט אין באַרשע?

אין פּאַרלאַמענט? נײַן, און אין פּאַרלאַמענט האָט ער נישט געמאַכט קײן געשעפטן, אונדזער דעפּוטאַט; דאָרט האָט ער געקעמפט פאַר די „יידישע אינטערעסן". ער האָט „אינטערפּע־לירט" די רעגירונג װעגן אַ חילול השם: „די יידישע ברידער" זײַנע װערן גערודפט. אײנער אַ יידישער קרעטשמער פון װאַסלױ איז באַשטראָפט געװאָרן מיט 200 לײ שטראָף, װײַל ער האָט שבת געהאַלטן פאַרמאַכט די קרעטשמע און זונטיק האָט ער זי געהאַלטן אָפן. געהערט געװאָרן אַזעלכעס? צו װאָס דען מײנט איר, האָט מען אים געװײלט?

די יידישע אינטערעסן? איך װײס נישט צי נאָך דער דיס־קוסיע אין פּאַרלאַמענט האָט דער קרעטשמער פון װאַסלױ באַ־צאָלט די 200 לײ שטראָף צי נישט. אײן זאַך װײס איך, אָבער אויף זיכער, אַז אין יענער צײַט, זענען עטלעכע הונדערט מש־פּחות פון באַרשע געבליבן אויף דער גאַס, נאָך דעם װי די קוזיסטן האָבן אונטערגעצינדן די יידישע הײַזער — און נאָך װײס איך אַז דער „יידישער ברודער" אונדזער דעפּוטאַט האָט װײַטער געמאַכט גוטע געשעפטן מיט קוזאַס װײַן־גערטנער.

דער דעפּוטאַט אונדזערע האָט זיך געטון זײַן אַרבעט — צו װאָס דען האָט מען אים אויסגעװײלט?

און נאָך אײנמאָל האָב איך פון אים געהערט. שפּעטער מיט אַ יאָר צװײ, װען אין פּאַרלאַמענט האָט מען גערעדט װעגן די שטרײַקן אין גריװיצע. װאָס מײנט איר? אונדזער דעפּוטאַט האָט געשװיגן?! האָט איר אַ טעות. ער איז אַרויף אויף דער טרי־בונע און פאַרטײדיקט „די אינטערעסן פון די יידישע ברידער":

— מײנע הערן, האָט ער געזאָגט (מן הסתם האָט ער זיך דאָרט אויסגעװישט דעם גאָלדענעם צװיקער און אַ זיפּ געטון

אביסל וואסער פונעם גלאָז, אזוי ווי ער פלעגט טון ביי אונדז אויפן באלעמער, פאר די וואלן). אין נאָמען פון מיינע גלויביקע ברידער, וועמענס פארטרעטער איך בין דאָ, דערקלער איך פייערלעך, אז מיר האָבן קיין שום מגע־משׂא נישט מיטן שטרייק און נישט מיט די באריקאדן. אונדזער פאָליטישע טעטיקייט איז אָריענטירט גאָר אין אן אנדערער ריכטונג. אונדזער ציל איז בויען פאלעסטינע. דער אלטער קוזא איז אויפגעשטאנען פון זיין אָרט און מיט אים האָבן אלע קוזיסטן אויסגערופן אין כאָר: אלע זשידאנעס קיין פאלעסטינא! און אויב ס'טראָגט עמעצער די שולד פאר די געשעענישן פון גריוויצע — האָט ער דעקלערט שוין מיט מער קוראזש — איז דאָס נישט קיין אנדערער ווי די רעגירונג. (דאָ האָט ער ווידעראמאָל א זופ געטון פונעם גלאָז וואסער) יאָ, מיינע הערן, איך וועל נישט פארשווייגן! איך האָב קיינמאָל נישט פארשוויגן און וועל קיינמאָל דעם אמת נישט פארשווייגן. און דאָ מוז געזאָגט ווערן: די רעגירונג טראָגט די גאנצע שולד, וואָל זי גייט ארום מיט צו ווייכע הענט מיט די קאָמוניסטן. וואָלט די רעגירונג געווען אויסגערייניקט די גריוויצע־אטעליעס פון די עטלעכע קאָמוניסטן פון דאָרט, און זיי געגעבן ארבעט אין דער דאָטאנער תפיסה — וואָלטן מיר היינט דאָ נישט באדארפט אינגאנצן רעדן וועגן „געשעענישן" און וועגן „בונטעווען" זיך. איך חזר איבער — האָט ער געזאָגט אָפּווישנדיק זיך דעם שווייס פונעם שטערן — נאָר די רעגירונג איז שולדיק און נישט קיין אנדערער!..

און ווען ער איז אראָפ פון דער טריבונע, האָבן אלע געפלעסקעט. אויך נאָכדעם ווי ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, האָבן נאָך אָנגעהאלטן די געפאטשערייען. אלע, אויך די דעפוטאטן פון דער רעגירונגס־פארטיי האָבן געפאטשט „בראוואָ“.

וואָס דען מיינט איר, אונדזער דעפוטאט וועט שווייגן? צי וואָס דען האָט מען אים געוויילט?

אָט אזוי איז עס געווען פארצייטנס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט די יידישע ברידער און זיך אויסגעלאָזט מיט דער שׂריפה פון באָרשע, מיט די רציחות פון גריוויצע און דערנאָך איז געקומען „טראנסניסטריע“.

נאָר וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איר ווייסט עס דען נישט פונקט אזוי גוט ווי איך?

★

וואָס איז געוואָרן פון מיין וואל=רעדע? אָט דאָס מוז איך דערציילן. די נאכט איז מיר אוועק כמעט אומגעשלאָפן און דאָס פאפיר אויפן טיש איז געבליבן ווייס. איך האָב נישט געוווסט מיט וואָס „אָנצוהייבן“. דעם אנדערן טאָג ווען איך האָב באַדאַרפט האלטן מיין וואל=רעדע, האָב איך דערציילט דאָס אלעס וואָס איר האָט נאָר וואָס געהערט פון מיר וועגן די אמאָליקע דעפוטאטן מיט „יידישע ברידער“. דערנאָך האָב איך אויסגעשטרעקט די האנט און געוויזן דעם עולם. אָט איז די האנט, די אויסגעארבעטע, אן עדות אז איך האָב געלעבט פון אייגענער און נישט פון פרעמדער ארבעט. פיל פון אייך קענען מיך אין ווייסן, אז איך בין קיין אדוואָקאט נישט און בין נישט קיין „יידישער ברודער“ מיט די נאצישע בלוט=זויגער און נישט מיט די נאציאָנאליסטישע פארפירער. נעכטן בין איך געווען גערודפט פונקט ווי איר. היינט בין איך א קאנדידאט צו די ערשטע דעמאָקראטישע פאָלקס=ראט, נעכטן זענען דאָ געשטאנען די גבירים און גערעדט און מיר האָבן זיי געמוזט הערן, ווייל זיי האָט געשטיצט די סיגוראנצע מיט דער פּאָליציי, די זשאנדארמען און די יידישע מוסרים — היינט זענען מיר ביי דער מאכט, מיר ווילן זיך אויס מענטשן פון אונדזעריקע, אָרנטלעכע, ערלעכע...

ווייסט איר וועמען מיר האָבן עס צו פארדאנקען? דער גרויסער אָקטאָבער=רעוואָלוציע, דעם 7=טן נאָוועמבער; מיר האָבן עס צו פארדאנקען דער קאָמוניסטישער פארטיי.

★

נאָכדעם ווי איך האָב גערעדט האָבן פיל פון מיינע באקאנטע מיר די האנט געדריקט: „האָסט גוט געזאָגט, אזוי איז עס“.

אָבער ווען איך האָב געהערט דעם חבר, וועלכער האָט אויסגערעכנט די אויפטועז פון דער רומענישער פאָלקס=דעמאָקראטיע וואָס האָט גערעדט נאָך מיר, ערשט דאן האָב איך געזען אז איך האָב באגאנגען א פעלער: באדארפט געווען ווייזן וואָס אונדזער פארטיי און די פאָלקס=דעמאָקראטישע רעגירונג האָט אויפגעטון: קיינמאָל האָט אן ארבעטער נישט געהאט פּאָליטישע רעכט ביי

אונדז אין לאנד ווי היינט, ווען ער איז אויסגעזאָרגט און דאַרף נישט טראַכטן און ציטערן אז טאָמער וועט ער מאָרגן נישט קיין ארבעט האָבן און במילאָ קיין שטיקל ברויט!

די מיטלעבנדיקע נאציאָנאַליטעטן ביי אונדז אין לאנד, האָבן נישט געהאַט קיין גלייכבארעכטיקונג ווי היינט!

אָט וואָס ס'הייסט פאָלקס-דעמאָקראַטיע! אָבער דאָס איז נאָר דער אָנהויב — מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, וואָס ס'וועט זיין ווען מיר וועלן האָבן דערפילט דעם ערשטן 5-יאָר פּלאַן! ס'ארא ווילטאָג! אזא יאָר אויף אונדז אַלע!...

זעט איר, אָט דאָס האָב איך בּאדאַרפט געווען זאָגן די ווילער. נאָר וואָס דען, איך האָב נישט צייט ביזן דריטן דעצעמבער צו רעדן נאָך איינמאָל צו מיינע ווילער? און צווייטנס איז עפּעס די וועלט ווי פארצייטנס? היינט באגעגענען זיך דאָך ביי אונדז די דעפּוטאַטן מיט די ווילער אויך נאָך די וואַלן — איז זייט זיכער אז איך וועל „מיין וואַל-רעדע" האַלטן אויך נאָך די וואַלן, און נישט נאָר מיט דער „רעדע" וועט עס בלייבן, ווי פאר-צייטנס, נאָר מיט דער ארבעט, מיט די רעזולטאַטן.

גיצע סטנקו, שרייבט אהיים...

ווי אן אָפּגעקאָסעט פעלד אין אָסיען
טרויעריק בין איך נאָך דער ארבעט
באדיע שטעפאן.
ווייל פונקט ווי אונדזער פלאָכע קו
בין איך אויסגעמאָלקן פון מיין בלוט,
און בין שטענדיק אזוי מיד
באדיע שטעפאן.
ווערסט באלד שוין זיכער מיינען
אז כ'האָב אויסגעטראכט א ליד
באדיע שטעפאן...
אויפן וואָרט, ס'איז נאָר א בריוו
פון מיין לעבן דאָ אין שטאָט
פון מיין לעבן אין פאבריק
באדיע שטעפאן...
נאָך א זאך וועל איך דיר שרייבן
באדיע שטעפאן, גוטער, ליבער:
ס'האָט דער פרילינג מיך געטראָפן
א פארכמורעטן, א טריבן.
האָט ער מיך געגלעט, געצערטלט
מיט די הייסע זונען־שטראַלן —
ווי א מאמע מיך געפּעסטעט:
גיי זיך שפּילן מיט דער זון
בן־אדם איינער
קיינער וועט דיר גישט פארווערן
קיינער
און איך!
ווייסט ס'גלייבט א נאר דאָך יעדן איינעם
ס'גלייבט א נאר דאָך אלעם

ווייל איך גלויבן אז דער בורא
פּראָטעזשירט דעם דלות.
הער־זשע וואָס ס'קאָן פּאסירן
אין גאָטס וועלטל:
נעכטן גיי איך מיר אין גאס
די זון מיין בעסטער חבר
טרייבט מיט מיר לצנות
און מאָלט ביי מיר אין דמיון אויס
די שטאָט מיט אירע מענטשן —
שטילע ליבע ווי די זאנגען
דאָרט אין פעלד...
און קיינער קריגט זיך נישט
ווייל קיינער הונגערט נישט!
לעבן אלע זיך צוזאמען
אָט אזוי בשלום
ווייסט דאָך ווי ס'לעבן זיך די זאנגען
דאָרט אין פעלד!...
נאָר הער מיט וואָס ס'ענדיקט זיך
א שיינער חלום:
ווי כ'גיי און גלעט ביי מיר אין הארין
די שיינע אויסגעטראכטע וועלט
באמערק איך אין דער ווייט
ס'העלט.
און טויזנט מענטשן מיט אמאָל
שרייען מיט איין־איינציק מויל
גיט אונדז ארבעט אָדער ברויט,
גיט אונדז ארבעט אָדער ברויט!
קליינע קינדער גייען אויס
און איר פארברענט דאָס קאָרן־ברויט,
און נערט מיט קינדערס בלוט
דעם טויט
מיר ווילן ארבעטן פאר ברויט...

אָדער דאָ, באדיע שטעפאן
האָט א זאלפּ פון טויזנט ביקסן
איינגעשלונגען זייער געשריי
און אויסגעמישט דאָס בלוט פון מענטשן

מיט דער בלאַטע פון דער גאַס
און מיט זייער הונגעריקן ווײ,
און פרעג פאַרוואָס
אָ, באַריע שטעפּאַן?

איך האָב ליב

איך האָב קיינמאָל נישט פאַרטײַטשט
מײַנע האָפענונגען
אין דער לבנהס שלייער...
די שטערן
האָבן מיר אַוודאי נישט געבראַכט
דעם זיסן טעם פון קאָרן־ברויט...
איך האָב ליב:
אין גערויש פון די מאַשינען
גלעטן אין מײַן האַרץ
דעם ערשטן מײַ —
וואָס האָט דעם כאָמעט פון מײַן האַלדז אַראָפּגענומען
און ווײניק אַרט מיר ווען עס לאַכט אַ וועלט
וואָס איך אינמיטן פעברואַר
רײַס אָפּ אַלע בלעטלעך פונעם קאַלענדאַר,
אַלע בלעטלעך ביז צום ערשטן מײַ...

אַרבעטסלאָזע־געדאַנקען

מיר דאַכט, דער אַרבעטסלאָזער טאָג
איז אַ אויסגעוויַיקטער הערינג,
ווײַל איך כאַטשבי אים אויפעסן
האָב איך נישט קיין ברויט...

די לבנה איז אַ בילקע
גאָרנישט צום דערגרייכן,
אויך די שײַנענדיקע שטערן
זענען גלעזערנע פּאַסאָליעס...

דער הימל איז אַ פּאָקרישקע
אויף דער וועלטס גרויסן טאָפּ
שרײַען גאָר פון דאָרטן מענטשן:
היי! דאָ קאָכט זיך נישט קיין באָרשט!

אַספאַלט

ס'איז אָנגעקלעפּט אויף אונדזער לײַב
די סמאָלע
און מיר פילן ווי עס טרעט
די וועלט אויף אונדזער לעבן.
ווער האָט אויסגעטראַכט אַ גיהנום
מיט אַ יענער וועלט?
איר שפּאַנט באַלעבאַטיש אומפּאַרשעמט,

גלייך איר וואָלט פון גאָרנישט וויסן.
אונדזער בלוט איז אויך פארקנעטן
מיטן קאָביקן אספאלט.
זע נאָר, זע א ברודער גייט
זיין געזיכט איז שווארץ און קלעפיק,
פונקט ווי דער אספאלט,
דאָס שווארצע ברויט ביי אים אין האנט
איז נאָר שווארצער פון אספאלט.
זיין לעפל יויך
איז אייבעט שווארץ,
אלעס, אלעס איז ביי אונדז דאָך
שווארץ און קלעפיק
וויסט ווי דער אספאלט.
און איר באלעבאטים — אומפארשעמט
שפאנט אויף דעם אספאלט
און דווקא מיט לאקירטע שיך
טרעט איר איין נאָך בעסער אונדזער בלוט
וואָס איז פארקנעטן מיט דער סמאָלע
אין פארגליווערטן אספאלט...

באגינען אין פאבריק

באגינען אין פאבריק
הלשן שאָטנס אויף די ווענט,
הלשן און ווערן מיד,
נאָר אין וועבערס הארצן
שפילט זיך ווי א קינד
די פרייד פון העלן טאָג...

עס פרעגט א נעגער־קינד...

עס פרעגט א נעגער=קינד:
— זאָג מיר זון פון ווייסן=שטאם,
פארוואָס האסט דיך דער ווייסער האר
מיט דערזעלבער גיפט
ווי מיך? —
פארוואָס?

דיינע האָר זענען דאָר בלאָנד
און לאכן גאָלדיק צו דער זון:
דיינע בלויע, מילדע אויגן
מאכן בלויער נאָך דעם הימל
אפילו ווען ביסט הונגעריק
ווי איך.
פארוואָסזשע האסט דיך פאַרט
דער ווייסער האר?...
— מיך האסט מיין ווייסער
און דיין שווארצער האר
דערפאר —
וואָס כ'האָב אויפגעהויבן פון אספאלט
דאָס געלינשטע נעגער=בלוט
און עס צוגעטוליעט צו מיין הארצן
ווי א צעבלוטיקט קינד...
ווי א צעבלוטיקט קינד.

פאַרוואָס האָט מען פאַרהאַקט די לאָדנס?

ס'שפּילט אין דרויסן זיך די זון
אַפילו מיט די הינט.
און איך בין אַלץ אַ קנעכט ביי דעם באַלעבאָס.
וואָס האָט מיין שענסטן פרילינג טאָג,
צוגעבונדן צור מאַשינס משוגענעם געלויף.

זון איז גוט, זון איז גוט,
אַ גוטע מאַמע איז די זון,
פאַרוואָסזשע האָט מען גאָר פאַרהאַקט די לאָדן
און מ'לאָזט זי נישט צו אונדז אריין?
ס'האָט דער פרילינג זיך אַזוי צעשפּילט
אין מיינע פיר און צוואַנציק יאָר,
אַז כ'פּיל:
די זון וויל גלעטן מיינע האָר...

ניין!
איך וועל גאָר פאַרקויפן מיינע הענט!
מיין האַרץ, וועל איך אַרויסשיקן
זיך שפּילן מיט דער זון...

דער בית־עולם פון פאבריק

קעגן פענצטער פון פאבריק
א בית־עולם שטייט.
איך בין שוין פון לאנג באפרייט
פון אָבערגלויבנס און פון גאָט,
דאָך —
טויטע רעדן צו מיר ארויף.
א הילצערנע מצבה
אירע אותיות פארגרעסערט
אינדערגיך,
ווערט א נאָמען לעבעדיק ווי איך
און רעדט מיט הייזעריקער שטים.
„מיין האנט האָב איך ביי צוואנציק
אָנגעווירן אין פאבריק.
נישט מיטגעבראכט אהער מיין לונג,
אין קאסע־קאסטן פון פאבריק
טרעפסטו אויך מיין בלוט...“

ווינטער

ווינטער וואקסן גרויע בלומען — אויף די פענצטער
אויף די נאסע ווענט
הענגען אָפּגעהאקטע לונגען,
באפרייונגס־לידער אין דער פינצטער,
הונגעריקע מענטשן זינגען.

א בריוו צום ניינטן מײַ

איך האָב היינט באַקומען א בריוו פון מיין חבר יואל קליינשטאָט. שוין איבער א יאָר אז ער האָט מיר נישט געשריבן און מיר זענען דאָך פארבונדן דורך אזויפיל שווערע און שטורמישע איבערלעבענישן. אינאיינעם זענען מיר געווען דעפּאָרטירט אין טראַנסניסטריע, אינאיינעם האָבן מיר זיך געראַנגלט מיטן הונגער-טויט, מיטן טיף און מיט דער לאַגער-פארוואלטונג. אינאיינעם זענען מיר אנטלאָפן צו די פארטיזאנער, אינאיינעם זיך דורך געריסן צו די רויטארמייישע טיילן, דאָ האָבן זיך אונדזערע וועגן צעטיילט. איך בין שווער פארוואונדעט געוואָרן אין די ערשטע שלאַכטן און בין אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל איבער א יאָר צייט. מיין חבר האָט געקעמפט ארום באַלטישן ים. נאָך דער דעמאָביליזאַציע איז ער אהיימגעקומען צו זיין פאמיליע. איצט ארבעט ער אלס אינזשינער אין א כעמישע פאבריק פון זיבנבירגן... ער הויבט אָן זיין בריוו מיט אן אנטשולדיקונג פאר זיין נישט שרייבן און זעצט פאָר:

„די ערשטע טעג פון מיי דערמאנען מיך אין יענע ליבע חברים מיטקעמפער, וועמען ס'איז נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די פרייד פון אונדזער זיג איבער היטלערס ארמייען, איבערן פאשיזם, די פרייד פון נייע קאמפן און זיגן.

טייערער חבר, אנדערע מענטשן וועלן אפשר האָבן צו מיר טענות, פאר וואָס איך בין מעלאנקאָליש אין אזא טאָג פון פרייד ווי דער ניינטער מיי. דו אָבער ווי אן אלטער פראָנט-קעמפער, וועסט ברידערלעך פארשטיין מיין הארץ, לאָז מיך פאר דיר דערמאנען אייניקע פון די וואָס האָבן געקעמפט אינאיינעם מיט מיר און זענען געפאלן נעבן מיר, זאָל זייערע אָנדענקען אונדז שטארקן אין ווייטערע קאמפן.

די קאָמפּליצירטע מלחמה-אלגעברע האָט צונויפגעבראַכט אין דעם זעלבן סאָוועטישן רעגימענט מענטשן פון אלערליי נאציאָ-

נאַליטעטן, עלטער און פּראָפּעסיעס, אויף וויפל מיר זענען געווען פאַרשיידן אין אויסזע און כאַראַקטער, אויף אַזויפיל זענען מיר אייניק און קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד, פרייהייט און ווערדע, פאַר ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט פאַר א ניי לעבן....

דער יונגסטער סאָלדאַט פון דער צווייטער מינענוואַרפער־ראָטע איז געווען אָסיפּ קאָסטענקאָ. דער יונגער אוקראַינער האָט געענדיקט די 10 קלאַסיקע שול אין דער וואָך ווען די היטלעריסטן זענען באַפאַלן דאָס היימלאַנד. ער איז געווען א הויכער איידל שלאַנקער בחור, מיט קאַשטאַנענע האָר און ביר ברוינע פאַרחלומטע אויגן. פאַר דער מלחמה האָט ער געטרוימט ווייטער צו לערנען אין פּאָלטאַוער לערער־אינסטיטוט און פרייע שעהן, מיר זענען געווען אין צווייטן עשאַלאָן, אָדער אין זעלטענע רואיקע מינוטן אויף די פעדערשטע פּאָזיציעס, פלעגט ער רעציטירן לידער פון שעווטשענקאָ, צי פון פּושקינען. צומאָל פלעגט ער שטיל אונטערברומען א פאַרטרוימט אוקראַיניש פאָלקסליד. מע האָט אים אויסגעהערט שטיל און צוביסלעך פלעגן זיך אַריינפלעכטן אין זיין געזאַנג צענדליקער סאָלדאַטישע שטימען, דאָס ליד איז געשטיגן אין דער הויך אין דער ערב פרילינדיקער אָוונט־שיין און עס האָט דערמאָנט אין דער היים און אין דעם נאָענטן סוף פון דער מלחמה...

איך דערמאָן זיך אין א שטילער סוף־חודש־נאַכט, א אומגעווינטלעך שטילע, אפילו פאַרן צווייטן עשאַלאָן. קאָסטענקאָ איז געלעגן נעבן מיר אין אָקאָפּע און פלוצים אָנגעהויבן דערציילן פון זיין היים, פון זיינע נאָענטע, פון שול חברים, חברטעס, אין יענער נאַכט האָט דער צוריק געהאַלטענער בחור מיר דערציילט וועגן זיין „מיידל“, א לערערן אין זיין היימישער פאָרשול. זיי שרייבן זיך איבער, זי איז מיט א יאָר עלטער פון אים און ער האָט אפילו נישט באַוויזן פאַרן אָפּגיין אין קריג איר צו דערקלערן זיין ליבע. פונעם פּראָנטישן געראַנגל אַרויס האָט ער איר געשריבן נאַיווע צאַרטע ליבע־לידער פון וועלכע זי האָט זיך געזאָלט אָנשטויסן, וואָס ער מיינט. טרוימען פון ליבע און פון געמיינזאַמער אַרבעט אין שול, כאָטש דער טויט איז געווען אונדזער אומאויפהערלעכער שכן האָט קאָסטענקאָ נישט געטראַכט אַז ער וועט נישט איבערלעבן די מלחמה... ווען ער איז בעת אַן אַטאַקע פאַרוווּנדעט געוואָרן האָט ער איר נישט געשריבן איבער דעם...

דער לעצטער מלחמה ווינטער איז אויסגעגאַנגען: דער פרילינג 1945 האָט זיך פאַר אונדזער דיוויזיע אָנגעהויבן מיטן אָנגריף אויף דער שטאַרקער פּרייסישער פעסטונג נישט ווייט

פונעם באלטישן ים, מיט אירע מעכטיקע פאָרטיפיקאציעס און מיט איר 100.000 קעפּיקן גארניזאָן איז זי געווען איינע פון די לעצטע האָפענונגען פונעם היטלעריסטישן הויפט־שטאב, און דאָך זענען אפילו קיין דריי טעג נישט פאריבער און מיר זענען אין מיטן שטאָט, פארן אלטן שלאָס מיט איצט צעשאָסענע ביס־מארק און קייזער ווילהעלם דענקמעלער.

מיר האָבן זיך אריינגעריסן אין שטאָט איבער א פאָנטאָן־בריק. וואָס אונדזערע סאפּיאָרן האָבן אויף דער גיך אריבער געוואָרפן איבערן ברייטן טייך, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן אוראלטע סילאָזן, סקלאדן און פאבריקן. איצט זענען געגאנגען בלוטיקע קאמפן פון גאס צו גאס, פון שטוב צו שטוב, פון מענטש צו מענטש. די הייזער פון דער אלטער האנדלס־שטאָט, וווּ עס ליגט אברהם מאפו, וווּ די אלטע משכילים האָבן ארויסגעגעבן דעם „המאסף“ האָבן געברענט ווי פאקלען. דאָס טעאָטאָנישע שלאָס איז געווען א ים פון פלאמען, דער יום־הדין פאר די נאצישע מערדער איז געשטאנען שטרענג און אומפארמיידלעך.

די באפעלקערונג פון דער שטאָט האָט ענדלעך דערפילט אין זיין גאנצן פארנעם דעם שווידער פון מלחמה. עס זענען ארויס־געהאָנגען געוואָרן אויף באלקאָנען, דעכער, פענצטער, אלערליי לייילעכער, האנטעכער, ווייסע שטיקער־לייוונט־קאפּיטולאציע. מיר האָבן איצט באזעצט די שטאָט כמעט אָן קאמף, דאָס איז געווען אויף דעם פערטן טאָג נאָכן אָנהויבן דעם אָנגריף...

אונדזער ראָטע איז פאָרזיכטיק פאָראויסגעגאנגען איבער די שטילע צעשאָסענע גאסן, פּלוצים, האָט זיך פון א גאסן ווינקל זיך א שיס געטאָן אויף אונדז א האָגל פון קוילן, לויט מיר האָבן שפּעטער פעסטגעשטעלט האָט זיך ערגעץ אין א סוטערען פארבאריקאדירט א גרופּע ס־ס־לייט מיט א שווערן קוילן־ווארפער, זיי האָבן נישט געהאט דעם מוט צו פארענטפערן אויף זייערע פארברעכנס און געפרווט שאָדן אָנצוטאָן, ביז דער לעצטער רגע פון זייער הינטיש לעבן, איז קלאָר געווען אז די נעסט מוז ליקווידירט ווערן.

אונדזער קאָמאנדיר, קאפּיטאן קוזנעצאָוו, האָט געווענדט זיין פרעגערישן בליק צו אונדז אלע, קאָסטענקאָ האָט אויפגעכאפּט דעם בליק און צוריקגעבליקט מיט א בקשה, אז מע זאָל אים לאָזן אויספירן די מיסיע. לויטן קאפּיטאנס אָנווייז האָט ער זיך גענומען צוקריכן צום שונא, אויסניצנדיק די טויטע ווינקלען, ער איז אָנגעקומען צום הויפּט־אריינגאנג פון דעם הויז. מיר האָבן די גאנצע צייט געשאָסן כדי דער שונא זאָל נישט באמערקן

קאָסטענקאָן, פּלוצים האָט זיך דער יונגער בחור א וואָרף געטאָן צו דער טיר און מיר האָבן דערהערט א שווערע עקספּלאָזיע. א געדיכטער רויך האָט איינגעהילט דעם אריינגאנג. אונדזערע הערצער האָבן זיך פארקלעמט פאר ווייטיק, אין 10 מינוט האָבן מיר גענומען נקמה פאר קאָסטענקאָס טויט. קיין איין ס־ס, איז נישט געבליבן לעבן און מיר זענען געגאנגען פאָרויס.

ביי נאכט האָט די שטאָט קאפּיטולירט. די פרייד פון זיג איז מיר פארשטערט געווען איבערן טויט פון מיין יונגן חבר, וואָס האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פאר פרייהייט און גליק...

מיין חברס בריוו פארשרייבט די עטלעכע אָפּרו־טעג נאָכן זיג, דערביי דערמאנט ער זיך אין דעם העלדישן טויט פון א צווייטן חבר!

„קאָסטענקאָ, באלאָ און איך האָבן באדינט דעם זעלבן מינענווארפער, אויף לאנגע וועגן האָט מען אים געפירט אויף א וועגעלע, אין שלאכט איבער שווערע ערטער פלעגן מיר אים טראָגן אינדרייען! ווער די פיס, ווער די רער און ווער די רונד שווערשטאָל פּליטאָ. לייד און פרייד, געפאר און זיג האָבן מיר ברידערלעך מיטגעמאכט אינדרייען.

מיין חבר באלאָ האָבן מיר פארלוירן אומפארהאָפט, באלאָ איז געווען א דרייסיקיעריקער מיטלוויקסיקער, ברייט פּלייציקער קאבארדינער פויער, פון אונטער א קאָפּ מיט שווארצע האָר און געדיכטע ברעמען האָבן ארויסגעשיינט א פּאָר שווארצע גלאנציקע אויגן. בטבע איז ער געווען א שטילשווייגנדיקער, פארשלאָסענער מענטש. איינמאָל האָט ער זיך צעווארעמט: ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין היים און די הויכע קאווקאזער בערג, איבער זיין פרוי און זון. דאָס יינגעלע האָט ער איבערגעלאָזט אין וויגל, איצט זאָגט ער מיט שטאָלץ, גייט ער שוין אודאי אין קינדער־גאָרטן.

באלאָס זשעסטן זענען ערנסטע, וואָגיקע, געמאָסטענע, כמעט פייערלעכע. אין שלאכט איז ער גאָר אן אנדער מענטש. אונדזער מינענווארפער ווערט אויפגעשטעלט פריער פון אלע אנדערע. נאָך איידער דער קאָמאנדאנט האָט פארענדיקט זיין באפעל פליען די מינעס פון באלאָס הענט אין דער רער אזוי גיך ווי פון דער רער ארויס צום שונא. ווערט די שיסעריי פארשנעלערט גלאנצן באלאָס אויגן אזוי זיגעריש, ווי אין א רייטער־געיועט אין דער היים ווען ער איז נאָענט צום ציל. הינטער זיין כלומרשטער פארביסנקייט האָט באלאָ א גאָלדן הארץ, און מיט ברידערלעכע ליבע, איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט צו

חברים. און אַט דעם חבר האָבן מיר פארלוירן קנאַפּ פארן סוף פון דער מלחמה.

פון א שנעלן מארש זענען מיר אריבער אין אן אָנגריף און ארויסגעטריבן פון א גרויסן פריצישן הויף אן אָפּטייל היטלעריסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געהאַט פארפעסטיקט. ס'איז געווען קעגן אָוונט און די לעצטע שטראַלן פון דער פריילינגדיקער זון האָבן געצערטלט אונדזערע מידע גלידער ווארטנדיק אויפן עסן האָבן מיר זיך צוגעלייגט אין א גרויסן־האמבאר פול מיט נישט געדראָשענע תבואה פון פאָריקן הארבסט. ווי געוויינלעך האָט באלאָ אָנגענומען דעם ערשטן אומבייט שטיין אויף דער וואַך. אינדרויסן איז צו ביסלעך שטיל געוואָרן. מע האָט נאָר געהערט די דומפּע קולות פון די טעלעפאָניסטן, וואָס האָבן זיך פארבונדן מיטן קאָמאנדא־פּאָסטן פונעם רעגימענט. פונעם טיפן שלאָף האָט אונדז אויפגעוועקט א קורצער, שארפער שריי און א געמיש פון אייליקע טריט. איך האָב א כאַפּ געטאָן דעם אויטאָמאט פון צוקאָפּנס און כ'בין ארויס אין הויף.

נאָך דער טיר איז באלאָ געלעגן אויסגעצויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אויף א רוקזאק. ווען כ'בין צו אים צוגעקומען האָט ער מער נישט געאָטעמט, א צופעליקע קויל פון א דייטשן ווארפער, וואָס פלעגט אויסשיסן סתם אזוי כדי זיך צוצוגעבן מוט האָט אים געטראָפן אין בויך, באלאָס פנים האָט אויסגעדריקט דאָס באדויערן צו פארלאָזן דאָס לעבן אזוי קנאַפּ פארן סוף דער מלחמה...

מיין חבר באשרייבט ווייטער די רירנדיקע לוויה פון דעם יונגן קאבארדינער און דערמאנט דערנאָך אין א דריטן העלדיש אומגעקומענעם חבר...

אונדזער רעגימענט איז באשטאנען פון מאָסקווער און סיבירער, אלטע אויסגעפּרוווטע זעלנער, וועלכע האָבן געלערנט הלכות־פראַנט מיט די נייע אָנגעקומענע. צווישן די לעצטע האָט זיך געציילט אויך הערשל לעווענשוס, א ווארשעווער יונגערמאן א קליינער, א מאָגערער, מיט א גרויסן קאָפּ און קלוגע גרויע אויגן.

אינדערהיים איז ער געווען א שניידער און זיך ביטער גענלאָגט. די פרוי האָט געארבעט אין א זאָקן־פאבריק און די צוויי קליינע קינדער פלעגט זי איבערלאָזן ביי דער האלב געלעמטער מוטער, וועלכע פלעגט אויפנייען אויף קארטאָנהעלעך די מוטער־פערלענע קנעפּ, וואָס א קליין פאבריקל פלעגט אויסארבעטן.

ווען די היטלעריסטן האָבן פֿאַרכאַפּט פּוילן איז הערשל געווען מאָביליזירט די דייטשן האָבן אַרומגערונגלט זיין רעגימענט, איז געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿונעם דייטשן לאַגער און זיך ראַטעווען קיין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין אַ קליידער-פֿאַבריק, אין מיטל אַזיע — אויפֿן פֿראָנט איז ער העכער אַ יאָר. פֿון דער משפּחה ווייסט ער נישט גאָרנישט זינט אָנהייב מלחמה. ער ווייסט פֿון די נאַצישע שחיטות אין פּוילן, פֿונעם העלדישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ער ווייסט אַז אייניקע האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט" האָפֿט ער אַז אפֿשר, אפֿשר זענען אויך זייניקע נישט אומגעקומען... ער האָפֿט ווידער צו זען פֿרוי און קינד, קרובים און חברים: דערביי קאָכט אין אים דער האַס צו די היטלעריסטישע מערדער, עס ברענט אין אים דער ווילן צו נעמען נקמה פֿאַר מיליאָנען אומשולדיק אומגעבראַכטע נפֿשות. דערפֿאַר שמייכלט ער אַזוי זעלטן.

אין אונדזער סעקטאָר איז זינט עטלעכע טעג שטיל געוואָרן, נאָר וואָכן שווערע קאַמפֿן גלויבט זיך עס קוים, פֿאַרטאָג צו פּרוּוון די נאַצים צומאָל אָן אַ אַטאַקע, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון אונדזער קלעם, עס העלפֿט זיי אָבער נישט.

אין אַ סוף חודש-נאַכט איז הערשל לעווענשום געשטאַנען וואַך ביי זיין קוילן-וואַרפֿער, די נאַכט איז געווען אַ שטילע, די מידע סאָלדאַטן שלאָפֿן אין די בונקערס. הערשל און די אַנדערע פּאָסטנס וואַכן. ס'איז שאַ שטיל, הערשל דערמאָנט זיך אין אַ שיינער זומער-נאַכט אין אָטוואָצק ווען ער האָט שפּאַצירט מיט זיין חנה... פּלוצים דערהערט ער אַ פֿאַרדעכטיקן שאָרך און אײדער ער באַווייזט צו שיסן אַהין רעגענען אויף אים קוילן...

הערשל שיסט; אַלאַרם. דער גאַנצער סעקטאָר איז אויף די פֿיס. ראַקעטן, הערשלס קוילנוואַרפֿער קנאַקט אָן אויפֿהער ווי אַ ריזן-גראַנער, עס באַנלייט אים אַ גאַנצער אָרקעסטער קוילן — און מינען-וואַרפֿער, ביקסן, אויטאָמאַטן, פֿאַראַבעלומס און גראַנאַטן. הערשלס געהילף ברענגט אים אַ פֿרישן קאַלעכדיקן אָנלאָדער, נאָר אַ היטלעריסטישע מינע עקספּלאָדירט נישט ווייט פֿון הערשלען...

די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דער שונא האָט געהאַט גרויסע פֿאַרלוסטן. הערשל איז אײנײנעם מיט אַנדערע פֿאַרוווּנדעטע, אָפּגעפֿירט געוואָרן אין אַ נאָענטן מעדסאַנבאַטי, מיין חברים שרייבט ווערט נערוועז, איך זע אַז ער וויל וואָס גיכער פֿאַרענדיקן דעם בריוו.

„נאָכן 9-טן מיי זענען מיר געבליבן אין גאַרניזאָן נישט ווייט פון אונדזער פראָנט-ליניע, פּאַטרולירנדיק האָב איך אין אַ טאָג דערזען אַ סאָוועטישן מיליטערישן בית-עולם, און דאָרט האָב איך אויף אַ רויט-געפאַרבטער האָלץ-פּיראַמידע איבערגעלייגט אַזאַ אויפשריפט: „לעווענשום ה. מ. געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד".

עס קאָן זיין ליבער פריינד, אַז מיינע שורות וועלן עמעצן אויסווייזן צו טרויעריק פאַרן טאָג פון נצחון. איך הער אָבער שטענדיק דאָס קול פון די פריצייטיק-פאַרשניטענע חברים, וועלכע מאָנען אַז זייער קרבן זאָל נישט ווערן קיין אומזיסטיקער, אַז מיר זאָלן נישט צולאָזן דאָס ווידער אויפשטעלן פון היטלערס חילות... טראַכטנדיק צו זיי אין דעם יום-טוב טאָג פיל איך ווי זיי פרייען זיך מיט אונדז אינאיינעם, ווי זיי לעבן ווידער אויף אין אונדזערע געמיטער...

אַזוי ענדיקט זיין בריוו מיין חבר יואל קליינשטאָט, און איך מיין אַז ער איז גערעכט.

דריי שילער

בלומען רויטע אויף א קבר.
שווארץ געקליידט. ס׳פּנים בלאס,
שטייט א מאמע ווישט די טרערן
דאָ ליגט איר קינד, קאָרנעל עליאס.

דריי שילער אין שול האָבן געלערנט,
בזיוגות אויסגעשטאנען, געשלעג.
אין א טאָג מ׳האָט געהייסן אהיימגיין
פארוואָס? שאלות הייגט מער נישט פרעג.

און ליציי „קולטורא" זיי לערנען,
מיט יידישע לערער די קינדער.
ביז קומען וועלן אנדערע צייטן
לעת־עתה לערנען יידן באזונדער.

אין א טאָג זיך באראָטן די יינגלער,
חברים געשווירענע דריי.
געטראכט צי אין צייטן אזעלכע
אויב לערנען ס׳איז נאָך כדאי.

דערציילט מען האָט פון לאטעס פון געלע;
פון פּאָגראָם וואָס געטען איז אין יאס.
פון טויט־צוג, פון געטאָס פון לאגערס,
געראשט זיך די שטאָט און דער קלאס.

ביי דער „מונקע"* געוועזן די טאַטעס.
געלאָפן זענען פינצטער די טעג.
באוויזט זיך א שטראַל פאַר די יונגען,
צו פארטיי זיי געפונען דעם וועג.

ביינאַכט מ'האָט געקלעבט מאַניפעסטן,
נישט געטראַכט פון קיין רו, פון קיין שלאָפן.
דערשמעקט האָבן עפעס די לערער...
גאָר האָט דען א זין זיי צו מוסרן, שטראָפן?

דער שונא האָט אָבער געלויערט.
געליינט אויף די דריי ער האָט די האַנט.
געפייניקט מען האָט זיי, געמוטשעט,
געבליבן זיי שטום ווי די וואַנט.

פאַרמשפט צום טויט מ'האָט די חברה.
ביים שיסן, פון הערצער פון דריי
הילכנדיק האָט אָפּגעשלונגען
„זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פאַרטיי!"

. . . .

רופט אוים דעם אַפּעל שוין דער לערער,
און היפּערט איצט איבער דריי נעמען,
זיךביילן אין באַנק קינדער-פויסטן,
און ס'קייקלען זיך טרערן פון ברעמען:

— מישט אויף ביי זייטל הונדערט-אַכצן
קוקט אַלע אין ביכל אַריין!
מיר לערנען די לעקציע איצטער,
פון האָריא, קלאָשקא, קרישאַן.**

* צוואַנגס-אַרבעט אין דער פאַרשאָלטענער צייט פון אַנטאָנעסקוס פאַ-שיסטישן רעזשים.
** פרייהייט-קעמפער וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן פונעם בורזשואַז-באָיאַרישן רעזשים.

מען רופט מיך „בערעלע קעשענע גנב"

פון דער סעריע פאַרגדיקע אין דער באַן אַן אמתע מעשׂה אויסגעהערט און איבערדערציילט פון שיע ראָזענהעק.

איך הערט וואָס איך זאָג אייך: איר מעגט רויק כאַפּן א דרימל. ווערליק איך זע, זענט איר באַזאָרגט וועגן אייער באַגאַזש וואָס ליגט אויבן. מעגט איר זיכער זיין אַז ווי באַלד איך זיץ דאָ אין דעם אָפּטייל, וועט ער זיך נישט דערוועגן אויסאיבן זיין מלאָכה...

מיט אָט די ווערטער האָט זיך צו מיר געווענדעט א יונגער מאַן, וועלכער לויט זיינע רייד וועט איר שוין אַליין פאַרשטיין, אַז ער איז געפּאָרן איינייגעם מיט מיר, און מער קיין פאַרשווינגען האָבן איך אין דער אָפּטייל נישט געפונען. וואָס אַן אמת בין איך זיך מודה, אַז דער מענטש האָט מיך פאַראינטערעסירט, צוליב זיין גרויסטווריש רעדן און למאי זאָל איך לייקענען, אַז אין איין וועג האָט ער אין מיר דערוועקט א חשד אַז — נו, יאָ, וואָס קען מען וויסן? — אפשר וויל ער טאַקע אַליין זיין דער גנב...

סע ווייזט אויס, אַז ער האָט אין מיין מינע דערקענט וואָס אין מיר גייט פאָר, און פון שלאָפן איז כלל אָפּגערעדט, האָט ער זיך מישב געווען און זיך פאַר מיר אנטפּלעקט מיט זיין גאַנצער ביאָגראַפיע און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון מיין זייט האָט ער אָנגעהויבן זיין מערקווירדיקן לעבנס־וועג.

— איך זע, מאַכט ער, אַז איר האָט נישט קיין גרויסן צוטרוי צו מיר און אַז רעכט ערשט איצט וועט איר זיך היטן צו כאַפּן א דרימל, איז אויב אַזוי וועל איך טאַקע אייך דערציילן ווער איך בין.

מיין נאָמען, זאָגט ער, איז בערל, און רופן רופט מען מיך „בערל דער קעשענע גנב"... איך וויים נישט וויאַזוי דאָס איז געשען, נאָר ביי די ווערטער האָב איך זיך נישט ווילנדיק א טאַפּ געטון ביי די קעשענעס. מיין פאַרשווין האָט דאָס פאַרשטייט זיך באַ־

מערקט, און מאכט צו מיר מיט א שמייכל: „האָט נישט קיין מורא אומזיסט אייער באטאפּן די קעשענעס, זעט איר צוריק מיט יאָרן וואָלט איך אייך נישט געשווירן, אָבער היינט... ס'איז נאָר פארבליבן דעם נאָמען, אָבער אין פרעמדע קעשענעס קריך איך שוין לאנג נישט. די מעשׂה דערפון איז אזוי. זעצט ער ווייטער פאָר; נישט אכטנדיק דערויף, וואָס איך האָב געמוזט אָנהייבן א סך א סך פריער, כדי איר זאָלט האָבן א באגריף, פארוואָס און וויאזוי איך בין געקומען צו דער שיינער פרנסה אומשטיינס געזאָגט.

מיין פארשוין, האָט געמאכט א פויזע, פארויכערט א ציגאַר, טראקטירט אויך מיך מיט איינעם, בשעת־מעשׂה געבלאָזן מיט אפּעטיט דעם רויך און אָנגעהויבן ווייטער דערציילן.

— וואָס איז שייך, איך וועל זיך נישט בארימען פאר אייך, אז איך קום ארויס פון ווייס איך וואָס פארא הויז, אָבער איינס מעגט איר מיר גלייבן. מיין טאטע איז געווען א פּשוטער ערלעכער ייד, וועלכער האָט זיך שווער מפרנס געווען מיט זיין הויזנעזינד, ווי מע זאָגט, מיניעת כפּו — דאָס מיינט מען פון דער מי פון זיינע הענט און וויסן מוזט איר אז ער איז געווען נישקשהדיק פון א באַלמעלאָכע, זיינע א פּאָר שטיוועלער האָט מען געמעגט שיקן קיין פאריז אויף דער אויסשטעלונג. נאָר פון דעסטוועגן קיין גילדענע צויטן האָבן זיך אים נישט נאָכגעשלעפּט, סע פלעגט אים אָנקומען מיט כריין אלע דאָנערשטיק צונויפצושלעפּן די פּאָר גראָשנס אויף שבת, נאָר גאָרנישט, ווי זאָגט מען עס? „דער גאָט וואָס האָט געמוטשעט אלע אָרעמע לייט, האָט אונדז אויך געמוטשעט". ויהי היום, איז זיך מישב געווען דער טאטע און גיט א שטארב אוועק, און לאָזט איבער די מאמע מיט א שטוב קליינוואַרג אויף גאָטס באראָט.

אפשר מיינט איר אז ער האָט געמוזט שטארבן? א געכטיקער טאָג. דאָס אומגליק איז נאָר געווען וואָס ס'איז נישט געווען די „איידלע" זאך וואָס מע זאָל אים קענען ראטעווען. אז ער האָט זיך אוועקגעלייגט, האָט די מאמע געמיינט, עט, נארישקייטן סע וועט פאָריבערגיין. ווען זי האָט אָבער געזען אז סע פארגייט איין טאָג און נאָך א טאָג און פון די טעג ווערן שוין וואָכן, האָט זי פארקויפט עפּעס פון דער שטוב און געבראַכט א דאָקטער. דער דאָקטער אזוי ווי אלע דאָקטוירים, האָט אים באטאפּט, באקלאפּט, און פון יוצא וועגן פארשריבן אויך א רעצעפּט. די מאמע האָט אָבער ווייזט אויס דערקענט אין אים, אז ס'איז נישט גאָר פויגלדיק, האָט זי אים ווי די מאָדע איז,

ארויסבאגלייט ביז צום פֿאָדערהויז, און איך פֿארגנבע זיך הינטער איר, און הער זיך צו, ווי די מאמע פֿרעגט און דער דאָקטער ענטפֿערט איר: „וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיין ליבע פֿרוי, איר האָט געלט? אויב איר האָט קענט איר אים ראַטעווען".

בקיצור, וואָס ניצט עס אייך, דער סוף פֿון דער מעשׂה איז געווען, אז דער טאטע איז אָפּגעלעגן א שיינע עטלעכע חדשים און איז אויסגעגאנגען ווי א ליכט, פֿארמאכט, הייסט עס די אויגן אויף תּמיד.

2

פֿאר אים האָט זיך אלץ געענדיקט, נישט אזוי אָבער פֿאר אונדז לעבעדיקגעבליבענע. סע האָט זיך אָנגעהויבן א לעבן, אז אָך און וויי אז דאָס קאָן אזוי אָנגערופֿן ווערן. די פֿארדינערן איז געווען די מאמע. איר קאָנט זיך שוין פֿאָרשטעלן, אירע גרויסע פֿארדינסטן, וואָס זי האָט געקאָנט אהיים ברענגען פֿון וואשן גרעט, אויפֿרוימען, אָדער גאָר א בריק אָפּוואשן ביי די נגידים. נאָר וואָס איז דאָ פֿאראן צו טענהן? — א ברירה האָט זי גע־האט? אז אין דער היים ווארטן פֿינף פּיקערס, פֿון וועלכע איך בין געווען דער עלטסטער... איבערגעלאָזט דאָס קליינוואַרג אויף גאָטס באראָט, פֿלעגט זי נישט, איינמאָל קוים אהיימקומען, אָנטרעפֿן איינעם פֿון דער חברה א צעשלאָגענעם — וואָס שייך! — קינדער; אמאָל שלאָגט מען זיך און אמאָל קושט מען זיך...

אָבער מיר דאכט זיך איך בין פֿארפֿאָרן אביסל אויף א זייט וועג, ווייל איינגטלעך וויל איך דאָך אייך דערציילן ווי ארום איך בין געקומען צו אָט דעם שיינער פּרנסה פֿון וועלכער דער נאָמען „קעשענע־גנב" איז מיר פֿארבליבן ביז צום היינטיקן טאָג. מיין פֿארשוין האָט ווידער געמאכט א פּויזע, און געכאפּט א קוק ארויס דורכן פֿענצטער אין דער טונקלקייט פֿון דער נאכט, ווייזט אויס, כּדי זי זאָל אים דערמאנען אין דער פֿארגאנגענהייט וועלכע איז דאָך אויך געווען א טונקלע און דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעהויבן דערציילן.

— הייסט דאָס, יאָ, איבערגעלאָזט אויף גאָטס באראָט, און שוין... ווי איך האָב אייך שוין ווידער געזאָגט, בין איך געווען דער עלטסטער פֿון די פֿינפֿקעפּיקע כאליאסטרע. נו, וואָס טוט א יונגל, אז קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, הפקר א וועלט, נישט אין חדר, פֿון אין שול אריין גיין איז גאָר קיין רייד

ניט אפילו, איז ער אוים ווי די וועלט, מיין איך ווי די שטאָט האָט אן עק, און פארשטייט זיך, לאָזט אויך נישט אוים דעם שטעטלשן מארק, ווו ס'איז פאראן אלדעס גוטס, פון עפל און בארן, און פלוימען, אין זינען האָבנדיק דערביי. אז ווי געשיקט זיך, סע וועט עפעס ארייגפאלן אין מויל ארייין אויך. און אויב נישט דאָס, איז א ציבלקאלע, א קנאָבעלע, אָדער א רעטעכל אויך נישט אוועקצומאכן מיט דער האנט. דרייט מען זיך דאָרט, זוימער=לעב צווישן די פויערטעס, אזוי לאנג, אזוי ברייט, וואָס האָט איר דערפון, ביז סע האָט זיך מיר געטראָפן אזא מעשׂה.

דאָ האָט מיין פארשוין א טיפן זיפץ געטאָן, ווייסט אוים אז דאָס דערמאָנען זיך אין יענעם פינצטערן אָנהויב, האָט ביי אים אָנגערירט א ווייטיקטלעכע סטרונע.

— ווי איך שטופ זיך אזוי, רעדט ער ווייטער, אין ענגעניש צווישן די פויערטעס, דערזע איך ווי ביי איינער פון די צוויי שטעקט ארוים א פאטשיילע מיט א קנופ. טשוקאוועסט צו זען, וואָס אין דער פאטשיילע געפינט זיך, האָב איך א צי געטון... גלייבט מיר יאָ, אָדער גלייבט מיר נישט, אויספיינען פאר אייך האָט סיי ווי קיין שום צוועק נישט, געטון האָב איך עס מיט דער כוונה עס צוריק אָפּצוגעבן דער פויערטע מיט דעם אויסרייד, אז איך האָב די פאטשיילע אויפגעהויבן פון דער ערד. ארויסגעקומען איז אָבער גאנץ עפעס אנדערש ווי זאָגט די וועלט: „א לאָך מאכט דעם גנב“... אָנטאַפּנדיק די פאטשיילע מיטן ביסל געלט, האָט דער שׂטן זיך ארייגעליינט אין דערמיט, און אָנגעהויבן צו מיר איינטענהן: (דעמלט האָב איך געגלויבט אין א שׂטן, היינט ווייס איך ווער דער שׂטן איז געווען) „גיי די נאר האָב איך געהערט עפעס אן אינגעוויקסטע שטימע, טו קודם א קוק וואָס אזוינס געפינט זיך דרינען“.. בין איך אָפּגעגאנגען א פאָר טריט, און אויסגעקניפּט. פאר מיינע אויגן האָבן א בליאסק געטאָן א פּאָר הארטע מטבעות, וועלכע האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שיר נישט אן אוצר מיט גאָלד, און שוין האָט דער שׂטן ווייטער אָנגעהויבן זיין ארבעט: „דו ווייסט, זאָגט ער צו מיר, וואָס דו קאָנסט דיר קויפן פאר אָט דעם געלט?“ און ווערט שיר שוין א בעל=רחמים אויך, — און אָנעסן דיינע הונגעריקע שוועסטערלעך און ברידערלעך?... אהער — אהין, וואָס טויג אייך לאנגע מעשׂות, אויב איר האָט אליין באנומען, וואָס איך האָב אייך ביז איצט דערציילט וועט איר אליין פארשטיין, אז איך האָב דעם נסיון נישט געקענט ביישטיין און — מיין איינציקער

געדאנק איז דעמלט געווען, צו זיין וואָס ווייטער פון דעם אָרט וו די מעשׂה איז געשען.

אָפּגעגאַנגען א היפּש שטיקל וועג, הויב איך אָן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער מעשׂה. סטייטש הויבט מיר אָן עגבערן אין מוח — וואָס וועט די מאַמע דערצו זאָגן? מישט זיך אָבער ווידער אריין דער גישט גוטער: „נאַרעלע וואָס דו ביסט, דו האָסט עס געפונען... וואָס איז — סע טרעפן זיך גישט אזעלכע זאַכן?"
און אזוי איז עס געבליבן. די מאַמע האָט דאָס אָנגענומען פאַר תורת־לאָקשן, און זיך דערביי צעוויינט, געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר זיין גרויס גענאָד וואָס ער פאַרלאָזט זי נישט מיט אירע קינדער און הלוואי אלעמאָל אזא געפינער.

3

און שוין זעצט פאַר ווייטער מיין פּאַרשוין. מיין ווייטערדיקער וועג איז שוין באַצייכנט געוואָרן, און וואָס דערנאָך איז געווען, קאָנט איר אייך פאָרשטעלן, וואָרום ווי זאָגט מען עס: סוף גנב... אָפּגעזעסן דאָס ערשטע מאָל פאַר א גנבהלע, האָט די מאַמע זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, נאָר איך זאָל איר שווערן ביים פאַרשטאָרבענעם טאַטן, אז איך וועל אוועקוואַרפן די שיינע פּרנסה און אָנהויבן ווערן א מענטש מיט לייטן גלייך.

מיט א גרינג הארץ האָב איך עס דער מאַמען צוליב געטון וואָרום אזוי לאַנג ס'איז געגאַנגען אָן שטרויכלונגען, איז ביי מיר געווען מהיכא־תיתי, אָבער דאָס זיצן איז מיר גאָרנישט ניחא געווען און איך האָב זיך ממש געשראָקן פאַרן געדאַנק נאָכאמאָל אריינצופאַלן. קורץ און גוט, איך האָב זיך געלאָזט אין וועג זוכן ערגעץ וו זיך שטעלן צו דער ארבעט, זאָל זיין וואָס פאַר אַן ארבעט ס'איז נִיט איז. וויזשע איז אָבער דער דין, אז וווהין איך בין געקומען, האָט מען מיך אפילו די שוועל נישט געלאָזט אריבערטרעטן? און איינמאָל האָב איך צו מיינע אויערן דערהערט זאָגן די ווערטער: „נאָר דאָס פעלט מיר א קעשענע גנב"... וואָס א שיינער ייד האָט מיר נאָכגעוואָרפשעט גלעטנדיק דערביי זיך דאָס גראָבע בייכל.

נישט גוט, האָב איך געקלערט, און די שבועה מוז מען האלטן און אָנטון צרות דער מאַמען גלוסט זיך אויך נישט, און

אליין ווילט זיך ווערן א לייט, מיט לייטן גלייך, ווי זאָגט איר נישט אזוי ?

זאָג איך צו דער מאמען — ווייסטו וואָס איך וועל זיך דורכגיין אין דער שכנותדיקער שטאָט, דאָרט קען מיך קיינער נישט, וועל איך באשטימט טרעפן ארבעט. געזאָגט און געטון. אָנגעקומען אהין, זיך דערפרעגט צו א פאבריק, אן אייגנס פון א יידישן גביר, בעט איך אים ער זאָל מיך צונעמען אויף ארבעט.

— „האָסטו פאפיר, יונגערמאן ? מע זאָל זען ווער דו ביסט ?"

מיין הארץ האָט אָנגעהויבן קלאפן פאר פרייד, אָט באלד וועל איך געהאָלפן ווערן, קלער איך ביי מיר, און דערלאנג אים מיין דאָקומענט, און ווי נאָר ער האָט אים אריינגעקוקט, האָט זיך זיין פנים אינגאנצן פארביטן, רויט געוואָרן פאר כעס, האָט ער א געשריי געטאָן, איך זאָל זיך די רגע זיך אָפּטראָגן פונדאנען, און מיר א שליידער געטון דעם דאָקומענט אין פנים אריין, איך האָב נישט געוווּסט וואָס אויף מיר איז נעפאלן פאר א צרה, און ביים אויפקגיין נעם איך און קוק אויך אריין אין דעם פאפיר, איך זאָל זען וואָס האָט אים אריינגעבראכט אין אזא כעס. פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן. דאָרט איז געשטאנען שווארץ אויף ווייס אָנגעשריבן : „פּראָפעסיע, קעשענע גנב!... דאָס האָט מען מיר אריינגעשריבן בשעת איך בין געזעסן פאר דער גנבה, וואָס מע האָט מיך דערטאפּט.

ביטער און זויער, אלע וועגן זענען פארשפארט, און צוריק אהיים איז אויך דער וועג אָפּגעהאקט. באזיגלט איז מיין גורל געוואָרן. סע האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער דערנער-וועג : כ'בין אריין אין קרימינאל, און ארויס פונעם קרימינאל.

ארויס פונעם קרימינאל און אריין אין קרימינאל... די מאמע האָט פאר ווייטיק אָנגעהויבן קרענקען און געשטאָרבן. פון די שוועסטער און ברידער האָב איך גאָרנישט געהערט, ווער דארף דאָס א ברודער א גנב ?... ניין איך האלט נאָך נישט ביים וויץ. נאָר אנטשולדיקט מיר, וואָס איך מאך שוין ווידער א פויזע, ס'איז נישט אזוי גרינג צו רעדן פון אָט דעם אלעמען. אז איך דערמאן זיך אין יענע צייט ווערט אין מיר פארקילט דער מאמעס מילך. א קלייניקייט, דאָס לעבן האָט ביי מיר געהאט שוין יעדן ווערט פארלוירן. אָפּטערס איז מיר געקומען אויפן געדאנק פשוט צו נעמען און באגיין זעלבסטמאָרד. אויס, אן עק, צו וואָס טויג מיר לעבן? איך האָב עס אָבער נישט געטון. נישט געהאט דעם מוט דערצו. א פנים אז ס'איז מיר נאָך באשערט געווען צו געניסן פון דער וועלט.

4

בשעת מיין לעצטע תּפיסה זיצן, זענען פּאָרגעקומען געשעענישן, וועלכע האָבן גרינגלעך פאַרענדערט דעם פּנים פּונעם לאַנד, איז שוין געווען ביי אונדז די פּאָלקס-רעפּובליק, און בין אַרויסגעגאַנגען פון דער תּפיסה, ווו איך האָב היבשע פּאָר יאָר „געוווינט“. אָבער וואָס פאַר א שייכות האָט עס געקענט צו מיר האָבן — האָב איך געקלערט, אַז איך בין אויף אייביק א פאַרפאַלענער, אויס געוווינהייט, בין איך מעכאַניש — פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות אָנגעקומען אויף יענעם אָרט, ווי מיין „אַרבעטספעלד“ איז געווען. גלייבט מיר, אַז איך האָב פאַר זיך אַליין דערשראָקן, דערזעענדיק ווו איך געפין זיך. וועט איר דאָך אוודאי פרעגן, וואָס איז געווען דער תּירוץ? גאָר פּשוט; סע וואָלט זיך געווען אוודאי איבערגעחזרט די אַלטע געשעפטן, וואָרעם וואָס טוט א מענטש נישט, ווען ער האָט א ליידיקן מאָגן? הא, נישט אַזוי? און אַזוי שטענדיק האָב איך זיך שוין אין דמיון ווידער געזען פאַרשפּאַרט אונטער די גראַטעס.

אָבער געשען איז גאָר עפּעס אַנדערש, אַזוינס וואָס אפילו אין חלום האָב איך עס מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אָט וועט איר ווייטער הערן: ווי איך שטיי אַזוי, אַרויסקוקנדיק זיך נאָך א קרבן, פּיל איך פּלוצלינג, ווי א האַנט באַרירט מיך לייכט אויף דער פּלייצע, און איינע שרעק זיך אויסדרייענדיק, האָב איך פאַר זיך א מין גאַנץ אומבאַקאַנטן מענטש, וועלכער האָט צו מיר אָן ווערטער, א ווינק געטאָן, ווי איינער רעדט: „קום מיט מיר“ נאָך איידער וואָס עפּעס. פאַרשידענע געדאַנקען פּליען דורך דורכן מוח: אומזיסט, זאָג איך צו מיר האָסטו דיך געפרייט, כאָטש אפשר נאָר מיט א סך זיין אויף דער פריי. נאָר קלער היינט, קלער מאָרגן; קיין ברירה האָב איך נישט געהאַט, בין איך מיט א קלאַפּנדיק האַרץ נאָכגעגאַנגען דעם מיר אומבאַקאַנטן פאַרשוין. דעם גאַנצן וועג, אַנו צו האָט ער צו מיר באַדיי איין וואָרט אויסגערעדט. איך אים פרעגן איז מיר פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט. „וועסט שפּעטער געוווירע ווערן, האָב איך זיך געטראַכט, קיין גרויסע גליקן וואַרט אויף דיר באַשטימט נישט“...

בקיצור, אַריינגעקומען אין א ביוראָ, הייסט ער מיר וואַרטן און אַליין פאַרשווינדט ער, ווי מע זאָגט אָן א זיי געזונט. ווי

איך בין אזוי געבליבן אליין, קלער איך מיר: „וואָס וואָלט געווען ווען דו טראָגסט זיך אָפּ פון דאנען? סע היט דיך דען עמיצער?“ איך האָב אָבער אין זין דעם „לאָמיר זען, וואָס פון דעם וועט ארויסקומען?...“ קיין סך ווארטן האָב איך נישט באדארפט. מיין פארשוין איז תיכף צוריקגעקומען, און מיט אים נאָך איינער, און מע פארבעט מיך אריין אין צווייטן צימער. מיין ערשטער פארשוין איז אויסגעווען די צייט, און מיר זענען געבליבן זאַלבעצווייט: דאָס הייסט איך מיט דעם נייעם פארשוין. וועלכער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און פארבעטן מיר זיצן פונקט אקעגן אים, אזוי אויג אויף אויג. דאָס אלץ האָט זיך אויפגעשפּילט מיט אזא גיכקייט, אזוי ווי אויף דער לייוונט אין א קינאָ. אוודאי איז דאָס אלץ פאר מיר געווען אינגאנצן דערווייל א רעטעניש.

אָן שום הקדמות מאכט צו מיר דער מענטש:

— יונגערמאן, דערציילט מיר עפּעס פון אייער לעבן. ווייסט איר, מאכט ער צו מיר, אזוי אָן שום צערעמאָניעס, שרעקט אייך נישט, אפשר וועט אייך דערפון ארויסקומען א טובה. וואָס ווילט איר וויסן — דאָס לעבן האָט מיך דאָך שוין ביז דעמלט פארהארטעוועט — אָבער אין יענעם מאָמענט, האָט מיך עפּעס באהערשט אזא מין געפיל, אז ס'איז מיר אויסגעקומען כאָטש נעם און צעוויין זיך, און — טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן, אזוי שטארק האָבן אויף מיר געווירקט די פּאָר ווערטער, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן מיט אן אויפריכטיקער ווארעמקייט.

א קוואל וועלכער איז געווען ביז איצט פארשפּארט האָט זיך געעפנט, און איך האָב אָנגעהויבן דערציילן פון מיין סאמע קינדהייט אָן, פון מיין טאטן, דעם שוסטער, וואָס איז פאר דער צייט פון דער וועלט געגאנגען, אלץ, אלץ האָב איך אים דערציילט, און האָב אויך נישט פארשוויגן ווי אזוי ס'איז געקומען דערצו, איך זאָל ווערן א קעשענע-גנב. אויסגעהערט מיך ביזן סוף, פרעגט ער מיך:

— נו, איר האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט זיך אָפּצולאָזן פון אָט דעם מיאוסן לעבן?

— געפּרוווט, ענטפער איך אים, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טון, אז ווי איך האָב נאָר אָנגעקלאָפּט, האָט מען מיך אוועקגעיאָגט ווי א קרעציקן הונט, און צי האָט עס דען אנדעריש

געקענט זיין, אז איך בין געווען א געצייכנטער פאַרן גאַנצן לעבן? ביי די ווערטער שלעפּ איך אַרויס מיין באַרימטן דאָקו־מענט, און ווייז אים אָן אויפן אָרט וווּ ס'איז פאַראַן שוואַרץ אויף ווייס די באַמערקונג: „פּראָפעסיע, קעשענע־גנבֿ". באַקוקט דאָס שיינע פּאַפּיר פון אַלע זייטן, ער האָט אים מיר מער נישט אָפּגעגעבן, דאָס באַהאַלטן ביי זיך אין שופלאָד, און צו מיר זיך ווענדנדיק האָט ער געזאָגט: „הערזשע איצט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: יענע צייט איז שוין אויף אייביק אַוועק, און איצט רעדט זיך נישט דערפון, צו איר ווילט אויפגעבן אייער פּראָ־פעסיע, נאָר איר מוזט זי אויפגעבן. דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין גוצלעבע בירגער, און אַזעלכער וועט איר ווערן".

זיך אויפהויבנדיק פונעם בענקל, מאַכט ער צו מיר: „קום מיט מיר". דעם גאַנצן וועג, האָב איך געהאַלטן אין איין קלערן: וואָס וויל ער טון מיט מיר? אַז מענטשן זענען אַזוי קאַרג אויף ווערטער... איצט פאַרשטיי איך עס שוין; ס'איז דער אַלטער כּלל: „רעד ווייניק און טו א סך". וואָס ווייטער איז געווען, לייענט זיך שוין ווי אין א ראָמאַן. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין א פאַבריק, וווּ איך האָב אָנגעהויבן מיין אַרבעט אַלס שוואַרצאַרבעטער, און סע האָט לאַנג נישט געדויערט, האָב זיך קוואַליפיצירט, געוואָרן א געלערנטער אַרבעטער, און אָט ווי איר זעט איצט — א דאַנק מיין טרייער אַרבעט — ווער איך געשיקט אויפן חשבון פון דער אונטערנעמונג, שוין דאָס דריטע מאָל אין די בעדער, כּדי צו ברענגען אין אָרדענונג מיין גוף, וועלכער איז אין די קרימינאַלן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. א נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן. כאָטש שוין נישט גאָר יונג, פיל איך ערשט איצט דעם טעם פונעם לעבן. אָט האָט איר א לעבעדיקן באַווייז דערפון.

ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען א בילד, — אָט דאָס, ווייזט ער מיר, איז מיין פרוי און אונדזערע צוויי קינדערלעך. און וואָס נאָך — גיט ער זיך א דערמאָן — אָט האָט מיר מיין פריערדיקן דאָקומענט מיט דער באַשעפטיקונג אַז מיין פּראָ־פעסיע איז א קעשענע־גנבֿ... איך האָב מיט שווערער מי, זאָגט ער, געפּועלט מע זאָל עס מיר צוריקגעבן, כּדי עס זאָל בלייבן ביי מיר אַלס אייביקער אָנדענק.

—וואָס ווילט איר מער; אז איך הייב אָן — בארעכענען, וואָס איך בין פריער געווען און וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן — אָדער געענדיקט אין אָסטראָג, אָדער אליין אן עק געמאכט פון מיין לעבן — און וואָס איך בין היינט, הויב איך ערשט רעכט אָן צו פארשטיין, אז נאָר די פאָלקס־רעפובליק האָט געקענט איבערמאכן איינעם וואָס איז פריער געווען א לאסט פאר דער געזעלשאפט צו א נוצלעכן בירגער פונעם לאנד...

— או־ווא, גיט ער זיך א כאפ; זיך פארעדט און גאָרנישט באמערקט, ווי דער צוג איז שטיין געבליבן. אט דאָ מוז איך דאָך איבערשטייגן אין אן אנדערן צוג... אָט ווארט ער שוין טאקע אין דער סטאציע... האָט מיר א גוטן, און האָט נישט קיין פאריבל, אפשר האָב איך אייך געשטערט צו כאפן א דרימל.

דער שיפּעט

הינטערן קליינעם בערגעלע,
עפּעס רינט און כליפּעט —
צווישן ווענט פון שטיינדעלעך
קוועלט דער קאַלטער שיפּעט.

הינטערן קליינעם בערגעלע
עפּעס טרילט און היפּעט —
מיידעלעך מיט קענדעלעך
פּלוידערן ביים שיפּעט.

הינטערן קליינעם בערגעלע
עפּעס קלאַפּט און סקריפּעט —
ייִנגעלעך פון חדרל
שפּילן זיך ביים שיפּעט.

הינטערן קליינעם בערגעלע
לויפט אָן — קוים וואָס זיפּעט —
א קעלבל פון משערעדע
זיך אָנטרינקען ביים שיפּעט.

הינטערן קליינעם בערגעלע
גאָגערט און סע משיפּעט —
קאַטשקעלעך און גענדזעלעך
באָדן זיך אין שיפּעט.

הינטערן קליינעם בערגעלע
דומפּטעט פריש און צוויטעט —
דער פרילינג פלאטערט אין דער לופט
און שפּיגלט זיך אין שיפעט.

פישל

ביי אונדז אין שטעטל איז באקאנט
„פישאלע", רב פישל
ער האָט פארשווינען אָנגעלייגט
אפילו אויף דעם דישל.

שטענדיק טראָגט ער וועסטעלע דריי
און שווערע שטיוול אין ליידן,
ער פירט די בריוועלעך אין זיי
און שטעלט צופרידן יעדן.

נאָך פון באָבע טאָלצעס צייט
איך—פארשטיי — זיין ·דראָשקע
מיט בינטעלעך ארומגעפּאקט
ווייזט זי אויס א קוואָטשקע.

זי האָט א גרויסן „אויבן אָן"
און האָט אויך אן „אקעגן"
וויאזוי מ'פאָרט מחיהדיק
זאָלט איר גאָר ניט פרעגן.

מ'אויקעט זיך, מ'טרעסעט זיך —
אָנגעלייגט מיט ווערער,
מ'שפּאַנט אביסל בארג ארויף
און מ'רעדט זיך דעריך.

לאנג דער וועג, די פערדלעך שוואך,
ברומט מען צו א ניגון...
פעלדער שמעקן פון ארום,
ס'איז א פארגעניגן.

דורכפאָרנדיק דאָס וואלד
מיטן ביסל סחורה —
פישל א געשפּראָכענער,
פישל האָט ניט מורא!

און אז אין שטעטל קומט ער אָן
(מיטן רבינס כוח)
ווערן זיינע פערדלעך פלינק,
אז ס'גייט א רויך!

רעשעטניקעס *

קוים איז נאָר
די נאכט פארגאנגען
און די שיינען זיך צעקניפּן,
שווערע טריט

---

* רעשעטניקעס: ווייץ־זיפּערס.

צו מיר דערלאנגען
פון געאיילטע רעשעטניקעס
מיט די גרויסע זיפּן.

ווייל אויף זיי
פול אָנגעשלאָגן
ווארטן ריזיקע אמבארעס;
און אהין
די סוחרים יאָגן —
וועגן לויפן און פארהורדן
נ'שטויב ווי שווארצע כמארעס.

דאָרטן שוין
די רעשעטניקעס
ווען די פלינקע הענט צעפירן,
פליען פונקען,
רינגען ריקעס,
בערגער גאָלד — א ממון קורח
רעשעטניקעס רירן.

און ווען שפּעט
דאָס גאנצע געפילדער
רעשט זיך אָפּ ווייל אָונט פאלט—
ווי די רוחות
שווארצער, ווילדער
זעען אוים די רעשעטניקעס;
און די ווייצן — רענדלער גאָלד.

וויפל גאָלד
פון אייביק בלישטשעט
צום פארדאנק פון „רעשעטניקעס"

אָט אזוי:
מ׳לעבט, מ׳מוטשעט,
איינעם קערן גאָלד אלץ טיטשעט,
איינעם טרערן, מיסט און ריקעס*.

קוים איז נאָר
דער טאָג פארגאנגען,
און די שאָטנס זיך צעקניפּן,
שווערע טריט
צו מיר דערלאנגען
פון געפּלאָגטע רעשעטניקעס
מיט די גרויסע זיפּן.

---

* ריקעס — טייבן שוויס.

צייט־געדאנקען

דעם מחבר פון „צוויי ברידער"
יצחק לייבוש פרץ
צום אָנדעק — מיט דרך־ארץ.

ס'וועט קומען א צייט, האָט דער נביא געזאָגט...
ס'האָט יעדער דור זיך זיינע טרוימער פאר דער אייביקייט.
זיינע דענקער, נביאים און פּאָעטן.
נאָר אונדזער דור געווינען האָט מיט זיין דערהויבנקייט,
ביי אלע דורות די געוועטן.
לאנג און אָן א סוף עס ציט זיך אויף דער וועלט
דער פּאָדעם פונעם לעבן...
נאָר ס'האָט אין קיין שום דור נישט אזא שוונג געהאט
דעם מענטשס געזאָגטקייט און זיין שטרעבן!
דורות־לאנג האָט נישט דער מענטש
געטיילט צו גלייך מיט ברודער מענטש
דעם לעבנס פריידן.
עס האָבן אין דעם זעלבן וואונדערלעכן הויז וואָס רופט זיך וועלט
געלעבט צוזאמען — מענטש און ברודער מענטש.
איינער, נאָר אין רייכטום, ווילטאָג, פריידן,
דער אנדערער, אין דחקות, נויט און ליידן.
און ס'האָבן די לבנה און די שטערן,
נאכט אויף נאכט, זיך צוגעקוקט, אומגערן,
ווי מענטש מאכט פון זיין ברודערס שווייס און בלוט, פאר זיך,
גאָלד און זילבער, פּערל, בריליאנטן, דיאמאנטן,
און מיטן כוח פון דעם וואָס רויבט
רייט ער מיטן גאָלד־זאק אויף זיין קארק.

עס האָבן אין א יעדן דור
די טרוימער, דענקער, נביאים און פּאָעטן
וועגן דעם געטראכט... געטראכט...
נאָר אונדזער דור פארמאָגט האָט פאר דער אייביקייט א טרוימער
וואָס האָט דערקלערט דער וועלט אין וואָס דאָ עס זיך האנדלט
און האָט דעם דורות־אלטן מענטשן־טרוים אין
לעבעדיקער וואָר, אין טאט פארוואנדלט.
ס'האָט ער, מיט זיין ליכטיקן סאָקראטעס־שטערן,
דערהויבן צו א סימבאָל פון אונדזער דור,
דעם פרייהייט־לויכטנדיקן־פייער־רויטן־קרעמל־שטערן.
הייגט. האָבן די לבנה און די שטערן
וואָס האָבן יאָרן טויזנטער געקוקט אומגערן
ווי ברידער מענטש מאכט פון זיין ברידער מענטשנס
שוויס און בלוט, פאר זיך
גאָלד און זילבער, פּערל, בריליאנטן, דיאמאנטן,
— די זעלבע שטערן און לבנה —
באקומען פון באפרייטן מענטש
א פּאָן פון גאָלד מיט סערפּ און האמער, קרעמל־שטערן,
אלס צירונג א מתנה.
ווייל אונדזער דור באוויזן האָט
אויף מער ווי א דריטל פון דער ערד,
כאָטש בלוט און לעבנס ס'האָט געקאָסט נישט קארג!

ס'האָט יעדער דור זיך זיינע טרוימער פאר דער אייביקייט
זיינע, דענקער, נביאים און פּאָעטן...

ס'וועט קומען א צייט, האָט דער נביא געזאָגט,
ווען יעדער וועט לעבן זיך רויק.
איין מענטש וועט פון צווייטן נישט ווערן געפּלאָגט.
נאָר פריידן, נאָר פרידן, נאָר גליק.
עס וועט קומען א צייט, א צייט אָן געוועין,
א צייט אָן מלחמות, אָן ביקסן און אָן שווערד.
מ'וועט שפּיזן צעברעכן און מאכן פון זיי
אקערס צו אקערן די ערד.

ס'האָט אונדזער דור דאָס גליק
דער רויבער־מענטש אראָפּגעוואָרפן פון דעם מי־מענטשס קאַרק
און ס'הערן זיך פון גאָלד־זעק־הערשער נאָך
פאַרדומפּענע מלחמה־רופן אויך נישט קאַרג.
עס גייט אָבער די צייט, ס'איז נאָענט די צייט,
און די נביאה וועט געשען.
ווייל אומעטום עס איז די פאַרב פון קוילן שוואַרץ
און ס'האָט די זעלבע רויטע פאַרב
דאָס בלוט פון יעדן קוילן־גרעבערס האַרץ.
טונקל איז אויף גאָר דער וועלט די שטומע נאַכט.
און ליכטיקערס איז נישט פאַראַנען ווי א קינד וואָס לאַכט.
ווען קינדער לאַכן, לאַכט די גאַנצע וועלט מיט זיי.
עס לאַכט די ערד, דער הימל, שטערן און די זון צום ברויט־פאַרזיי.
איינע איז אויף גאָר דער וועלט די לידער־שפּראַך.
און פאַר זיין גליק דאַרף דער מענטש נישט זייער א סך:
פריי צו זיין אויף זיך, זיין שאַפן און זיין טרוים,
ברויט און ווייַן אין הויז, ליבע, ליד, א בלום, א שאָטן פון א בוים,
צומאָל אויך א קאָנצערט פון בעטהאָווען און באַך.
איז דאָס א סך?

פאַר וואָסזשע זאָל גאָר היינט
ווען ס'האָט דער מענטש געמאַכט זיך וועג צו העכסטע הייכן
דער מענטשהייטס טרוים באַדראָט זיין
פון גאָלד־זעק־הערשער וואָס צוליב זייער רויב
פאַרוואַנדלט וואָלטן זיי די גאַנצע וועלט אין אַש און שטויב?
פאַר וואָס?

דער פרייער מי־מענטש פון אונדזער דור
— דער טרוימער פאַר דער אייביקייט —
דערהייבט זיין שלום־קול.
און קען דעם כוח פון זיין קראַפט — ער ווייסט
אַז אַלץ וואָס שיין און גרויס פאַראַן אויף דער וועלט
געשאַפן מיט זיין בלוט איז, מיט זיין שווייס.
אָדלעריש דערהייבט ער זיך אין זיין מאָנומענטאַלער גרייס
און דאָס וואָרט זיינס גייט פון מענטש צו מענטש,
פון האַרץ צו האַרץ, פון פאָלק צו פאָלק,

און עס דערנענטערט מענטש מיט מענטש, האַרץ מיט האַרץ
און פֿאָלק מיט פֿאָלק.
זײַן שלום־וואָרט גייט איבער ווי א ניגון
אויף ליפּן פֿון מיליאָניקע פֿעלקער.
עס רוישט אין כוואַליעס פֿון די ימען
און רוישן פֿון זאַנגען אויף די פֿעלדער,
פֿון בלומען אין די גערטנער,
פֿון בלעטער אויף די צווייגן,
ביז דער וואָס רופֿט: מלחמה,
וועט מוזן שווייגן!
עס גייט די צײַט, זי גייט!
אין אונדזער דור ווערט וואָר דער מענטשלעכקייט דורות־לאַנג
געטרוימטער חלום,
בליִען וועט אויף גאָר דער וועלט די בלום פֿון שלום.
און גרויס וועט זײַן די מענטשן־פֿרייד
— ווי גרויס —
ווען ווײַסע טויבן וועלן וואָרקען אויף א יעדן הויז.

פרילינגס־ליד

עס לאָזט אין פאבריק דער מאַטאָר זיך אין גאנג
און זשומענדיק רעדער זיך דרייען.
דיך רימענדיק, היימלאנד, מיט פריילער געזאנג
דאָרט נעבן זיי ארבעטער שטייען.

אויף פעלדער קאָלווירטישע פראכט דער טראקטאָר
און בראזדעס עס גראָבן זיך גרינג
אויף אים זיצט א מיידל מיט שווארץ־ברוינע האָר
און פון דיר מיין היימלאנד זי זינגט.

ביים הייזל אין טאָל שטייט א מאמע און האלט
איר קינד ביי דער ברוסט און ווינקט
און צערטלער גאָר איבער רחבות שאלט
פון היימלאנד איר ליד און קלינגט.

ארויף צו דעם וועלדל א טשערעדע גייט,
צו גרעזער דאָרט זאפטיק' און גרין',
מיין היימלאנד, פאר דיר פון פאסטעכלס פלייט
די טענער זיך פייעריק צי'ן.

דו האָסט זיך באנייט, סאָציאליסטישע היים,
און זיך צון א גאַרטן צעבליט
פון סטראָפן דיר שאפן א פרעכטיקע ריים
עס ווערט אויף דער דיכטער ניט מיד.

אוראלער סאָנעט

פּראָסט־פּאַרשטאַרטע העלע ווינטער נאַכט;
פלאַכן מיט בריליאַנטן ווי פּאַרזייעט,
שפּורעמווינט וואָס מעסערשאַרף ער ווייעט —
אוראַל, דו ווייטער, אָפּט פון דיר איך טראַכט.

פיר לאַנגע יאָר האָב איך ביי דיר פאַרבראַכט,
דאָ, וו סאָוועטן, וואָפן אויסגעשמידט
אויף צו דערשטיקן אין איר אייגן בלוט,
די ברוינע חיה, אין זיג־באַקרוינטער שלאַכט.

געשווינט ניט האָב איך קראַפּט און ניט געזונט,
און טויבע נעכט געבענקט נאָך ווייב און קינד,
ס'איז שווער געווען, נאָר ניט געקלאָגט האָב איך.

און ענדלעך, דאָ, דאָס וואָרט דערגרייכט האָט מיך
דאָס לאַנג געגאַרטע פון דעם נייטן מיי,
אוראַל, אוראַל, געגריסט מיר אייביק זיי!

בוקאַרעשט אין יום־טוב־קלייד

גרויסע שטאָט מיט שטראָזן ריינע, ברייטע,
אַספאַלטענע, צום האָריזאָנט געשטרעקטע,
ווי בעטן, פריש מיט לײַלעכער באַדעקטע,
פאַר אורחים ליבע נאָר וואָס צוגעגרייטע.

גרויסע שטאָט, א יום־טובדיק געקליידטע,
מיט פלעצער רויט באצירטע און בולווארן,
מיט מענטשן פול, מיט פאָנען און פאנפארן,
און פרייליכקייט אויף פנימער צעשפרייטע.

אָ בוקארעשט! היינט מעכטיקער ווי תמיד,
דיין ריטם האָט געפאקט מיך און דערהויבן
און מיך מיט פרייד געזעטיקט ביז צום ראנד.

פאריאָגט אויף שטענדיק אימה און אומעט!
אויף דיינע גאסן ט'זיך געשטארקט מיין גלויבן
צור שטראלנדיקער צוקונפט פון מיין לאנד.

בוקארעשט 1945.

אויטאָביאָגראפישער סאָנעט

ווי גוט פון קינדהייט איך געדענק די יאָרן,
מיט זייער שווערן פיין באלאָדענעם טראָט,
ווען אָפט געלאָזט אונדז האָט אויף גאָטס־באראָט,
די מאמע, ווען ז'איז זוכן ברויט געפאָרן.

טיף איינגעברענט אויף אייביק אין זכרון
זיך האָבן מיר פון קריג די שווארצע טעג,
און כאָטש פון דעמלט לאנג ביז היינט דער וועג,
פון זיי איך טראָג נאָך קענטיק גוט די שפורן.

א לערן־צייט א הארטע. מאן געוואָרן.
און ווידער אונדז דעם הימל קוים א קלאָרן
פארדעקט עס האָבן קריג און פיין און נויט.

אין ווייען האָט מיין ווייב א זון געבאָרן,
וויל קעמפן איך מיט כוח און מיט צאָרן
נישט אונטערגיין ער זאָל אין קויט.

דאָס ליד פונעם גאָלד און פערזן־שמיד

ווען אלץ אין מיר איז פול
פון טענער און געשטאלטן
און בענקט נאָך אויסדרוק, וויל
אין מיר זיך נישט מער האלטן —

עס טרעפט, אז מיט אמאָל
ווערט אָפּגעשטופּט מיין פען,
צונויפגעפרעסט מיין קול,
פארלאָשן ווערט מיין ברען

און מיר איך זיץ און ס'קאָן
קיין זילב פון קעל ארויס
און ס'איז מיין יעדער טאָן
אָנמעכטיקער מורמל בלויז...

דאן וואקסן כ'פיל דעם דראנג
צו שאפן מיט דער האנט.
און גאָלד נעם איך פון שאנק,
געצייג אראָפּ פון וואנט

און שמעלץ און האמער אויס
דאָס איידלע מעטאל, —
ביז פלוצעם א צעברויז
זיך טוט אָן א צעשאל

אלץ וואָס ס'איז שטום־פארקלעמט
געזעזן טיף אין מיר —
און שטראָמען אומגעהעמט
די שאפנס־פרייד איך שפיר.

איך פארם א רינג און זע
דאָס מיידל דאָ פאר מיר
און הער אויך דעם „הרי“
געפליסטערט שטיל צו איר,

איך גיס א בלום און פיל
איר זיסן דופט צוגלייך
און זע איר פארבנשפיל
בונט שימערנדיק און רייך,

און שמיד א קייט און ס'ווערט
מיר וואָרט איר יעדעס גליד
און וואָרט צו פערז זיך מערט
און גרינג די קייט זיך ציט —

אלץ וואָס מיין האנט באשאפט
ווערט זעאונג מיר און בילד
און צו מיין ליד די קראפט
(מיט ברכה אָנגעפילט).

1958.

מאיאקאָווסקין

ביים לייענען זיינע פּאָעמען
„אָקטאָבער" און „לענין"

דיר וואָלט מיין פאָרם אפשר נישט געפעלן,
דיר, גייע ווענן ווייזנדער פּאָעט.
זאָל לייען איך ביי דיר און זיך פאַרשטעלן?
ניין — נעם, איך בעט, אין גנאָד אָן מיין סאָנעט.

דיין ליד איז וועק־רוף, מאניפעסט, פּאמפלעט.
דיין פערז ער טאָקעט ווי מאשינגעווער.
און ניט פון יענע ביסטו, וואָס פארגלעט,
ווען ס'נייע זיך מיט פוילן ראנגלט שווער.

און האָט ווי דו נאָך ווער אין ליד דערהויבן
אָקטאָבער־טעג און איליטשעס געשטאלט,
באקלאָגט ווי דו דעם גאונס פריען טויט!?

שעדעווערס צוויי האָסט וונדערלעך געבויט
אי זיי, איז זיך — מיט זיי דיין נאָמען שטראלט
אויף דער רשימה פון אומשטערבלעכע גאנץ אויבן.

בלוט

ס'א שיינער קלאָרער זומערטאָג.
אין שטוב געזעסן שוין גענוג.
עס גלוסט זיך מיר אביסל גיין
און זען צי איז די וועלט נאָך שיין.
פארגאנגען זענען א סך יאָר.
זייט איך האָב דיך פארלאָזט נאמור.
היינט קום איך חברטע, צו דיר,
און דו דערצייל, דערווייל ווי פריער.

צום גריגעם וואלד פירט מיך מיין שריט,
דאָרט איז עס שטיל,—מיין הארץ איז מיד.
צו אן אלטן בוים איך לען זיך צו,
די שטילקייט גיט דעם הארצן רו.
דער הימל ווי קרישטאָל איז ריין.
איך גלויב כמעט די וועלט איז שיין.

דער בוים פול טרויער קוקט צו מיר
— „ווילסט אז דערציילן זאָל איך דיר?

די אויגן עפן, טו א קוק,
וואָס ס'איז געשען דריי יאָר צוריק
דאָס וועסטו זען,
דאָס גראָז איז נאָך פון בלוט ניט ריין".

סע גרוילט מיך און איך לויף צום פרוט.
איך וויל צום קלאָרן וואסער גיין
דאָס בלוט אָפּוואשן, ווערן ריין.

דאָס וואסער קילט דאָס הארץ וואָס ברענט
עס טראָגט און וויגט מיך ווי אויף הענט.
איך ליג, און שווים, די אויגן צו.
דאָס וואסער זינגט א מעלאָדי.

איך פיל זיך גוט, איך פיל זיך ריין
און עס דאכט זיך מיר די וועלט איז שיין.
נאָר אויף אמאָל דאָס וואסער רעדט,
עס זינגט ניט מער, מיך ניט מער גלעט,

עס זאָגט מיר — טו צו לאָנקע א קוק
דערמאָן זיך נאָר: דריי יאָר צוריק.
צום ברעג דאָרט טו א קוק אריבער
דערקענסט דאָרט די מאסן-גריבער?
מען זעט זיי ניט, דערקענט זיי ניט.
מען ווייסט ניט אז מען ליגט אין בלוט.
פון מיר וועסט ריינער דו ניט ווערן.
מיין וואסער איז נאָר בלוט, נאָר טרערן.

ווהין, ווהין זאָל איך נאָך גיין?
ווו איז די לופט נאָך קלאָר, נאָך ריין?
האָב איך א הויכן בארג דערזען
צו אים געלאָזט זיך גיין.

איך לויף דעם בארג ארויף געשווינד
איך לויף נאָך שנעלער ווי דער ווינט.
דער הימל לאכט מיר פריילעך צו,
איך גלויב מיין הארץ געפינט זיין רו.

איך ליג גאנץ שטיל, דער ווינט מיך גלעט.
איך ליג... איך הער... דער בארג ער רעדט.

און ער דערציילט וויאזוי די באָמבעס האָבן אים
צעריסן און געקוויילט
און אז הארמאטן האָבן אים
מיט פייער אָפּגעשיט
און אז זיין ערד פארמישט האָט זיך
מיט טייכן, טייכן בלוט.

ביי מיר אין שטוב, איך בין אליין
און קיינער הערט מיין טיף געוויין.
נאָר איצט, מיין קינד איז אויפגעוואכט
וויל ווייגען, אָבער, זעט, סע לאכט!
איך דריק עס היים צום הארצן צו;
זיין לאכן גיט מיר פרייד און רו,
און קראפט א נייעם וועג צו גיין
און גלויבן אז די וועלט איז שיין.

דער קאראימאן דערציילט

צווישן די הויכע קארפאטן,
ליגט זיך א טאָל אויסגעשפרייט,
דער קאראימאן* איז דער וועכטער
וואָס ביי די טויערן שטייט

* קאראימאן — מאסיווער הויכער פעלדז.

שיין איז עס דאָרט, א גן־עדן.
שטיל שאָקלען די סאָסנעס די קעפּ
ווען עס פינקלען אויף זייערע קרוינען
די זילבערנע, שנייענע צעפּ.

ס'איז קיל און ס'איז רויק דאָרט זומער
מען הערט נאָר דאָס ליד פונעם קוואַל
און הויך אויף די בערג עס פארמעסט זיך
א פלויער * מיט דער נאכטיגאל.

דאָרט צווישן די אוראלטע וועלדער
הויבט אויף זיך א פאלאץ פון שטיין.
דערציי‍ל זשע אונדז וועכטער, דערציי‍ל אונדז,
וואָס האָסטו אין פאלאץ געזען?

„געזען האָב איך דאָרט א סך רויבער
זיי זענען אייך אלע באקאנט,
דער גרעסטער געווען איז דער מלך,
וואָס געפּלינדערט האָט יאָרן דאָס לאנד.

זיי האָבן דאָרט אין די פּאלאצן
געפּרעסן, געזויפן, געלאכט.
שאמפּאניע האָט דאָרט זיך געגאָסן
אין טייכן ביי טאָג און ביינאכט.

און שפּעט, ווען דאָס רוישן פון וועלדער,
פארוויגט האָט אין דרימל דעם טאָל
די שטילקייט פון נאכט האָט געשענדעט
פון פרעכע שכורים דאָס קול.

---

* פלויער — פויעריש־הילצערן פייפל.

נאָר נאָענט פון דאָרט ליגן סאָנדעס
און אויך נישט זייער ווייט קוילן־שאכטן
נאָר ווייט איז פאר די וואָס דאָרט האָרוועו
די שיינקייט פון זומער פארנאכטן.

דאָרט ווערן די לונגען צעפרעסן,
דאָרט פילט מען פון דונער דעם טעם
דאָרט הויבן אָן פונקען צו גליען
וואָס וואקסן זיך אויס צו א פלאם.

עס פרעגן זיך מענטשן געגארטע
ווער גנבעט אונדז צו אונדזער לוין?
די שטים פון פארטיי גיט דעם ענטפער:
„באנדיטן אין שפיץ מיט דער קרוין".

דער שווייס און אויך אייער כוח,
דאָס ברויט אייערס, אייער געזונט,
דער מארעך פון אייערע קינדער,
שאמפאניער געוואָרן פאר הינט.

נאָר יאָרן א סך נאָך פארגייען
דער מלך בלייבט אלץ נאָך דער האר,
ס'וואקסן ביי אים די פארמעגנס
ס'וואקסן ביי די מאסן דער צער.

די תפיסות זיי ווערן אלץ פולער,
אלץ מעכטיקער ווערט די פארטיי,
אלץ שטורמישער ווערט דער רעוואָלט
דאָס פאָלק האָט פארבענקט זיך נאָך פריי.

דער כעס פון די ביטערע ליידן
געפולט האָט זיך ערשט ביזן ראנד,
ווען דער מלך און זיינע באָיארן
געפירט צו מלחמה דאָס לאנד.

געווען ס'איז אין ווינטער.
דער פראָסט איז געלעגן אויף פעלדער
און וועלדער צעשיט
ווען ס'האָט זיך א מעכטיקע שטים אויפגעהויבן
א שטים פול פון צאָרן צעגליט;

„ס'איז אונדזערס דער טאָל און דער
שאכט און די וועלדער
געגוג דאָס גערויבט איר געשענדט,
געגוג זיך גענערט מיט דער זעט פון די פעלדער
דער מי פון די ארבעטער הענט.

איר האָט ביי אונדז אלעס, יאָ, אלעס געגנבעט,
אפילו דעם זילבערנעם טייך,
עס וועט אייך דאָס לאנד נישט מער ליגן צופוסנס
נישטאָ מער קיין פלאץ דאָ פאר אייך!“

כ'האָב דעם קאראימאן אויפסניי באגעגנט
ער היט נאָך אלץ דעם פראכאָווא־טאָל.
ער אליין געבליבן איז דער אלטער
אין פאלאץ איז אנדערש ווי אמאָל.

טויזנט קינדער לאָזן אויף די בערג זיך
ווי די שוואלבן שטורמען זיי צור זון
זייערע לידער פלאטערן אין רוימען
ווי אויף דעם פאלאץ די רויטע פאָן.

מיט א פּויק וואָס קלאַפּט דעם טאַקט זיי שפּאַנען
עס באַוועגט זיך דאָרט א בלומען־פעלד.
מאַריאַרא האַלט ביים הענטל חנהן,
זיי געהערט דער מאָרגן, זיי די וועלט.

און דער קאַראַימאַן ער קוקט און שמייכלט
פול מיט ליבשאַפט איז זיין אַלטער בליק.
טומלט אייך און פרייט אייך קליינע בירגער
קינדער פון א פרייער רעפּובליק.

דער משכון

דו ביסט שוין לאַנג פון מיר אַוועק
שוין יאָרן לאַנג בין איך אַליין
איך האָב געליטן און געבענקט
און איך בין דיר געטריי געווען.

איך פרעג מיך היינט נאָך לאַנגער צייט
צי איז דיין טראַכטן אויך ביי מיר
צי האָסטו אויך אין לאַנגע נעכט
געבענקט, געוויינט, ווי איך נאָך דיר.

איך פרעג מיך היינט מיט ביטערקייט
אַז דו וועסט קומען מיר צוריק,
וועסטו מיר אַלין דאָס לעבן זיין?
וועל איך פאַר דיר נאָר זיין דאָס גליק?

צי איז מיין בילד אין הארץ דיר נײ,
צי אפשר שוין פארבלאסט און ווייט?
צי אפשר האָט אן אנדער בילד
מיך שוין פארטריבן פון דיין זייט?

נאָר אויב דאָס אנדערע פרעמדע בילד
האָט מיך פארטריבן פון דיר הײנט,
אין הארצן בלייבסטו אלץ מיר טרײ
מיין מאן, מיין חבר, און מיין פריינט.

איך וועל פארשטיין, וועל מוחל זיין,
אז דו וועסט קומען מיר צוריק.
איך ווייס ווי שווער ס'איז מיר געווען
ווי ס'האָט געבענקט מיין הארץ נאָר גליק.

נאָר וואָס עס זאָל ניט זיין געשען
וועסט קומען דו צוריק צו מיר.
דו האָסט א משכון מיר געלאָזט:
דיין קינד, דיין זון, א שטיק פון דיר

געזונגען געוואָרן אין טראנסניסטריע.
טראנסניסטריע 1943.

די קעמפער

ס'איז געווען אין יענע שווערע צייטן
ווען ס'האָט גריוויצא דאָס לאנד געוועקט.
האָבן אונדזערע בעסטע זין און טעכטער
דער פארטיי די האנט מיט פרייד געשטרעקט.

איז די העלדן אונדזערע אויך געקומען
זיך אין קאמף געוואָרפן פול מיט מוט
און געשטאנען איז זי אויפן פּאָסטן,
טאָג און נאכט, און קיינמאָל ניט גערוט.

אין א טונקלען קעלער אויסבאהאלטן
מאניפעסטן האָט זי צוגעגרייט.
וואָס מען האָט זי דאן אין די פאבריקן
און אין דערפער טויזנט=ווייז פארשפּרייט.

ס'האָט דער שׂונא לאנג אויף איר געלויערט
און צולעצט אין זיין נעץ געפאנגען,
ליגט, א נישט געבראָכענע זי אין תפיסה
וועט דער פיינט אויך דאָרטן קלעפּ דערלאנגען.

. . . .

פארן קריגס=געריכט זי שטייט א דרייסטע,
כאָטש פארפייניקט און צעשלאָגן שווער,
הויך דעם קאָפּ זי האלט און קוקט אָן פּחד,
נישט געטריבלט איר אויג איז פון קיין טרער.

יאָ, זיי האָבן מורא פאר איר די גזלנים
און דערפאר די קייטן גרייט מען צו,
נאָר אין קייטן איז זי פון זיי שטארקער
ווייל מילאָנען ווילן דאָס וואָס זי.

ס'איז דער אורטייל שוין געבראכט געוואָרן
יאָרן זעקס געגעבן האָט מען איר.
יאָרן זעקס אין תפיסה וועט זי ליגן
זיין בארויבט פון אלץ וואָס ליב איז איר.

מיסלעא, דעווא, גרויסע שוואַרצע תפיסות
ווער האָט זייערע נעמען נישט געהערט?
דאָרטן האָט זי יאָרן לאַנג געליטן
דאָרט געוואָרן איר געזונט צעשטערט.

נאָך אויך דאָרט האָט זי א שול געפונען
און פיל חברטעס געטרייע פריינט,
ס'האָבן דאָרט לעֶנינס קלאָרע ווערטער
זיי אין גלויבן פעסטער נאָך פאַרייניט.

ס'האָבן מארקס און ענגעלס גרויסע לערעס
קלאָרער זיי געוויזן נאָך דעם וועג
וואָס ער פירט צום ציל, וואָס ער מוז ברענגען
יענע שטראַלנדיקע פרייהייטס־טעג.

בלייבט א שטאַרקע זי אפילו אין קייטן,
ז'איז א שטאַרקע צווישן תפיסה־ווענט
ווייל זי ווייסט: זי איז א טייל פון גרויסן
אומבאַזיגטן קעמפער־רעגימענט.

. . . .

דאָרט אין דער תפיסה דער אַלטער,
מאַטערן זיי וועכטער צום טויט,
בענקט עס זיך נאָך מער נאָך פרייהייט
ווי עס בענקט זיך נאָך ברויט.

האַרט איז דאָס לעבן אין תפיסה,
שטענדיק איז אומעטיק קאַלט,
בענקט זיך נאָך פרילינג, נאָך בלומען,
נאָך סאָסנעס נאָך גרינע, נאָך וואַלד.

בענקט מען צו הערן א לאכן,
וואָס קומט פון א הארץ פון א קינד,
בענקט מען געגלעט שוין צו ווערן
פונעם היימישן ווארעמען ווינט.

. . . .

ווערט עס אין תפיסה אַלץ שלעכטער
שלאָגן אַלץ ווידער די קנעכט:
הייבן אָן שטרייקן די פרויען
מאָנען מער ברויט און מער רעכט.

פאסט מען דאָרט לאנגע מעת-לעתן,
ליגט מען פארחלשט, פארשמאכט
אָבער מען גיט זיך ניט אונטער:
קעמפט אויס אין תפיסה א שלאכט.

פון אזויפיל הונגערן און ליידן
פון אזויפיל שווערע הארטע טריט,
איז די העלדן אונדזערע קראנק געוואָרן
אָנגעהויבן האָט זי שפייען בלוט...

שווער און לאנגזאם ציען זיך חדשים.
יאָרן זעקס אין תפיסה זענען לאנג,
אויסגעטרוקנט איז איר גוף געוואָרן
און איר מוח מוטשעט איין געדאנק:

וועט זי ווידער נאָך די פרייהייט גריסן?
פאר איר ווידער קעמפן ווי אמאָל?
און זי גלויבט עס וועט אויך דאָס געלונגען
ווייל איר ווילן שטארקער איז ווי שטאָל.

איצט איז זי א פּשוטער זעלנער
וואָס אין גרויסן אַרבעטס־פראָנט שטייט.
פֿאַרן היינט און דער ליכטיקער צוקונפט
זי אַרבעט, מיט אימפּעט, מיט פֿרייד.

און אייביק וועט געבן דעם כּוח
דעם לאַנד אירן זי געטריי,
און שטענדיק מיט שטאָלץ וועט זי דינען
דעם קלאַס אירן און דער פּאַרטיי.

ווערע ווערט א חבר

(פראגמענט)

...פון זיינע קינדער יאָרן געדענקט ווערע א טונקלע וואנט, א הינקענדיק דרייפוסיק דובאָווע בעט. פון בעט בליכט זיך ארויס, ס׳בלאסע געזיכט פון זיין קרענקליכן, יאָדעשליוון פאָטער.

ווערע אליין א פלינקפיסיק צעוויוועט יאטל ווען ס׳גאנצע שטעטל האָט אי ליב אי פיינט:

ליב — פאר זיין „חכמה" און „אלטן קאָפ".

פיינט — פאר זיינע שטיפערייען און צעלאָזטקייט.

ס׳באָמבלען זיך אים נאָך איצט אין קאָפ א פאָר „צונעמע־נישן" פון יענע צייטן:

די מאמע — פוצעפינדריק.

דער טאטע — גוילע.

געצי דער גביר — בייסטרוק

די געציכע — פיסקליאָט.

ווערע היינט צו טאָג:

א יונג א ברייטפלייציקער, א פעסטער, מיט א קוטשעראָווע — ממזריש פארקעמטער שעוועליור.

אויגן — צוויי בלאָע הימלען.

הענט — צוויי האמערס.

זייט זיין טאטע איז געשטאָרבן, וווינט ער מיט זיין מאמען אין א קליין שטיבל ביי געצי דעם גביר. ארבעטן ארבעט ער ביי שמואל קאָוואל אין דער קוזניע און יענער קען זיך נאָרנישט אָפלויבן פון אים:

— ס׳רעדט איר, ס׳א יונג מיט „גילדענע הענט". דאָס שטערט אים אָבער נישט ער זאָל אים אלעמאָל „אָפציפן" פון זיין לוין אָט צוואנציק, אָט דרייסיק ליי, פארגרעסערנדיק אים גלייכצייטיק די ארבעטס־שעהן, אָנטשעפנדיק זיך דערביי אין זיין זייגער:

— א זייגער איז ביי דיר וועט אייסער וואָס? ס'איז נישט קיין זייגער, ס'אַטשוואָק, ס'אדראָמביטש, פּאָלג מעיר, דו וואַרף אים ארויס אף א ריין אָרט.

וועווע באַקוקט אים פון קאָפּ ביז פיס, א מינוט, צוויי; אזוי אז ביי יענעם ווערט דער מאמעס מילער פארגליווערט און א כמורנער רעדט ער זיך פאמעלער:

— הארעב שמואל, איר טי גערענקען אז ס'עט אייך באנג טון, מעיר פירט מען נישט אין באָד אריין...

וועוועס ליבעס.

פון דעם נעפּל פון זיינע פרי־יונגעלשע יאָרן רונדלען זיך ארויס צוויי ווייס־מילכיקע ברוסטלער, בלאָווע, פייכטע זשמורענ־דיקע אייגעלער און א חוצפהדיק־פאַריסן נעזל — נאַסטאַסקיע.

ווי צוויי פארוואָרלאָזטע אָן טאַטע־מאַמעדיקע יאַטלער האָבן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן וועוועס און נאַסטאַסאקיעס היימען, איינגעקוטעטע אונטער א שטרוידאכיקן געהיל. זענען זיי אזוי זיך געשטאַנען סעראַפים באַנדערם און אהרן דעם מיל־ארבעטערס „פאַלייעס" איבערגעצוימטע נאָר פון א צעלאָמטע פריטיעדיק פלויטל, וועלכעס פלעגט „בשעת־הדחק" פארשטאָפּן דאָס מויל פון א נאָך האָלץ הונגעריקע הרובע.

האָט זיך עס יענער פרילינג צעבלאָוועט מיט אזעלכע בלאָענקע נעכטלער — א מחיה!...

מ'פּליט אריבער דאָס פּלויטל, מ'סטיקעט אָן ביי סעראפימען אין פענצטערל, ס'צערימפּלט זיך א טיר און ס'שאַרט זיך ארויס א בלאָנד־האָריק קעפּל — נאַסטאַסקיע.

שטיל... שטערן — ווי פישעלער פליוסקען זיך אין דעם הימל־שיסל. די לבנה קוקט אראָפּ ווי א ווייס־געקרייזלט צעמעקעטע לעמל פון הימל.

נאַסטאַסקיע האַלט אים ביים איינציק פארבליבענעם קנעפּל פון זיין רעקל — א טייל פארשפּילטע, א טייל אָפּגעריסענע. זי כיכיקעט:

— וואָווקא כ'בין א שיקסל.
— ביסטו.
— און דו ביסט א זשידעקל.
— בינעך.
— און טאַטע־מאמע וועלן אונדז אָנבויקערן.
— זאָלן זיי פּרוון.

און... „איי, איז דאָס געווען א שיקסל“, ס׳קאַראַבעט אים נאָך איצטער ביים „הארץ=ליפעלע“ ווען ער טוט זיך א דערמאָן אין איר.

די „איינגנטימערן פון זיין הארץ„ איז כייקעלע די נייטאַרקע. געשען איז עס אזוי.

פארקיסיענדיקע אָסיענדיקע נאכט.

איז אָט, האָט זיך גלאט אזוי זיך אין יענער מרה=שחורה=דיקער נאכט ארויסגעשלעפט איבער דער קלעפיק=גערדיכטער בלאָטע מיט א וואָיענדיק פון בענקעניש הארץ, וועווע. ס׳הייסע בלוט האָט זיך אים געקולקיעט אין די אָדערן בול בול און ער האָט געהאלטן אין איין טאָפּטשען איבער די פארבלאָטיקטע, אויסגעלאָשענע געסלער.

מיט אמאָל האָט ער דערזען, ערגעץ פון א „ליקל“ טראָגט זיך הענדום=פענדומדיק ווי א „רוח א מלמד“, דאכט אים, כייקע בערטשיק סטאָליערס שניידער מיידל.

— ס׳ליפּטצע אזוי!... האָט עס פון אים נישט ווילנדיק ארויסגערופן.

— א!?... איר וועווע!?... האָט זי זיך פריילער צעלאכט. אזוי, זי איז געווען אין א קרייזל וו מ׳האָט „דיסקוטירט“. נו איז מען עס זיך פארזעסן אביסל שפּעטלער. האָט זי א חבר דווקא געוואָלט אונטערפירן, האָט זי אָבער געוואָלט ווייזן, אז זי איז א דרייסטע, האָט נישט מורא צו גיין אליין נו, פרעג שוין נישט, איז איר שיר נישט „ארויסגעפאלן“ די נשמה פאר שרעק. איז אויב וועווע וויל, ט׳ער זי ביטע, אונטערפירן אהיים.

וועווע... עפעס האָבן אים אירע „לעטיעראַרישע“ ווערטער אזוי איבערגעראשט, אז ער האָט זיך אזש שיר נישט ספּאָטיקעט, ער האָט אָבער נעקריגן קוראזש, זי גענומען אונטערן אָרעם און געגאנגען, נישט געגאנגען נאָר „געפלויגן“.

זי האָט א סך גערעדט, סאמע אזעלכע „טשודנע“ ווערטער “פארטיי“ “געזעלשאפט“, „בורזשואזיע“.

פארבייגייענדיק פארן הויכמויערנדיקן נגידישן הויז וועלכעס עס האָט אזוי הויכשטאָקיק גאווהדיק ארויסגעשטארצט צווישן דעם ים איינגעקוצורובעטע שטיבלעך — האָט זי טייטלנדיק אויף מויער און הייזלעך א זיפץ געטאָן:

— דאָ לעבט מען און “דאָרט“ לעבט מען. וועווס פארגליווערט געוואָרענע צונג האָט זיך א ריר געטאָן און ער האָט אויסגעקנאקט.

איך זעט זיי מיט זייער גאַנצער נגידישקייט האָבן זיי ביי מיר דערוועקט א פו.. פו... פו... ס'זאָל זיך מיר איצט א וועלטאָן צעקנייטשן איך זיי אַלע די פענצטער.

. . . .

אָוונטלעך. איך טאַטע בענטשיק סטאָליער שטייט אין מיט סטרוזשקעס איבערגעפּולטן פאָדערשטיבל און הובלעוועט. די מאַמע א באַבריליטע זיצט ביי דער הרובע און מערעזשעט א זאָק. אין צווייטן צימער הודעט דער ניימאַשין, כייקע נייט און וועווע קוקט אריין אין א "בלאַט" א מידער פון דער שווערן ארבעטס־טאָג, מישן זיך פאר אים אוים דיפּלאָמאַטן, פּאָלי־טיקער, מערדער, גנבים אין איין קאשעפּאַזיע...

דער שלאָף מוטשעט אים און ער טראַכט איבער אז ס'זאָל נישט מיט אים געשען א מיאוסע זאך, ער זאָל נישט איינשלאָפן...

איי, האָט ער זיך דעמלט פיינט...

אין אַזעלכע פאַלן — ווייסט ער — גיט זי אים גוטמוטיק א טאָרקע אויף. נעמט אים אַדורך מיט אירע שפּיזלדיקע קלו־גינקע אייגלעך און צעביכיקט זיך:

— איי, וועווע, וועווע, ביסטו א פּעפּער.

איצט... איך הענטל לויפט אַרום אַזוי געשווינדיק אין זיין פּעכשוואַרצער שעוועליור, אירע אייגעלעך — גאַכטפּייערלעך — שפּריצן פונקן, דאָס אויסגעדייוועט גופל אירס צעיזאַקסט זיך אַזוי, הויך, הויך און פון אירע ליפּן פאַלן בריענדיקע רייד: „סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן זיי געהייסן יענע צוויי אמעריקאַנער ארבעטער, פּייערדיקע חברה... נו, האָט מען עס זיך פאַרנעמען זיי אומצוברענגען, א גאַנצע וועלט „האָט זיך געקאָכט... און צום סוף האָט מען זיי געטייט..." א צעשווימטער, מיט ביכיקע טריט איילט וועווע אַהיים... ס'איז שפּעט... די דרעמלדיקע שטיבער קומען אים איצט אוים אַזוי קאַרליקאָוואַטע קליין. וואָס ווייסן זיי פון א וועלט? טראַכט ער ביי זיך. פרעסן, כערן און שטינקען ווי די נבלות. ס'פּאַרא פאַרדריפּעט שטעטל... גיט ער זיך בייז א צעסטיקע אין דער טיר, אַזש דער מאַמען זיינער כאַפּט אָן א טויט־שרעק.

„די וואָך" נומער 13 — 1934

דער הונגער

כ׳בין דאָס אורגעשפּענסט פון צייטן.
אויסגעוואקסן אינעם לעבנס זומפּיקן אָקעאן —
איך בין דער הונגער!
כ׳בין דער אָרעם וועלכער נעמט ארום דעם ערד=באַל
און יעדן טראָפּן פרייד פאַרשלינגט,
און מיט גיריק ווילדע וואַמפּיר=ליפּן
דאָס בלוט פון לעבן טרינקט.
כ׳בין דאָס כאָרכעלן פון שטאַרבנדיקע דורות
דער לעצטער זיפץ פון קיינעם נישט דערהערט.
כ׳בין דער וואָרגער פון יעדן ווערן
די בלייבע קללה פון דער ערד.
איך בין דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער
אין פייכטע שטיבער אונטער פוילע דעכער.
איך בין דער צער פון פּנימער פאַרקרומטע
כ׳בין ציינערקריצן פון קעלערלעכער.
איך בין אין פרעכן לאַד פון אָפּגעפּאַרבטע גאַסנמיידלעך
אין מידן ניגון צווישן ווערקשטעל=ווענט,
איך בין די קאַלטע פראַגע אינעם בעטלערס אויגן
און כ׳בין אין שטום פאַרבראָכענע מאַמע=הענט...
איך בין צערשטערער פונעם שענסטן חלום
איך בין דער זיגער איבער אייער טון,
און וויל איך צעשמעטער איך די מויערן
און ווער א מעכטיק=ברויזנדיקער טייפון
און וואַרף מיך א צעווילדעוועטער איבער שטעט און גאַסן
און צינד אָן ווי א פאַקל אומגעדולד פון מאַסן...
איך בין דער הונגער.

דערשינען אין „די וואָך“ נומ. 26
דעם פינפטן סעפּטעמבער 1934.

אספאלט

ווי ברענענדיקע פריטעס פאלן די שטראלן
פון גליענדיקער זון אויף אונדזער מידער געשטאלט.
מיר מוזן די ערד קנעטן, פון מיאוסקייט באפרייען,
קניען מיר, צונויפגעקאָרטשעט אין דרייען
און גרימירן די צורה פון גרויסשטאָט־שטראָזן
מיט הייסער שווארצער דאמפיקער שמינק
מיט אספאלט
מיט אספאלט.

פאָרנט און הינטן פארשטעלן דראָנגען דעם וועג
רעכטס און לינקס שטייען הייזער שטום, טעמפ און קאלט
און דראָנגען און הייזער און מורא פאר הונגער
האָבן זיך פארבונדן געוואָרן אונדזערע וועכטער
און פאר די פיס קאטשען זיך מיט א שטומען געלעכטער
אונדזער גורל־אספאלט...

מיט די ציינער צעקריצן מיר דעם צער פון אונדזערע קינדער
וען (פון קעפ טיף געבויגענע פון מאמעס) עס פאלט
אויף זייערע מאָגנעגדיקע הענטלעך א טרער נאָך א טרער.
נאָר דאָס זעט איר נישט הארן! מיר מיט פנימער פארשמירטע
זענען אין אייערע אויגן נאָך באוועגלעכע, מענטשלעכע
שטיקער אספאלט.

און האָבן מיר נאָך יאָרן די כוחות פארלוירן
עס ציטערן די הענט שוין און מיר ווערן אלט
דאןווארפט איר אוועק אונדז, מיר בלייבן אויף הפקר.
וואָס קען עס אייך נוצן ווען איר וועט אונדז דערהאלטן?
ווער דארף דען נאָך קאלטן, פארטריקנטן, אלטן
אספאלט?

מאניפעסטאציע

ווער זענען די רייען פון העלדן וואָס שפּאַנען,
און שטראָמען ווי כוואַליעס, ווי פייער־קאָלאָנען,
וואָס ברענגען אקאָרדן און ארבעטס־געזאַנגען,
פון אָנגערוים אייזן פון צייטיקע זאנגען?
ווער זענען די העלדן מיט פייער־געזיכטער,
מיט אויגן וואָס ברענגען און לייכטן ווי ליכטער —
ווער זענען?

זיי זענען די טרעגער פון זיגרייכע פאָנען,
וואָס שווערע און ביטערע צייטן דערמאַנען,
אין פעלדער, אין שאכטן, אין ריזן־פאבריקן,
אין שטעטישע גאסן אין דאָרפישע ליקן.
זיי זענען די שעפער פון וואָרט און פון קלאנגען.
דער אויספיר פון מענטשלעך גערעכטע פאַרלאנגען —
זיי זענען.

זיי קומען פון שווארצע ערדישע לעבער,
מיט לייטענע בליקן מיט שטרויענע דעכער,
פון פינסטערע צעלטן, וו מ׳פלעג זיי פארנארן
אמאָל דער באַיאר, און אכזרישע הארן
וואָס פלעגן דעם שווייס און דאָס בלוט זייערס נוצן,
פון אָרט פון די ליידן, פון ציינערנעם קריצן —
זיי קומען.

זיי גייען געריימט אין ארמיי פון ערשט־מייער,
באגריסן מיט פויסט מיט פארמאכטן די באפרייער.
ס'איז זייער פרייהייט דער הויפט, דאָס פארמעגן,
פאראקערן, זייען זיי, פרייהייט. א קעגן —
דער זון, וואָס דער מזרח וועט אייביק שוין זאָרגן,
זאָל אויפגיין און לייכטן אויף וועג פון דעם מאָרגן —
זיי גייען.

ליד וועגן שלום

מיר האָבן אין פייער פון צוויי וועלט־מלחמות
געפלאנצט די צווייגן פון פריד.
מיר האָבן אין קייטן פון מחנות־קרבנות
די נעגל פון שלאבטן געשמידט.

מיר האָבן געמאָסטן מיט מיילן די ווונדן,
געוויגן — מיט דריימען — דעם וויי
מיר האָבן דאָס קול פונעם שלום געצינדן,
געלאָשן ס'מלחמה־געשריי.

מיר האָבן געבויעט אויף אייזן דעם שלום,
אויף קאָרן, אויף סטאדעס מיט שאָף,
מיר האָבן געשראָקן די שונאים אין חלום,
צערודערט, געשטערט זיי דעם שלאָף.

מיר האָבן דעם שונא דעם מערדער געצוווּנגען,
אַליין צו פאַרדייען זיין גיפט.
מיר האָבן פון טויטן, פון גרויליקן זינגען —
פון קראָען געלייטערט די לופט.

מיר האָבן פון הערצער דעם פרידן געשפּינען,
געוועבט פון געוויסנס זיין רוף.
מיר האָבן אין שלאַכטן דעם פרידן געוווּנען
און טראָגן אין הארצן אים טיף.

מיר האָבן באַוואָפנט די פריד־פּאַרטיזאַנען,
און צוויי מיליאַרדישער צאָל.
מיר האָבן געלערנט די ווערטער וואָס שיינען
אין מאַרקס, אין לעניניש שול.

מיר האָבן געקעמפט פאַרן ברויט, פאַרן לעבן,
פאַר אַרבעט, פאַר דעם וואָס זי שאַפט.
מיר האָבן געשטרעבט ביז איצט און מיר שטרעבן,
פאַר שלום מיר אַרבעטער שאַפט.

מיר האָבן געקעמפט קעגן העסלעכע הענקער,
קעגן פינצטערע קרעמער פון טויט.
מיר האָבן געזיגט און מיר בלייבן אָנהענגער,
פון שלום, פון פרייהייט, פון ברויט.

בריגאַדירן־פֿאָלק

בריגאַדירן פֿאָלק, דיין לייב —
אָפּגעברענט פֿון זון, איז שוואַרץ.
דאָך איז לויטער דיין געמיט
און ס'איז ריין און קלאָר דיין האַרץ.

בריגאַדירן פֿאָלק, דיין הײם —
איז פֿון טענענהאָלץ געבויט.
דאָך איז דיין געלעגער גראָם
און דיין טיש געשטאָקט פֿון ברויט.

בריגאַדירן פֿאָלק, דיין וועג —
איז פֿון הויכע בערג פֿאַרצוימט
דאָך פֿאַרשווינדן זיי ווי מיסט
פֿון דיין פֿעסטער האַנט געראַמט.

בריגאַדירן פֿאָלק, דיין ציל —
ווייזט אין נעפּל אויס, נאָך ווייט.
דאָך איז ער שוין אַזוי נאָענט
אַז ער יאָגט אַרויס די צייט.

די קיך

(פון א גרעסערער דערציילונג)

...א גרויס האלב פינצטערע זאל, וואָס גיט דעם אָנבליק פון א תפיסה איבער די גרויע דורכגענעצטע ווענט און באגראָטעוועטע פענצטער.

אויסער ארבעטער מיט פארפראָשעטע פנימער, פון נאָענטע פאבריקן, און בלייכע נייטאָרנס, מיט נישט אויסגעשלאָפענע געלע פנימער, פון שכנישע ווארשטאטן, קומען אויך עסן גנבים, שלעגער און אנדערע אונטערוועלט מענטשן מיט קעפקעס אויף א זייט און לאנגע באקן-בערד. די אויגן בייזע, רויטע, נישט אויסגעשלאָפענע אָדער אונטערגעשלאָגענע. ביי די טישלעך און ארום לאנגע טישן זיצן גאסן-מיידלעך מיט שווארץ אונטערגעפירטע אויגן און ליפן געשמינקטע אזוי רויט און אזוי מילד אז די פארב רינט אזש אריבער און ווערט ענלעך צום סאָוס אין די טעלער פון וועלכע זיי עסן. זיי רויכערן, כראקען, הוסטן און טרינקען א סך וואסער צום לעשן דעם דורשט נאָך דער פארגאנגענער נאכט פון זנות, ווייַן, קלעפ אזש די שטאָק פינצטערניש האָט זיך צוזאמען געקוילט פון שרעק איבער זייערע קווייטשערייען.

איצט לאכן זיי א סך.

יאדען זיך צווישן זיך און שיקן אריבער צו אנדערע טישן זידלערייען און גראָבע ווערטער. די לופט קניפט זיך צוזאמען מיט ציגייערן רויך. דורך דעם אָפענעם שאלטער פון דער קיך ציט ארויס א ווייסער ווארימער וואָלקן פארע און טראָגט זיך איבער אלעמענס קעפ, פארהענגט די פענצטער, בלייבט הענגען אין דער לופטן און זעצט זיך אויף די גרויע, דורכגענעצטע ווענט וואָס טרערן מיט לאנג אראָפרינענדיקע טראָפנס.

אין א ווייסן, נאָר שוין קויטיק געוואָרענעם, איבערצי, שטיפט זיך צווישן די טישלעך דער צעשויבערטער קעלנער מיטן קויטיקן האנטוך אונטער א אָרעם און מיט א טעלער אין וועלכן די

מאכלים דאכטן אויס ווי זיי שווימען אום אָדער קווינטשען אין די טאוועס אז מען פרעגלט זיי אין בוימאייל אָדער חזיר־שמאלץ. אזא שארפער ריח טראָגט זיך אין דער לופטן און פארמישט זיך מיטן שוויים און היץ וואָס שלאָגט פון אלע זייטן.

אונטער די פיס גליטשעט זיך די קויטיקע בלאָטיקע בריק. א זשום, א הו־הא טראָגט זיך איבער אלעמענס קעפּ און פאר טשעפּעט זיך מיטן קלאנג פון טעלער, גאָפּל און לעפל, העכער אלעמען טראָגן זיך די קולות פון א ווינקל טישל ארום וועלכן ס'זיצט א קאמפּאניע ארבעטסלאָזע מיט שווארץ באוואקסענע פּנימער, היטלעך אין א זייט, און שטיקלעך ציגייערן וואָס גייען איבער פון מויל צו מויל...

. . . .

זי איז נישט זעלבסטשטענדיק אָט די זאל.

ס'איז די אונטערשטע אָפּטיילונג פון א געביידע מיט גרויסע צעקראצטע שטיינערנע ווענט וועלכע שטייט אין געזעלשאפט פון אנדערע אזעלכע הייזער מיט פארווישטע שויבן און א סך קעלער־ווינונגען.

פון די דאָזיקע קעלער־ווינונגען טראָגן זיך ריחות שווערע וואָס כאפּן דיר ארום דעם האלדז און שלאָגן אָן מיט א שלעכ־טיקייט, אויפן הארצן.

אינדערפרי קריכן נאָך די ריחות בלאסע פאבריקס־פרויען און מענער מיט געבויגענע פּלייצעס און הארטע שארפע פּנימער. פארנאכט ווארפן זיי אָפּ די מענטשן דאכטן אויס צו פאר־מאכן די טירן אונטער די פּלייצעס פון די וואָס שארן זיך אראָפּ אין די קעלער־ווינונגען.

דערנאָך שמייכלען זיי אין זיך אריין...

צוזאמען מיט די מענטשן איז אריינגעשפּרונגען אונטער די באפעדערטע איבערבעטן און טוליעט זיך קאלט און ווי „אומ־ריינס" די נויט...

אינדרויסן אויף באנאכט, פארבלייבן די געסלעך, וועלכע דאכטן איבער מאנגל אין פּלאץ אָפּצושטיפן די הייזער אין א זייט און אליין זיך מאכן א וועג.

דאָ און דאָרטן לויפן זיי אויף, ווי געשוואָלענע בערגלעך.

קומט דער ליבער זומער עפענען די קעלער־ווינונגען, טיר און פענצטער, די עלטערן גייען אוועק צור ארבעט, קריכט אראָפּ די זון אין נעמט זיך שפּילן אין פּאָרן מיט די קליינע פאר־שמארקעטע און קויטיקע, באָרוועסע קינדער, וואָס שלעפּן

צוזאמען פון די נעזלער ביינער, שמאטעס און טשערעפּעס. דער הארבסט רעגנט אָן מיט פארכמארעטע נאסע טעג וואָס באָדן זיך און טאָפּטשען די בלאָטעס ווי אלטע כראקענדיקע שנאָרעס. דער ערשטער ווייס אָנגעשאָטענער שניי ווערט צעטרייטן פון די זונות וואָס פירן אראָפּ א קונה אין קעלער אריין אָדער פירן ארויף אויפן בוידעם שטובל...

דערנאָך באקומט דער שניי ווי א קראנקער, געלע, רויטע פלעקן פון דער השתנה וואָס מען גיסט ארויס.

פאראן אויך א צייט ווען דער ווינטער דארף און וויל נאָך נישט אָפּטרעטן און דעם פרילינג גיט זיך איין דאָ און דאָרט ארייננכאפּן א פּאָר טעג.

דאן פארגיסט די זון די שויבן מיט רויטע געלע פארבן וואָס בליטשן ווי פלעשער ווייַן און די ווענט ווערן בלייך אזוי ווי חולים אין די בערגיקע געסלער ציען ארויף א גליטש וואָס קערט איבער אָט אזוי אינמיטן וועג א גאס-מיידל אָדער א קינד מיט העפטן, ביכלער אין די הענטלעך אין א דין מענטאלע ביי וועלכן ס׳זעצט ארויס די וואטע פון די עלנבויגנס.

. . . .

יאָ די האלב־פינצטערע זאל וואָס גיט דעם אָנבליק פון א תפיסה האָט אויך אירע שיינע האלבע שעהן. זיי קומען גע־ווייַנלעך צען האלב־עלעף. פריי איז די קיך פון פראָסטיטוטקעס וואָס דרייען זיך שוין איצט אויף די ראָגן. גנבים גרייטן זיך אָדער „ארבעטן" שוין אין די טעאטערס אין די קינאָס. אר־בעטער זיצן ארום די טישלער און פירן, נאָענטע שמועסן, די ווערטער ווערן ארויסגעזאָגט שטילער, אינטימער, די לופט איז אויך א מחיה. זיך באפרייט פונעם זשום פון מיטאָג־צייט. איצט גענצט זי אביסל. די ליכט פון די לעמפּ ציטערט א שיינענדיקע און אזא גלאטע ווי די סיראָטעס אויף די טישלעך. פינצטערער בלייבן נאָר די ווינקלען אונטער די בענק. די זיסע זאכן אפיר די שויבן פון דער טיזשגע און רייצן מער נישט דעם אפעטיט.

ארום א טישן זיצן עטלעכע אקטיאָרלעך מוט אָפּגעריסענע דינע מאנטאלעך מיט די קאפּעליטשלעך אויף א זייט, זיצט מען און מען דערציילט מעשות מיט געפּעפּערטע וויצן. די געמיט־לעכקייט זויגט א פינגער. די נעזעצטע לופט אָטעמט זיך אליין... אזא שטילע צארטקייט גלעט... דער באלעבאָס פון דער קיך דרימלט ווי א זאטער שלעפערדיקער קאָטער. ער האָט שטענדיק

צו דערצײלן געשיכטעס פונעם פעלד־װעבעל אין קרינס־צײט און װעגן דעם װאָס ער איז געװען אין װין און:

שאהון זי, װינער באדע!

נאָר זאָלסט זיך אױסציען גיט ער נישט קײן נאכטמאָל אױף באָרג. תיכף נעמט ער ארױס דיר צו װײזן די ביכער מיט נישט צונױפגערעכנטע חשבונות װאָס דערמאנען אין נישט פארבעטע געלעגערס.

זײן װײב איז א שװארצע און א גראָבע. אין די הענט מיט ארױפגעקאטשעטע ארבעל, טראָגט זי אָדער א טאָפּ אָדער א גרײסן און טיפן פּאָלאָניק...

זי דרײט זיך אין קיך און שרײט אױף די אוקראײנישע שיקסעס מיט גרױסע בװזעמס, צופלאמטע פּנימער. יצר־הרעדיקע אױגן אין קױטיקע לײװנטע קלײדער פון װעלכע ס'זעצט א ריח פון שװײס, בױמאײל און געשײלטע קארטאָפל. איצט איז דאָס פײער אין די הרובעס נישטאָ און אױך זײ האָבן זיך שױן ארומגעזאָשן, בײם שאלטער שטײט א קאװאליר און פירט א געשפרעך מיט אײנער פון יענער זײט אין קיך ארײן.

יאָ. אהערצו איז אראָפּגעקומען די געטין פון ליבע. אמת. נישט אין זײדנס געקלײדעט און נישט אין גאָלד געצירט.

נאָר פשוט:

אין א פּערעסינעם קלײד.

נישט קײן צארטע גלעטנדיקע הענט.

נאָר שװערע, שטארקע אױסגעהאָרעװעטע.

. . . .

אינדרױסן?

הענגט א אױסגעשטערנטע נאכט װײט און מײעסטעטיש.

דוכט טאקע אױס:

פון איר גרױסקײט און װײטקײט האָט זי אױך דער אָרעמער קיך געשאָנקען א נדבה.

— נא און װײס.

די געמיטלעכקײט זװיגט א פינגער. די לופט אָטעמט זיך אלײן... שטיל, אז א צארטקײט גלעט...

די ליכט פון די לעמפּ ציטערט א שײנענדיקע און אזא גלאטע װי די סיראָטעס אױף די טישלעך...

דערשינען אין „די װאָך" בוקארעשט
דעם 16־טן מערץ 1934.

א רעגן

עמעצער האָט היינט צעטרעסלט שטאַרק די כמאַרעס

. . . .

אין א פסעכבע יאָר האָט אזא רעגן ווערט א גוזמא פארעס.

טרייבט א פויער זיינע פערדלער, צלמט זיך און איז צופרידן:
— מ'עט שוין ווידער אָנהויבן צו פאָרן אויף יארידן.

העלפט נאָר גאָט א גוט גערעטעניש, אזא ווי פאראיאָרן,
ס'זאָלן ווידער קרעכצן שייערן פול מיט ווייץ און קאָרן.

טאנצט דער רעגן אויף די דעכער, טאנצט דער רעגן אויף די שויבן,
אונטער נאסע טונקלע סטריכעס, פאָרן זיך און וואָרקען טויבן.

ביי א קרומען פלויט א נאסן, שטייט א הונט און האווקעט בייז:
— ווען ס'רעגנט כאָטש מיט קריטקעס, ווען ס'רעגנט מיט פאָמייעס.

אין די גלאנציקע קאלוזשעס פויזן אום און שפרינגען פראָשן;
ווי אנטלייִ איך מיר א שירעם, און א מאנטל מיט קאלאָשן?

טאנצט דער רעגן מיט די לאנגע דארע פיס אויף אלע גאסן.
ער האָט מיך היינט אין שטוב אויף א גאנצן טאָג פארשלאָסן.

דער שפּיצבאַרג

כ'האָב ליב די נאַכט
איבער דעם שפּיצבאַרג
באַלויכטן פון דער לבנה.

בייטאָג
איז דער שפּיצבאַרג
נאָר גרין
ביינאַכט
איז ער נאָר הויך.

מיט קאַלטע הענט

מיט קאַלטע הענט,
מיט א קאַלטער נשמה,
קאַלט און אָן ווערטער
באַגעגנסטו מיך;
נאָר די האַנט ציטערט
און די נשמה זוכט
און פּלוצעם פאַרשטיי איך
פאַרוואָס דאָס אייז בריט.

אלטער גן־עדן־שומר!

אלטער גן־עדן־שומר!
קאָנסט שוין רוען

אָדם וועט שוין אין גן־עדן
נישט צוריקקערן:

ער האָט זיך באפרייט
דורך ארבעט

ער האָט זיך פאראייביקט
דורך ליבע

ער האָט זיך געהייליקט
דורך פרייד.

מאטעריאל

א בלעטל
פון ערגעץ פארבלאָנדזשעט
פריש נאָך
די פלעקן און טינט־געריר

גאָרנישט דערמאַנט דעם קעלער,
די דושנע לופט
די באַהאַלטענע ליכט איבערן „באָסטאָן“
דער קראַמף פון דער פעסטער האַנט.

די האַרטנעקיקייט פונעם שטאַרקן אָרעם
אַנזאָגעוודיק
א שטראַל ארוים פון די מיט מי געזאַמלטע
שוואַרצע אותיות
אומלעגאַלן מאַניפעסט.

און דער מאָרגענשטערן האָט געזאָגט

און דער מאָרגנשטערן האָט געזאָגט
מענטש, דו ביסט גליקלעך און ווייסט נישט פון דיין גליק
איך בין אומשטערבלעך
דו, אָבער לעבסט
איך קום נישט אום
דו אָבער שאַפסט
איך בין פאַרגרויזעט אין איין שיקזאַל
דו קענסט דיינעם איבערשטייגן.

מיין ווונטש

מיין ווונטש אן אלטער שטארקער ווונטש
פון גרויסער טיפער ליבע קוועלט.
ער קלינגט אזוי מיר ווונדערבאר:

א פרייע וועלט, א פרייע וועלט!

מיין ווונטש אן אלטער שטארקער ווונטש
ווי די האָפענונג שטענדיק פריי
ער קלינגט אזוי מיר ווונדערבאר;
די מענטשן פריי, די מענטשן פריי!

מיין ווונטש, אן אלטער שטארקער ווונטש —
גרויסע ברייטע שלום־בריק;
ער קלינגט אזוי מיר ווונדערבאר:
נישט מער קיין קריג, נישט מער קיין קריג!

א ירושה

— עפּעס רעדט איר צו פיל פונעם דאָקטאָר. וואָס איז געשען? איר האָט אפשר איינעם געוווּנען אויף דער לאָטעריע? צי האָט איר אייך צעטיילט עפּעס מיט א פארמעגן?

ביי דיר איז נאָר געלט און געלט, א חוץ דעם איז אלץ גאָרנישט, בלאָטע!

— פארשטיי מיך, ייד, איך מיין נישט עפּעס שלעכטס. נאָר היינט מאנגלט נישט ביי אונדז אין אזא סחורה. ס'זענען אָן עין־הרע דאָקטוירים פאראן.

אויף וויפל איך קאָן מיין שכן ווײַנשטאָק, ווייס איך אז ער איז נישט קיין עקשן. ער איז א ייד אָן א גאל. אָבער דאָס מאָל האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיך געטענהט זיינס:

— א גוטער חבר איז מער פון געלט. זינט איך האָב זיך באקענט מיטן דאָקאָר פּאָפּעסקו, פיל איך ווי ס'ציט מיך אהינצו צו יענעם הויז מיט די גרויסע פענצטער, ווי בלומען־בייטן ליגן אויסגעשפּייט ווי קאָוויאָרן. אויפן אָנבליק מאכט ער אפילו נישט קיין באזונדערן איינדרוק, נאָר ווי זאָגט זיך עס: טיפער דער קוואל, געשמאקער דאָס וואסער. דערגענטסטערט זיך צו, און ווערסט מיט אים היימיש ווערט ער דער שטילינקער, גוטמוטיקער און תמיד פרייליכער דיך ארומנעמען מיט אזא ווארעמקייט און פריינטלעכקייט וואָס נאָר מענטשן פון א באזונדערן מין זענען פעיק.

ריידנדיק אזוי צו מיר, נעמט מיין שכן אין האנט אן אָפּגעבליאקעוועט ספר, באקוקט עס, צעבלעטערט עס, האלט עס ווי אן אבן־טוב. איך טו אים א פרעג: וואָס איז דאָס פאר א בוך? ווייזט אויס אז ס'איז נאָך פון אייער עלטער־זיידן, אנדערש קאָן איך נישט פארשטיין פון וואנען ס'נעמט זיך אזא פארגעלטקייט?

— אלץ האט זיך זיין מזל — ענטפערט ער מיר.

— צוליב וואָס זאָגט איר דאָס? ס'איז אפשר א סוד?

— אנומלטן — הויבט מיר אָן דערציילן מיין שכן ווײַנשטאָק — בין איך געווען אין דער פּאָליקליניק. האָט זיך באַלד באַוויזן א קראַנקן־שוועסטער און א פראַגע געטאָן: חבר, איר האָט אפשר אָן אָנווייזונג צום דאָקטער? האָב איך ארויסגענומען פון דער קעשענע א קליין צעטעלע און איר געגעבן. נאָך עטלעכע מינוט בין איך אריינגערופן געוואָרן אין קאַבינעט.

— זעצט אייך — זאָגט צו מיר דער דאָקטער פּאָפּעסקו איר קומט היינט צום ערשטן מאָל?

— צום ערשטן מאָל — ענטפער איך.

אויב אזוי וועלן מיר זיך אביסל אדורכשמועסן. ער הייבט אָן צו שטעלן איין פראַגע נאָך דער אנדערער און פארשרייבט אלץ. ער האָט ווידער געפרעגט און איך האָב ווידער געענטפערט. ענדלעך טוט ער מיך א פרעג: וויאזוי איז אייער נאָמען?

— איך הייס טביה ווײַנשטאָק. פון פּראָפעסיע בין איך א סטאָליער און ארבעט אינעם קאָאָפּעראַטיוו „דער סאָציאַליסטישע ארבעטער" און אלט בין איך...

— כאַפּט ניט חבר, גיט ער מיר א זאָג.

ווען ער האָט אָנגעהויבן פארשרייבן מיין נאָמען האָב איך באַמערקט אז זיין האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין צוזאַמענגעצויגענער שטערן האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וויל עפּעס זוכן.

— אַנטשולדיקט, איך האָב נישט גוט פארשטאַנען. אויב איר ווילט חזרט איבער אייער נאָמען, כדי צו קענען אייך פארצייכענען אין מיין קאָנסולטאַציע־בוך.

— מיין נאָמען איז טביה ווײַנשטאָק.

— איר ווייסט פארוואָס איך האָב אייך איבערגעפרעגט? צו מיר קומען זייער א סך מענטשן פון פארשידענע נאַציאָנאַליטעטן. אָבער אזא נאָמען... ס'איז א זעלטענער נאָמען. כאָטש אזוי איז ער מיר קענטלעך. דעם נאָמען האָב איך געהערט.

— אמת, ענטפער איך, ס'איז א זעלטענער נאָמען דאָ אין בוקארעשט קען איך נאָר נאָך איין ייד מיטן דאָזיקן פאָרנאָמען. אָבער ווען איר זאָלט וויסן חבר דאָקטער, וואָס פאר א חשובער פארשוין איך בין ביי אונדזער גרויסן שרייבער שלום־עליכם! ס'איז אייך באַקאַנט זיין ווערק „טביה דער מילכיקער"?

— אויב אזוי זענט איר טאַקע א יחוס — זאָגט דער דאָקטער. איך האָב געלייענט פון שלום־עליכמען א ריי שאַפונגען איבערגעזעצט אויף רומעניש, און אויך דאָס דאָזיקע ווערק איז מיר באַקאַנט טאַקע אין יידיש, וואָלט איך געקאָנט זאָגן.

דערווייל הויבט ער אָן מיך באקלאפּן. הייסט מיר זיין שטיל, הערט זיך צו צום הארץ, צו די לונגען, הייסט מיר זיך אנידערלייגן אויפן בעטל, באקלאפּט מיך נאָכאמאָל, הייסט מיר טיף אָטעמען, קוקט מיר אריין אין מויל, הערט זיך ווידער צו צום הארץ. דאָס אלץ האָט געדויערט אן ערך פון 15 מינוט. דערנאָך עפּנט ער אויף א בוך און מאכט פארצייכענונגען.

— זייט נישט אזוי פארצווייפלט—זאָגט ער צו מיר.—ס'קומט אמאָל פאָר אז מ'פארקילט זיך. איר וועט נעמען די פארשריבענע מעדיקאמענטן און אין דריי טעג ארום קאָנט איר ווידער ארבעטן ביי אייער מלאכה. איר ווייסט וואָס מיך אינטערעסירט, חבר ווינשטאָק? זאָגט מיר וואָס איז דאָס אזוינס א שופר, און אויב איינער בלאָזט אין אים ווערט ער דערפאר באצאָלט? ס'טרעפן זיך נישט אזוינע וואָס ווילן בלאָזן אומזיסט?

— מן הסתם, חבר דאָקטער, האָט איר געלייענט שלום-עליכמס „מיסטער גרין האָט א דזשאב". איר האָט אייך זיכער נישט געלאנגווײלט!

— איר האָט געטראָפן. וויאזוי זאָל דיר נישט ארויפקומען א שמייכל אויף די ליפּן לייענענדיק למשל „בערל אייזיק". מיינעם א שכן, מיהאי וואסילעסקו, האָבן מיר א צונאָמען געגעבן „בערל אייזיק". איר קענט אייך זיכער פאָרשטעלן פארוואָס מיר האָבן דאָס געטון. די גאנצע גאס ווייסט שוין אפילו פון וואנען ס'שטאמט דער דאָזיקער נאָמען. אָבער נישט נאָר דאָס מיין איך. איך מיין, אויב ס'איז אייך נישט שווער, חבר ווינשטאָק, וואָלט איך אייך בעטן מיך באזוכן אינדערהיים.

די דאָזיקע איינליידונג האָט מיך אביסל צערודערט. ס'האָבן מיך אָנגעהויבן אלץ מער פּלאָגן די געדאנקען: „וואָס פארא שייכות האָט דער דאָקטער מיט טביה ווינשטאָקן? פון א דאָקטער ביז א טישלער דאכט זיך איז אביסל א מהלך, און אויב צוליב גוטברודערשאפט וויל ער זיך מיט מיר אדורכשמועסן איבער וועלטזאכן, האָט ער שוין קיינעם נישט געפונען א חוץ מיר? נאָר צוגעזאָגט, מ'זן מען האלטן וואָרט. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ס'האָט מיר נישט באנג געטאָן. ער האָט מיך אויפגענומען ווי א גרויסן גאסט. כאָטש צווישן אונדז גערעדט איז מיר פון אָנהויב נישט געווען אזוי ניחא. דו ווייסט דאָך אז איך האָב ליב וואָס פּשוטער און פון טראַטאמענטן האלט איך אויך נישט אזוי

שטארק. נאָר קען מען א דאָקטער אָפּזאָגן, נישט טרינקען א לחיים? האָבן מיר טאקע געטרונקען איין כּוס נאָכן אנדערן. נאָר כאָטש אזוי האָט געעגבערט דער גדאנק. ווען וועט ער שוין מגלה סוד זיין. איך האָב אָבער מיין עגמת־נפש נישט ארויסגעוויזן. איך האָב מיט גדולד געווארט. מיר האָבן גערעדט איבער פארשידענע ענינים. ער האָט זיך אינטערעסירט וועגן מיין הייזגעזינד, מיט וואָס די קינדער פארנעמען זיך, וויאזוי ס׳גייט מיר אין דער פּרנסה? וואָס איז נוגע זיינע פּערזענלעכע געלעגנהייטן בין איך אויך נישט ארונטערגעבליבן. איך האָב אים געענטפערט און ער האָט אויך מיר ברייט דערציילט זיין גאנצע לעבנס־געשיכטע. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן אז ס׳זענען אים באקאנט יידישע פּראָבלעמען. בקיצור איך בין געוואָרן מיט אים גאָר היימיש און זיך געפילט ווי מיט אן אלטן גוטן חבר. ריידנ־דיק איז ער צוגעגאנגען צו זיין ביכער־שאפע און ארויסגענו־מען א בוך.

איך נעם דאָס בוך, בלעטער איבער און אָט וואָס ס׳שטייט אויפן שער־בלאט: (טביה וויינשטאָק עפנט דאָס בוך וואָס ער האלט אין האנט און לייענט:) „מיין משפּחה איז אומגעקומען על קדוש־השם. מיין פארמעגן איז דער באנד פון שלום־עליכם מיט וועלכן איך האָב דורכגעמאכט א סך נסיונות. עס האָט מיר געדינט ווי א גוטער פריינט. אויב די וועגן וועלן מיך נישט צוריקפירן, לאָז איך די דאָזיקע ירושה דעם וואָס קאָן ליבהאָבן אונדזער טייערן שלום־עליכמען ווי שלום־עליכם האָט ליב געהאט דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש“.

האלטנדיק אזוי דאָס בוך אין האנט האָב איך געוועגדט מיינע בליקן באלד צום דאָקטער, באלד צו דער ירושה.

— ווונדערט אייך נישט, חבר וויינשטאָק — זאָגט ער צו מיר. — איר וועט זיכער פרעגן וויאזוי קומט צום דאָקטער פּאַפּעסקו א יידיש בוך?... אין לאגער האָב איך געהאט א גוטן חבר, א ייד, גרשון עפּלבוים. אן אמתן פריינט, ווייסט איר, דערקענט מען אין א נויט. מיר האָבן אינייגעם דורכגעמאכט פארשידענע צרות, פארפאָלגונגען אָן א מאָס, מיר האָבן זיך צעטיילט מיטן לעצטן ביסן ברויט, געשלאָפן אויף איין געלע־גער. ווי זאָגט מען זיך געטיילט מיט דיליידן און מיט די

פריידן: לײדן האָבן מיר געהאַט אַ סך, נאָר פריידן, פאַרשטייט זיך ווינציקער אַביסל. דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען זייער אַ שווערס. דאָס דאַרף איך אייך אַפילו נישט דערציילן. מ'האָט געפּרוווט די פּאָליטישע אַרעסטירטע צו דעמאָראַליזירן, אויס־מאַטערן דורך שווערער פיזישער אַרבעט, זיי פאַרניכטן דורך הונגער, דורך פּראָוואָקאַציעס: העצנדיק איין טייל קעגן אַנדערן טייל געפאַנגענע, רומענער קעגן יידן. אין יענער שווערער צייט האָב איך זיך נענטער באַקענט מיט שלום־עליכמס ווערק. מיין חבר פלעגט אונדז פאָרלייענען פון „טביה דער מילכיקער" און איבערזעצן. אַ סך שעהן פלעגן מיר פאַרברענגען און געניסן פון דעם אוצר. וויפל מאָל ער זאָל אונדז נישט געווען פאָרלייענען, כאָטש ס'זענען תמיד די זעלבע דערציילונגען, האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געלאַנגווײלט. כדי צו פאַרהיטן דער באַנד זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי (זיי פלעגן מאַכן פּערקיזיציעס אין דער באַראַקע אין דער צייט ווען דער עולם איז געווען ביי דער אַרבעט) פלעגט ער אים שטענדיק טראָגן אין זיין רוקזאַק איינגעוויקלט מיטן פאַרדאַרטן שטיקל ברויט, אָדער מיט דעם שטיקל מאַמעליגע, וואָס ער האָט געהאַט. דער רעגן האָט עס באַנעצט און די זון געטרוקנט. אָבער צום באַדויערן האָט ער נישט דערלעבט דעם טאָג ווען די זון האָט אָנגעהויבן שיינען אויך ביי אונדז. דער הונגער און די שווערע אַרבעט האָבן געפרעסן זיין געזונט. פון טאָג צו טאָג איז זיין גוף אַלץ מער איינגעטרוקנטער געוואָרן. זיינע דאַרע פינגער האָבן אויסגעוויזן ווי שטעקעלעך אָבער זיין מוח האָט געאַרבעט. ער האָט קלאָר געזען די אַנטוויקלונג פונעם קריג, כאָטש דעמלט איז די סיטואַציע אויף די פראָנטן נישט געווען קיין פריילעכע. די היטלערישע אַרמייען האָבן געהרגעט און געראַבעוועט די סאָוועטישע מענטשן, און צוריקגעלאָזט נאָר חורבות. ס'איז געווען אַ צייט אַ פינצ־טערע. ער איז געווען איבערצייגט אַז דער משוגענער קאַפּאָראַל וועט האָבן די מפּלה און געהאַפט דעם דאָזיקן מאָמענט צו דערלעבן. צום באַדויערן האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע צייט. אויף מיינע הענט האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.
אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט.

— שווער געווען אָן אים — האָט פאַרגעזעצט דער דאָקטער. — אין זיין רוק־זאַק איז געווען אָט דער באַנד „טביה דער מיל־כיקער".

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. ליכט־פאַסן האָבן באַלויכטן די ביכער מיט גילדענע אותיות: האָמער, אריסטאָפאַן, דאַנטע־אַליגערי, סערוואַנטעס, שעקספּיר, געטע, שילער, טאָלסטאָי. אין דער משפחה — האָב איך געטראַכט — פּאַסט זיך אויך גוט אריין אונדזער שלום־עליכם.

איך האָב זיך געזעגנט און מיט זיין דערלויבעניש מיטגענומען דעם בוך.

אצינד וועסטו שוין פאַרשטיין, פאַרוואָס ס'ציט מיך אהין צו, צו יענעם הויז וו ס'וווינט מיין פריינט, דער דאָקטער פּאָפּעסקו.

ס'איז מיר אַלץ קלאָר, אפילו ווען טביה שווייגט, טאַקע דע־מאָלט קלאַפּט אויס זיין הארץ א ליבשאַפט וואָס איז טיפער ווי ים־גרונטן.

געזאנג דער רעפובליק

קינדער־לידער

מיר זינגען אייך היינט פון רעפובליק
פון ארבעט און שלום און גליק.
פאבריקן, זאוואָדן און פעלדער
זיינען פאר אונדז די מוזיק.

ארבעטער, יוגנט און קינדער,
אלעס וואָס בויעט און שאפט,
לויבט און באזינגט די רעפובליק,
איר שיינקייט, איר גרויסקייט, איר קראפט.

פון הערצער וואָס גליען ווי פייער,
פון הענט וואָס שפּאָרן קיין מי
וואקסט און צעוואקסט זיך רעפובליק
איר מעכטיקער שיינער צעגלי.

אין רוישיקע קלאנגען פון ארבעט,
אין פייער פון שטאָל און פון בליי,
בליט און צעבליט זיך רעפובליק
בראש מיט איר גרויסער פארטיי.

מיט שעהן, מיט טעג און מיט וואָכן,
מיט יאָרן וואָס גייען און קומען,
ווערט אונדזער ליכטיק היימלאנד
א גאָרטן באשאָטן מיט בלומען.

א פעסטונג פון פרייהייט און שלום
א היימלאנד פון רייכטום און גליק,
פאר מענטשן וואָס ליבן און שעצן
די רומענישע פאָלקס־רעפּובליק.

פרילינג

אוועק איז דער ווינטער
מיט קעלטן און מיט פרעסט,
אָט באלד וועלן קומען
פאר קינדער געסט.

עס זאָגן די ווינטן
דער פרילינג וועט קומען
דער פרילינג וועט ברענגען
אויף פעלדער בלומען,

אויף גאסן די פרייד
פון ליכט און פון זון.
אין די הערצער ליבע,
צום גאנצן ארום.

אין קינדער שפּאצירן,
געשלאָסן אין רייען,
פרייען זיך לוסטיק
אין לעבן דעם פרייעם.

1956

אָקטאָבער

קינדער! קענט איר ציילן אויף די פינגער?
ציילט ווי אייך איז גרינגער,
שטעלט דעם זיבן נאָך דעם פירער
ווערט ארוים א ציפער וואָס איז טייער,
אלע קינדער פון דער וועלט דער פרייער.

זיבן און פערציק יאָר אָקטאָבער
איז פאָריבער
ווי א בליץ און ווי א פייער
ווי א טאטע פאר די קינדער, א געטרייער
טוט ער קעמפן, טוט ער זאָרגן
פאר דעם היינט, און פאר דעם מאָרגן.

שטייט אָקטאָבער מוטיק, העל,
ביי יעדער שטוב ביי יעדער שוועל,
ביי יעדן טיש, ביי יעדער וויג,
היט די וועלט פון גזיט און קריג.

גלעט אָקטאָבער קליינע קינדער,
ווי א מאמע א געטרייע.
היט די מענטשן, היט די פעלקער,
היט די וועלט די פרייע.

ר׳ בערלס הויזן

פון א סך באַבעס דאָס קינד טויט

א פארס אין איין אקט מיט אן עפּילאָג
נאָכן משל, „רעב בערלס הויזן" פון אליעזר שטיינבארג.

די האנדלונג קומט פאָר אין א שטעטל פון דער מאָלדאָווע. שפּילט זיך אָפּ אין א פאמיליע פון א געוועזענעם קליינהענדלער.

בערל — געוועזענער קליינער סוחר.
סערל — זיין ווייב.
דינה — זייער טאָכטער, א יונג מיידל, ארבעטערן אין א שניידער־ארטעל.
זלאטע — סערלס מוטער.
פיגוראנטן: — דינהס א פּאָר חברטעס און חברים.

ערשטע סצענע

א באשיידן עסצימער, מיט טירן צו ביידע זייטן און א פענצטער אין דער מיט. — שפּעט אָוונט.

זלאטע ליגט אָנגעשפּארט אויף א קאנאַפּע, בערל און סערל דרייען זיך ארום.

בערל, ערשט צוריקגעקומען פון דער שטאָט, אין א פריילעכער שטימונג, צוליב זיין איינטריט אין קירזשנער־קאָאָפּעראטיוו.

(האלט אָפּ סערלן)

— סערל־סערדצע! פון מאָרגן
א ניי לעבן וועט אונדז באשלאָגן —
א לעבן אָן זאָרגן.
אוים מיט לופט־פּרנסות, באשטענדיקע פּלאָגן!
אָפּגעשיקט איך זיי צום רוחס זיידן,
זיך עלטערן מיט זיי אין פריידן!

(נעמט זי ארום)

און דו, מיין טייערע סערל,
גרייט צו פאר דיין בערל
א מאָלצייט מכּל־טוב
פון מאָרגן, אין א גוטער שעה, ארבעט איך אין קירזשנער קאָאָפּעראַטיוו!
דאָס בײַ מיר בפירוש א גרויסער יום־טוב!

ס ע ר ל: (נעמט אים ארום)

זאָל זיין אין מזלדיקער שעה
אונדז אלעמען דאָ!

ב ע ר ל: (טרעט אָפּ אין א זייט און נעמט זיך אָן בײַ די־הויזן)

אָבער א מניעה!
וואָס? מע טאָר ניט זאָגן,
סיידן אויפן אויער: אָפּגעטראָגן
איך מיינע הויזן טאקע שטארק!
איך קען דאָך אזוי נישט קומען פאר די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו.
אין מיינע אָפּגעריבענע קליידער.
האָב איך געטאָן א נדר
און ארויס מיר אויפן מארק,
זוכן א פּאָר אנדערע הויזן א מציאה.
און געטראָפן גראָד בחצי חנם
פלודערן א פּאָרל פון געוואנט פון גרינעם

(צענעמט דאָס פּעקל מיט די הויזן און ווייזט זיי)

שטייפע, שפּאָגל־נייע, — נאָר וואָס דען —
לאנג, צו לאנג. בכן?
קורץ פון לאנג — א קליינע קונץ!

(נעמט אַן סערלען ביי דער האַנט)

בעט איך דיך מיין פייערע סערל!
נעם, זונגתי קרוין, דאָס שערל,
מיטן שערעלע די הויזן האקן —

(מיט א זשעסט פון ארומנעמען)

כאַפּסט: קיש איןביידע באַקן!

ס ע ר ל: (שטויסט אים אָפּ לייכט פון זיך)

— מיין ליבער בערל!
ביסט מיר היינט דער אמתער שמערל —
אויפגעלייגט ביז גאָר.
נאָר —
מיין גאָלדענער מאן!
אָפּגעלערנט איך פון אונדזער מאַכטער ארבעטן נאָר
א פּלאן:

איך דארף די חלה מאָרגן באַקן.
דערפאר. אויף דיין לאקרעץ-ווענדקע קענסט מיך איצט
ניט פּאַקן,

(גרייט אוועק צו לויפן)

איך מוז שוין לויפן צו דער שכנה ציפּל —
לייען ביי איר דאָס נייע זיפּל.
(אָפּ)

ב ע ר ל: (בלייבט מיט די הויזן אין די הענט, קוקט איר נאָך).
— קוק נאָר, קוק! ס'איז מיר מיט איר אן אנטיק —
ווי סע רייט דאָס אויף איר דער ספּאָדעק.

(טוט א מאך מיט דער האַנט)

אוועק —
און אן עק!
ביי דער שכנה ווערט זי שוין פארפאלן —
זי צו פּלאפּלען ניט קיין קליינער בעלן.

(ווענדט זיך צו דער שוויגער)

איר זאָלט געזונט זיין, שווינער-לעבן זלאַטע!
איידער איר זיך שלאָפן לייגט אין בעט—

איך בעט:
מאכט מיר דאָס שטיקל ארבעט לעת־עתה!
לייכטער פאר אייך צו מאכן די אר־עט מיין,
ווי קונציק פיין
מיט אייערע גאָלדענע הענט איר לייגט א לאטע.

זלאטע: (שטייט אויף פון דער קאנאפע, גוטמוטיק שמיי־כלענדיק)

— מיין טייערער געניידעם בערל
ניטאָ אין די אויגן דיין סערל —
א לעבן צווישן אונדז טאקע צוקער־זיס.
אָבער איך האלט מיך קוים אויף די קראנקע פיס.
נאָך א גאנצן טאָג טופּקען, טומלען —
ציט עס מיך שוין צום בעט צו דרימלען.
כ׳דארף פרי אויפשטיין דאָס מעל צו ראשטשינען.
דערפאר איך קען דיר איצט ניט דינען.

(דינה לויפט אריין געאיילט אין מיטן איר אָנטועכץ, זוכנדיק עפּעס נערוועז)

אָט האָסטו זי, בעט דאָס טעכטערל דיינס — דינהן.

(גייט אָפּ אין אלקער רעכטס)

בערל: (רוקט ארויף דאָס היטל, רעדט צו זיך)

— זי האָט אפשר רעכט.
דערווייל דער ענין ווערט געדאכט

(פּראָבירט אָפּהאלטן דינהן)

דינהלע! אפשר וועל פון דיר געהאָלפן ווערן?

דינה: (דרייט זיך ארויס)

— טאטע כ׳בעט דיך טו מיר ניט שטערן —
כ׳בין טרוד מיט מיין אָנטועכץ, כ׳זוך דאָס קעמל.
מיינע חברטעס אינדרויסן ווארטן שוין אויף מיר
א גאנץ געזעמל.
איך דארף שוין לויפן ווייטער:
מיר גייען אין יידישן טעאטער —
היינט שפּילט מען „קוני לעמל“.

(אין מיט פון אוועקלויפן)
ס'וואַרט אויף מיר אויך מיין חבר הערצל!
(פאַרשווינדט)

בערל: (קוקט איר נאָך)
— קוקט זי אָן נאַר, מיין פלאַם־פּלעצל!
די מאַמע אירע אויסן אויג.
אַ מיילעכל אויף שרייפלעך, שיט ווי אַ שערעט.
(באַטראַכטנדיק זיך)
ס'קומט מיר פאַר, גלייך ווי אַלע דאָ קעגן מיר זיך אָפּ־
געריגעדט.

(באַהערשט זיך)
אָבער אַ סך איבערקלערן וואָס טויג.
גאָר אזוינס נאָ — דיר —
וואָסזשע איך אַליין בין עפּעס אַ הינקענדיקער שניידער!

(לייגט די הויזן אויפן טיש. נעמט אין האַנט די
שער. רעדט צו זיך)
ניט געפאַלן ביי זיך, בערל,
נעם אין האַנט אַליין דאָס שערל!

(נעמט זיך צו דער אַרבעט)
שנייד אַרום, באַזוים די עקן...,
אָט אַזוי, — מעשה חייט.
צייט שוין שלאָפן גיין, ניט געהאַיעט —
מיט די זאָרעס קומט אַ חבר מיך צור אַרבעט וועקן.

(באַקוקט די אונטערגעשניטענע הויזן)
אָט אַ קונץ —
ניט באַצאָלן עס מיט אַ גאָלד־מינץ:
אונטערגעהאַקט אויף פינגער צוויי
און געבליבן מיט אַלע צען זיי!..

(באַווייזט די צען פינגער, שמייכלענדיק צו זיך אַליין
נייט ווייטער און רעדט צו זיך)
געבליבן איז נאָר אצינד די עקן צו באַזוימען,
כ'וועל דאָס מאַכן גיך, שלאָפן גיין ניט פאַרזוימען...

(זינגט שטיל אונטער דער נאָז, אין א שלעפערנדיקן טאָן)

„אַט אזוי נייט א שניידער,
אַט אזוי נייט ער גיך.
נייט און נייט א גאנצע וואָך
און פארדינט א בייגל מיט א לאָך"...

(דער קאָפּ פאלט אים אין דרימל. לייגט ארויס די הויזן אויפן טיש. דרייט איין דאָס ליכט. גייט אָפּ אין צווייטן צימער לינקס)

צווייטע סצענע

(סערל, מיטן שאלעכל אויף די פלייצעס, און מיטן זיפּל אין די הענט. קוקט זיך ארום וועגן דער שטילקייט)

סערל: — א לעבן אויף מיר — זיך שיין פארעדט —
בערל נעבעך, ליגט שוין אין בעט.
אזוי איז עס תמיד, — אז כ'קום צו דער שכנה ציפּל,
שיטן זיך ביי אונדז די רייד ווי דורך א זיפּל.
וואָס זאָג איך — טאקע ווי פון א רעשעטע,
אז מיר לאָזן זיך אריין אין א געשמאקער בעסעדע,

(קוקט זיך ארום)

אלץ שלאָפט. ווי שפּעט ס'איז שוין, א בראָך צו מיינע שונאים,
פאר בושה פלאמט מיט אזש דאָס פּנים.
אלץ צוליב דעם זיפּל —
ס'קומט מיר אויס פון פארדרוס אָפּבייסן זיך דאָס ליפּל...

(דרייט ארויס דעם לאָמפּ — דערזעט די הויזן אויפן טיש)

בערל וועט דאָך נעבעך זיין גערעכט —
גיין מאָס רייד, דאָס מלבוש ניט פארעכט.

(נעמט דאָס שערל פונעם טיש, זעצט זיך אוועק צו
דער ארבעט)

א מלאכה דאָס פאר דיר נישט צו שווער.
גערעדט און געטאָן — אונטערגעהאַקט מיט
דער שער...
אצינד בלייבט מיר נאָך אויף גיך די עקן
מיט דריבנע שטעך פארוואַרפן.

(באקוקט די געקערצטע הויזן מיט צופרידנקייט)

וואָס־זשע דען איך קען ניט? וועלן דארף איך נאָר...
כאָטש מיד שוין פונעם טאָג איך און אויפשטיין
מוז איך היינט קאַיאָר.

(גלעט אָפּ די הויזן און לייגט זיי אויפן טיש)

איצט קען איך גיין רויק שלאָפן אן איבעריק ביסל.

(לאָזט זיך גיין אין אלקער, טאַפּט זיך ביי דער קע־
שענע פון קלייד)

גוט וואָס דינהלען די טיר ניט עפענען באדארפן,
מיטגעגעבן איר דעם שליסל...

(דרייט איין דאָס ליכט)

דריטע סצענע

(דינה קומט אָן פאר איר היים מיט א גרופּע חברים און
חברטעס פון א שפאציר נאָך דער טעאטער־פאָרשטעלונג. די
חברים קוקן אריין פון דרויסן אין פענצטער. דינה דערזעט
אין פענצטערל פון אלקער א ליכט)

דינה: — זעט נאָר, — ס׳פענצטערל פון אלקער שוין
בא־לויכטן,
זיבער אויף די פיס שוין די באבע זלאַטע.

(אין שפּאַס)

קינדער! כ׳האָב מיט וואָס פאר אייך זיך צו בא־
רימען:

קיינמאָל, לייג איך זיך נישט צו שפּעט, א סימן —
גיי איך שלאָפן, שטייט די באבע אויף און זי
אויפשטיין, שטייט זי תמיד פרי...

(אלע לאכן, וויצלען זיך אין דער שטיל)

אויף אן אמת, קינדער, כ'דארף שוין שלאָפן גיין,
מיין טאטע דארף שוין אויך באלד אויפשטיין —

(פּראָבירט צומאכן דאָס פענצטער. איינער פון די
חברים מאכט וויליונגיש מיט דער האנט צו דינהן)

— דינהלע, איידער דער האָן וועט קרייען —
אויף ווידערזען!

ד י נ ה: (מיט ענליכן זשעסט)
אויף ווידערזען, מיין קוני לעמל!

א יי נ ע ר: (דערווידערט לעצעוואטע)
דינהלע מיטן קעמל!...

(די חברים ציען זיך צוריק און דינה פארמאכט
דאָס פענצטער).

פ י ר ט ע ס צ ע נ ע

ד י נ ה: (נעמט זיך אויסטאָן. קוקט זיך ארום ווי א פארשולדיקטע.
חערט זיך איין צו דער זייט פון אלקער)

ד י נ ה: שוין גוט שפּעט.
די באבע זאָגט שוין איר „מודה"...
זאָל זי מיך נאָר נישט זען, ס'ציטערן אין מיר אלע אברים —
באלד נעמט זי מיך צום טרייבערן..

(דערזעט די הויזן אויפן טיש)

נו, סע העלפט נישט, מוז מען נעמען זיך צו דער עבודה.
וואָס טוט נישט א געטרייע טאָכטער פאר א טאטע...
סע וועט קיין סך צייט נישט נעמען —
אן ארבעט דאָס א גלאטע...

(רייבט זיך די אויגן)

פון שלאָף סע קלעבן זיך מיר שוין די אויגן.
נאָר אָט בין איך פּאַרטיק, אַרומגעקערצט—אַרומגעבויגן..

(לייגט צונויף די הויזן אויפן טיש. דרייט איין דאָס ליכט)

פיפטע סצענע

זלאָטע קומט אַריין, שקראָבנדיק מיט די פיס. אָנגעטאָן מיט א טשיפּעק אויפן קאָפּ אין מיט א ווייס פּאַרטוך. טראָגט א מילטער מיט דער ראָשטשיגע און שטעלט אים אַוועק אויף א טאַבורעט ביי דער הרובע.

זלאָטע: (מיט הרחבה!

— האָב מיך שוין אויך ראָטשינעט. ·

(דעקט אויף דעם מילטער)

אויסגעגעבן קיין עין־הרע דאָס מעל און דאָס טייג ווי סע יווערט און פינעט,
בלייבט נאָך צעליינן אין קיך א פייער און
צושטעלן אַן אָקרעפּ.

(כאַפּט זיך מיט דער האַנט ביי דער זייט)

אוי, מיך געכאַפּט א ריפּ!
יאָ, די עלטער איז קיין נחמה.
נאָר עפּעס גרינגער מיר אויף דער נשמה —
די מאַמע מיר די נאַכט געקומען צו חלום.

(דערזעט די הויזן אויפן טיש)

יאָ, געבעטן דאָך בערל די הויזן קערצן, אונטערשניידן.
פיינט צו זיצן איך לײדיק, סיידן
נישט מיט אַלעמען איך חס ושלום...
טאַקע, פאַרוואָס נישט! אַז די פיס מיך הערן —
טו איך עס גערן.

(לייגט אַוועק די הויזן. לעשט אויס דאָס ליכט, גייט אָפּ אין אַלקער).
(אין פענצטער שאַריעט עס אויף טאָג).

זעקסטע סצענע

פרימאָרגן. אין עסצימער בערל און סערל.

(בערל: אין שטוב־הויזן און העמד. ווישט זיך מיט א האנ־
טוך דאָס פנים)
(גוטמיטיק)

בערל: — סערל — פערל! די נאכט ביי מיר אריבער,
ווי אין א רייזע־פיבער.
דער קאָפּ געארבעט, געטראָגן
אויף צו זינגען און צו זאָגן.
אין קאָאָפּעראַטיוו מיט אלעמען געגאנגען
אין פארוועטן.
די בעסטע מייסטערס אין פארמעסט מיט מיר
זיך געבעטן.
סערל לעבן, גיך און גוט ארבעטן דאָס איז אין
מענטשן געווענדט.
מיך קענסטו דאָך א היציקן — ביי מיר ארבעט אונטער
די הענט געברענט.
איך אליין מיך נישט דערקענט — פון אן אָרעמען
באלבעסל געוואָרן אין שטאָט איך דאָס
אויבערשטע פונעם שטייסל.

סערל: (טוט אים א שטויס אין אקסל).
— יאָ, דו היץ־קאָפּ מיינער
א בעל־חלומות ביסטו גאָר א פיינער!
כ'קען דיך,
שפּאָס אין א זייט
צייט אָנטאָן זיך ווי פאר לייט!

בערל: (לויפט ארויס אין צווייטן צימער מיט די הויזן. קומט
געשווינד אריין איבעראשט, די נייע הויזן גרייכנדיק
אים ביז די קני. רופט אויס):
— סערל! זע נאָר! וואָס איז דאָס?
די הויזן גרייכן מיר באלד ביז צור נאָז...

סערל: (פארפּאטשט מיט די הענט)
— מיינע שונאים, א ווייטיק מיר א גרויסער! —
ווי איז מען דעם חלום פותר?

(סערל און בערל קומען זיך אקעגן איינס ס'אנדערע
רעדןביידע מיט אמאָל)

ביידע: ...איך האָב דאָך נאָר אויף צוויי פינגער
אונטערגעקערצט...

סערל: וואָס דו רעדסט?

(ביידע קומענדיק זיך נאָך נענטער, און טייטן מיט די
פינגער איינס צום אנדערן)

בערל: — דו?...

סערל: — גאָר דו?...

בערל: — איר אַלע מיט דעם זיך געוואָרפן —
האָב איך אַליין אונטערגעשניטן, פארזוימט
און מעשה חיים פאטראַפּן.

סערל: — ווען איך פון דער שכנה ציפּל
געקומען בין מיטן זיפּל,
איר געלעגן שוין אין די בעטן —
געטאָן איך וואָס דו מיך געבעטן.

בערל: (לאכט)
— א שיינע מעשה נאָר א קערצע!

סערל: — כאַ־כאַ־כאַ! ניט די מעשה איז א קערצע׳
נאָר די הויזן דיינע, בערל סערדצע!

(ביידע אין א גרויס געלעכטער. עס קומען צולויפן
איבעראשט דינה און די אלטע זלאטע)

זלאטע: — וואָס פאר א געלעכטער אויף אייך גאנץ קאיאָר
אין מיטן דרינען. איר זענט פון זינען?

סערל: (שטיקט זיך פאר געלעכטער. ווייזט מיט דער האנט
אויף בערלען)

— קוקט אים אָן נאָר אין די קערצע מאטקעס,
ווי אין זומער־גאטקעס!...

דינה: (פילט זיך געטראָפּן. פרוווט זיך פארענטפערן)

— איך זאָל פון דאנען ניט אָפּטרעטן —
געטון איך ווי דער טאטע מיך געבעטן.

ווען כ'בין פון טעאטער אהיים געק'מען —
די הויזן אויף א פּאָר סענטימענטער אונטער'שניידן
זיך גענומען.

ז ל אָ ט ע: (שפּייט אויס דריי מאָל).

ווי פרי באגינען
נאָכן ראָשטשינען,
איך די הויזן געקערצט נישט מער ווי אויף צ'ויי
פינגער...
א טויט אויף מיר א גרינגער!

ב ע ר ל: — מזל טוב! —
אָט האָסטו דיר די דריטע און פירטע טעג יום־טוב!...

(נעמט זיך אָן מיטביידע הענט ביי די הויזן, מיט
פּארקרומטער מינע און א וויינענדיקן ניגון).

— מיינע בידנע הויזן! וואָס פון אייך איז געוואָרן!
וואָס איר אויסגעשטאנען שוין די ערשטע נאכט.
איידער אויף מיינע פיס איר די ערשטע שריט געמאכט
איר שוין באקומען פּארשניטענע געקירצטע יאָרן...
אלע מיר זיך צעבריהט, אייך געהאקט ווי אין קרויט...

ז ל א ט ע: (שטעלט זיך אין דער מיט)
— ס'איז יאָ, ווי זאָגט די וועלט:
„פון א סך באָבעס דאָס קינד טויט!“.

ע פּ י ל אָ ג

(פאָרגעטראָגן דורך איינעם פון די שפּילער פאָרן פאָרהאַנג)

— „דאָס דער שפּיל דער חלום!..
וואָלט געדראכט זיך, דאָס איז איבערגאָר.
ווערזשע ווייסט ניט, אז חלומות און משלים
קערן אָן זיך מיט דער וואָר“.
— אין דעם פארס מיט די הויזן —
וואָס זענען מיר אויסן?
נאָכן ארבעטס־טאָג אין אונדזער טעאטער — מיט
אייך אינצווישן

מיט ריינעם פאָלקס־געמיט,
מיט אביסל פאָלקס־הומאָר דערפרישן.
און דערביי לאָמיר ציען אויך דעם סך־הכל
צו דעם מוסר־השכל:
צווישן אנדערע —
וויסן דארף איין האנט, וואָס סע טוט די אנדערע;
אויף א טובה ניט צו דער צייט —
אָפּט דער שטן רייט;
פון אן איבעריקער טובה — אָנשטאָט אן הנאה,
קומט צומאָל ארויס גאָר א רעה.
דאָס אלעס טוט זיך זייער גוט קלעבן
אין פריוואטן און אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

פ אָ ר ה א נ ג

רב בערלס הויזן

משל

פאָרן דארף רב בערעלע קיין פויזן,
אָבער א מניעה. וואָס? מע טאָר ניט זאָגן,
סיידן אויפן אויער: אָפּגעטראָגן
ער די הויזן,
טאקע שטארק!
גייט ער א מציאה זוכן אויפן אלטן מארק,
און געטראָפן גראָד בחצי חנם
פלודערן א פּאָרל פון געוואנט פון גרינעם,
שטייפע, שפּאָגלנייע. נאָר וואָס דען —
לאנג, צו לאנג. בכן?
לאנג פון קורץ — ניט פאר אונדז,
קורץ פון לאנג — א קליינע קונץ!
קומט אהיים ער, בעט זיין סערל:
„נעם זוגתי קרוין, דאָס שערל,
מיטן שערעלע די הויזן האקן —
כאפּסטו קיש אין יידע באקן!“
מוז זי אָבער מאָרגן באקן.
גייט זי צו דער שכנה ציפּל
לייען דאָרט דאָס נייע זיפּל,
און זי ווערט שוין דאָרט פארפאלן —
זי צו פלאפּלען ניט קיין קליינער בעלן.
בעט זיין שוויגער ער, די אלטע זלאטע —
וויל זי שלאָפן לעת עתה,
קען אים איצט ניט דינען.
פּרווט זיין טעכטערל ער בעטן, דינהן,
איז זי טרוד, זוכט דאָס קעמל,
האָט קיין צייט — מע שפּילט היינט „קוניע-לעמל“.
וואָסזשע טוט ער, בערל?

כאפּט אַליין דאָס שערל,
שנײַדט אַרום, באַזױמט די עקן,
מעשה חייט,
און געלייגט זיך, ניט געהײַעט —
מיט די זאָרעס קומט דער באַלעגאָלע װעקן.
ער נאָר אײַנגעשלאָפֿן — זי דאָ מיטן זיפּל,
בײַסט פֿאַר בושה זיך דאָס ליפּל:
„בערל װעט דאָך נעבעך זײַן גערעכט —
גײַן מאָס רייד, דאָס מלבוש ניט פֿאַרריכט!“
כאַפּט דאָס שערל, שנײַדט, אויף גיך מיט דריבנע שטער
פֿאַרװאָרפֿן —
װאָס־זשע דען, זי קען ניט? װעלן דאַרף זי נאָר!
אָפּגעפּאַרטיקט און געלייגט זיך. (מיד און אויפֿשטײן מוז זי
הײַנט קאיאָר;
גוט װאָס דינהלען די טיר ניט עפֿענען באַדאַרפֿן —
מיטגעגיבן איר דעם שליסל).
נעמט עס ניט — אַזױ פֿיל מיט אַביסל,
קומט אָן דינה
און דערזעט די פּלודערן די גרינגע:
„יאָ, געבעטן עפּעס דאָך דער טאַטע“...
א געטרײַע טאָכטער — באַלד געכאַפּט, אַרומגעקערט,
אַרומגעבױגן,
און דערנאָך ערשט שלאָפֿן — שױן געקלעבט זיך איר די אױגן.
דינה אײַנגעדרימלט, שטײט שױן אויף די אַלטע זלאַטע.
(דינה ליב זיך צו באַרימען:
„קײנמאָל לײג איך זיך ניט שפּעט, א סימן —
גיי איך שלאָפֿן, שטײט די באָבע טיף, און זי
אויפֿשטײן שטײט זי תמיד פֿרי“.
זיך געװאַשן, אָפּגעזאָגט די אַלטע מודה
און צו דער עבודה —
שנײַדן!
(פֿײַנט די אַלטיטשקע צו זיצן לײדיק, סײַדן
ניט מיט אַלעמען זי, חס ושלום).
און רב בערעלע? אין חלום
האַנדלט, קױפֿט בזיל הזול
בכל מכל כל!
און פֿון אַלע די חלומות און מציאות —
פּלודערן גאָר ביז די קניעס!

י. ל. ברוקשטיין

דור המדבר

און יהושוע האָט געהערט דאָס קול פונעם פאָלק און זיין שאלן, און ער האָט געזאָגט צו משהן: א קול פון מלחמה איז אין לאגער.

האָט ער געזאָגט: עס איז נישט א קול פון געשריי פון זיגער נישט א קול פון געשריי פון באזיגטע; א קול פון זינגען הער איך.

און עס איז געווען ווי ער האָט גענענט צום לאגער און האָט געזען דאָס קאלב און די טענץ אזוי האָט געגרימט דער צאָרן פון משהן און ער האָט א וואָרף געטאָן פון זיינע הענט די לוחות און האָט זיי צעבראָכן אונטערן בארג.

און ער האָט גענומען דאָס קאלב וואָס זיי האָבן געמאכט און האָט עס פארברענט אין פייער ביז עס איז געוואָרן אש און האָט עס צעשפרייט אויפן וואסער...

(שמות, 20—17 30)

די פּערזאָנען

אברהם אָרנפעלד,
סאמי, יונה, דוד — זיינע זין,
דיטא, ריקא, חנה — זייערע פרויען,
מירא, אמאליא, אסתר — די טעכטער פון סאמי און דיטא,
יאנקו און ליזיקא, — די קינדער פון דוד און חנה
אנטאָן באטשיו,
טערקא, זיין שניר,
מיכאי ספּירידאָן,
דער ריכטער, צוויי אסעסאָרן, דער פּראָקוראָר, צוויי אדוואָקאטן,
אפּראָר, גרעפיער, צוויי מיליציאָנערן.
מאדאם טעאָדאָרו, א דיפּלאָמירטע הייבאם, — מאדאם גרינגאָריו,
מאדאם זילבער.
אן איראָניקער, אן אומבאקאנטע, א מארקזיצערין, אן אלטער
פּענסיאָנער און אנדערע פרויען און מענער.

די האנדלונג קומט פאָר אין א גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט,
הארבסט 1956.

ערשטער אקט

דער דור פון קנעכט

אן עסצימער ביי דוד אָרנפעלד. געשמאַק און באַשיידן איינגעריכטעט. ווייניק טונקל=פארביק מעבל. אינמיטן א טיש מיט א פּאָר בענקלעך. אין הינטערגרונט א בופעט מיט גלאָזווארג און פּאָרצעלאַן. ביי דער לינקער וואַנט, אַן עטאַזשערע מיט ביכער, אַלטע אין לעדער=געבינדענע, מויליקע און נייע בראָשורן, לערנביכלעך, העפטן. איבער דעם, אַן אַלטער פענדל=זייגער.

רעכטס ארייַנגאַנג=טיר פונעם פאָרהויז און א ברייט דריי=פליגלדיק פענצטער. אין הינטערגרונט א טיר אין שלאָפצימער. אויף דער וואַנט, צווישן דער טיר צום שלאָפצימער און דעם בופעט, א בילד פון אַן אַלטיטשקער אין א שווארצער ריים: אַן אַלטיטשקע מיט א שווארץ טיכל אויפן קאָפּ, גרויע האָר און א בלייך, ליידנדיק פּנים, אָבער גרויסע, שווארצע, לעבעדיקע אויגן.

לינקס, א טיר צום קינדערצימער. מער פאָרויס, א טיר אין קיך.

אויפדערנאכט.

אין צימער איז האַלב=טונקל. דורכן ברייטן פענצטער שיינט אריין דאָס העלע ליכט פון אָט דעם רויקן פרילינגס=אָוונט. שטיל. דערנאָך קומט אריין טערקא, א יונגע שיינע פרוי, מיט א רויזן=בוקעט אין האַנט. זי מאַכט ליכטיק. דאָס עס=צימער מיט דעם שיין געדעקטן טיש שיינט יום=טובדיק. זי גייט אויף די שפּיץ פינגער צום בופעט, לייגט אריין די בלומען אין א וואזע און שטעלט זיי אויפן טיש.

פון דער טיר צום קינדערצימער באַווייזט זיך חנה. באַטראַכט זי א ווײַלע שמייכלענדיק.

חנה: טערקא, וואָס טוסטו? פון וואַנען ווייסטו? מיר האָבן קיינעם נישט געזאָגט...

טערקא: זעסט דאָך, מען דערוויסט זיך.

חנה: (קושט זי גערירט) איך דאַנק דיר.

טערקא: (נאָך א פּויזע, לאַנגזאַם) ביסט גליקלעך, חנה?

חנה: ווייס איך? „גליק“, דאָס איז אזא גרויס וואָרט, א

שווערס... כ'האָב אפילו מורא עס ארויסצוזאָגן... כ'בין צופרידן, דוד איז א גוטער. עס טוט מיר גאָרנישט באנג וואָס איך האָב אים באגעגנט אין מיין לעבן. (זי נעמט ארויס א זיידענע קראוואט פון א טישקעסטל פון בופעט) שיין? דוד האָט אזוי ליב זיך שיין אָנצוטון.

טערקא: און ער, וואָס האָט ער דיר געקויפט?

חנה: איך ווייס נאָך ניט. ער איז א פראקטישער מענטש. ער ברענגט צומאָל א קליידל, א טיכל אָדער א טעשל, געוויינלעכע זאכן; ער טרעפט אָבער תמיד אָן פונקט וואָס עס פעלט מיר.

טערקא: ווערסט זען, היינט וועט ער דיר ברענגען גאָר א באזונדערע זאך, גאָר א טייערע.

חנה: פון וואנען ווייסטו עס?

טערקא: (וויציק) דאָס הארץ זאָגט מיר... אָבער ווי קומט עס וואָס דו ווייסט נישט, וואָס ער וועט דיר ברענגען? טו נאָר א טראכט, וואָס פעלט דיר אצינד?

חנה: דאָס ווייסט ער שוין בעסער פון מיר.

טערקא: מיין מאן אָבער, טרעפט תמיד פארקערט... שטעל דיר פאָר, צו מיין געבורטסטאָג, ברענגט ער מיר א פּאָר שיכלעך.

חנה: איז דאָך גוט.

טערקא: איך האָב שוין אָבער געטראָגן זינט א חודש, פונקט אזא פּאָר שיכלעך און ער האָט עס אפילו נישט באמערקט. (ביידע צעלאכן זיך) ער הויבט נעבעך נישט אָן צו וויסן וואָס עס פעלט מיר.

חנה: האָפנטלעך האָסטו אים גאָרנישט פאָרגעוואָרפן.

טערקא: פארקערט. כ'האָב אים אפילו אביסל סעקירט דערפאר.

חנה: ס'איז נישט גייטיק געווען. אָט, פאָלג מיך. אויב דער מאן ברענגט דיר נישט וואָס דאָס דו באדארפסט, זאָלסטו באדארפן דאָס וואָס ער ברענגט דיר.

טערקא: (טראכט נאָך, לאכט) אזוי טוסטו? אויב אזוי, פארשטיי איך שוין... (מען הערט טריט, עס קומט אריין אברהם אָרנפעלד, א הויכער, — א מאָגערער, א נערוועזער, מיט א ווייס צוגעשוירן בערדל, און אנטאָן באטשיו, א קליין וווקסיקער, דיקלעכער מענטש, מיט

לאנגע גרויסע וואָנסעס, רואיק, געזעצט אין באַוועגונגען, אין רעדן).

אנטאָן: וואָס פאַר א יום־טוב איז ביי אייך אין א פשוטן מיטוואָך?

אברהם: איך אליין ווייס אויך נישט.

טערקא: היינט אויפדערנאַכט ווערט צען יאָר, פון חנה און דודס חתונה.

אברהם: א שיינע מעשׂה! און מיר זאָגט מען נישט אפילו... (קושט חנהן אויפן שטערן) א סך גליקלעכע יאָר, מיטן מאַן אינאיינעם.

אנטאָן: וואָס ווייטער אַלץ גרינגער (דריקט איר האַנט) ווייל ערשט נאָך צען יאָר קאָן מען וויסן, אויב דער שידוך איז געראָטן. איר האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

טערקא: דאָס באַדייט אַז איך האָב נאָך צו צוואַרטן איבער אַכט יאָר.

אנטאָן: זיי רואיק, טערקא איך קען מיר מיין זון.

חנה: א נו, טערקא, רוף אהער דיין געאָרגען און לאָמיר פאַרברענגען אינאיינעם דעם היינטיקן אָוונט.

טערקא: ניין! דאָס איז אייער אָוונט, נאָך אייערער, מיר וועלן קומען מאָרגן.

אברהם: (גיסט אָן ווין אין די גלעזעלעך) לאָמיר כאָטש אויסטרינקען אינאיינעם א גלאָז ווין.

אנטאָן: ביסט גערעכט! דאָס לעבן נאָך דער חתונה איז ווי דער ווין. דאָס ערשטע יאָר איז לייכט און זיס ווי נייער ווין. דערנאָך הויבט עס אָן זיך צו צעשפּילן און ביי די פינף יאָר קאָכט עס, און עס זידט, מע מאַכט דורך אַלערליי פּרוון... דערגייט מען צו די צען יאָר, זעצט זיך עס אָפּ, עס קלערט זיך אויס, עס ווערט שטאַרק ווי אַלטער ווין...

חנה: (שמייכלט) אמת, פעטער אנטאָן. אָנהויב בין איך טאַקע געווען אזוי צערודערט, צעקאָכט, פאַרליבט..

טערקא: נו, און איצט?

חנה: איצט בין איך רויק. גאָר צומאָל אין דער נאַכט, ווען מיר זענען אינאיינעם, און איך זע אים א פאַרטיפטן אין געדאַנקען, ווייזט זיך מיר אויס אַז ער איז ערגעץ ווייט — ווייט, ווער ווייסט וווּ... און דעמאָלט דאַכט זיך מיר אַז כ'בין געבליבן אַליין, פאַרלאָזט, מיט די קינדער... און סע באַפאַלט מיך א שרעק...

טערקא: א שרעק, פאַרוואָס?

חנה: (צעלאַכט זיך) עך, ס'איז אזא מאָדנע איינרעדעניש, אפּ־שר דערפאַר ווייל איך קען מיר שוין נישט פאָרשטעלן דאָס לעבן אָן אים...

(די אלטע לייט קוקט זיך איבער מיט א מיין, שמיי־כלענדיק).

אנטאָן: אָבער, פאַרוואָס שטייען מיר?

טערקא: (גיך) איך פאַרבלייב נישט מער, פעטער אברהם, ווייל געאָרגע דאַרף אהיימקומען יעדע מינוט. (ביי דער טיר) שווער, פאַרבלייבט דאָ נישט לאַנג.

אנטאָן: ניין, טאָכטער.

(חנה פירט אונטער טערקאַן. די אלטע לייט זעצן זיך צו טיש, טרינקען. אנטאָן פולט אָן זיין ליולקע לאַנגזאַם).

אברהם: מ'דאַרף האָבן א גרויסן זכות צו דערלעבן א רויקע עלטער, נחת פון קינדער. פאַראַן א שיין רומעניש ווערטל: „טויזנט יאָר שלום". איך וואָלט עס אזוי געזאָגט: „טויזנט יאָר שלום און נחת פון קינדער"... אָט אזוי.

אנטאָן: א געראָטענער ווונטש!

אברהם: איך פריי מיך זייער, אנטאָן, וואָס דיין זון האָט באַ־קומען א פּאָסטן דאָ אין שטאָט, און איר דאַרפט זיך נישט אוועקציען ווער ווייסט וווהין... ווייל שכנים קען מען האָבן א סך, אלע וואָס וווינען אויף דערזעלבער גאַס, און אפילו אין זעלבן קוואַרטאַל, אָבער גוטע ברידער...

אנטאָן: ...האָט מען נאָר אזויפיל וויפל דאָס האַרץ פאַרנעמט.
חנה קומט צוריק פריילעך, גייט צום קינדערצימער און הערט זיך צו).

אברהם: (שעפּטשעט) זיי שלאָפן?

חנה: ס'איז שטיל. שווער האָב איך זיי אנטשלעפט. (צו אנטאָנען) זיי האָבן געוואָלט וואַרטן אויפן זיידן... נאָר צום זיידן... א גאַנצן טאָג וואָלטן זיי אים געזעסן אויף די הענט... (גייט צו דער קיך) איך גיי צו־גרייטן די וועטשערע. איך האָף אז היינט וועט דוד ניט פאַרשפּעטיקן צו פיל. (אָפּ)

אנטאָן: (אביסל פאַרזאָרגט) אז איך באַטראַכט זיך גוט, וועט מיין געאָרגען ניט זיין צו גרינג אויף זיין פּאָסטן.

אברהם : ער האָט זיך יאַקאָש אַפּאַרעט אין דער פאַבריק, און אין שול, וועט ער זיך דאָ אויך אַפּאַרען. דער אמת איז דאָך איינער!

אנטאָן : נו, יאָ.

אברהם : און די גערעכטיקייט איז אויך נאָר איינע.

אנטאָן : אזוי איז עס, אָבער אָפּטמאָל איז זי שווער אָפּצוגע־פונען. ווייל עס זענען נאָך דאָ גענוג מענטשן וואָס ווילן זי באהאלטן מיט אלע מיטלען, וועלכע ווילן אז מע זאָל אָנעמען אומגערעכטיקייט פאַר גערעכטיקייט, און ליגנס פאַר אמת. (פויזע, ער רויכערט) אזוי איז דער מענטש. יעדער איינער וויל אז מען זאָל אים האלטן פאַר בעסער, פאַר לייטישער ווי ער איז אין דער אמתן. קאָן מען דען אריינקוקן אין יעדנס נשמה, כדי צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן?... וויאזוי־זשע זאָל מען אלעם אויספלאָנטען און דערגיין דעם אמת? הער א־ברהם, ס'איז נישט אזוי גרינג צו משפטן אנדערע מענטשן...

אברהם : ס'איז נישט גרינג. מ'דאַרף זיין א מענטש... דיין זון איז טאַקע א מענטש.

אנטאָן : (צופרידן) אוודאי!

אברהם : (הייבט אויף דאָס גלאָז) אויב אזוי, זאָל זיין מיט מזל, אנטאָן.

אנטאָן : (דאָסזעלבע פריילעך) זאָל זיין! (טרינקען)

אברהם : (נאָך א פויזע) נו, און מיינע זין האָבן זיך, דאַנקען גאָט, אויך אָפּגעפינען א פּלאַץ, יעדער לויט זיין שכל. זיי זענען אלע פעיקע, פלייסיקע.

אנטאָן : אוודאי זענען זיי.

אברהם : זיי האָרעווען און פאַרדינען זיך ערלעך זייער שטיקל ברויט... ווען איך דערמאָן זיך נאָר ווי שווער איך האָב זיי אויפגעצויגן. דער יונגערער פלעגט אָנטאָן די שמאַטעס פונעם עלטערן ברודער, און דער על־טערער פלעגט עסן די שיריים פונעם יונגערן.

אנטאָן : וואָס האָט מען געקאָנט טון?

אברהם : נו, און מיר? דערמאָנסט דיך נאָך, ווי מיר פלעגן זיך שלעפן מיט די וועגענער איבער דעם באַרג הוטא און איבער די סערפּענטינען פונעם גוטין, אין היצן, אין רעגנס, אין פראָסטיקע ווינטערנעכט, און אויף זאווע־

רעכעס, פלעגן מיר די קלעצער צו די ברעטער־זעגן טאסקען.

אנטאָן: (רויכערט פון דער ליולקע) ס'איז נאָך געווען א גליק אז מען האָט געהאַט וואָס צו טאסקען.

אברהם: אונדזערע קינדער וועלן ניט מער זיין קיין קנעכט ביי אנדערע. איך רעכן אז די וועלט גייט אויף א גוטן וועג, אנטאָן... איך קען שוין רואיק פארמאכן די אויגן...

אנטאָן: (לאכט) עהע, האָסט נאָך גענוג צייט, אברהם, צו טראכטן דערצו.

אברהם: (דאָסזעלבע) דו האָסט נאָך צייט, ווייל דו ביסט מיט פינף יאָר ייִנגער פון מיר.

אנטאָן: (פּיפּקעט) נאָר מיט פיר יאָר און צען חדשים.

אברהם: מילא, איך בין דאָך אָבער פאָרט א זיבעציקער. (גיסט אָן, זיי טרינקען) ווען עס וועט קומען די צייט, אנטאָן וואָלט איך שטארק נישט געוואָלט קרענקען, קרעכצן, און צו זען ווי מיינע ליבע לויפן ארום מיט פארוויינטע אויגן נאָכן דאָקטער און נאָך רעצעפּטן... גאָט זאָל מיך אָפּהיטן דערפון! קיינער זאָל מיר נישט שטיין און וויינען צוקאָפּנס, נישט די זין, נישט די שנור, נישט די אייניקלעך... איך וואָלט געוואָלט אויסגיין אזוי פּלוצעם, זיצנדיק דאָ ביים טיש, מיט א ספר פאר די אויגן... אָדער שמועסנדיק מיט דיר, אנטאָן, וועגן אלערליי זאכן וואָס זענען פאראן אויף דער וועלט, און אין דעם לעבן... (סטראשעט אויף א שפּאס) דו זאָלסט מיך אויך נישט באוויינען, אנטאָן.

אנטאָן: ווארף אָפּ די געדאנקען! וואָס איז דיר פּלוצעם איינגעפאלן?

אברהם: (טרינקט)... און אויף מיין מצבה זאָל נאָר זיין אויפגעשריבן: „דאָ ליגט אברהם אָרנפעלד, וואָס האָט נישט אויפגעטון ווער ווייסט וואָס, ער האָט נאָר געארבעט ערלעך, און דערצויגן דריי זין, אָרנטלעכע, לייטישע מענטשן". נישט מער!... ווארט נאָר! (קוקט צום בילד אויף דער וואנט) זי נעבעך, וועט נישט קענען רוען לעבן מיר, זי איז געבליבן דאָרטן אין די בערג מיט אש פון אוישוויץ, און מע ווייסט נישט אפילו וועלכעס ס'איז איר אש... זאָל כאָטש איר נאָמען זיין אויסגעקריצט אויף דער מצבה... זאָל מען דאָרט אויפשרייבן אזוי:

„אברהם אָרנפעלד און זיין פרוי שרה, האָבן דערצויגן דריי אָרנטלעכע מענטשן...“

(א פּאָר רגע שטיל. חנה קומט אריין פון דער קיך).

חנה: איך זע אז דוד פארשפּעטיקט. (צו אנטאָנען) ער איז לעצטנס אזוי פארנעמען, אז ער קומט אָפּטמאָל אהיים שפּעט באנאַכט. (צו אברהמען) אפשר עסט איר עפּעס שווער? איך פארבעט אייך צו וועטשערע, פּעטער אנטאָן, עסט אינײנעם...

אנטאָן: ווילסט, טערקא זאָל ברוגז ווערן? האָסט דאָך געהערט וואָס זי האָט מיר אָנגעזאָגט?

אברהם: איך בין נישט הונגעריק. מירן שוין עסן מיט דודן אינײנעם. (חנה אָפּ אין קיך).

אנטאָן: (פארטראכט) פארוואָס ווינסטו נאָר ביי דודן? ווען איך זאָל האָבן דריי זין, וואָלט איך געוווינט ביי אלע דריי, נאָך דער ריי.

אברהם: די אנדערע קינדער זענען טאקע ברוגז דערפאר. סאמי האָט מיך שוין וויפל מאָל גערופן, ער האָט אָבער א שווערע שטוב. דריי כלה־מיידלעך אין א קליינע דירה. איך וואָלט געקאָנט ווינען ביי יונהן, זיי האלטן מיך אין איין רופן, איבערהויפּט די שנור, ריקא. „פארוואָס באַליידיקט איר אונדז שווער? פארוואָס קומט איר נישט ווינען ביי אונדז? פּלאַץ איז דאָ גענוג, קיין קינדער האָבן מיר נישט, און שטיל איז אויך“...

אנטאָן: אזוי זאָגט זי? ביי איר איז שטיל? (ער לאכט)

אברהם: אָבער מיר געפעלט בעסער דאָ, ביי דודן.

אנטאָן: אוודאי, ער איז דאָך דער מעזיניק.

אברהם: זעסטו, אנטאָן, דו האָסט נאָר איין זון, ווייסטו נישט וויאזוי דאָס איז... אמת, מ'קאָן נישט זאָגן, אז איך האָב ליבער אײנעם פונעם אנדערן. איך האלט אָבער מער פון דודן... ער איז געשיקטער ווי די אנדערע, ער קאָן זיך בעסער צופּאסן אין לעבן, און האָט א גוט הארץ. האָט ער עמעצן ליב, קאָן ער אים אוועקגעבן דאָס לעצטע העמד אפילו.

אנטאָן: יאָ, יאָ, אזוי איז ער!

אברהם: אין אָט דער שטוב, פיל איך מיך בעסער. דאָ איז שלום־בית. חנה איז מיר ווי אן אייגענע טאָכטער, נישט ווי א שנור... דערצו האָב איך דאָ מיינע יינגסטע אייניקלעך... ווייסטו, אמאָל ווען איך פלעג בלייבן אָן

ארבעט, פלעג איך ווערן א מלמד. איך פלעג לערנען די קינדער שרייבן בריוולעך און לייענען פון די אלטע ספרים: (ווייזט אויף די ספרים פון דער עטאזשערע) „ויאמר אלקים" — און גאָט האָט געזאָגט, עס זאָל ווערן ליכט — און ס'איז געוואָרן ליכט"... דערפאַר פלעג איך עסן טעג ביי זייערע עלטערן... און איצט לערן איך מיט מיינע אייניקלעך, דאָס וואָס איך האָב זיך שוין דערוווּסט פונעם לעבן און פון אלטע ספרים...

אנטאָן: (שמייכלט) ס'איז נישט צופיל?

אברהם: (ביטער) ס'איז אפילו גאָר ווייניק! גאָר ווייניק פאַר דער היינטיקער צייט... (קוקט צום קינדערצימער און רעדט שטיל, בסוד) זיי ווייסן, אז איך אליין לערן אויך פון מיין אייניקל יאנקו... אָט פון דעם קליינינקן...

אנטאָן: (לאכט) דו, פון יאנקון?

אברהם: שא! ער ווייסט נישט דערפון... איצט איז ער אין דעם פערטן קלאַס און ער ווייסט שוין א מענגע פון היס־טאָריע, געאָגראַפיע, וווּנדערלעכע זאכן פון אמאָליקע צייטן, פון לענדער און ימען וועגן וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט. אזוי אז אז... איך לערן די שול איניינעם מיט אים.

(ביידע לאכן. דער וואנט־זייגער שלאָגט אויס צען).

אנטאָן: (שטייט אויף) ס'איז שוין שפּעט. כ'מוז גיין (בלייבט שטיין א געהאַמעוועטער) כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן... (זעצט זיך צוריק) דיך פרעגן... נאָך פאַר עטלעכע טעג, ווען כ'האָב געהערט...

אברהם: וואָס האָסטו געהערט?

אנטאָן: וועגן דודן... מע האָט זיך גענומען רעדן... אז ער לעבט ברייט...

אברהם: (לאכט) א שיינע מעשה. ברייט... ער לעבט זיך ווי די קעשענע דערלויבט אים.

אנטאָן: מע זאָגט אז בעסער. ער גיט אויס צופיל...

אברהם: שפּאָרן, שפּאָרט ער נישט. ער גיט אויס. וויפל ער פאַרדינט.

אנטאָן: מע זאָגט אז מער...

אברהם: (לאכט שטאַרקער) ווי איז דאָס מעגלעך? ער איז דען א שוואַרץ־קינסטלער? ווי קאָן מען אויסגעבן מער ווי מען פאַרדינט? סיידן ער באָרגט צו... אָבער פאַר

חובות היט זיך מיין דוד ווי פאר פייער. ער איז גע־ראטן אין מיר...

אנטאן: (רואיקער) איך האב דאסזעלבע געטראכט. ס'איז נישט מעגלעך!

אברהם: חנה איז א בריה. יעדן גראשן גיט זי אוים מיט חשבון.

אנטאן: דאר זעסטו... מענטשן רעדן...

אברהם: עס זענען אויך פאראן מענטשן, בארעדערס, נישט פארגינערס.

אנטאן: (מיט א געצוווּנגענעם שמייכל) לײדער, זענען דא אזוינע... אט זאגט מען א שטייגער, אז ער האט געקויפט א טייערע גאלדענעם בראסלעט...

אברהם: (לאכט שטארק) א גאלדענעם וואס? כ־כא־כא־כא! (לויפט צור קיך) חנה! חנה! קום נאר אהער. ווו איז דיין גאלדענער בראסלעט?

חנה: (דערשראקן) וואס איז דען? וואס פאר א בראסלעט?

אברהם: די צירונג וואס דוד האט דיר געקויפט.

חנה: (מיט פארוורף) שוועד לעבן, איר וויצלט זיך... (זי וויל צוריקגיין אין קיך. בלייבט שטיין. אביסל צופרידן, צו זיך) האט ער נישט געזאלט... אפשר פאר היינט? סארא נארישקייט! נאר א גאלדענעם בראסלעט פעלט מיר אוים... (אפ).

אנטאן: (אונטערגעפירט פון אברהמען) ביסט גערעכט, אברהם, פאראן פארשידענע מענטשן.

(דאס צימער בלייבט ליידיק. אינגיכן קומט אברהם צוריק, אביסל געערגערט)

אברהם: נא דיר גאר אזא מעשה... הם! הם!..

(דרייט זיך ארום אן אויפגערעגטער איבערן צימער, גלייך ער וואלט געזוכט עפעס און ווייסט אליין נישט וואס... די טיר פונעם קינדערצימער עפנט זיך פאר־זיכטיק און סע דערשיינט יאנקו, א יינגעלע פון ניין יאר, און ליזיקא א מיידעלע פון פינף. ביידע און לאנגע ווייסע נאכט־העמדלעך).

יאנקו: (רופט שטיל) זיידעניו, זיידעניו!

אברהם: (דרייט זיך אום צו זיי, זיין פנים ווערט ליכטיק) וואס איז מיט אייך, וועווריקלעך? איר שלאפט נאך נישט?

יאנקו: ווען די מאמע איז געווען מיט אונדז, האב איך גע־האלטן די אויגן פארמאכט.

ליזיקא: איך אויך.

אברהם: (כלומרשט בייז) האָט איר, הייסט עס, אָפּגענאַרט די מאמע?

יאנקו: ניין, נישט אָפּגענאַרט.

ליזיקא: איך אויך נישט אָפּגענאַרט...

יאנקו: (זעצט זיך אויפֿן אלטנס קני) מיר זענען געקומען דיך פרעגן, זיידעניו, ליזיקא זאָגט אז די לבנה איז ווי א פאפיר, צוגעקלעפּט אויפֿן הימל...

אברהם: אזוי זאָגט זי? הם!...

ליזיקא: (שלעפּט אים ביים ארבל) קום זיידעניו, קוק זי אָן דורכן פענצטער.

יאנקו: ביסט א נאר, די לבנה איז ניט צוגעקלעבט.

ליזיקא: זי איז יאָ, יאָ, יאָ!

יאנקו: זי קאָן גאָרנישט זיין צוגעקלעבט, ווייל זי איז רונד ווי א באל. אמת, זיידעניו?

אברהם: הם! ווי א באל.

ליזיקא: אויב אזוי, פארוואסזשע פאלט זי נישט אראָפּ?

אברהם: פארוואָס זי פאלט נישט? (קראצט זיך אין קאָפּ) פאר־וואָס זי פאלט נישט?... ווייל אזוי וויל דער אייבערשטער.

יאנקו: ניין! ניין! ווייל זי דרייט זיך ארום דער ערד.

אברהם: וואָס? יאָ, ביסט גערעכט. זי דרייט זיך. אזוי וויל ער, טאקע, דער אייבערשטער, זי זאָל זיך דרייען...

יאנקו: ניין! ניין! ווייל זי דרייט זיך ארום דער ערד.

אברהם: וואָס? יאָ, ביסט גערעכט. זי דרייט זיך. אזוי וויל ער, טאקע דער אייבערשטער, זי זאָל זיך דרייען...

יאנקו: און די ערד דרייט זיך אויך.

אברהם: די ערד אויך...

יאנקו: ארום דער זון.

אברהם: (אומזיכער) אויך די זון...

חנהס שטימע: (פון קיך) שווער, טוט נאָר א קוק וויפל איז דער זייגער?

אברהם: א פערטל אויף עלף. (צו די קינדער, שטיל) לויפט שלאָפן, וועוריקלעך. טאָמער כאפּט אונדז די מאמע דאָ, איז אָך און ווי... (ער פירט זיי אָפּ אין קינדער־צימער און קומט צוריק מורמלענדיק) זי דרייט זיך... די גאנצע וועלט דרייט זיך...

(פון דרויסן הערט מען גיכע טריט און עס קומט אריין ריקא, א הויכע, מאָגערע פרוי פון אן עטלעכע און פערציק יאָר, מיט א מאָדנעם הוט אויפן קאָפּ,

אלטמאָדיש, עלעגאנט אָנגעטאָן. נאָך איר קומט פראכנ־
דיק יונה, איר מאן, פון דעמזעלבן עלטער, א פעטער
כמעט קיילעכדיקער, לוסטיקער מענטש. ער האלט אין
האנט זיין ברייט ראנדיקן הוט. ער ווישט זיך דאָס
פנים, דעם האלדז און נאקן מיט א גרויס טיכל. מע
זעט אז ער שוויצט נאָכלויפנדיק זיין פרוי).

ריקא: ווו איז דוד?

חנה: (קומט לאכנדיק פון קיך) א גוטן אָוונט, ריקא, יונה, זיצט! (יונה זעצט זיך).

ריקא: (בלייבט שטיין) ווו איז דוד?

חנה: ער איז נישט אינדערהיים.

ריקא: דו הערסט, יאָנאס? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? נישט אינדערהיים.

יונה: טייערע מיינע, ער איז דאָך אוודאי...

ריקא: שווייג! דו רעד נישט! איך קען דיך! אוודאי, דו ביסט נאָך אומשטאנד דיך אָנעמען פאר אים.

חנה: (לוסטיק) אָבער וואָס איז מיט דיר, ריקא?

ריקא: ווו איז דוד?

חנה: אין דער פאבריק. ער ארבעט.

ריקא: (שארף) דאָס זאָלסטו דערציילן דיין ליזיקאן, נים מיר! (זעצט זיך) פארוואָס מיינסטו זענען מיר אראָפּגעפאלן צו דיר אינמיטן דער נאכט?

יונה: ריקא, טייערע מיינע!

ריקא: שווייג! די גאנצע שטאָט ווייסט און נאָר זי זאָל נישט וויסן? דיין דוד האָט זיך פארדרייט מיט א פרוי און פארברענגט זיך די נעכט ביי איר.

חנה: (צעלאכט זיך) א שיינע מעשה.

יונה: (בעט זי) פארוואָס רעדסטו אזוי, ריקא? האָסט אים געזען?

ריקא: ניין, די מאדאם גריגאָריו האָט עס מיר געזאָגט.

יונה: און זי האָט אים געזען?

ריקא: ניין, איר האָט דערציילט די מאדאם טעאָדאָרו, די דיפּלאָמירטע הייבאם, זייער א באַלעבאַטישע פרוי, וועלכע האָט געהערט די געשיכטע פון דער מאדאם זילבער... אז ער באגעגנט זיך מיט א פרוי, א יונגע אלמנה, ערגעץ אין א קינאָ, עק שטאָט און פון דאָרט גייט ער צו איר אהיים.

חנה: לאָז זיי רעדן, ריקא, אויב זיי האָבן הנאה דערפון... דוד ארבעט ביז שפעט באנאכט.

יונה: אוודאי!

ריקא: (אויפגערעגט) אוודאי! שטופסט דעם פיסק ווי א נאר! אוודאי! פארוואָס ווילסטו זי אָפּנארן? וואָלט כאָטש יענע פרוי שיין געווען: די מאדאם גריגאָריו זאָגט מיר אָבער, אז זי האָט גראָבע פיס...

יונה: (פארצווייפלט) האָט זי עמעצער געזען?

ריקא: שווייג, יאָנאס! כ'האָב דיר נישט געזאָגט? ווען די מאדאם זילבער איז געוואָר געוואָרן פון דער געשיכטע, האָט זי אַלצדינג דערציילט דער מאדאם טעאָדאָרו, די דיפּלאָמירטע הייבאם וועלכע קומט אריין צו דער מאדאם גריגאָריו, זייט יענערס טאָכטער האָט געבוירן א צווילינג — צוויי מיידלעך.

אברהם: ווער זשע האָט זיי געזען?

ריקא: דעם צווילינג?

אברהם: ניין דודן מיט... מיט יענער פרוי.

ריקא: וואָס הייסט ווער? די וועלט. מענטשן. ווען נישט, וואָלט מען נישט גערעדט.

יונה: (אויסער זיך) וואָס פאר א וועלט? וואָס פאר א מענטשן?

ריקא: שווייג יאָנאס! (יאָנאס ווערט פארשטומט) אָבער נעם דיר דאָס נישט צום הארצן, ליבע חנה.

חנה: (מיט א קאלטן שמייכל אויף די ליפּן) איך נעם דאָס נישט צום הארצן. פשוט איך גלויב דאָס נישט.

ריקא: פריער אָדער שפּעטער, טוען אזוי אלע מענער. מיינער וואָלט דען בעסער געווען, ווען איך היט אים נישט, און ווען איך האלט נישט פעסט די לייצעם?

יונה: ריקא!...

ריקא: לאָז, איך בין א מבין אויף דיר! מיינסט איך האָב דיך נישט געזען אין ביוראָ, וויאזוי דו האָסט נאָכגעקוקט נאָך יענער גראָבינקער דאקטילאָגראפקע?... ערגער דיך נישט חנה, ס'איז נישט כדאי. איך בין עס דיר געקומען דערציילן, נאָר ווייל... ס'איז א עבירה דאָס געלט...

חנה: וואָס פאר א געלט?

ריקא: דאָס געלט וואָס ער גיט איים מיט יענער פרוי. ער קויפט איר מתנות...

חנה: מתנות?

ריקא: זיידענע זאָקן, קליידער, שיך, א גאָלדענעם בראסלעט.

אברהם: ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט?
ריקא: כ'האָב דאָך אייך דערציילט, שווער, אז די מאדאם גריגאָריו איז עס געווויר געוואָרן...
אברהם: ...פון דער מאדאם טעאָדאָרו, די דיפּלאָמירטע אוודאי...
ריקא: יאָ!
אברהם: וועלכע האָט דאָס געהערט פון דער מאדאם זילבער...
ריקא: ניין! דאָס האָט איר דערציילט דער הער טאנקו, דער אפּטייקער ביי וועמען די מאדאם גריגאָריו, קויפט זיך פּילן קעגן קאָפּ-ווייטיק, ווייל זי האָט שרעקלעכע מי-גרענעס, און מאָגן קרעמפּן. דער הער טאנקו זאָגט, אז ער האָט זי אויסגעקליידט פון קאָפּ ביז פיס...
אברהם: וועמען?
ריקא: וואָס הייסט וועמען! איר פארשטייט נישט, שווער? יענע פרוי.
אברהם: ווער איז די פרוי?
ריקא: איך ווייס נישט.
אברהם: האָט זי עמעצער געזען?
ריקא: אוודאי! זי איז דען א מלאך?
אברהם: די מאדאם גריגאָריו?
ריקא: ניין!
אברהם: די מאדאם טעאָדאָרו?
ריקא: ניין!
אברהם: די מאדאם זילבער?
ריקא: ניין!
אברהם: און דו... דו האָסט זי אמאָל געזען?
ריקא: איך? קיינמאָל נישט.
אברהם: (אויפגערעגט) אויב אזוי, רעד זשע מער נישט קיין וואָרט, בעט איך דיך! קיין וואָרט!
ריקא: (אין כעס) כ'זאָל נישט רעדן? איך זאָל נישט רעדן? פארוואָס זאָל איך ניט רעדן? וואָס, ס'איז אפשר נישט אן עבירה דאָס געלט? אויב ער פארדינט יאָ אזוי גראָב, ווי די מאדאם גריגאָריו זאָגט, זאָל ער בעסער געבן דיר, חנה... אָדער זאָל ער אָפּשפּאָרן, ווייל מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן ברענגט.
אברהם: ער פארדינט גראָב... וואָס באדייט דאָס? כ'פארשטיי נישט! (חנה שטייט אויף, טוט גיך אויס דאָס שירצל און נעמט א שאל אויף די אקסל).
ריקא: וווהין גייסטו?

חנה: ביזן רעסטאָראַן... טעלעפאָנירן אין פאבריק... (אויף דער שוועל קלאפט זי זיך אָן אין א 45 יעריקן מאן, א גוט געבויעטן, אָנגעטאָן אין אָפגענוצטע ארבעטס קליידער, מיט א שאפקע) דו ביסט עס, סאמי?

סאמי: א גוטן אָוונט. ווו איז דוד? כ'וויל מיט אים רעדן.

חנה: (מיט א ציטערדיק קול) וואָס הייסט ווו ער איז? דו ווייסט אויך נישט? ...ר'איז דאָך אין דער פאבריק...

סאמי: ר'איז נישט אין דער פאבריק.

(טיף שטיל. חנה טוט אויס, לאנגזאם, דעם שאל).

חנה: זאָגסטו... ער... ער איז נישטאָ דאָרט...

סאמי: (זעצט זיך מיד אויף א בענקל) כ'קום נאָר וואָס פון מיין שיכט. ער איז נישטאָ אין דער פאבריק. (שווערע שטילקייט). וואָס קוקט איר אזוי אויף מיר? וואָס האָב איך דען אזוינס געזאָגט?

חנה: (שטיל) גאָרנישט... גאָרנישט... (לאָזט זיך שווער אויף א בענקל).

(פויזע).

ריקא: (פריילעך, געמאכט) אָט איז זיך שוין צונויפגעקומען די גאנצע פאמיליע... שוין לאנג זענען מיר ניט געווען אזוי איינינעם ...אָבער ווו איז דיין דיטא? פארוואָס האָסטו זי נישט מיטגעבראַכט? און פארוואָס קומט איר נישט קיינמאָל צו מיר? ס'איז נישט שיין. כ'האָב אזוי פיל מאָל געפרעגט מיין יאָנאסן: יאָנאס, פארוואָס קומט דיטא קיינמאָל נישט צו מיר? אמת, יאָנאס?

יונה: אמת.

ריקא: יעדן טאָג פרעג איך.

יונה: יעדן טאָג.

ריקא: נאָר וואָס פרעג איך נאָר. זי איז דאָך אן ארבעטערן... נו, היינטיקע צייטן קער איר נישט אָנשטיין מיט מיר...

סאמי: (נערוועז) ניין, ריקא. זי האָט נישט קיין צייט. זי האָט נישט קיין צייט. זי האָט א סך צו ארבעטן.

ריקא: (באליידיקט) ווילסט זאָגן, אז איך ארבעט נישט, אז איך האָב צייט גענוג?

סאמי: איך האָב דאָס נישט געזאָגט.

ריקא: האָסט אָבער געגעבן אָנצוהערן. מיר דארף מען נישט ארייןלייגן קיין פינגער אין מויל. איך פארשטיי אזוי אויך. (שיסט ארויס) איך ארבעט אויך, ניט נאָר דיין

דימא. כ׳האָב געגוג אויף מיין קאָפּ. כ׳רו נישט קיין איין מינוט אפילו.

סאמי: איך גלויב דיר. (פויזע. — דער שמועס קלעפּט זיך נישט).

ריקא: און איר? ווען קומט איר ווינען צו אונדז, שווער? איר זאָלט וויסן, אז איך בין באַליידיקט! וואָס, איך בין אייך דען נישט אזא שנור ווי חנה?

אברהם: יאָ ווער זאָגט דען אז נישט?

ריקא: מיר האָבן געגוג פּלאַץ. איר מיינט אז איר וועט זיך נישט גוט פילן ביי אונדז?

אברהם: באשטימט יאָ, נאָר דאָ פיל איך מיך אויך גוט.

ריקא: (טשעפּנדיק זיך צו יונהן) און דו? פארוואָס זאָגסטו נאָרנישט?

יונה: וואָס זאָל איך זאָגן?

ריקא: (קרומט אים נאָך) „וואָס זאָל איך זאָגן?" אזוי ביסטו פון תמיד! (שטייט פלוצעם אויף) ס׳איז שפּעט. קום אהיים! מיר דארפן זיך לייגן שלאָפן.

יונה: (זויער) איך האָב דיך געבעטן מיר זאָלן איבערהויפּט נישט קומען... אפשר ווארטן מיר אצינד אויף...

ריקא: יאָנאס, ס׳איז שפּעט! א גוטע נאכט! (אלע ענטפערן שטיל, ריקא אָפּ, נאָך איר, יונה. דער אלטער פירט זיי אונטער צו דער טיר. חנה גייט לאנגזאם אָפּ אין קיך).

אברהם: (קומט צוריק צום טיש) פארוואָס זוכסטו דורן?

סאמי: כ׳האָב מיט אים עפּעס צו רעדן.

אברהם: וואָס?

סאמי: ס׳איז נישט וויכטיק, טאטע.

אברהם: (שטרענג) רעד גיט מיט מיר אזוי! כ׳בין אייער טאַטע, איך מוז אלץ וויסן! פארשטייסט?

סאמי: איך אַליין ווייס אויך גאָרנישט. כ׳בין געקומען אים פרעגען. (חנה קומט אריין. די מענער שווייגן).

חנה: איך שטעל נאָך א טעלער, סאמי, כ׳האָב א גוטע זופּע.

סאמי: ניין, חנה, איך האָב שוין געגעסן. (פויזע).

חנה: שווער, כ׳וועל אייך דערלאנגען צו טיש. ס׳איז שוין שפּעט.

אברהם: ניין חנה, כ׳בין נישט הונגעריק. (שטילקייט. חנה גייט צוריק אין קיך). זאָג שוין!

חנה: וואָס?

אברהם: וואָס איז געשען מיט דודן?

יונה: דאָס וויל איך אייך וויסן. לעצטנס, פירט ער א ביסל, א מאָדנע לעבן... מיט אַלערליי גוטע ברידער... מען הוליעט... ער גיט אים געלט... אָן א חשבון...

אברהם: דו זאָגסט אייך נאָך אזוינס? ער גיט אים וויפל ער פאַרדינט. ער פאַרדינט גוט. ער אַרבעט א סך, דורך די נעכט. מען גיט אים פּרעמיעס.

סאמי: מע גיט אים נישט קיין פּרעמיעס. פאַרוואָס זאָל מען אים געבן?

אברהם: וואָס מיינסטו דערמיט? אז ער גיט אים מער וויפל ער פאַרדינט? ווי איז דאָס מעגלעך?

סאמי: דאָס פרעג איך זיך אויך.

אברהם: ער באָרגט געלט?

סאמי: איך פרעג זיך ביי וועמען?

אברהם: (גאָר באַאומרויקט) סאמי, ווילסט דאָך נישט זאָגן אז... (סטראַשענדיק) רעד, סאמי!

סאמי: איך וויל גאָרנישט זאָגן, טאַטע. דערפאַר בין איך געקומען פרעגן. מענטשן שושקען הינטער די פּלייצעס. א וועלט איז נישט בלינד...

אברהם: פאַראַן אָבער שלעכטע מענטשן, נישט פאַרגינערס. איך גלייב נישט אז מיין דוד... ניין, ניין, איך גלייב נישט!... (ברוגז) פאַרוואָס שווייגסטו, סאמי? דו גלייבסט?

סאמי: איך ווייס נישט וואָס צו גלייבן, טאַטע.

אברהם: (טוט א זעץ מיט דער פויסט אין טיש מלא־כעס) וואָס איז דאָס פאַר א מעשׂה, סאמי? אזוינס קאָן נישט געשען! ס'איז נישט מעגלעך! מע באַרעט דיין ברודער, מע באַשמוצט אים, און דו ווייסט נישט וואָס צו גלייבן? זאָלסט נישט צולאָזן אז מען זאָל אים באַשמוצן! הערסט, סאמי, דו טאָרסט עס נישט צולאָזן! דו דאַרפסט דיך אָננעמען פאַר אים! דו ביסט זיין עלטערער ברודער. פאַרשטייסט? ביסט מחויב אים צו...

(חנה קומט אריין דערשראָקן. דער אלטער האַקט איבער תיכף די רייד).

חנה: וואָס איז געשען?

אברהם: (שטיל, אָבער נאָך ציטערנדיק פאַר נערוועזקייט) גאָרנישט... מיר רעדן סתם... סתם אזוי.

חנה: וואָס איז פּאַרט, שווער? איך בעט אייך, זאָגט מיר אויס. סאַמי זאָג דו מיר. איז עפּעס געשען מיט דודן?

סאַמי: (מיט א געצוווּנגענעם שמייכל) גאָרנישט, חנה, וואָס זאָל געשען מיט אים? ר'איז דאָך ניט קיין פּיצל קינד. פון דרויסן דערהערט מען טריט און, א גע־ברומפּ'ן, א פריילעך לידל. חנה גייט צו דער טיר, באַרעכנט זיך אָבער פּלוצעם און לויפט אין קיך. עס קומט אריין דוד, א יונגער שיינער מענטש, גוט אָנ־געטאָן. ער זעט נישט אויס עלטער פון 36 יאָר).

דוד: (גוט געשטימט, און אביסל רעשיק) א גוטן אָוונט! א גוטן אָוונט! (מען ענטפערט אים נישט. דערזעט זיין ברודער) סאַמי, וואָס טוסטו דאָ ביי אונדז? אזוי שפּעט? וואָס פאר א נייעס ברענגסטו?

סאַמי: קיין שום נייעס. איך בין דיר נאָר געקומען זאָגן... (דעם אלטנס קעגנוואַרט שטערט אים) כ'האָב געוואָלט... מיט דיר רעדן...

דוד: (דערמוטיקט אים מיטן בליק, שמייכלנדיק) דאַרפסט עפּעס געלט? זאָג, ווייל איך גיב דיר נאָך. וואָס מאכסטו אזוי פיל קונצן?

סאַמי: (שטייט אויף) ניין. איך האָב דיר פּונקט אָפּגעבראַכט דאָס געלט... גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאַנט... האָסט מיר אויסגעליגן דריי הונדערט...

דוד: מאַך ניט קיין חכמות, סאַמי!

סאַמי: (ציילט דאָס געלט אויפן טיש) הונדערט, צוויי הונ־דערט, און פינף און צוואַנציק, פערציק... פינף און זיבעציק...

דוד: וואָס איז מיט דיר? ביסט אפשר ברוגז געוואָרן? איך האָב דיך דאָך נאָר געפּרעגט...

סאַמי: דאָ האָסטו צוויי הונדערט פינפאונזיבעציק (זוכט אין די קעשענעס) נאָך פינפאונצוואַנציק... דאַרף איך האָבן...

חנה: (כאַפּט אים אָן דעם אָרעם, מיט כעס) ביסט משוגע? כ'האָב ביי דיר נאָר נישט צוריקגעבעטן.

סאַמי: (פאַרכמורעט כ'האָב געפינען! (ציילט דאָס איבעריקע געלט) אָט האָסטו דיר אַלע דרייהונדערט.

אברהם: (ווי געטראָפן) ווילסט אים מער נישט שולדיק זיין, סאַמי?

דוד: (ערנסט) נעם צוריק דאָס געלט, סאמי! איך ווייס אז דו באדארפסט עס. איך קאָן דיר נאָך לייען, אויב דו ווילסט.

סאמי: איך דארף נישט! (פויזע).

אברהם: (כלומרשט רואיק) וו ביסטו געווען, דוד?

דוד: וואָס הייסט וו? און שטאָט.

אברהם: כ׳ווייס אז אין שטאָט, אָבער וו? די שטאָט איז גרויס.

דוד: (קוקט דערשראָקן אויף איינעם און אויפן אנדערן) וואָס איז מיט אייך? וואָס באקוקט איר מיך אזוי?
חנה קומט אריין מיט א פארעדיק הייסער שיסל זופּ, די מענער ווערן אנטשוויגן).

חנה: (שטיל) א גוטן אָוונט, דוד.

דוד: (מיט א ברייטן שמייכל) א גוטן, חנה, שלאָפסט נאָך נישט?

חנה: פארוואָס פרעגסטו מיך? ווייסט דאָך אז איך וואַרט תמיד אויף דיר.

דוד: צוליב וואָס? כ׳האָב דאָך דיר אזוי פיל מאָל געזאָגט, חנה, אז עס האָט ניט קיין זין...

חנה: ווייטער האָסטו מיר גאָרנישט צו זאָגן?... אפילו היינט?... (שמייכלט ביטערלעך) ביסט אפשר געגעסן, עס האָט נישט קיין זין...

דוד: וואָס האָסטו פּלוצעם געגרייט צום טיש אזוי יום־טוב־דיק, מיט בלומען?

אברהם: (פארוואָלקנט) דו ווייסט נישט פארוואָס?

חנה: (גיך) איך ווייס אויך נישט... אפשר האָב איך א טעות געהאט.

דוד: וואָס איז מיט דיר, חנה? וואָס רעדסטו!

חנה: קוק! איך האָב דיר אָנגעגרייט א גוטע זופּ, וויאזוי דו האָסט ליב.

דוד: א שאָד וואָס כ׳האָב עס ניט געוווסט פון פריער. איצט קאָן איך מער ניט עסן כ׳בין זאט. כ׳האָב געגעסן אין שטאָט.

חנה: אין שטאָט?

דוד: יאָ!

חנה: וו?

דוד: אין רעסטאָראנט „צו דער ווייסע רויז", מיט עטלעכע פריינט. זיי האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר, האָב איך געמוזט...

חנה: (שטייט אויף א בלייבע, מיט א דערשטיקט קול) שווייג, דוד! שווייג! נעכטן ביסטו אויך געווען מיט פריינט... און אייערנעכטן אויך... זייט חדשים...

דוד: חנה, דו ווייסט דאָך אז איך ארבעט ביז...

חנה: שווייג, איך בעט דיך! זאָג מיר נישט קיין וואָרט! (טרערן שטיקן זי) דארפסט מיר נישט זאָגן קיין ליגנס, דוד. ס'איז געגוג! בעסער זאָג גאָרנישט... גאָרנישט... גאָרנישט... (אָפּ גיך, הינטן אין שלאָפצימער).

דוד: (גייט אויך נאָך) איך האָב דיר נישט געזאָגט קיין ליגן, חנה... כ'האָב פארבראַכט מיט חברים. (זי שלאָגט אים צו די טיר, ער ווענדט זיך צו די מענער) וואָס איז דאָ געשען? (שרייט) כ'האָב געזאָגט דעם אמת! כ'בין געווען אין רעסטאָראַן, מיט גוטע ברידער. איר גלייבט מיר נישט?

אברהם: איך... גלייב דיר, דוד. איך וויל דיר גלייבן...

סאמי: טאקע וועגן דעם בין איך אהער געקומען! ווער זענען אַט די פריינט? וואָס פאר א גוטע ברידער זענען זיי!

דוד: (אויפגערעגט) נא דיר גאָר! כ'בין מער נישט קיין יונגעלע און איך ווייס אַליין מיט וועמען זיך צו חברן. כ'בין שוין אַלט 36 יאָר, און איך מוז דיר ניט אָפּגעבן קיין חשבון.

אברהם: די מוזט יאָ אָפּגעבן חשבון! מוזט אָפּגעבן חשבון פאר סיי וועמען, אויב...

דוד: (איבערראשט פון דעם אויסברוך) וואָס האָב איך דען געטון, טאטע?

אברהם: וואָס דו האָסט געטון? וואָס דו האָסט געטון?

דוד: איך פארשטיי גאָרנישט.

אברהם: (נאָך עטלעכע רגעס, אין צווייפל) איך פארשטיי אויך נישט. א משוגענע נאכט, היינט...

סאמי: אויב אזוי... קאָן מיר שוין גיין... א גוטע נאכט! (אָפּ גיך).

דוד: (קוקט אים נאָך א צייט) לעצטנס איז פון אים געוואָרן נישט אויסצוהאלטן... עס געפעלט אים גאָרנישט וואָס איך טו. ער איז מיך מקנא, אָדער ווייסט דער רוח וואָס ס'איז מיט אים! איך פארשטיי ער לעבט שווער, ער האָט דאגות. נו, בין איך דען שולדיק אין דעם?

(עטלעכע רגעס שטיל. דוד לאָזט זיך גיין אין שלאָף־צימער. אברהם שטעלט אים אָפּ).

אברהם: דוד, זון מײַנער, איך צווייפל ניט אין דיר... איך ווייס אליין... אָבער איך וויל עס הערן פון דײַן מויל...

דוד: וואָס?

אברהם: אַז ס׳איז נישט אמת, דאָס וואָס מ׳זאָגט, אַז דו לעבסט אַזוי... אָן חשבון, מיט איינע... אַ פרוי...

דוד: (דערשראָקן) ווער האָט דאָס געזאָגט?

אברהם: ריקאַ. מ׳האָט עס איר אָפּגעטראָגן.

דוד: (רעוואָלטירט) אַזאַ אידיאָטקע! אַ גאַנצן טאָג האָט זי אין זינען נאָר פּליאָטקעס און באַרעדערייען.

אברהם: אַ יאָ, אַז ס׳איז אַ ליגן? ס׳איז נישט אמת אַז דו גיסט אויס צופיל געלט... נישט קיין פאַרהאָרוועטס.

דוד: (כאַפּט אָן זײַן אָרעם) ווער האָט דאָס געזאָגט?

אברהם: אַנטאָן האָט דערפון געהערט.

דוד: דער פעטער אַנטאָן? פון וועמען?

אברהם: מ׳רעד... סאַמי האָט אויך געהערט...

דוד: (שפּרינגט אויף) אַזאַ געמיין שטעטל! מ׳קוקט אַרײַן דעם מענטש אַפילו אין די געדערעם... אַך! איך וואָלט שוין געדאַרפט אַוועקפאָרן פון דאַנען...

אברהם: (מיט האָפענונג און פרייד) איאָ, אַז ס׳איז נישט אמת? ס׳זענען פוסטע רייד! נאָך ערגער: לשון הרע!

דוד: (זייער אומרואיק) ווי הייסט? דו האָסט עס געגלויבט? זאָג עס מיר אָפן, טאַטע, האָסט עס געגלויבט?

אברהם: (אָטעמט אויף דערלייכטערט, שמייכלט) ניין, זונעניו, אַפילו קיין איין רגע נישט.

דוד: נו, און אַנטאָן?

אברהם: (מיט ווייניקער איבערצייגונג) נ־ניין... ער אויך נישט... אוודאי, ער אויך נישט...

דוד: און סאַמי?

אברהם: (נאָך ווייניקער איבערצייגט) כ׳מיין אַז... ניין... ער אויך נישט... (פויזע. דוד שפּאַצירט נערוועז איבערן צימער) איך פאַרשטיי דיך, זון מײַנער. (שטאָלץ) דו ביסט אַן אמתער אָרנפעלד. איך וואָלט אויך געווען אַזוי אין כעס און אויפגערעגט, ווען מע טראַכט אויס איבער מיר אַזעלכע מעשׂות. באַרויק דיך, דוד! דער עיקר איז, אַז דײַנע הענט און דײַן געוויסן זאָלן זײַן ריינע, און קיינער וועט דיר קיין שלעכטס נישט קענען טון

דוד: (מורמעלט) נו... אוודאי... וואָס אַרט עס מיך...

אברהם: (פויזע) דוד, דו ווייסט וואָס פאר א טאָג ס'איז היינט?

דוד: אוודאי, ס'איז מיטוואָך.

אברהם: א פשוטער מיטוואָך? (דוד באטראכט אים פארוואונדערט און צעשטרייט, דער אלטער ווינקט אים צו) צען יאָר... דוד... צען יאָר...

דוד: וואָס פאר א צען יאָר?

אברהם: היינט צען יאָר... האָט איר חתונה געהאט...

דוד: (טוט זיך א קלאַפּ אין שטערן) אָ! אינגאנצן פארגעסן. איך ווייס שוין אפילו נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

אברהם: נו, גיי זשע איצט צו איר! לאָז זי נישט אליין אין אזא נאכט... (ער שטופּט אים לייכט צום שלאָפצימער. דער אלטער בלייבט אליין, אומבאוועגלעך, פארטראכט. דערנאָך גייט ער לאנגזאם צו דער עטאזשערע, נעמט ארויס אן אלט, דיק ספר, זעצט זיך צום טיש, נעמט ארויס פון א בלעכן שאכטעלע א פּאָר דראָטענע שמאָלע ברילן, בלעטערט אויף דאָס ספר, און פארטיפט זיך דערין. שטיל. דער זייגער שלאָגט עלף, נאָך דעם ווערט די שטילקייט נאָך טיפער, נאָך שווערער...)

יאנקו: (דערשיינט אויף דער שוועל פון קינדערצימער, שטיל צום אלטן) זיידעניו, זיידעניו!

אברהם: (קוקט כלומרשט ברוגז איבער די ברילן) ביסט שוין ווידער דאָ? שלאָפסט נאָך נישט, יאנקעלע?

יאנקו: (וויל אים אייננעמען) איך האָב אנטשלעפט ליזיקאן, זיידעניו. איצט שלאָפט זי שוין... (דער אלטער צע־שמייכלט זיך. יאנקו, דערמוטיקט, זעצט זיך אויף זיינע קני) כ'האָב איר געלייענט פון דער היסטאָריע וועגן יאָן וואָדע טשעל קומפּליט.

אברהם: „טשעל קומפּליט" — דער שרעקלעכער? וואָסושע האָסטו דאָרט געלייענט וועגן אים?

יאנקו: וויאזוי ער איז געוואָרן הערשער אין מאָלדאַווע, און וויאזוי ער האָט אויסגעהרגעט מיט דער שווערד די שלעכטע פריצים, ווייל זיי האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק, און זיי האָבן עס באראבעוועט און זיך אָנגע־זאמלט גאָלד און פארמעגנס.

אברהם: (מיט פרייד) אזוי האָט ער געטון? אויב אזוי, איז ער טאקע געווען א גרויסער... א גרויסער און א שרעקלעכער פרינץ.

יאנקו: און, דו, זיידעניו, לייענסט נאָך אַלץ דאָס אַלטע ספר?

אברהם: (שמייכלט) נאָך אַלץ, קינד מיינס. פון די אַלטע ספרים, קאָן מען נאָך אויך עפּעס אָפּלערנען.

יאנקו: דערציילט מיר אויך עפּעס, זיידע.

אברהם: נו, די מעשה איז שוין אַן אַלטע און אַ לאַנגע, איך ווייס אפילו נישט ווי זי אָנצוהייבן... זעסטו יאַנקעלע, אַמאָל מיט טויזנטער יאָר צוריק, ווען די יידן זענען אַרויס פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים, זענען זיי געגאַנגען דורך דער מדבר, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ באַרג. צום באַרג סיני. דאָרטן זענען זיי שטיין געבליבן און משה רבינו איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, כדי ער זאָל אויסהאַקן פון שטיין און אַראָפּברענגען פאַר די מענטשן די שטיינערע לוחות מיט די עשׂרת הדברות, מיט די צען געבאָט.

יאנקו: וואָס פאַר אַ צען געבאָט?

אברהם: דאָס זענען געזעצן. געזעצן פון מענטשלעכקייט... „לא תגנב“ — דו זאָלסט נישט גנבענען! „לא תרצח“ — זאָלסט נישט הרגענען! און זאָלסט נישט זאָגן קיין פאַלשע עדות! און „לא תחמוד“ — זאָלסט נישט גלוסטן דיין שכנס הויז, זאָלסט נישט גלוסטן יענעמס פרוי, נישט זיין אָקס אָדער זיין אייזל, אָדער סיי וואָס געהערט צו יענעם... אָט די געזעץ האָט משה אויסגעהאַקט אין שטיין דאָרט אויבן אויפן באַרג סיני... בלויז פערציק טאָג האָט משה רבינו אויסגעפעלט, און אין דער צייט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צווייפלען, זיי זענען געוואָרן אומצופרידן, און זיך געבונטעוועט... האָבן אָנגעזאַמלט אַ סך גאָלד און עס אַריינגעוואָרפן אין פייער און זיך דערפון געמאַכט אַ גאָלדענעם קאַלב. האָבן זיי געזונגען און געטאַנצט פאַר פרייד, און זיך געבוקט צום גאָלדענעם קאַלב ווי צו אַ גאָט... אַזוי האָבן זיי ווידערגעשפּעניקט.

יאנקו: אָבער פאַרוואָס האָבן זיי ווידערגעשפּעניקט זיידעניו?

אברהם: פאַרוואָס? פאַרוואָס? דאָסזעלבע האָבן זיך אויך געפרעגט אונדזערע חכמים; אַצינד, נאָכדעם וואָס זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט, פאַרוואָסזשע האָבן זיי זיך געבונטעוועט? און דער גרויסער רש״י ענטפערט ערגעץ: ווייל זיי האָבן זיך דערמאַנט אין

דעם פלייש און אין די פיש וואָס זיי האָבן געגעסן אין קנעכטשאַפט, ביי זייערע הערן

יאַנקו: (לאַכט) וויאַזוי? דערפאַר האָבן זיי זיך געבונטעוועט?

אבֿרהם: (ערנסט) יאָ, יאָ, קינד מיינס, טאַקע דערפאַר! זעסט, און דער מדבר האָבן אויסגעפעלט אַלערליי זאַכן, ס'איז געווען שווער צו לעבן, האָבן זיי זיך דערמאַנט אין די פיש און פלייש וואָס זיי האָבן געגעסן אין קנעכטשאַפט... (מיט כעס) זיי האָבן פאַרגעסן אין די צרות, אין די דערנידעריקונגען, וואָס זיי זענען אַמאָל אויסגעשטאַנען, זיי האָבן זיך נאָר דערמאַנט אין די שטיקער פלייש און פיש וואָס זייערע הערן פלעגן זיי צוּוואַרפן, כדי אָנצופולן זייערע בייכער. דאָרט אין דער מדבר איז דאָס לעבן געווען שווער, און האַרט, אָבער א פריי און שטאָלץ לעבן... זיי האָבן אָבער געהאַט קליינלעכע נשמות, קנעכטישע נשמות, צוגעוווינטע צו שקלאַפעריי... (פויזע). (דער אַלטער בלייבט פאַרטראַכט)

יאַנקו: זיידעניו! וואָס איז דערנאָך געשען?

אבֿרהם: (דערוועקט) יאָ. ווען משה איז אַראָפּגעקומען פונעם באַרג און ער האָט געזען דאָס גאָלדענע קאַלב און די טענץ, איז ער געוואָרן פול מיט צאָרן און האָט האָט אַראָפּגעוואָרפן די טייערע לוחות און זיי צעבראָכן אויף שטיקלעך אונטער דעם באַרג. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס קאַלב וואָס זיי האָבן געמאַכט און האָט עס פאַרברענט אין פייער, ביז עס איז געוואָרן דערפון אַש, און ער האָט דאָס אַש צעשפּרייט איבערן וואַסער, כדי עס זאָל אפילו קיין שפּאָר נישט בלייבן...

יאַנקו: נו, און דערנאָך?

אבֿרהם: (שטיל און מיט ווייטיק) דערנאָך האָט ער אָפּגעטון אַ שרעקלעכע און אַ יושרדיקע זאַך. ער האָט צו זיך גערופן אַ כתה מענטשן מיט ריינע הערצער און ריינע הענט, וועלכע האָבן זיך נישט געבוקט צום גאָלדענעם קאַלב און האָט זיי באַפוילן זיי זאָלן צוגרייטן זייערע שווערדן און זאָלן דורכגיין די גאַנצע מחנה פון איין טויער ביז צום אַנדערן טויער און באַשטראָפן זיין אייגענעם ברודער, און אייגענער חבר, אָדער קרוב, ווייל זיי האָבן זיך געמאַכט פון גאָלד אַן אָפּגאָט...

און דריי טויזנט מענטשן זענען אומגעקומען פון דער שווערד אין יענעם טאָג, איידער די זון איז אונטער־געגאנגען...

יאנקו: (אומגעשראָקן) געהרגעט מיט דער שווערד? אזוי ווי יאָן וואָדע דער שרעקלעכער האָט געטון מיט די שלעכטע פריצים?!

אברהם: א שרעקלעכע שטראָף, פאר א שרעקלעכע זינד. דאָס גאָלד האָט זיי אומגעבראכט. און דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג... פערציק יאָר איז געבליבן, דאָס פאָלק צו בלאָנדזשען אין דער מדבר... שווערע פערציק יאָר געוואנדערט אין דער וויסטעניש...

יאנקו: פארוואָס, זיידעניו?

אברהם: כדי עס זאָל אויסשטארבן דער דור פון די שקלאפן, פון קנעכט, פארקויפט צום גאָלדענעם קאלב און עס זאָל אויסוואקסן א נייער דור פון שטארקע מענטשן, הארטע, וועלכע בייגן זיך נישט און יאָמערן נישט, און באקלאָגן זיך נישט... א דור פון פרייע מענטשן, וועלכע זענען ווערט צו זיין פריי, ווייל זיי ווייסן צו שעצן די פרייהייט... דער דור פון דער מדבר... (לאנ־גע פויזע. יאנקוס אויגן האָבן זיך לאנגזאם פאר־מאכט. ער איז אנטשלאָפן געוואָרן אין דעם אלטנס אָרעמס. אברהם שעפטשעט אים) נו, גענוג, מעשׂות... גיי שלאָפן, יאנקעלע! ס׳איז שפעט!
קום דו אויך, זיידעניו.

יאנקו: (מיד) איך גיי אויך.

אברהם: (ער לייגט אריין די ברילן אין בלעכענעם שאכטל. פארשליסט די ארייַנגאנג טיר. לעשט אויס דאָס ליכט און גייט אריין מיט יאנקו אין קינדערצימער. שטיל־קייט. נאָר די לבנה שיינט אריין בלייך, דורכן ברייטן פענצטער פון לינקס. דער מאָנאָטאָנער טיק־טאק פו־נעם וואנט־זייגער מאכט נאָך טיפער די שטילקייט. נאָך א צייט הערט מען קלאפן אין דער פאָדער־טיר, קודם דיסקרעט, דערנאָך אלץ שטארקער).

דוד: (קומט ארויס פון שלאָפצימער אין א זיידענער פי־זשאמא און שטעקשיך, שלעפעריק, דערשראָקן). ווער קלאפט דאָס אזוי שפעט, צו אלדי רוחות? (אברהם אין הוילן העמד און הויזן קומט אויך ארויס פון קינדערצימער. ער דערזעט דודן און בלייבט שטיין

אינעט פינצטערן ווינקל לעבן בופעט. דוד לאָזט זיך גיין צו דער טיר, בלייבט שטיין, לויפט צוריק און שרייט, געשטיקט, צום שלאָפצימער).
חנה, גיי דו! זע ווער ס'איז דאָרט... (נערוועז) איך בעט דיך, ריר דיך גיכער! (חנה קומט ארויס מיט א שטוב=ראָק איבערן נאכט=העמד) ניין! צינד נישט אָן דאָס ליכט! (זי גייט צו דער טיר) וואַרט נאָר! עפן נישט! פרעג קודם ווער איז דאָרט?

חנה: (דערשראָקן) וואָס איז מיט דיר?

דוד: (נערוועז) פרעג וואָס איך הייס דיר!

חנה: (ביים איינגאנג) ווער איז דאָרט?

א מענער קול פון דרויסן: איך זוך דוד אָרענפעלד. דאָ וווינט ער?

חנה: ווער זענט איר?

דאָס קול: איז ער אינדערהיים?

חנה: אָבער ווער זענט איר?

דאָס קול: א פריינט. זאָגט אים אז מיכאיל ספירידאָן זוכט אים.

חנה: (צו דודן) ס'איז איינער מיכאי ספירידאָן. זאָל איך אים עפענען?

דוד: יאָ... ניין! (לויפט צו צו דער טיר) לאָז, איך וועל אים שוין עפענען!

חנה: ווער איז דער מענטש? איך האָב פון אים קיינמאָל נישט געהערט.

דוד: (שרייט זיך אויס) ס'איז נישט דיין עסק.

חנה: איך טאָר גאָר נישט וויסן?...

דוד: חנה, איך בעט דיך, גיי שלאָפן. מאָרגן וועל איך דיר אלצדינג דערציילן. איצט גיי שלאָפן, גיי! (חנה גייט אין שלאָפצימער. דוד וואַרט ביז זי פארמאכט הינ=טער זיך די טיר. עס קומט אריין מיכאי ספירידאָן, א הויכער, א דיקער).

דוד: (שארף) וואָס ביסטו אהער געקומען? איך האָב דיך דאָך געבעטן זאָלסט נישט קומען קיינמאָל צו מיר אהיים?

ספירידאָן: אָט וואָס איך האָב געבראַכט! (ווייזט אים א גאָל=דענע טאבאק=פישקע) צוויי הונדערט זיבעציק גראַם ריין גאָלד.

דוד: (אין כעס) צוליב דעם ביסטו אהער געקומען? (קוקט אומרואיק צום שלאָפצימער).

ספּירידאָן: באטראכט נאָר דעם מאָנאָגראם! א „ה“ מיט א קרוין פון אויבן וועמענס מיינסטו איז געווען אָט די טאבאק־פּישקע?

דוד: איך ווייס נישט, און איך וויל איצט ניט ראָטן!

ספּירידאָן: דעם פּרינץ הארדוניס, אונדזער געוועזענער אמבאסאדאָר אין שפּאניע, דאכט זיך מיר... ס'איז א קונסטווערק. סיי ווען איז עס ווערט דאָס געלט. אויב דו באדארפסט זי נישט האַלט איך זי פאר מיר.

דוד: (זייער נערוועז) גוט, גוט, מיהאי! (לייגט זי אריין גיך אין קעשענע פון פּיזשאמא) צוליב דעם האָסטו נישט געמוזט אהערקומען. האָסט מיך געקאָנט טרעפן אויך מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, אָדער איבער־איבערמאָרגן...

ספּירידאָן: טאקע נישט צוליב דעם בין איך געקומען. כ'האָב דאָס נאָר וואָס באקומען, האָב איך דיך געוואָלט דערפרייען... כ'בין דיר געקומען זאָגן אז איך האָב אלצדינג ארראנזשירט אויף מאָרגן אינדערפרי.

דוד: ניין, ניין, מיהאי, איך קען נישט!...

ספּירידאָן: פארוואָס? איך שיק דיר די פּאפּירן פארטיק אונטערגעשריבן, אָפּגעשטעמפּלט, וויזירט אין אָרדענונג. ווי ביז אצינד... מאָרגן אינדערפרי אלזאָ, שיק איך נאָך...

דוד: ניין! ניט מאָרגן!

ספּירידאָן: ווען דען? טו א טראכט, דוד, נאָך דאָס איינע מאָל, דערנאָך קענען מיר זיך אָפּרוען א שטיקל צייט אין פרידן און אין כבוד. (ס'הערט זיך א סקריפּ פון מעבל. דוד קוקט דערשראָקן צום שלאָפצימער)

דוד: רעד שטילער, מענטש איינער... אָדער בעסער שווייג!

ספּירידאָן: (איראָניש) פארוואָס? דו האָסט אפשר געוויסנסביסן? (ערנסט) נארישקייטן! מיר נעמען זיך נאָר אָפּ, דאָס וואָס עס קומט אונדז! איך, איך אפילו נישט איננאנצן דאָס וואָס מ'האָט ביי מיר צוגענומען!

דוד: איך האָב מורא! פארשטייסטו? כ'האָב מורא!

ספּירידאָן: נא דיר גאָר! הייבסט דיך אָן שרעקן פאר דיין שאָטן. אויב דו וועסט זיין אזא שרעקעוודיקער וועלן

מיר באמת ארייַנפֿאַלן אין עפּעס אַן אומגליק... נו, ווי בלייַבט עס?

דוד: מיר וועלן נאָך זען!

ספּירידאָן: איך מוז עס אָבער שוין וויסן!

דוד: גוט, איז מאָרגן! (אויפֿגערעגט) איצט ניי שוין! גיי, איך בעט דיך! (ער שטופּט אים כמעט אַרויס פֿון דער שטוב און פֿאַרשליסט גיך די טיר. ער בלייַבט אַ פּאָר רגעס ביי דער טיר, ווישט זיך אָפּ מיטן פּי־זשאַמאַ־אַרבל דעם קאַלטן שווייס פֿונעם שטערן. דער־נאָך טאַפּט ער דעם וועג צום שלאָפֿצימער.

אַברהם: (פֿון זיין ווינקל, אָנגעשפּאַרט אויפֿן בופֿעט, רופֿט מיט אַ טיף געריערט קול) דוד!

דוד: (מיט פּחד) ווער איז דאָרט? ווער?

(דער אַלטער שלעפּט זיך שווער צו און מאַכט פּלוצעם ליכטיק אין צימער. דוד פֿינטלט מיט די אויגן פֿאַר־בלענדט).

דו ביסט עס טאַטע?... שלאָפֿסט נאָך נישט? וואָס טוסטו דאָ?

אַברהם: (טיף) האָסט דיך דערשראָקן, דוד!

דוד: (מיט אַ געצוווּנגענשמייכלען) ניין... כ'האָב מיך נישט דערשראָקן טאַטע... וואָס האָב איך מיך צו שרעקן?...

אַברהם: ווען איך האָב דיך גערופֿן, האָסטו זיך דערשראָקן! ווען יענער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, האָסטו דיך דערשראָקן!

דוד: (צעמישט) וואָס? דו ביסט געווען אין צימער?

אַברהם: נאָר דער וואָס האָט ניט קיין ריין געוויסן, שרעקט זיך.

דוד: פֿאַרוואָס רעדסטו מיט מיר אַזוי, טאַטע?

אַברהם: ווער איז דער מענטש און איבער וואָס האָט איר גערעדט?

דוד: (איראָניש) צו וואָס באַדאַרפֿסטו נאָך כ'זאָל דיר זאָגן? האָסט דאָך אַליין געהערט?

אַברהם: איך האָב געהערט, אָבער איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען!

דוד: (אָטעמט פֿרייער) ס'איז אויך ניט נייטיק.

אַברהם: וואָס האָסטו דאָרט אין קעשענע?

דוד: (גערייצט) גאָרנישט, גאָרנישט... ער האָט מיר עפּעס עפּעס געבראַכט... פֿאַר עמעצן... (דער אַלטער קוקט אים אָן טרויעריק) וואָס ווילסטו פֿון מיר, טאַטע?

אברהם: (שטיל) האָסט פארגעסן ווער דו ביסט און פון וואנען דו שטאמסט. וויאזוי דו ביסט אויפגעוואקסן אין יונגהס שמאטעס... פלעגסט עסן דער ערשטער פון דער שיסל, ווייל דו ביסט געווען דער קלענסטער און דער שוואכסטער...

דוד: דאָס איז געווען אמאָל. זייט דעמלט האָב איך שוין געלעבט אנדערש, ווען איך האָב געארבעט פאר דער פאבריק „דארלינג"... כ'האָב געלעבט בעסער ווי איך לעב היינט!

אברהם: (צאָרנדיק) אזוי... דו האָסט דיך אויך דערמאנט אין די פיש און פלייש מיט וועלכע די פריצים האָבן דיך אָנגעהאָדעוועט?...

דוד: (פארוואונדערט) וואָס פאר א פיש? וואָס פאר א פלייש?

אברהם: יאָ, יאָ, זיי פלעגן דיך האָדעווען און שיין אָנטאָן, און פלעגן דיך שמירן און פארפומירן ווי א לעבעדיקע רעקלאמע, און דיך שיקן איבערן לאנד מיט יענעם אויטאָ אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלן אן אויס-געלאסענע פרוי, וואָס ווינקט מיטן אויג... די פאבריק-מארקע... און דו האָסט דיך געהאלטן פאר א גרויסן, וויכטיקן מענטש, ווען אינדערעמתן ביסטו געווען נישט מער ווי א באלעגאָלעס א זון און דו אליין ניט מער ווי א באלעגאָלע! און איצט...

דוד: (פארפאָלגט) און איצט וואָס ווילסטו פון מיר, טאטע? עס טוט דיר באנג וואָס איך לעב?

אברהם: ניין, נאָר ווי אזוי דו לעבסט? זאָג מיר נאָר וויאזוי דו לעבסט?

דוד: איך נעם מיר נאָר דאָס וואָס עס קומט מיר לויט מיין האָרעוואניע, לויט מיין שׂכל, און לויט מיינע קענטעניש...

אברהם: (שרייט) אזוי נאָר? און ווער באשטימט וואָס עס קומט דיר? און וויפל עס קומט דיר? דו אליין?... דו נעמסט דיר!... וויאזוי נעמסטו דיר? און פון וואנען נעמסטו דיר?

דוד: (הייבט אויך אויף דאָס קול) אָבער וואָס, דו מיינסט אז איך קאָן לעבן פונעם געהאלט וואָס איך באקום? דו גריבלסט א גאנצן טאָג מיט דער נאָז אין דיינע ספרים און דו ווייסט גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אברהם : (שארף) אויף צו לעבן, ווייס איך, דאַרף מען האָבן ברויט, עפּעס קליידער, און שול-ביכער פאַר די קינדער... וועגן דעם מוזסטו אַרבעטן דוד, אפילו קריכן אויף די גלייכע ווענט, אַקערן די ערד מיט דער נאָז אויב ס'איז נייטיק! אָבער ניט צוליב די גאָלד-זאַכן פון פּרינצן... (ציטערט פאַר געשפּאַנטקייט) איך פרעג דיך פון וואַנען נעמסטו געלט? ענטפער מיר. וואָס טוסטו? איך מוז וויסן!!!

(חנה באַווייזט זיך אַ דערשראָקענע אויף דער שוועל פונעם שלאָפצימער).

דוד : וואַרט, טאַטע! באַרואיק דיך! איך טו נישט קיין שום שלעכטס... נאָר וואָס עס טוען אויך אַנדערע, ווען דער מילנער טרייסלט אויס זיין רעקל, פאַלט אים אויך אַראָפּ מעל אויף אַ ברויט; אַז מע גייט איבער האָניק, לעקט מען זיך די פינגער, און דער וואָס אין נענטער צום פייער, וואַרעמט זיך בעסער... אַזוי איז פון תמיד אָן געווען, און היינט איז אויך אַזוי...

אברהם : אַזוי גאָר?... דו טרייסלסט אָפּ דיין רעקל, לעקסט דיר די פינגער און וואַרעמסט דיך מיט גאָלד... (מיט ווייטיק) האָסט פאַרגעסן אין די צרות און די דערנידעריקונגען וואָס דו ביסט אויסגעשטאַנען און צוזאַמען מיט אַט די גוטע פריינט דיינע האָט איר זיך דערמאָנט אין אייערע אַמאָליקע גוטע צייטן... (שטאַרקער) איצט ווען מיר זענען פּטור געוואָרן פון די פּריצים, און עס בויעט זיך שוועלער אַ ניי, פריי לעבן, זענט איר אויפגעשטאַנען...

דוד : (אויסער זיך) וואָס רעדסטו, טאַטע? ווער איז אויפגעשטאַנען?

אברהם : (דראָענדיק)... איר האָט ווידערשפּעניקט און איר בוקט זיך צום גאָלדענעם קאַלב ווי צו אַ גאָט! קנעכטישע נשמות! אַ דור פון שקלאַפן, צוגעוווינט צו שקלאַפעריי... נאָר צו גריזשען אַ ביין, ווי געטרייע הונט, פונעם באַלעבאָס האַנט!

דוד : (ברעכט אויס) רעדסט פון דער היץ, טאַטע! וואָס איז דאָס אַזוינס? פאַרוואָס רעדסטו אַזוי מיט מיר? דו האָסט נישט דאָס רעכט אַזוי צו רעדן מיט מיר! דו האָסט ניט דאָס רעכט דערצו!

אברהם: (געטראָפן) וואָס?... איך האָב נישט דאָס רעכט? איך...

חנה: (מיט שרעק) דוד!

דוד: ניין! דו האָסט נישט דאָס רעכט! האָסט פון אלעמען אין דעם הויז! עס פעלט דיר גאָרנישט! האָסט עסן און קליידער און אלצדינג. דו דאַרפסט דיך נישט אריינמישן אין מיינע עסקים!

חנה: (כאַפּט אים פארן אָרעם, פארצווייפלט) וואָס רעדסטו, דוד? שטילער! דו וועקסט אויף די קינדער... גאָטעניו, וואָס איז דאָס מיט אייך?

דוד: (רייסט זיך אויס פון איר) איך ווייס אליין וואָס איך מעג טון. איך דאַרף נישט האָבן קיין ניאַנקע. אין קיין עצות אויך נישט. איך בין זאַט פון עצות, ביז איבערן קאָפּ.

(ער גייט אריין אין שלאָפצימער, טוט א שמיץ די טיר. פויזע. חנה און דער אלטער בלייבן פארשטארצט).

חנה: (פאַלט צום אלטנס ברוסט) וואָס איז מיט אים, שווער? ער איז קיינמאָל נישט געווען אזוי.

(זי וויינט פון נערוון, ציטערט מיטן גאנצן קערפּער).

אברהם: (נאָך א פויזע) וויין נישט טאָכטער מיינע, באַרויִק דיך... גיי צו אים... פארלאָז אים נישט... העלף אים ווי דו קענסט. אפשר איז נאָך נישט צו שפּעט... גיי, חנה, רעד מיט אים. נישט היינט! מאָרגן... און אויב נישט מאָרגן, איז איבערמאָרגן... אפשר וועט ער צו זיך קומען און וועט ווערן אזוי ווי ער איז געווען פריער... (ער פירט זי אונטער צום שלאָפצימער. דער אלטער איז געבליבן אליין. ער גייט אין קינדערצימער, פון וואנען ער קומט ארויס אָנגעטאָן כדי זיך לאָזן אין וועג אריין, אין א לאנגען שווארצן איבערציער, מיט א ברייטן שווארצן הוט. ער נעמט פון דער עטאַזשערע די עטלעכע אלטע ספרים, וויקלט זיי איין אין א דעק און מאכט א בינטל. ער הייבט זיך אויף. נעמט איינציקווייז שול-ביכער אין דער האנט און מורמלט)

געאָגראַפיע... נאַטור ווישנשאַפטן... היסטאָריע... יאָן וואָדע דער שרעקלעכער... (ער לייגט צוריק די ביכער מיט ליבשאַפט און דרך-ארץ, און גייט צו צום בילד פון דער אלטיטשקער פון אויף דער וואנט. קוקט זי לאנג אָן) האָסט געהערט, שרה? מיר האָבן אלצדינג

אין דעם הויז... עסן... און שלאָפן... און קליידער... סע פעלט אונדז שוין גאָרנישט... גאָרנישט... (טרערן קומען אים אין די אויגן) לאָמיר גיין, איאָ?... דו ביסט גערעכט. מיר האָבן נישט מער וואָס צו זוכן אין דער דאָזיקער שטוב... (ער נעמט דאָס בילד אונטערן אָרעם, דאָס בינטל ספרים אין דער האנט און פארלאָזט דאָס הויז. סע הערן זיך זיינע טריט, אינדרויסן, ווי זיי פארלירן זיך אין דער טונקעלער נאכט...)

פ אָ ר ה אָ נ ג

ד ו ד   ר ו ב י ן

דעפּאָרטאציע־פּאָלקס־לידער

פֿון רומענישע יידן אין די יאָרן 1941 — 1944

.1

דעם דעפּאָרטאציע פּאָלקס־ליד זענען געווידמעט די פּאָלגנדיקע שורות. עס פאַרגעסט נישט, עס געדענקט, וואָס יידן האָבן געליטן אין דעפּאָרטאציע, כאָטש זיינע רייד זענען גאָר פּשוטע. עס זאָרגט פאַר דעם אָנדענק פון יענע, וועמענס ביינער מען ווייסט נישט, וווּ זיי זענען אהינגעקומען. עס איז זייער מצבה, זייער אייביקער געדענק־שטיין! מער איז פון זיי נישט פאַרבליבן.

ס'איז דערפאַר וויכטיק דאָ צו געבן א קורצע געשיכטלעכע דערמאנונג פון די סיבות און דער אויספירונג פון די דעפּאָרטאציעס אין רומעניע: מיט דעם קומען צו דער מאכט פון די היטלעריסטן אין דייטשלאנד אין יאָר 1933, האָבן אויך אין רומעניע די רעאקציאָנערע קרייזן זיך אָריענטירט צום פאַשיזם. אין חודש פעברואר 1938, ווען די קעניגלעכע דיקטאטור פירט איין א נייע קאָנסטיטוציע פון פאַשיסטישן טיפּ, ווערט דער ראסיזם דערהויבן צו פּרינציפּ פון מלוכה־פּאָליטיק. דעם 3־טן סעפּטעמבער 1940 קומט אונטער היטלערס השפּעה דער גענעראל יאָן אנטאָנעסקו צו דער מאכט. די קעניגלעכע דיקטאטור ווערט באזייטיקט און „די לעגיאָנערע מלוכה" פּראָקלאמירט. די גאנצע עקאָנאָמיע פון לאנד ווערט געשטעלט אין דינסט פון דייטשן רייך. אנטאָנעסקוס גרופּע ווערט די אויספירערן פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק אין רומעניע.

דעם 22־טן יוני 1941 אטאקירן אנטאָנעסקוס ארמייען אינאיינעם מיט די דייטשע דעם פרידלעכן סאָוועטן־פאַרבאנד. דעם 5־טן יולי 1941 באזעצן די דייטשן די שטאָט טשערנאָוויץ און אנטאָנעסקוס תלינים אינסטאלירן דאָ זייער הויפּט־קוואַרטיר. פון דאנען גייען ארויס זייערע באפעלן צו הרגענען און צו

רויבן, און דאָ ווערט אויסגעאַרבעט, דער פּלאַן צו פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג פון דער בוקאָווינא און פונעם דאָראָהויער קאַנט. דעם 10-טן אָקטאָבער 1941 ווערט באַשלאָסן, צו פאַרשיקן די דאָזיקע באַפעלקערונג אין דעם אוקראַינישן געביט צווישן דעם דניעסטער און בוג. פון די 56.000 יידן, וואָס זענען פון דער בוקאָווינא פאַרשיקט געוואָרן, זענען נאָר 6 000 צוריקגעקומען; פון די 12.000 דאָראָהויער יידן נאָר די העלפט. די ערשטע און די מאַסיווסטע פאַרשיקונג איז פאָרגעקומען אין אָנהייב ווינטער (נאָוועמבער) 1941, די צווייטע אין יולי 1942. אין דער אָנקלאָגשריפט פונעם פּראָצעס קעגן די קריגס-פאַרברעכער אין רומעניע לייענען מיר: „די גרינדונג פונעם געטאָ אין טשערנאָוויץ און די דעפּאָרטאַציעס האָבן געשאַפן אַ ריזיקן קוואַל פון אומגעזעצלעכע הכנסות פאַר די, וואָס האָבן זיי באַפוילן און אויסגעפירט". עס זענען פאָרגעקומען, „מאַטערנישן, גרויזאַמקייטן, אומענטשלעכע באַהאַנדלונגען און ווילדע רויב-אָנפאַלן קעגן דער באַפעלקערונג פון דער בוקאָווינא און צפון-מאָלדאַוויע, באַזונדערס אָבער קעגן די יידן".

די רומענישע פאַשיסטן צוזאַמען מיט די היטלעריסטן, האָבן פאַרשלעפּט פון דער בוקאָווינא און פונעם דאָראָהויער קאַנט איבערן דניעסטער יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער, אויסליידיקנדיק פון יידן שטעט, שטעטלעך און דערפער. די אומגליקלעכע און פאַרשלעפּטע, די שטאַרבנדיקע און פאַרפייניקטע האָבן דאָס אויסגעדריקט אין מאַמע-לשון. מען האָט צוגענומען ביי די דעפּאָרטירטע אַלץ, זייער האָב-און-גוטס, זייער פרייהייט און זייער מענטשן-ווירדע. זיי איז פאַרבליבן יידיש, דאָס מאַמע-לשון, אין וועלכער זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אין טייל פון זייערע ליידן און האָפענונגען.

דאָס דעפּאָרטאַציע-ליד, ווי ס'איז אונדז באַקאַנט, שפּיגלט אָפּ געוויס נאָר אַ גאָר קליינעם טייל פון די צרות און ליידן פון די דעפּאָרטירטע רומענישע יידן (1941—1944).

ניינצן הונדערט איין און פערציק,
צענטן, צענטן, זייגער אכט,
אין אַ פרייטיק אויף דער נאַכט,
האָט מען פלוצלינג אומבאַרמהערציק
פון מיין שטאָט עוואַקוירט
אַלע יידן און צו שאַנד

נאָר מיט פּעקלעך אין דער האַנט
פּינעם לאַנד אַוועקגעפירט.

אין אַטקאַי ביי דעם דניעסטער,
בעסטיען־מענטשן, אַלץ וואָס מער
האָט געפּלינדערט און געשענדט,
האָט געגזלט אָן רחמנות,
אין דער דניעסטער פון קרבנות
האָט פאַר־שיכורט זיך אָן ענד.

וואָבן אין קאָנוואָי געטריבן,
ווו געטאָגט, שוין נישט גענעכטיקט,
האַלב פאַרפרוירן, האַלב אָנמעכטיק,
זענען טויזנטער געבליבן
אויף די שוואַרצע פעלדער ליגן —
טאַטע־מאַמעס, קינדער, ווייבער —
נאָך נישט טויטע פגר־לייבער,
מאָלצייט שוין פאַר וועלף און פליגן.

(מיטגעטיילט פון געוועזענעם דעפּאָרטירטן
שילו עלנבאָגן, געשטאָרבן אין יאָר 1958
אין בוקאַרעשט)

און אַט וואָס ס'איז פאַרליבן פון זייער גאַנץ האָב־און־גוטס:

פאַרבליבן איז מיר פון אַלעמען נאָר אַ זעקל.
אַ פּעקל גראָד נאָר אויף די פּלייצעס צו 'טראָגן.
צעריסן די הויזן. צעריסן דאָס רעקל,
קיין העמד און קיין שיך, אַ ליידיקער מאָגן.

(שילו עלנבאָגן)

דאָס לעבן אין דער דעפּאָרטאַציע איז געוואָרן אַ גהינום. די פאַרשקלאַפט־ערדה אויסגעשטעלטע פאַר יעדן חוזק, פאַר יעדער שאַנד, האָט פאַרשאָלטן און פאַרצווייפלונג די שעה, און

וועלכער זי איז געבוירן געוואָרן און זיך נאָר איינס גע־וונטשן; דעם טויט:

איך קוק אויף יידנס בילד
און פרעג, וואָס איז די שולד.
פארוואָס קומט אונדז צו לײַדן אזויפיל,
ווייל מענטשן זע איך דאָרט,
פארטריבן פון זייער אָרט,
און לעבן קענען זיי נישט מער.

פארוואָס האָט אונדז אונדזער מוטער געבוירן,
פארוואָס האָט זי אונדז געוויזן די שיין,
אויסצוכאָוועץ א קינד,
צו שטארבן ווי א הונט,
אָדער זיך מוטשען אין פּיין.
מען יאָגט אונדז און פּלאָגט אונדז,
מען לאָזט אונדז נישט לעבן.

א פאָלק פון שקלאפן זענען מיר,
פארטריבן פון זיין אָרט.
אינערגעץ ניט קיין וואָרט,
א יעדער מאכט חוזק פון אונדז.

געפאלן שוין ביי זיך,
פארקויפט די קליידער גיך,
פארביטן פאר א שטיקעלע ברויט.
געווען א בעל־הבית,
היינט מוז איך עסן גראָז.
איך זיץ און ווארט אויפן טויט.

(געטאָ — שארגאָראָד)

און אָט דאָס ליד „דעפּאָרטאציע־לײַדן“:

עס לויפן, עס יאָגן די מאשינען,
און עס פייפט דער צוג.

מיר פאריאָגטע זיצן דריגען,
מע שיקט אונדז צו בוג.

פון דער היימאַט אונדז פאַרטריבן
אין א פרעמדן לאגער!
גאָרנישט איז אונדז מער געבליבן,
מיר זענען פאַרבאַנט.

דאָרט ווו דער ברייטער דניעסטער,
שיקט א גרוס מיר צו
פון מיין מאַמען און מיין שוועסטער,
וואָס זענען שוין דאָ.

דאָרטן האָט אונדז נאָר באַגעגנט
הונגער, קעלט און נויט,
אין דער וויסטער דעפּאָרטאַציע,
ווו עס רעגירט דער טויט.

און קיין קבר און קיין מצבה
איז פאַר אונדז נישטאָ.
אין א מאַסן-גרוב א גרויסן
ליגט מען אונדז צו רו.

אן אנדערע ווערסיע איוף דערזעלבער טעמע איז דאָס ליד „קאָפּאָי" וואָס גיט אונדז א בילד וועגן דעם לעבן אין דער אָנגעווייטיקטער אַטמאָספערע אין די קליינע שטעטלעך פון דער דעפּאָרטאַציע. מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד „קאָפּאָי:

קאָפּאָי, מיין שטעטעלע קאָפּאָי,
מיין היימעלע דאָרט,
ווו איך האָב
מיין גלות פאַרבראַכט.

דאָ געהונגערט, זיך געוואלגערט,
אין געליטן נויט.
מענטשן גייען אויס אויף די גאסן
אָן א שטיקעלע ברויט.

שלעכט געלעגן זענען מיר אלע
דאָ, אי קליין אי גרויס.
אויספארקויפט פון זיך אלין
און אויך זיך אליין.

איך האָב מיין טאטן דאָ פארלוירן,
גוטע פריינט א סך
נאָר אין קאָלעקטיווע קברים
איז דאָס שטעטעלע רייך.

שמוציק איז דער גאנצער אויסנעם
שמוציק איז די גאס,
אלע שטיבלעך זענען צעבראָכן,
רויכיק, קאלט און נאס.

און די שטיבעלעך נישט פאריכטע
ווינט מען קאָפּ אויף קאָפּ.
זעקס בעלי־בתים אויף איין אייוון,
זיבן אויף א טאָפּ.

ס'איז דאָ דאָ פון אלע סאָרטן
אָרעם, מיטל־רייך,
נאָר א געלן מגן דוד
טראָגט איעדער גלייך.

קאַפּאַי, מיין שטעטעלע קאַפּאַי,
אָרעם סיי ווי סיי,
דאָ האָב איך מיינע גלות — יאָרן פאַרבראַכט
דאָ געהונגערט, געזונגען און געלאַכט.

קאַפּאַי בריצין 1943

די פאַרשיקטע זענען יעדע רגע אויסגעשטעלט דער סכנה, ווייטער געשיקט צו ווערן, און דאָס באַרייט אין די מייסטע פאַלן אַ זיכערער טויט.

אין דעם ליד „טריכאַטי", ווערט אונדז באַשריבן, וויאַזוי עס ווערט דורכגעפירט אַזאַ מין עקספּעדיציע. די שעדלעכע ראָל פון געוויסע יידן. ס'איז נישט צום ערשטן מאָל, ווען דאָס פאָלקס־ליד דעמאַסקירט יידישע פאַר־עטער אין יידישע שפּיאָנען. יידן, ערגער פון די דייטשן, זאָגט דאָס פאָלקסליד. די אויסגע־ליפערטע ווערן ווייטער פאַרשיקט, וו זיי מוזן שווער אַרבעטן מיט דער לעצטער ענערגיע, מיט דעם לעצטן בלוט־טראָפּן, ביז פאַלן טויט אויעק.

טריכאַטי

ס'איז חצות און זומערדיק, אויף פּונקט צוועלף
קלינגט דער זייגער.
קומען מיליץ־לייט מיט אַ שטורעם, הייבן מיר אויף
פונעם געלעגער
און פאַרוואָרפן אין די קעלער זיצן מיר אַלע ווי אין פּלען.
שוין פאַרחתמעט מיך אויף אַרבעט, נאָר ווער ווייסט אויף
ווו און ווען.

אין די טעג, ווי אויפן האַרצן, וויפל רעגנס, אויגן טרערן,
ווהין פאַרשיקט מען אונדז כאָטש איצטער? ווו וועלן
מיר באַפרייט ווע־ן?
קלאָגן מאַמעס, וויינען טאַטעס, זיפצן ברידער, שוועסטער,
זייער געדריקט איז יעדנס שטימונג, און פאַרגעסן
ווערט איצט אַלעס.

אָנגעפאַקט אין די וואַגאָנעם, א נס׳עה גאָר א ווייטע,
נאָר א גאַנצער וואָך פון פלאָג אָנגעקומען קאָן טריבאַטי.
אוי טריבאַטי, אוי טריבאַטי, גרויסער צאָרן פון געשיכטע,
אויסגעמאַטערט אונדז פון אלעם און פארשווארצט
אונדז די געזיכטער.

שלעכטע דייטשן און זשאַנדאַרן, און אויך שלעכטע מיליץ-מענער,
שילערס-ברינאַדירן, יעדער זוכט כאַבאַר וואָס שענער.
יידן מוסרים און דערציילערס, און געהיים-לייט און לאַלאַטשן.
יידן שלאָגן דאָרט יידן פילמאָל ערגער פון די דייטשן.

ווי מיר זעען, איז דער לירישער טאָן אין די דאָזיקע פאָלקס-פערזן זעלטן. מען זוכט נישט אזוי צו וויינען און צו קלאָגן ווי צו דערציילן. די דעפאָרטאַציע-פאָלקסלידער וועלן בלייבן א זכר פון די שרעקלעכע געשעענישן.

אין די יאָרן 1945-1946, ווען איך האָב געזאַמלט מיין פאָלקלאָריסטיש מאַטעריאַל ביי די קיין בוקארעשט אָנגעקומענע דעפאָרטירטע, וואָס זענען פון די פאַרייניקטע ארמייען באַפרייט געוואָרן, האָב איך פון זיי אויך באַקומען די דערמאָנטע פאַר מיר נאָך אומבאַקאַנטע טעקסטן: „סע ברענט“ און „זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג“. דאָס הייסט, אז די רומעניש-פוילישע לידער האָבן אויך די פאַרצווייפלטע יידישע הערצער אין דער רומעניש-היטלעריסטישער דעפאָרטאַציע געשטאַרקט, דערמוטיקט און קראַפט געגעבן צום ווייטערן לעבן.

א באַזונדער קאַפּיטל פאַרלאַנגט זיך פאַר דעם ליד פון דעפאָרטירטע קינדער. ווער וועט קענען אויסשעפן אין איר גאַנצער שרעקלעכקייט די טראַגעדיע פון די דאָזיקע קינדער? זיכער נישט זייער ליד. מיר מוזן זיך דאָ באַמיען, ווי ביי אלע פאָלקס-דאָקומענטן צו לייענען אויך צווישן די שורות.

א יונגע פאָלקס-דיכטערן גיט אונדז, אויך אין דעם טאָן פון די אָנגעוויזענע אַלטע כראָניקעס, א גענויע באַשרייבונג פון זייער לעבן. די קינדער האָבן א סך מער געליטן צוליב דעם מאַנגל פון פרייהייט און ריינקייט.

ניך האָט מען אונדז אין דער דעפּאָרטאַציע פאַרשיקט
און די וועלט איז געוואָרן פאַראומגליקט.
מען האָט אונדז פאַרמאַכט אין לאַגער אין גרויסן.
ניט געלאָזט אַרויסגיין ביז אינדרויסן.

מיר זענען אויף גרויסע צרות געווען,
און געוואָרן גאַנץ אומריין.
ווייל אויף מענטשן מאַסנווייז
זענען אַרומגעקראָכן פיל לייז.

און צו קויפן איז נישט געווען,
איז אויסגעקומען פאַר הונגער אויסגיין.
און מענטשן זענען געפאַלן טויט
פאַר הונגער, מיזעריע און נויט.

מיר האָבן דאָרט געליטן זייער,
עס איז געווען אַ גיהנום ניט מער!
אַלין איז געווען שוואַרץ ווי די ערד,
קרעכצן און יללות האָט מען נאָר געהערט.

נישט געווען די מינדסטע פאַרלייכטערונג פאַר די קינדער. ביי זיי האָט זיך אַנטפּלעקט די פאַשיסטישע בעסטיע אין איר אומטערמענטשלעכער נאַקעטקייט. און אַזוי האָבן זיי אויך די קינדער פאַריאָגט פון ערשטן לאַגער. וואָס איז געווען נאָר אַ סטאַנציע אויף זייער וועג צו טויט און פאַרניכטונג.

ענדלעך זענען מיר זוכה געווען,
פון דעם לאַגער אַרויסצוגיין,
ווייל מען האָט אַן אָרדין* געגעבן
פון לאַגער צו ווערן אַרויסגעטריבן.

---

* באַפעל

מען האָט אונדז געיאָגט אין א שרעקלעכן רעגן
איבער די גרויסע בלאָטיקע וועגן.
עס האָט געגאָסן אזויווי מיט עמער,
און אונדז האָט מען געטריבן אזוי ווי די לעמער.

אויף די וועגן זענען די מענטשן געפאלן ווי פליגן,
און אין דער בלאָטע געבליבן ליגן.
אזוי האָט מען אונדז אלץ ווייטער געטריבן,
און דערצו גוטע שטעקענעס געגעבן.

דער טויט האָט פארשניטן אָן רחמנות די דערוואקסענע און קינדער. איין ליד באקלאָגט דעם טויט פון מוטער, דאָס אנדערע דאָס שטארבן פון א קינד.

די מאמע

שטייט אין שניי פארטראכט א קליינטשיק הייזל,
הערט מען פון דעם שטיבל א געשריי;
קלאָגן פאר דעם הייזל א פאָר ווייבער
און אויך א פאָר יידן, צוויי ביז דריי.

עס איז אן אָרעמע פרוי דאָ געשטאָרבן,
פון דער בוקאָווינע איז זי געווען.
פאר דעם טויט געהונגערט א פאָר חדשים,
און איר קינד געבליבן גאנץ אליין.

ווי א זאק דאָס מת ארויסגעטראָגן;
בלייבן ניינעריק שטיין.
מאכט א ייד א מלא גאָר א קאלטע,
ברעכן אויס די ווייבער אין געוויין.

רירנדיק, פול מיט לירישע אקצענטן איז דאָס ליד פונעם שטארבנדיקן קינד. דאָס קינד איז צופרידן, ווייל דער טויט וועט עס באפרייען פונעם דעפּאָרטאציע־גיהנום.

ביים קינדער־בעט

אין דעם בעטעלע
ליגט קראנק א מיידעלע.
זיפצט די מאמע און וויינט,
ווייל זי פלעגט איר תמיד זינגען:
שלאף מיין קינד, שלאף!

מאמעניו, מאמעניו,
לייג צו דיין קעפעלע,
לייג עס צו צו מיר,
ווייל דו פלעגסט מיר שטענדיק זינגען:
הײדא, ליו־ליו־ליו!

דריי מלאכים זענען דורכגעפלויגן
אין אן אויגנבליק,
און זיי האָבן מיר אָנגעהערט,
אז אויף יענער וועלט איז גוט.
דאָ איז פינצטער,
דאָרט איז ליכטיק,
דאָרט איז יידן גוט.

דאָ איז פינצטער,
דאָרט איז ליכטיק,
דאָ פארגיסט מען בלוט.
מיט רויטע בלומען,
גרינע קראַנצן
האָט מען מיך בארעזט,
נאָר צו מיין פאָטערס קבר
פירט מען מיך אוועק.

עס טוט מיר נישט באנג,
די וועלט צו פֿארלאָזן;
נאָר דיך, מאמעניו,
ווייל דו פלעגסט מיר שטענדיק זינגען:
היידא, ליו-ליו-ליו!

אן אנדער קינד, אין זיינע פערזן, דערציילט אונדז, ווי אזוי עס איז צוריקגעבליבן פון צען פערזאָנען. מען האָט עס געמוזט ברענגען אין יתומים-הויז פון לוטשינעץ.

איך בין געבליבן אויף דער וועלט
ווי א שטיין אינמיטן פעלד,
אָן א הילף און אָן א טרייסט,
ווי א פייגעלע אין א נעסט.

צען מענטשן זענען מיר געווען,
און געבליבן בין איך אליין.
עס איז נישטאָ פון וועמען א גוט װאָרט צו הערן,
אראָפּוואַרפן די שטיינער פונעם הארץ דעם שווערן.

די נויט האָט מיך געטריבן אין אָרפעלינאט *
ווו איך האָב דאָס גוטע לעבן געהאט:
הונגער, סיקריטור און פיין,
ביז אין טיפן הארץ אריין.

איינעם בית-יתומים איז די קינדער זייער שלעכט געגאנגען. זיי ליידן שטענדיק פון הונגער. כאראקטעריסטיש איז דאָס פאָלגנדיקע ליד, אין וועלכן די קינדער באַקלאָגן זיך אז זיי האָבן נישט וואָס צו עסן, און ווי עס פייניקט זיי דער שטענדיקער געדאנק נאָך עסן, פון וועלכן זיי קענען זיך נישט באַפרייען.

---

* אָרפעלינאט — יתומים-הויז.

די יתומים זאָגן

ביי טאָג, ביי נאַכט
האָבן מיר די גלייכע זאָרגן:
אוי, וואָס קאָכט מען היינט?
ביי טאָג, ביי נאַכט,
ליג איך און טראַכט,
וואָס האָט מען פאַר אונדז אויסגעטראַכט,
פאַר פרישטיק, מיטאָג, אויף — דער — נאַכט.

אוי, אינדערהיים האָבן מיר דאָס פאַרגעסן?
די מאַמע פלעגט אונדז נאָכלויפן מיטן עסן.
דאָ איז דאָס אונדזער שטרעבן,
אונדזער טראַכטן, אונדזער לעבן.
דערפאַר פרעג איך,
וואָס וועט מען היינט אונדז געבן.

אָבער זיי האָפן אויף דער באַפרייונג, וואָס מוז קומען. נאָר דערווייל איז דאָס לעבן ביטער און שווער. די געווייניקלעכע שווערע אַטמאָספערע אין לאַגער ווערט נאָר איבערגעריסן פון טויט־אַנגסטן, פון גיהנום־אויסברוכן. די דייטשן באַווייזן זיך פּלוצלינג אין לאַגער און מיט זיי וואַקסט אויך אויס דער טויט נאָך די טיפסטע און טונקלסטע מדרגות פון שרעק קומט ענדלעך אָן די בשורה פון דער ישועה, און דער געבענטשטער געשטאַלט פונעם סאָוועטישן סאָלדאַט. סע הערט זיך א ניי ליד, א פרייליכע ליד, ווען אויך פאַרמישט מיט נאָך געגוג טרערן.

לאַגער פּעטשיאָרע

אוי, א נייע ליד,
וועל איך אייך מענטשן זינגען.
א נייע ליד פונעם יידישן פאָלק אליין.
אוי, א נייע ליד
וועל איך אייך מענטשן זינגען
וואָס איז דאָס אין לאַגער פּעטשאָרע געווען.

אריינגעקומען איז היטלער, דער קיילער,
אריינגעקומען איז ער מיט א ביקס.
אוי ווי, אוי, א ביקס!
א שלעכטע בשורה האט ער אונדז געגעבן
ער דארף אונדז יידעלעך שיסן אומזיסט...

מיר און טויער זענען געווען פארשפארט,
אוי, אן טאטע־מאמע זענען מיר געבליבן
דא קינדערלעך געזונד.
טאטע־מאמע האבן מיר פארשפארט,
אוי־ווי, אוי, פארשפארט!
נישט ווייט דא, אוי ביי דער וואסער,
אוי, אריינגעקומען איז מיט אמאל א מלאך,
א גוטע בשורה האט ער מיר געגעבן,
ער האט אונדז יידעלעך געראטעוועט פון טויט.

(צונויפגעשטעלט פונ די יתומים אין לאגער. מיטגעטיילט פון דער יתומה לאני פרידמאן, געווען אין לאגער פיטשאָרע)

דאס סאוועטישע וואונדער איז די קינדער נישט פרעמד. זיי קאנען דאס פרייע לעבן פון די ארבעטס־מענטשן אין ראטן־פארבאנד. זיי טרייסטן זיך אזוי, למשל, מיטן קאלווירטלער:

„עס ארבעטן קאלווירטן אגינד
ביי ווייגערטנער, סיידער און ערד;
די אמאליקע אונטערדריקטע לייט
איז א גוט לעבן דא באשערט.

ווער געווען אמאל פארפאלגט,
ווער געליטן האט פיל שאנד,
האט אצינדערט אויפגעלעבט
אין דעם גרויסן ראטן־פארבאנד.

גרויס איז געווען די בענקשאַפט פון די קינדער נאָך דער אַלטער היים. זיי האָבן געזונגען:

„איך בענק נאָך מיין היים
איך בענק, איך בענק.
איך האָף נאָך דאָרט אמאָל צו זיין
איך בענק, איך בענק“.

מיט דער פאר זייערע יאָרן כאַראַקטעריסטישער אויפריכטי־קייט האָבן זיי גאַנץ רעאַליסטיש באַשריבן זייער לעבן אין אָרפעלינאַט, דאָס הייסט אין בית־יתומים. זיי האָבן נאָרנישט פארשוויגן און אַלץ דערציילט מיט זעלבסטקריטישן הומאָר.

טוען מיר, ווי יידן טוען,
און מאַכן מיר א געשעפט.
האַנדלען מיר מיט וואָס עס גייט,
און וויאזוי עס זיך טרעפט.
ווער עס קען נאָר האנדלען גוט
אין דעם אָרפעלינאַט,
דער וועט נישט פארפאַלן גיין,
ער וועט זיך עסן זאט.
האנדלען מיר מיט ברויט, מיט סאָיע,
צוגעפראַזשעט אָדער רויע.
מיר שטעלן א פרייז
אזוי ווי די קורסן אויף דער נאָס.
אונדזער שווארצע בערזע
פונקציאָנירט א גאַנצן טאָג
אָן קיין געלט און אָן קיין בוך
און אָן קיין שום וואָג.
דאָס ברויט, דאָס מיטאָג, יויזע,
און די מילך פון דער פרי
קענט איר דאָ פארבייטן גיך
אָן א שום מי.

נאָר דערציילן זאָלט איר קיינעם,
מורא האָבן מיר פֿאַר איינעם.
אַז ער אונדז נאָר טרעפֿט,
איז אויס מיט דעם געשעפֿט.

ווען זייערע ערשטע גליקלעכע איינדרוקן נאָך דער באַפֿרייונג ווען מען האָט זיי געבראַכט קיין באָטאָשאַן, באַריכטן אונדז די פֿאָלגנדיקע שורות; אַדאָ אַנטדעקן זיי מענטשלעכקייט, קאָמפֿאָרט, גענוג עסן, און דאָס גרעסטע גליק, די פֿריי־הייט!.. דאָס גליק איז אַזוי פֿריש און ניי, אַז עס ווילט זיך זיי נישט גלייבן אין אים.

מיר האָבן געגעסן געשמאַק און גוט,
הונגעריק געבליבן זענען מיר ניט.
דאָס ווייסע ברויט, דאָס האַרטע איי,
סאַלאַט־דע־בעף און זיסע טיי!

עס איז געווען אַזוי פֿיין,
זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר אַריין.
עס איז די לופֿט געווען ריין.
און מיר האָבן זיך מחיה געווען.

טאַנטעס און אָנקלס זענען געקומען דאַן
אין דעם גרויסן זאַל אַריין.
עס איז אַ געוויילעריי געווען,
מען האָט גענומען קינדער אַהיים.

טאַנטעס האָבן אונדז צו זיך גענומען,
אונדז געוואַשן, אונדז געגעבן אויסקעמען.
זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן גאָר ריין.
און מיר האָבן זיך מחיה געווען.

און מיר האָבן זיך מחיה געווען,
און געוואָלט שלאָפֿן גיין,

האָבן אונדז די טאַטעס אַ בעט געמאַכט
און שנייווייסע העמדער געבראַכט.

מיר האָבן די העמדער אָנגעטאָן
און גענומען זיך אויסרוען.
באַלד האָט דער שלאָף אונדז געגנבעט אַוועק
און מיר האָבן געחלומט אָן אַן עק.

ווען מיר האָבן אינדערפֿרי דערוואַכט,
איז געווען שוין לאַנג אַוועק די נאַכט.
עס זענען ליכטיק געווען די זונען־שטראַלן,
וועלכע זענען אויף אונדז געפֿאַלן.

מיר זענען נישט געווען מער מיד,
געהאַט די ביינער זיך אויסגערוט.
מיר זענען גליקלעכע געווען,
נישט געגלייבט וואָס אויגן האָבן געזען.

דאָס איז געשען, נאָכדעם ווי די סאָוועטישע אַרמייען האָבן באַפֿרייט די דעפּאָרטירטע צווישן בוג און דניעסטער און דער צווייטער העלפֿט פֿון חודש מערץ 1944. קומענדיק פֿון דעם געביט פֿון אומאַן, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזט דעם 10־טן מערץ, זענען זיי איבער דעם בוג דעם 16־טן מערץ, און נאָך נאָך 4 טעג האָבן זיי שוין דערגרייכט דעם ברעג פֿונעם דניעסטער. די שנעליקייט פֿון זייער אָנגריף האָט די פֿאַשיסטישע אַרמייען דעזאָרגאַניזירט און זיי געצוווּנגען צו אַנטלויפֿן אין ווילדסטער אומאָרדענונג. די היטלעריסטן האָבן שוין קיין צייט נישט מער געהאַט, זיי האָבן געוואָלט פֿאַרניכטן דעם לעצטן רעשט פֿון די דעפּאָרטירטע ייִדן. די פֿון שרעקלעכן טויט געראַטעוועטע האָבן געקאָנט זינגען אין מאָמענט פֿון זייער באַפֿרייונג:

אָט, זעט, דאָרטן גלאַנצט שוין דער סאָוועטישער שטערן,
וואָס ליכטיקער ווערט די פֿאַרטונקלטע גאַס!
די פֿרייהייט, די פֿרייהייט לאָזט זיך שוין הערן,
זאָלסט לעבן, אַלוועלטלעכער אַרבעטער־קלאַס!"
(שילו עלנבאָגן)

װאָלף עהרנקראַנץ, (װעלװל זבאַרזשער) געבױרן 1826 אין זבאַראַזש, געשטאָרבן 1883, אױף װעלכן די השכלה פון בראָד און טאַרנאָפּאָל האָט איבערגעלאָזט איר חותם, האָט גורם געװען ער זאָל פאַרלאָזן זײן שטעטל זבאַראַזש — געיאָגט פון די פרומאַקעס — און זיך באַזעצן אין רומעניע.

אױך דאָ אין רומעניע, האָבן אים די פרומאַקעס דערשמעקט אַז ער װיל די קינדער מיט װעלכע ער האָט געקנעלט אָראָפּפירן פונעם דרך־הישר.

אין זײן ליד „די מאָלדאָװישע איבער די פּױלישע" שרײבט װעלװל זבאַרזשער: „טױזנט רוחות ליגט אין יעדן באַזונדער/ און זײ װילן אונדז אױסשמדן אונדזערע קינדער". (ער מײנט די פּױלישע מלמדים װאָס זענען געקומען קײן רומעניע. באַמ. מ. ר.)

אָט די צװײ פערזן װײַזן אונדז אַז דער קאַמף פון די פרומאַקעס איז נישט געװען נישט אונטערצושאַצן. זײ, די פרומאַקעס, האָבן געקעמפט קעגן דעם פאָרגעשריטענעם װאָרט. זײ האָבן געשראָקן די אָפּגעשטאַנענע עלטערן אַז, מ'װיל זײערע קינדער אױסשמדן און אױף אַזאַ אופן אַרױסברענגען דעם צאָרן קעגן די אױפקלערער, קעגן די װאָס װילן פאַרטרײבן דעם אָבערגלױבן, דעם פאַנאַטיזם, דעם מיסטיציזם. װעלװל זבאַרזשער, װײַזט אונדז בולט די לאַגע אין די װײַטערדיקע סאַטירישע שורות: „קומען שלעק פון פױלן אַראָפּ, דראַקעס* גאָר אָן אַ צאָל,/ און פירן פונעם גוטן װעג אַראָפּ/ דאָס הײליקע פאָלק ישראל".

װי ס'איז באַװוסט איז װעלװל געװען געצװוּנגען זײן אַ מלמד ערגעץ אין אַ דאָרף נישט װײַט פון באָטאָשאַן, פון װאַנען ער

* דראַקעס — רוחות

פלעגט קומען פון צייט צו צייט אין שטאָט אריין, ד. ה. קיין באָטאָשאַן און זיך לאָזן וויל גיין ביי א גלעזל ווייַן זינגען פון זיינע לידער און מעלאָדיעס. ער פלעגט צומאָל באקומען דערפאר פון די מיוחסים עטלעכע ליי: וואָס האָט אים דערווידערט.

זיין פראָטעסט הילכט ארויס פון די שורות: „אין דעם שטייגל שטיי איך מיט גרויס יסורים זיי ווילן מיך נאָר מוטשען./זיי מאכן זיך סעודת־פורים און פארלאנגען איר זאָל קוויטשען. אך! ווי קען מען דעמולט זינגען ווען די צרות פרעסן./די נאכטיגאל איז דערצו געצווונגען זי פארדינט דערמיט איר עסן",

און ווייטער, זאָגט ער, אין די ווייטיקליכע שורות: „זינג איך נישט יאָרן לאנג האָב איך נויט און ליידן/וואָסזשע פועל איך מיט מיין געזאנג איך בין פארקויפט פאר יעדן". (די נאכטיגאל).

ער האָט געפונען דעם וועג צום פאָלק. צו די האָראָפאשניקעס, אויך אין די שענקען, אין די קאפע־הייזער, פאר וועלכע ער שאפט און זינגט. צו זיי קומט ער מיט זיין שארפער סאטירע וואָס איז געצילט קעגן דעם אבערגלויבן, פאנאטיזם, משיחיזם. אין זיינע לידער „משיחס צייטן", „ש'י עולמות", „דאָס גוטע קעפל", און אנדערע.

אינעם ליד „דער עלענדער זוכט זיין רו" ווייזט ער ארויס אין א פאָלקסטימלעכע שפראך און פאָרם דעם סאָציאלן ברויז: „זאָג מיר איך בעט דיך ווינט/דו שוועבסט דאָך אין דער גאנצער וועלט,/ווייסטו נישט וו דער עלענדער זיך געפינט/ צו רוען א געצעלט?/וו רציחה האָט אויפגעהערט וו קיין מענטש האָט נישט געקלאָגט/דער גערעכטער ווערט נישט גע־ פלאָגט?/דער ווינט שווייגט און בלייבט שטיל שטיין,/זיפצט, און ענטפערט: ניין! ניין!"

דאָ, אין רומעניע האָט ער געזונגען זיינע לידער צו וועלכע ער האָט צוגעפאסט מעלאָדיעס. אין די פערציקער יאָרן פונעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט זענען שוין זיינע לידער באקאנט געווען אין באָטאָשאַן, אין די פיפציקער און אין די זעכציקער יאָרן פון דעם זעלבן יאָרהונדערט זענען זיינע לידער געזונגען געוואָרן אין מערערע שטעט און שטעטלעך אין רומעניע.

ביזן סוף פון די זעכציקער יאָרן האָט ער זיך אויפגעהאלטן אין רומעניע, אמייסטן אין יאס, באָטאָשאַן, באקוי. פון דאנען פלעגט ער צומאָל ארויספאָרן קיין רוסלאנד. ער ווערט באַרימט אויף דער וועלט. באזוכט ווארשע, ווין און קאָנסטאנטי־ נאָפאָל.

אין די דערמאנטע שטעט זענען זיינע ארויסרעטונגען גוט אויפגענומען געוואָרן פון די ליבהאָבער פונעם יידישן פאָלקס־געזאַנג. אין ווין איז זיין נאָמען געוואָרן אזוי פּאָפּולער אז אפילו נישט יידישע שענקען האָבן צווישן זיך געפירט א שטארקע קאָנקורענץ; „יעדער האָט געוואָלט פארכאַפּן דעם טייערן גאסט".

זיינע סאטירישע לידער „חזון למועד", זענען דערשינען אין יאס אין יאָר 1855, „מקל נועם" פאָלקס־לידער, אין ווין אין יאָר 1865, אויך אין לעמבערג אין די יאָרן 1869, 1873, 1878. „מקל־חובלים", דער רבי ר'בער (אין פשעמישל אין יאָר 1869). א טייל פון זיינע לידער זענען דערשינען אין בראילא אין דער לאטייניש שער שריפט אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר סאָטעק. א סך פון זיינע לידער זענען אריין אין רשות פונעם פאָלק; געוואָרן פאָלקס־לידער. זיין השפּעה איז געווען אזוי גרויס, אז מ'פלעגט זיינע לידער צופּאסן צו די געזאנגען פון די פּורים־שפּילער. זיינע סאטירעס „משיחס צייטן" און „דער חסיד איבער טעאטער" זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אוקריינישׂ פונעם בארימטן אוקריינישן שריפטשטעלער איוואן פראנקאָ.

וועלוולס לידער זענען געזונגען געוואָרן אין די ווארשטאטן, אין שענקען, אויף שמחות, פון טעאטער טרופּעס, זיי זענען פארשפּרייט געוואָרן אויך מעבר לים. ס'זענען פארעפנטלעכט געוואָרן א שלל־שטודיעס און אָפּשאצונגען וועגן זיין שאפן פון בארימטע ליטערארישע פערזענלעכקייטן אין פארשידענע צייט־שריפטן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט מער ווי געוויינלעך אויף דעם לעבן און שאפן פונעם באליבטן פאָלקס־דיכטער וועלוול זבארזשער, (דאָס איז אויך גענוג בצמצום) מיר האָבן דאָס געטון כדי צו באקענען דעם לייענער מיט דעם פאָלקס־דיכטער וועלכער האָט בשעתו געמאכט א גרויסן רושם אויך אין „די פיינפיליקע קרייזן". ס'איז צו באמערקן אז וועלוול זבארזשער, האָט אקסירט זיינע לידער אויף די געשעענישן פון זיין צייט, זיך ארויסגעזאָגט קלאָר און שארף קעגן די פארפאָלגונגען פון די ליבעראלן פון יענער צייט וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן פונעם באוווסטן צורר י. בראטיאנו. ס'וואָלט זיכער כדאי געווען ס'זאָל געשאפן ווערן א מאָנאָגראפיע וועגן וועלוול זבארזשער, וואָס האָט געלעבט, געשאפן און פארשפּרייט זיינע לידער דאָ, אין רומעניע אין משך פון צענדליקער יאָרן.

אברהם גאָלדפאַדן (געבוירן — אין קאָנסטאַנטין 12.5.1840 — געשטאָרבן דעם 9.1.1908). וואָס האָט געטראָפן אין רומעניע, א "רויע־מאַסע" באַלעמעלאַכעס און פאָלקס־מענטשן, וויאַזוי ער דרוקט זיך אויס, מחמת דאָ זענען קיין שולן און קיין אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן נישט געווען, דאָ, ווי ער האָט גע־האַט יענעם פּסק פון די צוהערער, וואָס זענען נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין זיינע לידער וועלכע ער האָט זיי דעקלאַ־מירט אין פּראַק און צילינדער אין שמעון מאַרקס־גאָרטן "פּאָמול ווערדע", איז נאָך פיל נאָכדענקענ, געקומען צום אויספיר, אז פאַר דעם "פּעבל" דאַרף מען שאַפן קולטור־ווערטן, וואָס עס איז בכוח משיג צו זיין. פון אָט דער גרונט־אידייע, און אויפן סמך פון די דערפאָלגן פון די "בראָדער זינגער" וואָס האָבן אויסגעשפּילט די לידער באַנוצנדיק פּרימיטיווע קאָסטומאַציע און גרים, האָט ער באַשלאָסן צו שאַפן אַזאַ טעאַטער "וואָס וועט כאַפּן דעם "פּעבל" וואָס גאַרט נאָך גייסטיקער דערהוי־בונג; א טעאַטער געשפּילט לויט דער אויפּאַסונגס־קראַפט פון די צוהערער וועט קאָנען דערגיין ביז צו די ווייטסטע טיפן פון דער מאַסע".

דער דיכטער גאָלדפאַדן האָט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן טעאַטראַלן חוש דערפילט אז זיינע לידער קאָנען אויך האָבן אַן אָפּקלאַנג און קאָנען ניצלעך זיין פאַר דער קולטורלאָזער מאַסע, ווען זיי וועלן דערלאַנגט ווערן אויף א שפּילערישן און דראַמאַטישן אופן. ס'איז אים געלונגען צו מאַכן א בונד צווישן דראַמאַטורג, שוישפּילער און דעם המון. ער האָט באַלד דערפילט דעם געשמאַק און דעם כוח־הקיבול פון זיינע צוהערער, האָט פאַר זיי געשאַפן פּיעסן, אין זיי לידער, צוגעפּאַסט מוזיק. זי פאַראייגנט אַזוי, זי זאָל דערהויבן דאָס פּובליקום, וואָס האָט אים באַלד ביים אָנהויב באַצאָלט מיט אָנערקענונג און טיפער דאַנקבאַרקייט. ער, גאָלדפאַדן, איז געווען דער דיכטער־פּיאָנער, וואָס האָט אים געפירט צום פאָלק. ער האָט געהאַט צוטרוי אין דער פעסטער האַנט פונעם אַרבעטער, ער האָט געוווּסט אז אין גיכן וועט זיין א כבוד מיט אים צו אַרבעטן און פּאַרווייַלן.

ער האָט געשריבן, געשפּילט, געזונגען, געטאַנצט, גרימירט, קאָסטומירט לויט דער פאַרשטאַנד פון זיין היגער צוהערנדיקער אוידיטאָריע. ער איז געווען א רעאַליסט און האָט געשריבן רעאַליסטיש. ער האָט געוווּסט אז זיין שליחות קאָן אויסגעפירט ווערן אין יענעם מאָמענט נאָר אויף אַזאַ אופן און נישט אויף קיין אַנדערן, כאָטש ער איז געווען באַהאָוונט אין דער אוני־

ווערטאלער ליטעראטור, אין דער דראמאטורגיע, און אין דער מוזיק פון יענער צייט. ס'האָט אים נישט געארט טאָמער וועלן די פיינשמעקער קרומען מיט דער נאָז. ער האָט זיך אויך נישט געשראָקן פאר די צוקונפטיקע קריטיקער וואָס וועלן פרעגן „הזאת נעמי?" .ער איז געווען זיכער, אז ער האָט אויסגעפירט זיין שליחות בשלמות. און זאָלן קומען אנדערע און פאָרזעצן פארטיפערן דאָס טעאטער. ער האָט געפונען אין זיך דעם טעאטער=אוצר. האָט געשאפן דאָס יידישע טעאטער און האָט זוכה געווען צו דעם ריזיקן טיטל „דער פאָטער פונעם מאָדערנעם יידישן טעאטער". די יידישע באפעלקערונג פון רומעניע איז שטאָלץ מיט דעם דיכטער, דראמאטורג, רעזשיסער, אקטיאָר און פלייסיקער רעאליזאטאָר.

זיכער האָט וועלוול זבארזשער, צעאקערט דאָס פעלד און גאָלדפאדן האָט שוין פאר זיך געהאט א געוויסע קולטור=טראַדיציע. ער האָט אָבער וייטער געפירט די קולטור=ארבעט, זי דערהויבן צו א פראָגרעסיוון יידישן קולטור=בנין צו א מאָדערנעם יידישן טעאטער.

ס'דארף דאָ אויך דערמאנט ווערן אז די אזוי גערופענע „עליטע", די יידישע פארזאָרגער, די אזוי גערופענע משכילים און נאציאָנאליסטן וואָס האָבן ארויסגעוויזן א ביטול=געפיל צו די יידישע פאָלקס=לידער וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף „זשארגאָן" ווי אויך צו דעם טעאטער וואָס האָט געהאלטן אין איין וואקסן, די קאָך=לעפל און די פרומאקעס האָבן נישט גערוט. ס'האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די פאָלקס=מאסן האָבן זייערע דיכטער געשיצט. האָבן געפילט אז די ניי=געשאפענע קולטור=ווערטן זענען אייגענע, אז די דיכטער זענען זייערע פארטרעטער, אז דאָרט שפיגלען זיך אָפּ זייערע פריידן און ליידן און האָבן זיי געהיט אז ס'זאָל זיי נישט געשען קיין שום בייז. (זעלבספארשטענטלעך אין די ראמען פון יענער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. זיי האָבן אָבער נישט געקענט פארמיידן וועלוול זבארשערס גירוש).גאָלדפאדענען איז געלונגען מיט דער הילף פון די מאָלדאָווישע יידן, די יאסער רויטע=בריק=יידן אָפּהיטן „דאָס גאָלדענע ציגעלע" דאָס יידישע פאָלקס=ליד פון וועלכן ס'איז אויסגעוואקסן דאָס יידישע פאָלקס=טעאטער. פון זיי, פון דער יידישער פאָלקס=מאסע האָט גאָלדפאדן רעקרוטירט די אקטיאָרן, און ער דער געניאלער רעזשיסער האָט פון זיי צונויף געשטעלט זיין טרופע, וועלכע האָט גאסטראָלירט אין רומעניע און אין פארשידענע לענדער, גערופן די מאסן צו

אויסדויער, האלטן דעם קאָפּ הויך, זיך אָפּטרייסלען פון אָבער-
גלויבנס, אבעראציעס און מיסטיציזם.

ס'איז א פאקט אז א גרויסער טייל פון װעלװל זבארזשערס לידער זענען געװאָרן פאָלקס-לידער, זיי זענען געזונגען געװאָרן און װערן נאָך היינט געזינגען אין פארשידענע װאריאנטן װעלכע דאָס פאָלק העלפט צו הן דעם ליד און הן דעם ניגון. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך װעגן גאָלדפאדענען, װעמענס לידער זענען שכיח געװען אינעם מויל פונעם יידישן באלמעלאָכע, פון דער יידישער מאמע װאָס פארװיגט דאָס קינד, װי אויך אויף קערמעשלעך, אויף שמחות ביי יידן.

װיכטיק זענען דעם ערשטן כראָניקערס װערק געשריבן אויף דער יידישע שפּראך פון יעקב פסנתר (1820—1900). זיין ערשטע „קראָניקע" (קראָניקא א דאטשע אָדער דברי-הימים לארצות רומעניע), געדרוקט אין יאָר 1871 אין דער דערמאנטער הירש גאָלדנערס דרוקעריי אין יאס, װי אויך לאזאר שײנעאנוס ערשטראנגיקע שטודיע װעגן יידיש, צוערשט פארעפנטלעכט אין רומעניש א. ט. **Studiu dialectologic asupra graiului evreo-german (București 1889)** און שפּעטער אביסל דערגאנצט אין פראנ-צויזיש א. ט.: **„Essai sur le judeo-allemand et spécialement sur le dialect parlé en Valahie“. Memoires de la societé de linguistique de Paris 1902.**

דעמסטגלייכן משה שװארצפעלדס פאָלקלאָר-זאמלונג. א קאָלעקציע פון 7000 שפּריכװערטער, רעדנסארטן, װיצן, משלים, אנעקדאָטן, פּאָרנאָגראפיע, פאָלקס-מעשיות. א טייל אָפּגעדרוקט אין א צייטשריפט װאָס איז דערשינען **„Anuar pentru Izraeliți“.** א סך צענדליקער יאָרן, װי אויך אין דער װאָכן-צייטונג „עגאַליטאטע" װאָס ער האָט רעדאגירט כמעט א האלבן יאָרהונדערט. זייער װיכטיק איז דער מאטעריאל, װייל ער איז געזאמלט געװאָרן פונעם דערמאנטן רעדאקטאָר פון כמעט אלע שטעט און שטעטלעך פון רומעניע.

נאָך דער ערשטער װעלט-מלחמה װאקסט די יידישע ליטעראטור פון רומעניע, סיי אין כמות סיי אין איכות. די װיכטיקסטע כוחות קאָנצענטרירן זיך ארום דער פּראָגרעסיסטישער „קולטור-פעדעראציע", ארום דער „קולטור-ליגע" מיט זייערע פּעריאָדישע אויסגאבעס „שויבן", „די װאָך", א. אנד.

אליעזר שטיינבארג (געבוירן אין יאָר 1880 געשטאָרבן
אין חודש מערץ 1932). זייער פרי האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן
אלס לערער און דורכגעוואנדערט א סך שטעט און שטעטלעך.
איינער פון די וויכטיקסטע יידישע קולטור=טוער אלס לעקטאָר
פון פארלאג „קולטור" ביי דער יידישער קולטור=פעדעראציע
פון רומעניע, אלס רעדאקטאָר פון איר זאמלבוך „קולטור (1921),
פון אייניקע זאמלהעפטן אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, פון דער
סעריע פראָפאגאנדע=בראָשורן, „א ענפער — די געגנער
פון יידיש" (פיר בראָשורן פון אסתר, דר. ח. זשיטלאָווסקי
און נ. שטיף. ווי אויך אלס מיטארבעטער פון סאָציאליסטישע
צייטונגען. שטיינבארג האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער און משלים
נאָך אין יאָר 1902. דעביוטירט ערשט אין א. רייזנס „אייראָ=
פעאישער ליטעראטור" מיט א משל „די צוויי רויזן" — 1910
ה'39). שפעטער האָט ער זיך באטייליקט אין די צייטונגען
„גוט מאָרגן", „שלום=עליכם", „אונדזער לעבן", אין דעם זאמל=
העפט „גרינס", אין זמ'ה „שויבן" בוקארעשט 1924, און אין
פארשידענע אנדערע צייטונגען. אין די דאָזיקע אלע אויסגאבן
איז פארעפנטלעכט א קליינער טייל פון דעם גרויסן אוצר פון
שטיינבארגס שאפונג. באזונדערס גרויס איז שטיינבארג אלס
פאבל=דיכטער און שרייבער פאר קינדער. א זאמלונג פון
ש'ס צוועלף משלים איז ארויס אין א לוקסוס אויסגאבע. זיין
פיינע, אָבער שארפער איראָניע קעגן דער גאנצער צביעותדי=
קער מאָראל פון דער היינטיקער געשעלשאפט, — אנטפלעקט
ער זיך מיט זיין גרויסער קינדישער נשמה [אויך] אין זיינע
קינדערשאפונגען, ווי זיין ווונדערלעכער, דורכאויס אָריגינעלער
„אלף=בית" א. א.

אלס דראמאטיקער האָט זיך ש' אויסגעצייכנט מיט זיינע
הויפט=ווערק אויף דעם געביט „אברהם=אבינו" — א דראמא=
מאטיזירטע לעגענדע אין פיר אקטן מיט מוזיקאלישער קאָמפאָ=
זיציע פון לעווענטמאן, איינער פון די ערשטע פרוון פון א
יידישער אָפערעטע און „דער באַרדיטשעווער רב" — אין פיר
אקטן, אייניקע פון זיינע דראמאטישע ווערק בתוכם קינדער=
פיעסן, זענען פון צייט צו צייט אויפגעפירט געוואָרן, צווישן
אנדערע א פאָרשטעלונג „כעלעם" בשעת די פייערונג פון דעם
צוואנציק יעריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער שפראך=קאָנ=
פערענץ. ער האָט אויך באארבעט פאר דער בינע פרצס „ביי=
נאכט אויפן אלטן מארק" און „די גאָלדענע קייט" (לעקסיקאָן
פון דער יידישער ליטעראטור פרעסע און פילאָלאָגיע פון זלמן

רייזן — פערטער באנד זייט 588. ווילנער־פארלאג ב. קלעצ־קין, 1929).

אין אָריגינאַל זענען דערשינען אין רומעניע שטיינבארגס „משלים" און „מייסעלעך" אין זיבן אויפלאגעס.

שטיינבארגס משלים זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף רו־מעניש פון דר. עמיל דאָריאַן, פון דר. קליין, און פון קלע־מענטינא וואַינעסקו. די ערשטע צוויי אויסגאבעס זענען דער־שינען אין בוקארעשט אין יאָר 1945. דאָריאנס איבערזעצונג איז דערשינען אויך אין יוגנט־פארלאג, פון בוקארעשט אין יאָר 1957. די דריטע איבערזעצונג איז דערשינען אין פארלאג פאר וועלט־ליטעראַטור אין בוקארעשט, 1961.

מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פון דער רעדע וואָס דער גרוי־סער דיכטער יעקב שטערנבערג האָט געהאלטן אין טאָג פון אליעזר שטיינבארגס צווייטן יאָרצייט אין יאָר 1934.

„שטיינבארגס מאָראַל, וואָס ליגט נישט נאָר אין דער פויענטע, נאָר אין גאנצן געוועב פון זיין משל, דערהויבט זיך פאר מיר צום הר־עבל אויף וועלכן עס שטייט דער גרויסער שטראָפער פון אונדזער צייט".

...„פאבל, אמתע פאבל, דאָס איז שטורם, קאמף, דינאמישער געראנגל. דאָס איז קאָנדענסירטע דראמע ווי עס האָט שוין פאָרמולירט לאפאָנטען.

אדרבה, בויט א גוט משל אָן פערזאָנען, דיאלאָג, האנדל און מוסר־השכל.

אָבער נישט נאָר די אויסערלעכער פאָרם, אויך דער אינער־לעכער מהות איז קריגעריש, אייביקער מלחמה־שטאָף. יאָ, די קליינע פאבל, דאָס איז די גרויסע קאָמישע און סאָציאלע קאָ־מעדיע.

אליעזר שטיינבארג, דער גרעסטער פאבוליסט פון אונדזער צייט, איז דערפאר אין דער הייטיקער וועלט־ליטעראַטור איי־נער פון די גרעסטע דראמאטורגן — מאָראַליסטן. זיין דרע־סירער־בייטש מאָביליזירט א גרויסע אקטיווע אָפלאָן־ארמיי און צייכנט דעם ברייטסטן היקף פון דעוואָלט און באפרייענדיקן געלעכטער.

גיט דערצו צו זיין הייליק לויערן און פאנגען אי דעם שארפן קריץ פון שטערן אויפן הימל, אי דעם גראבל פונעם מייזל אויף דער ערד, און איר וועט האָבן דעם נייטיקן אנסאמבל־צוגאנג, וואָס באלייכט און באגייסטערט דעם וועג צו דער שטיינבארגס־דערקענטעניש".

דער צאַרטער דיכטער וואָס האָט אויפגעהויבן דעם יידישן משל צו אַ מדרגה וואָס האָט ביז היינט נישט קיין פאַרגלייך, דאָס משל וואָס דער ווערטער־מאַטעריאַל איז בלויז סולת געזיפּט מיט זיבן זיפּן, וווּ די פאַנטאַזיע און דער פילאָזאָפישער־וועלט־באַנעם פונעם דיכטער דערגרייכן די העכסטע הייכן, פון דעסטוועגן פאַרפליען זיי נישט אין עולמות, נאָר בלייבן דאָ מיט אונדז, ווייזן אונדז אָן דעם סאָציאַלן מהות פון דער וועלט.

ער ווייזט אין זיינע משלים, אַז כדי פּטור צו ווערן פון דעם וועלט־צרעת דאַרף מען קעמפן און נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

קלאָר האָט שטיינבאַרג אָנגעוויזן דעם וועג, אַז דער וועג איז דער וועג פון קאַמף, זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נסים

שטיינבאַרג איז נישט געווען נאָר אַ נאה־דורש, נאָר אויך אַ נאה־מקיים; בשעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, אַגיטירט אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, געוועקט די מאַסע צום קאַמף, צום ענדגילטיקן נצחון.

מ'דאַרף איבערחזרן מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז די שולד פון דער צוריקגעשטאַנענקייט פאַלט אויף דער אַזוי גערופענער „פּני", וואָס האָבן פיינט געהאַט דאָס יידישע פּראָגרעסיווע וואָרט, וואָס האָבן עס גערודפט צוזאַמען מיט די מאַסן וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אין יידישן ליד, משל און געזאַנג, וואָס דאָס פאָלק, האָט אַליין געשאַפן ווי אויך די אַלע ליטעראַרישע ווערק, וואָס די שאַפער פון דער יידישער קולטור האָבן זיי מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ליבשאַפט צוגעטראָגן. אַזוי אַרום האָבן אויך שטיינבאַרגס משלים געשוועבט פון אָרט צו אָרט, פון מויל צו מויל, און דער אוצר וואָס איז נאָך געליגן אין שטיינבאַרגס שיפלאָדן איז שוין באַקאַנט געווען אַ גרויסן צאָל פאַרערער און ליבהאָבער.

אינעם משל „דער האַמער און דאָס שטיק אייזן", לאָזט נישט דער דיכטער צו קיין/שום חקירות „אַז מע דאַרף זיין קלוג, געדולדיק,/ און נישט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק!" דעם וואָס/וויל אויסראָטן די רעוואָלט־געפילן פון די געפּלאָגטע, די געמאַטערטע, מיט די פאַרשידענע שיטות און דעמאַסקירט: „ — „קיין!" / (שרייט דאָס אייזן און מיט פייער שיט עס) / נייע האַמערס — נייע שיטות! / הרגעט — שלאָגט, אַזן איז אַ ברודער! עצות גיט ער!/ שווייג. ווען אונטער די

קלעפּ איך ציטער?/צווישן האַמער און קאָוואַדלע? מוחל!
מוחל דיר עס!/אוי, מיין ווייטיק אָן שיר איז —/וויל איך
שעלטן, וויל איך שרייען אָן חקירות".

וויפל גבורה שטעקט נישט אינעם משל „דער חלף און די זעג"?
שטיינבאַרג צעשמעטערט דאָ די פּיינשמעקער וואָס שטעלן זיך
צו דער פאַרפּיגונג פונעם „שאַרפן חלף", וואָס
„אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים א ברכה!"'

שטיינבאַרגס שנאה צו מלחמה און קאַמף פאַר שלום שפּרודלען
אַרויס אינעם משל „די שפּיז און די נאָדל", דער אויסרוף:
„מענטשן שטעכט מען! מענטשן!" כאַפּט אָן א גרויל.
די נאָדל ווערט אָבער נישט נתפּעל און לאַכט זיך אויס פון
דער שפּיז, זי, די נאָדל איז זיכער אין איר נצחון, זי ווייסט
אַז פון איר שטאָך: „ווערט א העמדל, זאַכן, ווערט א מל־
בוש — זאַכן".

וויפל שיינקייט און ליבע צום צאַפּלדיקן לעבן שטעקן אין דעם
משל „צוויי רויזן"? : „זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דער טויט
געבראַכט די אַכטע,/אָבער ניט מסוכן! ניט מסוכן!/איידער
אייביק טרוקן/און נישט ווּיסן קיינמאָל ניט פון טוי און ניט
פון הייסע בליקן —/שטאַרבן און כאָטש איינמאָל מיט א טראָפּן
טוי זיך קוויקן!"

שטיינבאַרגס פעסטקייט, אַז די וועלט אין וועלכער ער האָט
געלעבט מוז אונטערגיין, אַז זיין אויסגעחלומטע וועלט וועט
פאַרווירקלעכט ווערן, זעט מען אַרויס אין זיין צאַרטן לעבענס־
לוסטיקן און פון אוניווערסאַלן פאַרנעם, „דער רעגנבויגן".
„וואָס? די וועלט חסר־דעהאיש?/פּינצטער? גליטשיק? יאוש/
אין די ביינער עסט זיך איין?/אָבער חברה, אַז די זון וועט
טון א שיין!"

אין די משלים זיינע איז פאַראַן דער באַפליגלטער ציטער,
טראָגן אין זיך דעם סאָציאַלן מעסאַזש וועלכן שטיינבאַרג פאַר־
געסט קיינמאָל נישט. דער גאון מיט זיין פּאָעטישן כוח, מיט
זיין אָפענעם אויג, מיט זיין פילבאַרער נשמה, וואָס באַלעבט
אפילו די דוממים, האָט קיין אַנדערן צוועק נישט געהאַט ווי
אויפדעקן דעם שקר, דעם אומרעכט, די עוולות, און ווייזן,
לייכטן דעם וועג פון סאָציאַלן יושר, וואָס קומט נישט על־פּי־נס,
נישט פון זיך אליין, נאָר-דורך פאַרעקשנטן קאַמף פון די וואָס
מוזן, אליין פון זיך אראָפּ וואַרפן דעם עול וואָס איז אויף זיי
זייט דורות אַרויף געוואָרפן געוואָרן.

די עטלעכע שורות זענען זעלבסטפארשטענדלעך, נישט מער ווי
ראנד=באמערקונגען וועגן דעם גרויסן שרייבער, וועמענס ווערק
איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ליבשאפט און באגייסטע=
רונג.

יעקב שטערנבערג, געבוירן דעם 19 אפריל 1890.
אָנגעהויבן צו שרייבן לירישע פּראָזע 1908. דעביוטירט מיט א
מעשהלע „בענקשאפט" אין „אונדזער לעבן" 1908. אויפגעמונ=
טערט צו שרייבן אויך פון פרצן, אין 1911 יאָר זיך באקענט
מיט ביאליקן, וועלכער האָט אייניקע פון שטערנבערגס לידער
געשיקט צו א. רייזענען פאר זיין וואָכנבלאט מיט א ווארע=
מער רעקאָמאנדאציע (איבעריקנס האָט א. רייזן שוין מיט א
יאָר פריער אָפּגעדרוקט פיר שירים ש'ס אין זיין זאמלבוך.
האָט זיך אויך באטייליקט אין „לעבן און וויסנשאפט" אונטער
דער רעדאקציע פון ש. ניגער, אין אָדעסער „גוט מאָרגן", אויך
אין „Luptătorul“, זמ'ב „קולטור", „ליטעראַרישע בלעטער",
אין דער טעאטער=צייטונג „Scena“ א. א. רעדאקטאָר פון
„דער וועקער" און שפּעטער פונעם זמ'ה „שויבן" (1924).
פונעם וואָכנבלאט „אונדזער וועג" (1926) און „אונדזער
וואָרט" בוקארעשט (1926). אין בוקארעשט, וו ער האָט ארום
זיך געזאמלט א גרופּע אינטעלעקטועלע כוחות האָט ער גע=
גרינדעט א יידיש רעווי=טעאטער און געשאפן זייער אינטערע=
סאנטע סאטיריש=מוזיקאלישע טעאטער=שטיק. די דאָזיקע לאָקאל=
אקטועלע מוזיקאלישע=קאָמעדיעס — „צימעס", „אין מיטן
דרינען", „אויפן בוידעם א יאריד", „איקס, מיקס, דריקס",
„קוקוריקו", „שלום=עליכם", א קאָמעדיע אין איין אקט „הער=
שעלע אָסטראָפּאָליער", א. א. זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף
די בוקארעשטער זומער און ווינטער בינעס אין די יאָרן
1917—18 צו 20 און דרייסיק מאָל יעדע פּיעסע, די רומע=
נישע פּרעסע האָט שטערנבערגס רעווי=טעאטער געווידמעט א
ריי [שלל] ארטיקלען. זיין טעאטראלישע טעטיקייט האָט ער שפּעטער
ווייטער געפירט אלס לייטער פון דער ווילנער=טרופּע אין בו=
קארעשט 1924—1926 און זיין אויפירונג פון אָסיפּ דימאָוווס
„יאָשקע מוזיקאנט" אָדער „דער זינגער פון זיין טרויער", א
מעלאָדראמע וועלכע ער האָט פארוואנדלט אין א הערלעך מעשהלע
האָט דעד „ווילנער טרופּע" פארשאפט א רעקאָרד=דערפאָלג
אין רומעניע. האָט אויך איבערגעזעצט א ריי פאָלקס=לידער
פון ח. נ. ביאליק, געווען איינער פון די גרינדער פון דער

יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע און מיטגליד פון איר צ. ק. (ז. ר. „לעקסיקאָן", זייט 631).

ער האָט אויך אויפגעפירט די רעוויען „חצי שלי חצי שלך", „ס'קאַצל קומט", „די חתונה" פון גאָגאָל, „דער געלער שאָטן", „כאסיע די יתומה" (כאסיע פון קאַראַטשיקראַק). די רעווי־רויטע פּאָמעראַנצן", „באַנאַכט אויפן אלטן מאַרק" פון י. ל. פּרץ, „דער פאַרכישופטער שניידער" פון שלום־עליכם און „דער אוצר" פונעם זעלבן אויטאָר. די אלע אויפירונגען זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג פון די צושויער פון דער יידישער און רומענישער פּרעסע וועלכע האָבן פאַר־עפנטלעכט אַ שלל מיט רעצענזיעס וועגן די אויסערגעוויינלעכע ספּעקטאַקלען וואָס זענען רעזשיסירט געוואָרן פון יעקב שטערנ־בערגס צויבער־האַנט.

זיין בוך לידער „שטאָט און פּראָפיל" איז דערשינען אין בוקאַרעשט אין יאָר 1935, פאַרלאַג „די וואָך" 318 זייטן. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „שויבן", „אונ־דזער וואָרט" און „די וואָך". דער באַליבטער און טאַלאַנטפו־לער דיכטער, דראַמאַטורג און פּראָגרעסיווער קולטור־טוער האָט גרויסע פאַרדינסטן אינעם יידישן פּראָגרעסיוון קולטור־לעבן ביי אונדז אין לאַנד. שוין באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיין שעפערישע אַקטיוויטעט אַרויסגערופן באַוואונדערונג. זיין נאָמען איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, וואָס האָט אים באַגלייט אין משך פון די יאָרן.

די טיפּזיניקע קולטורעל־פּראָגרעסיווע פּאָרטראַגן וואָס זענען געווען פול מיט דיכטערישן אימפּעט זענען נאָך היינט צו טאָג לעבעדיק פאַר זיינע צוהערער.

די טעאַטער־אויפירונגען, זיין אייגנאַרטיקע שטערנבערגישע רעזשי־אויפאַסונג, זענען געבליבן אין זכרון פון טויזנטער פאַרערער זיינע. הן פון דער יידישער געזעלשאַפט, הן פון דער ניט יידישער. זיין טעאַטער האָט באַלד געשמט אויף דער וועלט.

ער איז געווען פאַרבונדן מיטן היגן ישוב. אויף די פאַרשי־דענע פּאָרשלאַגן וועלכע זענען געקומען פון מערב און אים אָנגעבאָטן גרויסע קאָנטראַקטן האָט ער זיך נישט אָפּגערופן. ער האָט געפילט אַז זיין חוב איז צו ווידמען זיין גאַנצע ענער־גיע פאַר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן דאָ אין רומעניע, אין וואַקאַרעשט, וואָס ער האָט עס באַזונגען אויף זיין דיכטערישן אופן.

א גרויסע השפעה האָט שטערנבערג געהאַט אויף די היגע דיכטער און שרייבער.

דאָס יידישע טעאַטער האָט דורך אים באַקומען א תיקון, זיינע אויפירונגען זיינען געשטאַנען אויף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

פון זיינע ברויזנדיקע לידער וועלן מיר בלויז דערמאַנען און אונטערשטרייכן דעם סאָציאַלן און בונטאַרן כאַראַקטער פונעם דיכטער.

אינעם ליד „דימיטראָוו" וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פינצטערע היטלער־יאָרן, ווערט אויסגעדריקט דער פּראָטעסט און דער רוף צום קאַמף קעגן דעם פאַרברעכערישן פאַשיזם. דאָ ווערט גאָר בולט אַרויסגעוויזן דעם דיכטערס צוגעהעריקייט צו די וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן פאַר א בעסערע וועלט. נאָכדעם וואָס ער באַשרייבט די בראַנזענע פיגור דימיטראָווס און זיין האַלטונג אויפן פּראָצעס, זעט דער דיכטער נישט נאָר דאָס אָפּגעראַטעוועטע לעבן פונעם קעמפער און זיינע חברים, ער זעט אויך דעם אָפּגעשניטענעם תליה־שטריק פון אַלע. ער האָט געזען דעמלט ביים פּראָצעס די מפּלה פון פאַרברעכערישן פאַשיזם. שטערנבערג האָט געזען אין דימיטראָווס קאַמף, די גאַנצע וועלט: „דו, וואָס ביסט געווען ניט פערזאָן נאָר קלאַס/אויף דיין נאָמען דאַרף מען היינט אָנרופן ניט אין שטאָט א גאַס,/ נאָר די גאַנצע וועלט".

(שטאָט אין פּראָפיל, 1935)

איציק מאַנגער געב. 1901 אין טשערנאָוויץ. זיינע לידער־ביכער: „שטערן אויפן דאַך" זענען דערשינען אין בוקאַרעשט 1929. „לאַמטערן אין ווינט", וואַרשע 1933. „חומש־לידער", וואַרשע, 1936. „פעלקער זינגען" וואַרשע, 1936, „מגילה־לידער" וואַרשע, 1936. „דעמערונג אין שפּיגל", וואַרשע, 1937. „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער", וואַרשע 1938, „א ווונדערלעכע לעבנס באַשרייבונג פון שמואל אבא אבערוואָ" וואַרשע 1939, „וואָלקנס איבערן דאַך" לאָנדאָן 1942.

דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור־קריטיקער נחמן מייזיל שרייבט אין זיין סטודיע וועגן איציק מאַנגער:

„עס איז נאָך קיין פופצן יאָר נישטאָ זייט איציק מאַנגער, איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור. גלייך פון זיינע ערשטע טריט האָט ער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערק־

זאמקייט פון די קריטיקער און לייענער טיי מיט דעם באַזונדערן שטאָף און טאָן, וואָס עס האָט באַרמאָגט זיין יעדעס ליד, ווי אויך דערמיט, וואָס עס איז געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער דיכטערישער גרוס פון דעם אַלטרומענישן יידישן קיבוץ".

ווייטער ווייזט אָן נ. מייזיל אין שייכות מיט א רעפעראַט וואָס מאנגער האָט געהאַלטן אין ווארשע, פאָלגענדעס: „אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער גרופּע רומענישע יידישע שרייבער — אליעזר שטיינבארג, משה אלטמאַן, יעקב שטערנבערג און אויף זיך אליין, האָט ער [מאנגער] באַוויזן אז „פּאבל, גראָטעסק און באלאַדע זענען די וויכטיקסטע פאָרמען פון דער רומענישע דיכטונג. (נחמן מייזיל. „פאָרגייער און מיטצייטלער" זייט 396—398. „איקוף‎-פארלאג 1946, ניו יאָרק).

משה אלטמאַן, געבוירן אין יאָר 1890. דער באַרימטער פּראָזאַ-מייסטער דיכטער און עסעיסט, אליעזר שטיינבארגס חבר און בן עיר האָט זיך געשטעלט אין דער ריי פון די פּראָגרעסיווע קולטור-טוער. זיינע ווערק זענען באַליבט ביי די לייענער, ביי די פּראָגרעסיווע קולטור-טוער מיט וועלכע ער האָט מיטגעארבעט צענדליקער יאָרן אין רומעניע. משה אלטמאַן, האָט אויך גרויסע פארדינסטן אינעם אויפּבלי פונעם יידישן טעאטער אין רומעניע. זיינע צאָלרייכע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן האָבן ארויסגעוויזן גרויסע ערודיציע אין דער אלטער ווי אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. אין דער רוסישער און סאָוועטישער, ווי אויך אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

זיינע עסייען, לידער, דערציילונגען זענען דערשינען אין זאמלהעפטן, זשורנאַלן און אין בוך פאָרם: „בלענדעניש", „די ווינער קארעטע", „מדרש פנחס" וועלכע זענען דערשינען אין רומעניע אין די צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

זיי דריי, אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אלטמאַן איז צו פארדאנקען דער אויפּבלי פון דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, זייער שם איז ווייט אוועק אין דער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַרישער וועלט פון אומעטום.

די ביכער זייערע זענען דאָ אין רומעניע דערשינען אין יענע פינצטערע יאָרן פון שעבוד, פון נויט און פיין, אויך זייערע

ביכער זענען דאָ געווען אַ כּלי־זין פון די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור־טוער, וואָס אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען פון דער אָליגאַרכישער און פאַשיסטישער פעסט.

דער יונגערער דור: מאָטל סאַקציער, הערץ ריווקין, יחיאל שרייבמאַן, זעליק באַרדיטשעווער די פּאַרשטאָרבענע פּראָזאַיקער הערש לייב קאַזשבער (קאַזיאָנע גימנאַזיע) לייב דרוקער (27 לידער און „פונעם סופליאָר־קאַסטן") און די איצט אַקטיווע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מאיר כאַראַץ אַן אייגנאַרטיקער, טיפּזיניקער דיכטער, דער פּראָזאַטאָר און קריטיקער יאַנקל יאַקיר, ב. יאָסיף, דער דערציילער יוסף בורג, דער דיכטער יאָסל לערנער, און אַנדערע, זענען געגאַנגען אויף די וועגן פון זייערע פּאָרגייער און מיטצייטלער, זיי האָבן געשאַפן מיט ברען און מיט ליבשאַפט קולטור־ווערטן, און אויך געווען געזעלשאַפטלעכע טוער.

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן אַ טייל פון דער באַשיי־דענער יידישער ליטעראַטור וואָס איז דערשינען נאָך דער באַ־פרייונג פון אונדזער לאַנד.

יידל ווײַדנפעלד: געבוירן אין בורדוזשען דעם 22 יוני 1884. זיינע לידער זענען דערשינען אין די יידישע צייטשריפטן „איקוף־בלעטער", „דער קולטור־וועגווייזער" און אין די אויסגאַבן פונעם „מלוכה־פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און קונסט". יידל ווייַדנפעלד, איז שוין אַ ייד אַ בן שמונים, ער האָט אָנגעהויבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה שרייבן לידער. געמאַכט איבערזעצונגען פון דער רומענישער, רוסישער, פראַנצויזישער און דייטשער ליטעראַטור. זיינע לידער זענען אַקסירט אויף היינטצייטיקייט. זיי זענען דורכגעדרונגען מיט איבערגעגעבקייט צום אַרבעטער־קלאַס וועמענס אויפטוען ער באַזינגט. זיין פּאָעם „זוילן" איז אַ פרעסקע פונעם פאַרגאַנגענעם גיריקן, בלוטיקן פעאָדאַל־באָיאַרישן־רעזשים. דער פּאָעם איז אָנגעשריבן מיט האַרץ, מיט ליבשאַפט צו די באַדריקטע, צו די פאַרפּייניקטע.

י. ווײַדנפעלד האָט אויך אָנגעשריבן אַ ווערק א. ט. „אין אַ טויטן מאַרק־טאָג" בילדער פון סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, אין באָטאָשאַן.

משה לאַקס: געבוירן אין פרומושיקאַ אין יאָר 1887 אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון דער קולטור־ליגע. נאָך אין

די XX=קער יאָרן שוין א באוווסטער קולטורטוער, געווען דער פאָרזיצער פונעם „איקוף" פון רומעניע, געהאלטן אומצייליקע פאָרטראגן וועגן די יידישע קלאסיקער, אפילו אין דער ווייסטער צייט פון דעם פאשיסטישער אנטאָנעסקו=ממשלה. האָט געדרוקט ליטעראַרישע אָפּהאנדלונגען אין צייטשריפטן אין לאנד און אין אויסלאנד, געמאכט איבערזעצונגען פון דער רומענישער ליטעראטור.

ארויסגעגעבן אין בוך=פאָרם „יעקב פסאנטיר", דער ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן. געווען רעדאקטאָר פון „דער קולטור וועגווייזער". ער איז א מיטארבעטער אין דער ווארשעווער „פאָלקס=שטימע" און אין דער „נייע פרעסע" פון פאריז.

שמשון פערסט: געבוירן אין נאָוואָסעליץ. איז באקאנט שוין א סך צענדליקער יאָרן אין רומעניע ווי אויך אויסער אירע גרענעצן.

דער טרובאדור ווערט נישט מיד צו שאפן זיינע לידער, צופאסנדיק זיי צו פארשיידענע פאָלקס=מעלאָדיעס וואָס זענען גענומען פון דער ארומיקער סביבה נישט דווקא פון דער יידישער. שאמשעלע, אזוי ווי מען רופט אים ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש ער איז שוין קרוב צו די שמונים איז באליבט פון דער יידישער פאָלקס=מאסע, ווען ער האָט געשענקט זיינע „טרובא=דורישע לידער" (זיין בוך איז דערשינען אין „ליטעראטור=פארלאג" פון בוקארעשט, 1962). שמשון פערסט פלעגט נאָך" אין זיינע יונגע יאָרן זינגען זיינע לידער; ביי זיך אין זיין שניידער=ווארשטאט, פאר באלמעלאָכעס, פאר די קונים זיינע, צו וועלכע ער איז אהיימגעגאנגען ארבעטן, אויף אומצייליקע פארוויילונגען, און אויף קולטור=מאניפעסטאציעס. ער האָט ארויסגעגעבן דעם „גראגער", „מצרים=וואָך", „שבועות=קניש", „דער לעץ", „טשערנאָוויצער פלאָטקעס", „דאָרנער הומאָר".

אין זיין „וויג=ליד" ווייזט ארויס דער פאָלקס=דיכטער זיין ליב=שאפט צום פאָלקס=ליד וואָס ער האָט עס געהערט ביי זיין מאמע: „אוי, דער מאמעס זיסע לידער/ זיי פארגעסן קאָן איך ניט/ זיי דערקוויקן מיר די נשמה/ זיי היילן מיר מיין קראנק געמיט".

דאָס שטעטל וווּ ער איז געבוירן איז אים נאָענט, איז אים אייגן. באשרייבט עס מלא=חן. עס דערשיינען די בילדער פונעם קליינעם שטעטל, דער לעבנס=שטייגער. „גיט געפעלן האָב איך

דיין משפחה,/ ווייל איך לערן זיך א באלמעלאָכע./ האָט מען דיר דעם קאָפּ פארדרייט,/ אוי. אויף אייביק אונדז צעשיידט".

שמשאלע, שילדערט די לעבעדיקע און לוסטיקע באלעמעלאָכעס און שטרייכט אונטער אין דער זעלבער צייט זייער אָרימקייט: "— זאָג קיזשנערל, נייסט פוקסן, און נייסט טכוירן,/ צי האָסטו כאָטש, א טולופּ, און ווערסט נישט פארפרוירן?/ — טכוירן, אויף א טולופּ, וויל קיינער מיר ניט האפטן,/ טראָג איך מיר, אין ווינטער, א גוטן זומער־קאפטן".

דער פאָלקס־דיכטער זעט אויך דעם שווערן צושטאנד פונעם אמאָליקן זינגער, דיכטער און שרייבער: "— זאָג מיר נאָר דו פרייליכער זינגער,/ פארדינסטו עפּעסגעלט, און ליידסט נישט דורשט און הונגער?/ — דורשטיק און הונגעריק א זינגער קאָן נישט ווערן/ ער עסט זיך אָן מיט צרות און טרינקט זיך אָן מיט טרערן".

דער פאָלקס דיכטער קומט צום אויספיר אין זיין "ארבעטער־ליד". "די פרייהייט איז דאָך דער העכסטער ציל, נאָך איר זאָלסטו ארבעטסמאן שטרעבן!/ ווייל זי וועט ברענגען דיר נוצן גאָר פיל, דיר זיס מאכן דאָס לעבן".

דער פאָלקס־דיכטער שטעלט זיך אָפּ אין זיינע לידער אויף די וויכטיקסטע געשעענישן אין די מלחמה־יאָרן.

אין יאָר 1948 זינגט דער דיכטער אין זיין "ליד לכבוד דעם ארבעט־יום־טוב, דער ערשטער מיי: "דער שווערער ווינטער איז לאנג שוין פארביי,/ און פאר שמחה צעצוויטן זיך דיביימער/ מיר גייען היינט אנטקעגן דעם יום־טוב ערשטן מיי/ מיט א זיסן יומטובדיקן זמר"./

שמשון פערסט וויל אין זיין "שלום־ליד", געשריבן אין יאָר 1960: "מען זאָל קיין באָמבעס ניט מער ווארפן / אנשטאט ביקסן זאָל מען מאכן הארפן! / פון דעם גרויסן שלום־שטערן, / זאָל אין דער וועלט ליכטיק ווערן".

י. ל. ברוקשטיין: געבוירן אין סיגעט, ניצל געוואָרן פונעם אוישוויצער גיהנום, ציילט זיך צווישן די יונגע שרייבער. א דראמאטורג מיט טאלאנט. זיינע פּיעסן ווערן געשפּילט אין יידישן מלוכה־טעאטער, ווי אויך אויף רומעניש אין די רומענישע טעאטערס. ס'זענען דערשינען אין "מלוכה־פארלאג": די פּיעסן "די נאכט־שיכט", "פאמיליע גרינוואלד". אינעם זאמל־בוך קומט אריין איין אקט פון זיין פּיעסע "דוד־המדבר" וואָס איז

געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג אין יידישן מלוכה־טעאַטער פון בוקארעשט.

דעסטגלייכן האָבן מיר אריינגעבראכט אינעם זאמלבוך זיין דערציילונג „אליעזר דער בלעכער" אין וועלכער ס'איז געשילדערט די שרעקלעכע צייט פון דער סיגעטער־אויסזידלונג.

י. ל. ברוקשטיינס פּיעסע „דער נישט פּארענדיקטער פּראָצעס" איז אויפגעפירט געוואָרן, מיט דערפאָלג אין יידישן מלוכה־טעאַטער.

אין ברוקשטיינס דראמאטורגיע שפּילט זיך אָפּ דאָס היינט־צייטיקע. זיינע פּיעסן זענען גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער טעאַטער־קריטיק, זיין נאָמען איז באקאנט אויך אין אויסלאנד. וועגן זיין דראמאטורגיע האָט זיך די אויסלענדישע טעאַטער־קריטיק גאָר שיין אָפּגערופן.

זעליק באַרדישעווער. ס'זענען פאַריבער 26 יאָר זייט דער דיכטער זעליק בארדיטשעווער איז געשטאָרבן. אויך ער איז געגאנגען אויף די דרכים פון זיין פאָרגייער; וועלוול זבארזשער, ער האָט אויך פארפאסט לידער און צו זיי ניגונים. זיי פארשפּרייט צווישן די פאָלקס־מאסן. זיי זענען שוין אריבער די גרענעצן פון רומעניע.

ער ווייזט די אומגערעכטיקייט וואָס האָט געהערשט קעגן די פּויערים, קעגן די ארבעטער, קעגן די באלמעלאָכעס. א פּלאַסטיש בילד זעען מיר אין דער „דוינע": „ס'האָט דער ווינט געפּאטשעט, געשמיסן,/ די צינצארעס מיך געביסן,/ זון געברענט מיך און געבראָטן —/ נישט קיין ווענט און נישט קיין שאָטן".

און ווייטער: „ס'האָט גערעגנט, ס'האָט געראָסעט,/ באלא־קעס שאָף האָב איך געפּאסעט,

דער רעזולטאַט איז אָבער דער: „ער האָט ברינדזע, שאָף און וואָל,/ איך געבליבן הויל און גאָל./ נישט קיין שאָף נישט קיין רינדער/ נאָר א הונגעריק ווייב און קינדער".

זיינע לידער זענען פּארוועבט מיט טרויער און געזאנג. ער פאַלט נישט אריין אין יאוש. זיי זענען להכעיסדיקע: „כאָטש איך האָב קיין היים נישט/ קיין שטוב וו צו וווינען,/ די וועלט זי טרייבט און יאָגט מיך,/ כ'טו איר דק נישט לוינען./ לעב איך!/ לעב איך!/ אוי, אוי, אוי וויי, אוי ווי לעב איך!/ און דאָך גיב איך!/ און דאָך לעב איך!

דער „און דאָך גיב איך" דערמאנט אונדז דעם שוחד, דעם כאבאר וואָס א גרויסער צאָל פון די אמאָליקע מלוכה־באאמטן

האָבן אויסגעפּרעסט ביי די אָרימע, ביי די געפּלאָגטע — און דער דיכטער ענדיקט: „און דאָך טאַנץ איך! / און דאָך זינג איך! / אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ, זינג איך!"

ליב האָט זעליק באַרדיטשעווער די מלאכה. די מלאכה איז א מלוכה כאָטש: „שווער און ביטער / קאַרג און שיטער / ס'קומט אונדז אָן דער ביסן".

און לעבעדיק און פריילעך ווערט אים, און ער באַזינגט דאָס „סטאָליערל רב פישל", ליב איז אים דאָס געצייג, די אַרבעט וואָס באַפּוצט דערפלעך און שטעטלעך:

דער דיכטער איז אָבער פול מיט ווייטיק ווען ער זעט דעם פּלייסיקן שניידער הונגערן: „אויסגעפּוצט דאָס נגידל, איז עס מלא־שמחה / נאָר דעם שניידערס יורשל, הונגערן איז א מומחה".

אַזוי זעט ער אויך דעם שוסטער און פאַר פאַרדראָס זינגט ער:

„בין איך מיר א שוסטערל, קלאַפּ איך מיר א פלעקל — / אָנגעטון א פאַרטעכל, דאַרף איך נישט קיין רעקל".

דער שכר פאַר זיין קלאַפּן פונעם האַמער, איז: „האָב איך נישט קיין שטיבעלע, וווין איך מיר אין א קאַמער".

דער הויך־פונקט איז: „מאָנט דאָס ווייב ביי מיר אויף פּיטא / כ'מאַך מיך כלא ידע".

דער רעפרען איז פול מיט סאַרקאַזם: „ווער ס'ווייסט נישט זאָל אַצינדערט וויסן/ ווי שווער און ביטער/ קאַרג און שיטער/ ס'קומט אונדז אָן דער ביסן".

דער לערער זעליק באַרדיטשעווער זעט צו די צרות, און לערנט צו זיין לעבעדיק און פריילעך ביז מ'וועט איבערקומען.

זעליק באַרדיטשעווער איז געשטאָרבן אין יאָר 1938 אין יאַס. די לעבנס באַדינגונגען האָבן אים פאַרקורצט די יאָרן. ער האָט מער נישט דערגרייכט ווי 39 יאָר. געבליבן זענען זיינע לידער וואָס ווערן געזונגען ביי אונדז אין לאַנד און אין אויס־לאַנד. ער איז געווען א פאָלקס־דיכטער. זיינע לידער זענען געוואָרן דעם פאָלקס־קנין.

לעאָן בערטיש: געבוירן 1900 אין מיהאַילען. זיין בוך לי־דער „שטילע וויקלען". (איז דערשינען אין 1939, אין בוקאַרעשט) אין בערטישעס לידער אַנטפּלעקט זיך אין א גרויסער מאָס דאָס מאָלדאָווישע קליינשטעטלדיקע חנעוודיק לעבן. די לידער זיינע זענען אומיטלבאַר גענומען געוואָרן פון דער וואָכעדיקייט און יומטוב־דיקייט אין וועלכן דאָס מאָלדאָווישע גרענעץ־שטעטל האָט געלעבט.

„דער עמוד" כאַטש א הייליקער קעגנשטאנד אין דער שול, פון דעסטוועגן האט דער דיכטער בערטיש געהערט דאָרט די ארומיקע מאָלדאווישע נאטור: „א געזאנג פון שטילע קוואלן,/ פון די וועלדערישע טאָלן/ רויש פון בלעטער און פון זינגערס./ פון די זומער־נעכט וואָס מאָלן/ א געזאנג פון וואָלקן־פלאמען./ א פאנטאסטישער „אבינו"—/קלינגט דער עמוד ווי דער פידל, ביים באַרימטן פאגאניני./ א חתונה ביי יידן, — איבערהויפט אין די קליינע שטעטלעך — איז געווען א גרויס געשעעניש און אויך אגב־אורחא, א מיטל זיך צו פארוויילן, דעמלט ווען קיין אנדערע פארוויילונגען זענען כמעט נישט געווען. דאָס פאָלקס־ליד „בוקר" האָט דעם דיכטער אָנגערעגט און האָט גע־שריבן א ליד מיטן זעלבן מיטל.

ער זעט חנא קלעזמער, די באבעס, די זיידעס, דעם גאנצן עולם צעטאנצט זיך: „בוקר, בוקר, בוקר!/ ביי א שמחה — פלעגט דער עולם ווי צעטראָגן:/טענער. קולות וואָס זיי גליען;/ און וואָס רופן דיך פליען; /ווי פון הימל פלעגן פליסן,/און די הערצער זיך צעגיסן —/ווען ס'פלעגט אין דרויסן טאָגן".

דער דיכטער זעט דאָס פאָלקס־ליד ווערט פארשוווּנדן. ס'טוט אים באנג:/און „די נאכט" איז לאנג סכנות—/און אין דרויסן וויל נישט טאָגן...../ „פישל" דער באלעגאָלע איז געטריי איבערגע־געבן. „אויפן קלויסטער־דאך" איז זייער א געלונגען ליד.

אינעם ליד „רעשעטניקעס" ווייזט ארויס דער דיכטער זיין ליבשאפט צו די האָראָפּאשניקעס וואָס ארבעטן שווער און ביטער און ווערן אויסגעמוטשעט פון די סוחרים די גרויסע:

צוגעבונדן איז דער דיכטער צו זיין היים: צום שיפּעט, צום קליינעם בערגעלע, צום פלוידערייִ פון די מיידלעך, צו דעם שפּיל פון די יינגלעך, צום קעלבעלע, צו די קאטשקעלעך און גענדזעלעך, צום פרילינג, צום לעבן: / אונטערן קליינעם בער־געלע/עפּעס רינט און כליפּעט —/צווישן ווענט פון שטיינדעלעך/ /קוועלט דער אלטער שיפּעט./אונטערן קליינעם בערגעלע/עפּעס טרילט און היפּעט —/מיידלעך מיט קענדעלעך/פלוידערן ביים שיפּעט/. און ווייטער: /אונטערן קליינעם בערגעלע/דופּטעט פריש און צוויטעט —/דער פרילינג פלאטערט אין דער לופט/ און שפּיגלט זיך אין שיפּעט".

מאָטל סאקציער געב. 1907. זיין לידער־ביך „דערפּאר" איז דאָ דערשינען אין יאָר 1936. געווען רעדאקטאָר פון „די וואָך". ער איז דאָ ביי אונדז געווען און איז א היימישער, א באליבטער.

מ'האָט אים כסדר געזען, אין יענע פינצטערע יאָרן צווישן די קולטור=טוער און איבערהויפּט צווישן די שעפער פון דער נייער פּראָגרעסיווער קולטור. ער איז געווען א בן=בית פון וואקארעשט, דאָס געוועזענע יידישע פערטל, וו ס'איז געווען א שלל מיט טיפן פון אלע געגענטן פון אמאָליקן רומעניע. דאָ, אין דער פּראָגרעסיווער קולטור=סביבה האָט ער געארבעט און געשאפן, הן לידער, הן טעאטער=רעוויען פאר דער בוקארעשטער קינסטלערן ס'ידי טאל. אָט דער שפּרודלדיקער שווארץ=אויגיקער חנוודיקער יונגערמאן באזינגט, באדויערט זיין היים, זיין טאטן, זיין טאָג טעגלעכער „שווייסיק=שווערער האָרעוואניע", זיין קוים געהערטן פּאָעטישן זיפץ דעם „לחמא עניא". דער דאָזיקער זיפץ גייט אים נאָך און ער פארשטייט אלץ מער דעם טיפן מיין זיינעם. פון קינדווייז אויס, האָבן מאָטלען געמוטשעט די „זעאונגען" די וונדערלעכע וואָס וועלן „אויפגיין איבער אונדזער דאך דעם שיפן".

מאָטל פארגעסט נישט זיינע זיידעס, די האָראָפּאשנע, די באלמעלאָכעס „פינצטער איז געווען דאָס לעבן פון די זיידעס מיינע.

וואָס ביים ווערקשטאט האָבן מיט טרויעריקער שטימע לידער פון זייער נויט געזונגען, וואָס אליין פארפאסט — פּאָעטן אנאָנימע".

ער פארגעסט נישט „די פּורים=שפּילן", די מיסטעריעס (מיט בערד און גרעלן קליידער=רעקוויזיט).

„לויט דעם עכטן פון פאנטאסטישן טעאטער=שניט". (זע, זייט 178 „ניט דערפאר") א שטיק קולטור=געשיכטע אין אָט די פּאָר ווערטער זיינע.

דאָס ליד „איך קאָן מיך היינט נישט לייגן שלאָפן" איז אן עדות פון דער צייט. אין וועלכן מיר זעען, מיר פילן דעם דיכטערס אָנגעהעריקייט צום קאמף פונעם באוווסטזיניקן ארבעטער=קלאס. (זע דאָס ליד זייט 180) „שטייען ווי אבליט איצט געבויגן אלע אָוונט=דעכער/ אין איך הער: זיי זאָגן דאכט זיך קדיש נאָכן בלעכער,/ נאָך דעם ברוינעם יינגל, וועמעס גוף פארשטארטן/ האָט אן אויטאָ אויפגעהויבן פון די שטיינערדיקע הארטן/ וו א הייסער זאלפּ האָט אים אנידערגעוואליעט,/ ווען אין זיין האנט האָט זיך די פאָן געפאלדעוועט,/ זיך יום=טובדיק געכוואליעט".

און ווייטער: „ווער געזען דאָס, ווען אים שנאה אניף אייביק קלעקן..."

ער וויזט אין דער זעלבער צייט ווי: „אין נילדענעם לבנה=
בראָך וואלגערט, רייעט זיך די שטאָט שיכור, בגילופין".
דער דיכטער מאָטל סאקציער, איז פול מיט בטחון, אים ארט
נישט טאָמער וועלן זיינע לידער נישט געפעלן די קונסט=מפונ=
קים, ס'ארן אים אויך נישט דער הונגער, די תעניתים וואָס
ער האָט געפאסט. ער וועט געפינען זיין שכר, ער מיט אנדערע
א סך אין די שטורעמדיקע וואסערן פון לעבן, דערשווימען צו
די בלויע האפנס, פון שפּעטערע עפּאָכן.
„וועט זיך דאָ פארטראכטן אפשר ווער, אז מיר האָבן זיך
נישט נאָכגעגעבן" (זע דאָס ליד „מיך ארט ניט" זייט 176).
די שקיעה=גייסט פון דער צייט, די צייט פון שווערע איבער=
בראָכן, די סיגוראנצע (זיכערהייט=דינסט אין די בורזשואזע און
פאשיסטישע צייטן) האָט געלאָקערט, געכאפּט, געמאָרדעט א
טייל פון די פרייהייט=קעמפער, דאָס האָט אָבער זיי נישט אנט=
מוטיקט. אינעם ליד „אָ, איך ווייס".
ענדיקט דער דיכטער: „אויב אונדז וועט מען אין א טונ=
קלער הינטערגאס צי ביי א ברונען / ערגעץ אויף א וויסטן
פעלד געקוילעט געפונען / ווייס איך, ווייס איך, גנאָד און
שוינלאָז וועט דער משפּט זיין פון יענע / וועלכע וועלן קומען
רעכענונג מאָנען!!".
וואונדערבאר איז דאָס ליד „ווען ס'זיפט זיך בלויער שטערנ=
טריף". דאָ איז א געפעכט פון נאטור, מענטש, יוגנט, קאמף,
ליבע, אייפערזוכט, קולטור און אפשר פאראט.
מיר וועלן כאָטש ציטירן עטלעכע פערזן: „זיינע בריוו —
ווי טוי זיך זיפט און בלימלעך פאר ווינטן קילן, קאלטן, / טו=
ליען זיך צונויף, די קעפ באהאלטן — / זיינע בריוו דו לייענסט
געוויס אין געדאנק, / אין דמיון זעסט; מסתם, אים דרימלען
אויף א גאָרטן=באנק / פון א חרוב=הויז, מיט אנדערע, פון
גורל אָפּגענארטע חורבה=געשטאלטן...".
זי האָט אים געלייענט יעסענינען און בלאָקן, און ער איר
לידער פון די גרויסע יידישע פּאָעטן. ער קאָן נישט פארגעסן
אָט די מאָמענטן.
און מיט ביטערקייט קומט דער דיכטער צום אויספיר: „נאָר
דאָס איז שוין געווען לאנג, לאנג".
דאָ פעלט מן הסתם א פערז וואָס דער דיכטער האָט נישט
ארויסגעזאָגט: „עס טוט מיר באנג, באנג, באנג".
מיט צאָרן ענדיקט דער דיכטער, ווען ער זעט אז זיין גע=
ליבטע ווערט פארפאלן: „דו קערסט איבערלייגן די זכרונות

אין דערמאנונגס=שראנק / ווי יענע פרײלינס די געפעסטעטע, פון מײדל=בענקענשאפט קראנק (געהערט) / וואָס האָסט אויס=געלאכט אמאָל, ווי אלץ וואָס קערט צום בריגערלעכן ראנג..."

דאָס ליד "ווידער היינט" אינעם בוך "דערפאר" שפיגלט אָפּ דעם לומפּן=פּראָלעטאריאט, דעם דעקלאסירטן מענטש וואָס איז אונדז אזוי באקאנט, מיר האָבן דעם מין מענטש געטראָפן אין די קאנאלן, אין די אמאָליקע קאפּע=הײזער, וו זיי האָבן געוואַרט, גע=האָפט אויפן מאָרגנדיקן טאָג אפשר וועט מען פּאָרט ערגעץ געפינען ארבעט, וואָס ס'זאָל נישט זיין. אפשר וועט מען פּאָרט געפינען אן אָרט וו דעם קאָפּ אנידערלייגן. דאָס ליד האָט אויך די מעלה ווייל עס ווייזט אָן, אז אויך די דיכטער פון יענע צייטן זענען אויך דורכגעגאנגען דעם חיבוט=הקבר.

דער דיכטער זעט די מלחמה=סכנה. אין "מארס באפאנצטערט", (זע זייט 181) דעמאסקירט ער די מלחמה=רעזשיסערן.

אינעם ליד "פארוואָס וויגסטו זיך ווּעלדל", דאָ ווי דער גורל פון זיין "שטאם אין מערדערליכן צוים" איז "אין ברי=דער=קברים לעבעדיק פארשאָטן./ א דאָ צופוסנס טאקע ביי דיין גרינעם זוים,/ וואָס דען איז דאָס געוויין, מיט וועלכן יעדער בוים/ איז אָנגעצויגן נאָך, ווי ס'וואָלט דער ווי נאָך נישט פארזאָטן".

די טרויעריקע געדאנקען וואָס נעמען אים ארום, טרייבט דער דיכטער, דער אָפּטימיזם פארנעמט זיין פלאץ: "וואָס וויגסטו אזוי טרויעריק זיך אָן א רעגן?/ איך לעב! כ'בין דאָ! מיט א וויוואט מיך באגעגן..."

ה ע ר ץ ר י ו ו ק י ן: (הײסינער) געבוירן 1909 אין קאָ=פּרעשט, געשט. 1951. די לידער "פון שכנישן דאָרף" זענען דערשינען אין בוקארעשט, 1938. דער קרעפּטיקער סאָציאלער דיכטער, דער צארטער ליריקער הערץ ריווקין, וואָס האָט געלעבט און געשריבן אין אונדזערע קרייזן, האָט אונדז איבער=געלאָזט א ירושה, וואָס שפּיגלט אָפּ די עפּאָכע אין וועלכער מיר האָבן געלעבט.

אין זיין ליד "איבערברוך" זעען מיר שטעטלעך "וואָס דרימלען און בענקען נאָך עפּעס". "די שטיבער אין טרויעריקער בענק=שאפט, פארמאָגן יונגען, וואָס חלומען און זוכן, נעפינען זייערע דרכים אין די גרויסע שטעט, וו "די יינגלעך און מיידלעך שפּייען די לונגען דאָרט אויס אין די פאבריקן / און טויזנטער דרייען זיך אום אין די גאסן / מיט ליידיקע מאָגנס און צאָרנ=

דיקע בליקן / זיי דערזעען ווי עס גיסט זיך אויס אויף גאסן זאטקייט מיט הונגער / זויגט יעדער טאָג פרישן מארך פון די ביינער / שפּראָצט א פארדראָס וואָסט צעוואקסט זיך אין הענצער / וואָס הארטעווע פויסטן ווי גאסיקע שטיינער".

דער דיכטער, דער קעמפער, ווייזט דעם וועג אין יענע פינצטערע סיגוראנצע־יאָרן, אז: „פארשווינדן ווערט אומעט פון יינגלשע אויגן, / הערצער זיי ברויזן, פויסטן זיי דראָען, / וואקסן אזוי יענע קרעפטיקע מחנות / וואָס טראָגן די פענער פון אויפשטאנד אויף גאסן / זיי ברענגען דעם רוף פון רעוואָלט אין קווארטאלן / וואָס הונגער אליין האָט געלערנט זיי — האסן".

ווען גייט דען אָן די סכנות וואָס לויערן אויף אלע גאסן? „איז וואָס אז די תפיסות די גרויע, זיי האָבן / די גדיקע מיילער צעעפנט. צעפראלט, / עס שפּראָצן די מחנות פון קעמפער און וואקסן / ווי גראָזן אויף פעלדער, ווי ביימער אין וואלד".

דאָ אין דער שטאָט וו די יונגען האָבן זיך באגעגנט פנים אל פנים מיט דער עקספּלואטאציע, איז אלץ פאר זיי שוין קלאָר, די בענקעניש האָט דאָ באקומען דעם תיקון. „הונדערטער יונגען מיט מוט אין די בליקן, / ווער קאָן דען זיי ציילן, ווער ווייסט זייערע נעמען? / א בענקעניש בליט אין די הערצער אין זייערע / זיי ווייסן נאָך וואָס שוין, זיי ווייסן נאָך ווען".

פול מיט פרייד, קלאָר, זאָגט ארויס דער דיכטער זיין ליבשאפט צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין זיין ליד „ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד": „ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, וואקסן דאָרט לידער / פרישע ווי פרימאָרגנדיקע טויען, / יונגען הילכן ראָרט אויף סטעפּעס. / — מיר ארבעטן, מיר זינגען און מיר בויען!".

דאָס לירישע ליד „פון שכנישן דאָרף", (זע זייט 198) איז געזונגען געוואָרן אין די קולטור־ליגעס, אויף די ארבעטער פארווייילונגען, אין די ווארשטאטן. דאָס ליד וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פרישער, געזונטער דאָרפישער און שטאָטישער שטימונג, האָט געשאפן אן אטמאָספער פון זיכערקייט, פון אויסדויער: „גיסן אזוי זיך פון שכנישן דאָרף / היימישע זאפטיקע טענער, / ביז ס'הייבט אָן פרימאָרגן צו וואָרגן די נאכט / און ס'הייבן אָן קרייען די הענער".

אָבער די צייט, די שווערע, האָט געלויערט, און ס'איז געווען א סכנה אז דער יאוש זאָל פארכאפּן די איבערגעבענע, מחמת

א סך זאכן זענען נישט קלאָר גענוען, נאָר טאקע געגוג פארפלאָנטערט. דעמלט, האָט דער דיכטער הערץ ריווקין אגיטירט: (אינעם ליד „ס'איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון" פונעם בוך „פון שכנושן דאָרף" 1938): „קום לאָמיר צעצונדן דאָס פייער וואָס לעשט זיך, / דאָס פייער וואָס האלט אין איין צאנקען. / ס'איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון / צעכוואליען דאָס הארץ, די געדאנקען".

און ווייטער: „און יונגען זיי האָבן מיט פרייד אין די אויגן/ געצונדן אויף וועגן די פאקלען: / — „ס'וועט לייכט זיין צו בויען אויף חרובע וועלטן / ווען הענט און ווען פיס זיך ניט וואקלען".

די קאמפן פון מאדריד שטייען פאר זיינע אויגן, ער פארשטייט נישט, ווי דיכטער קאָנען שטיין פון דערווייטנס און נישט באזינגען די גרויסקייט און די גבורה פון די קעמפער: (אינעם פאָעם „א ניט דערזינגען ליד" פונעם בוך „אין שכנישן דאָרף" 1938): „ווי קאָן מען היינט דערזינגען ביזן סוף א ליד / און ס'זאָל זיך ניט ארייגרייסן אהין רער ריטם פון די טריט / פון קעמפנדיקע העלדן אויף די גאסן פון מאדריד / ווי קאָן מען היינט דערזינגען ביזן סוף א ליד?".

יחיאל שרייבמאן. געבוירן אין יאָר 1913 אין וואדראשקאָוו. אין די קליינע דערציילונגען „צוויי ברויט", „די מאשין", „ז' קאפיטל אין בענעס לעבן" וואָס זענען דערשינען אין היגע זשורנאלן פאר דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט מען שוין געזען בולטע סמנים פון א שרייבער וואָס אין בצומצומדיקע ווערטער איז ער ביכלת אויסצודרוקן זיינע געדאנקען. ארייגדרינגען לפני ולפנים פון די פארשוינען וועלכע ער מאָלט, דעסטגלייכן די סביבה אין וועלכע זיי לעבן. ער האָט זיך אינספירירט פונעם טאָג טעגלעכן לעבן. געשילדערט דאָס בידנע אָבער קעמפערישע לעבן פון דער ארבעטערשאפט, די אזויגערופענע „יידישע בעלי-טובות" וואָס נעמען זיך אָן פארן „כלל-ישראל", און דארפן ערשט געוויר ווערן פון זייערע סעקרעטארקעס אז אין זייערע אונטערנעמונגען ארבעטן קוים אינצעלנע יידישע ארבעטער, דאָרט ערגעץ אין הויף אין דרויסן אין די בלאָטעס, קלאפן זיי צונויף קעסטלעך, דער באוווסטזיניקער ארבעטער ווארפט אָפ מיט ווירדע די צווייברויט וואָס דער „ווילער-ייד" וויל אים שענקען יעדן טאָג פאר זיין פרוי און דריי קינדער.

אין דער דערציילונג „די מאשין" זעט מען ווי אין יענער צייט, זענען געצוווּנגען געוואָרן גאָר יונגע, קינדער נאָך, צו ארבעטן, זיין די „ברויט געבער" פון זייערע משפּחות. אין דער דערציילונג זעט מען די צרות, נויט און ארבעטלאָזיקייט, ווי אויך די קראנקע וואָס ליגן דאָרט אין דער היים באָרעודיק זיך מיט דער קרענק, אָן קיין שום הילף, איל דער געזעלשאפט וו סאָציאלע הילף איז נישט פארהאנען פאר די וואָס זענען ארויסגעשטויסן געוואָרן פונעם לעבן.

אין דער דערציילונג „א קאפּיטל אין בענעס לעבן" וואָס איז דערשינען אינעם זשורנאל „שויבן" אין יאָר 1937, ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון אן אָפּגעקומענעם עושר, אין וועלכן מען זעט ווי ס'קומט פאָר א קאמף צווישן דער „געבילדעטער טאָכטער וואָס רימפּלט דאָרט אויפן פּיאַן — די פארצווייפלונג פונעם פאָטער וואָס זעט אז אלץ גייט צו גרונט; די וועקסלען זענען פּראָטעסטירט געוואָרן. ער זעט דעם תהום. דער זון זיינער, דער אינטעליגענט האָט אָבער געפונען דעם וועג, דער וועג פון די ארבעטנדיקע פאר וועלכע ער קעמפּט און ארבעט. דאָס איז די צעפאלונג פונעם בורזשואזן=קלאס, וואָס קלאמערט זיך מיט אלע כוחות אויפצוהאלטן זיין פּאָזיציע.

כאָטש אזעלכע פאלן ווי „בענע" זענען זייער זעלטן, דאָך האָבן זיך אזעלכע אויך געטראָפן. מן=הסתם האָט דער מחבר פון דער דערציילונ געוואָלט מער ארויסווייזן די צעפאלונג פון דער בורזשואזער משפּחה און די פאָלגן פון איר דערציונג וואָס די טאָכטער, ד'י „פּיאניסטן" פארטיידיקט מיט די נעגל דאָס איבערגעבליבענע פארמעגן וואָס איז גאָרנישט אזוי באשיידן. דאָס ווערט געשילדערט אין דער קריגערייִ און געשלעג וואָס קומט פאָר צווישן דער בורזשואזער טאָכטער און דעם פאָרגעשריטענעם אינטעליגענט וואָס רייסט אויס די וועש כדי צו העלפן די קעמפער וואָס נויטיקן זיך אָן זיי. בענע, ווענדט זיך צו זיין חבר:

„וואָס שטייסטו?... נעם! נעם וויפל דו ווילסט!... איינס... צוויי... דריי... פיר...

דער פאָטער איז געבליבן געפלעפט. „און מארטע די „פּיאניסטן" האָט מוראדיק געכליפּעט, דאָס פּנים אירס האָט זי באהאלטן אין די געטאָקטע מאניקירטע פינגער ווי ב'באהאלט א ליגן אין שיינע ווערטער".

און בענע?

„בענע האָט פארשפילעט אויף זיך דעם מאנטל. א מינוט פריער האָט דער זייגער אויסגעקלונגען צען און אים דערמאנט אז ער דארף אוועקגיין. ערגעץ אין אן ענג צימערל ווארט מען אויף אים...

ווען ער איז ארויס אויף דער גאס האָט ער שארף דערפילט ווי דער יאנוואר האָט זיך איינגעשניטן אין זיין צעדראָפעטן פנים".

יחיאל שרייבמאן איז אויסגעוואקסן, הן אין קינסטלערישער מייסטערשאפט און הן אין אידיאָלאָגישן פאָרשריט זיינעם. זיכער האָבן דאָ געווירקט די נייע ווירקלעכקייט, דאס נייע לעבן מיט וועלכן ער איז צונויף געוואקסן געוואָרן. דאָס ווערט באשטעטיקט אין זיינע דערציילונגען „דריי זומערס" ווי אויך אין די מיניאטורן וואָס זענען פארעפנטלעכט געוואָרן אין צייטשריפטן און אין בוך פאָרם.

ס. בראָנשטיין: געבוירן אין שטעפאנעשט, געשטאָרבן אין דער מלחמה=צייט. אין זיין בוך „מאָלדאָווע מיין היים" ווייזט ארויס דער דיכטער זיין צוגעבונדקייט צו זיין געבוירן לאנד, צו וועלכן ער איז צוגעבונדן בלב ונפש. ליב איז אים די פרייהייט, ליב איז אים דער ארבעטער, דער פויער מיט וועלכע ער טיילט זיינע פריידן און זיינע ליידן, אויך ווען ער איז אין דער קאזארמע, אין פאבריק, אין שפיטאָל. דער ארבעטער=דיכטער איז א פועל=יוצא פון דער היגער אמאָליקער צוריק געשטאנענער מאָלדאָווע, ווי ס'זענען נישט געווען קיין יידישע שולן, קיין פאָרגעשריטענע יידישע קולטור=אנשטאלטן. בראָנשטיין, האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט דער שווערער ווירקלעכקייט, דאָ, אין בוקארעשט. ער האָט שווער געארבעט, געקרענקט, געשריבן לידער וואָס האָבן אָפגעשפיגלט דאָס שווערע ארבעטער לעבן. דאָ האָט ער געפונען דעם וועג פון אויסלייז, דורך קלאסן=קאמף, דורך דעם פאראייניקטן קאמף פון ארבעטער=פויער און אינטעליגענט. (זע זייט 235) „גיצע סטאנקו שרייבט אהיים".

אין דעם ליד „פרילינג, וועמען וויל זיך דען נישט זינגען...?" זעט דער דיכטער, דעם קאמף אין די שרעקלעכסטע באדינגונגען, אפילו, ווען דאָס לעבן איז שוין ווי געוצלעך פארשפילט. „פרילינג, וועמען וויל זיך דען נישט זינגען?... / אפילו מענטשן וואָס שפייען אויס די לונגען / טונקען איין אין אייגן בלוט די הענט / און צייכנען דעם באפרייונגס=וועג / אויף די נאסע ווענט".

דער קאמף שטייט שטענדיק פאר דעם דיכטערס אויגן: „אר־בעטסלאָזיקע / חלומען, נישט בלויז — / א ברויט / ארבעטס־לאָזע חלומען / אויך באריקאדן קעגן טויט...“

די אטמאָספערע די פאשיסטישע מאָלט דער ארבעטער־דיכטער אויך אזוי: „ווייטער וואקסן גרויסע בלומען — אויף די פענ־סטער, / אויף די נאסע ווענט / הענגען אָפגעהאקטע לונגען / באפרייונגס־לידער אין דער פינצטער / הונגעריקע מענטשן זינגען“.

די עקספלואטאציע אין זיינע פאָלגן זעט דער דיכטער (פונעם בוך „מאָלדאָווע מיין היים“ 1938): „נאָך דער ארבעט הענגען מיינע הענט אראָפ / ווי צוויי גראָבע, אויסגעווייקטע שטריק. / מענטשן זעען אויס אין מיינע אויגן / בייזע ווי באלעבאטים אין דער פאבריק“.

אין דער פאבריק זעט בראָנשטיין, די צוקונפט, די העלע טעג: (זע, זייט 239): „באגינען אין פאבריק / חלומען די שאָטנס אויף די ווענט, / נאָר אין וועבערס הארצן / שפילט זיך ווי א קינד / די פרייד פון העלן טאָג...“

אין די מלחמה־יאָרן איז דער דיכטער אומגעקומען. ס'איז אונדז נישט באוווסט ווען און ווו.

ס'זענען בלויז איבערגעבליבן צוויי פלאקעטן לידער און פאָעמען: „מאָלדאָווע, מיין היים“ דערשינען אין יאָר 1938, און „כ'האָב געעפנט ברייט די טויערן“, דערשינען אין בוקא־רעשט אין יאָר 1939.

ליטמאן וויגדער געבוירן אין פאָדעלרי, דעם 7־טן מערץ 1901. א באוווסטזיניקער ארבעטער־קעמפער זייט לאנגע יאָרן, אָפגעקומען יאָרן אין לאגערן. געשריבן לידער און סצענעטקעס וואָס זענען געזונגען און אויפגעפירט געוואָרן אין לאגער וואפניארקא. נאָך דער באפרייונג פארנומען פאראנט־וואָרטלעכע שטעלן אין ווירטשאפטלעכן און אינעם קולטורעלן לעבן אין דער ר. פ. ר. נאָך אין די לאגערן האָט ער זיך אָפגע־געבן מיט קולטור־ארבעט, איבערגעזעצט לידער פון פראנצוי־ישע און רומענישע דיכטער. האָט אויך געשריבן אומצייליקע לידער וואָס זענען געזונגען און דעקלאמירט געוואָרן אין די „איקוף“ סעקציעס פונעם לאנד. איבערגעזעצט אין יידיש לידער פונעם הייניקן גרעסטן רומענישן דיכטער טודאָר ארגעזי. געווען רעדאקטאָר פון די „איקוף בלעטער“.

דאָס ליד „דריי שילער" ברענגט אויף דעם זכרון, די פארשאָלטענע מלחמה=צייט אין וועלכע די יידישע באפעלקערונג איז געווען אויסערן געזעץ, ווען אין יאס, איז פון די פאשיסטן אָרגאניזירט געוואָרן דער פּאָגראָם אין וועלכן ס'זענען דערמאָרדעט געוואָרן 12.000 יידן; דעם פּאָגראָם פון בוקארעשט, ווען מ'האָט די יידן געפירט אויף צוואנגס=ארבעט; ווען א טייל איז ארויסגעיאָגט געוואָרן קיין טראנסניסטריע, ווען מ'האָט אָרגאניזירט די טויט=צוגן. דעמלט ווען מ'האָט די בעסטע זין פון אונדזער לאנד פון אלע נאציאָנאליטעטן געהאלטן אין תפיסות און לאגערן וו די פאשיסטן האָבן זיי געמוטשעט ביז צום טויט. דערמאנט דעם טעראָר וואָס די סיגוראנצע, דער געשטאפּאָ און דער יודנראט האָבן פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד.

די טראגעדיע פון די „דריי שילער" וואָס זענען פארמשפּט געוואָרן צום טויט, האָט דערשיטערט די פּראָגרעסיווע געזעלשאפט אין לאנד. ווי טרויעריק ווירקן די פערזן. (זע זייט 250): „דער שונא האָט אָדער געלויערט / געלייגט אויף די דריי האָט ער די האנט./געפייניקט מען האָט זיי, געמוטשעט/געבליבן זענען זיי שטום ווי וואנט./פארמישפּט צום טויט מ'האָט די 'חברה./ביים שיסן פון הערצער פון דריי/ הילכענדיק האָט אָפּגעקלינגען/ זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פארטיי" !/

אפרים בלי, געבוירן איז יאס 1908 נאָוועמבער, 15. געשטאָרבן 1963. „מיט פשוטע ווערטער" דערשינען אין מלוכה=פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט בוקארעשט. האָט אָנגעהויבן שרייבן פריער מיט דרייסיק יאָר, געשריבן האָט ער ביים אָנהויב אין דער דייטשער שפראך. אין דער מלחמה=צייט און שפעטער האָט ער געשריבן אין יידיש, זיך געדרוקט אינעם זשורנאל „דער קולטור=וועגווייזער" „איקוף=בלעטער", „פאָלקס=שטימע", „נייע פרעסע" און אנדערע צייטשריפטן. ער איז פריציטייק געשטאָרבן.

גאָר יונג האָט ער שוין געפילט דעם טעם פון נויט און פיין, אזוי ווי ער דרוקט זיך אויס אין זיין „אויטאָביאָגראפישן סאָנעט" (זע זייט 273).

און ווייטער אינעם זעלבן ליד, זעט מען ווי טיף די ערשטע מלחמה האָט געווירקט אויף זיין וועזן:

זייער א סך האָט ער געלערנט פון דער צווייטער וועלט=מלחמה וועגן וועלכער דער דיכטער זאָגט אז זי איז געווען א לערן=צייט פאר אים. „א לערן=צייט א הארטע, מאן געוואָרן/

און ווידער אונדן דעם הימל קוים א קלאָרן/ פאַרדעקט עס
האָבן קרינ און נויט".

ער זעט די פרוי זיינע, רעלי בליי, וואָס איז דעמלט פאַרשיקט
געוואָרן אין דעם פאַרשאָלטענעם טראַנסניסטריע ווו ס'איז גע=
בוירן געוואָרן זייער זון. און אפרים בליי איז פול מיט צאָרן
קעגן די הענקער און ווי א שבועה קלינגען אָפּ אין אונדזערע
געמיטן די פאָלגענדע געפרעסטע קעמפערישע שורות./„אין
ווייען האָט מיין ווייב א זון געבאָרן/וויל קעמפן אין מיט קראַפט
און הייליקן צאָרן/נישט אונטערגיין ער זאָל אין בלוט און קויט".

דער דיכטער בענקט נאָך די „בוקאָווינער הארבסן", די גאָל=
דענע, וועלכע זענען געווען זומערדיקע, זוניקע, פולע מיט פרייד.
דאָס מלחמה געשפענסט לאָזט אים נישט רוען און ער זעט דעם
שונא, וואָס איז געקומען ווי א גנב באַנאַכט: „און אָט איז גע=
קומען ווי א גנב באַנאַכט/דער הארבסט מיט קעלט און מיט
רעגן./מיט שוואַרצע=גרויע טיכער די זון האָט ער פאַרהאָנגען/
אראָפּ הערט מען דרינגען די שוידער געקלאַנגען/פון ראָבן וואָס
קרעכצן א טויטן=כאָר./אויף אייביק עס דאכט זיך, די שיינקייט
פאַרגאַנגען/און פוסטקייט געבליבן אויף תמיד איז גאָר".

ווען ער קומט צוריק פון דער מלחמה, ווערט ער פול מיט
האָפענונג און זעט זיין היימלאַנד באַפרייט, זאָגט ער./„אָבער
היינט דער טאָג, זעט, ווידער איז מילד/און מיט ווארעמער
טרייסט איז ער אָנגעפולט/און שטראַלן פון זון ווי דער מאַמעס
האַנט./וואָס גלעטנדיק האָט דיך איינגעשטילט./אָט אזוי איז דער
הארבסט. דאָ אין אונדזער קאַנט".

קומענדיק קיין בוקארעשט דעם באַפרייטן, איינגעהילט אין
די רויטע פאָנען, רופט ער אויס אין זיין ליד „בוקארעשט אין
יום=טוב קלייד". „אָ, בוקארעשט./ היינט מעכטיקער ווי תמיד,/
דיין ריטם האָט דערפאַקט מיך און דערהויבן/און מיך מיט פרייד
געזעטיקט ביז צום ראַנד./פאַריאָגט אויף שטענדיק אימה און
אומעט! / אויף דיינע גאַסן זיך געשטארקט מיין גלויבן/צור
שטראַלניקער צוקונפט פון מיין לאַנד".

רעלי בליי, געבוירן אין ארבאָרע, ראַדעוויץ 15 יוני,
1913. צוזאַמען מיט איר מאַנס לידער זענען אויך דערשינען
אירע לידער אינעם באַנד „מיט פשוטע ווערטער" אין מלוכה=פאַרלאַג
פאַר ליטעראַטור און קונסט 1957. אירע לידער געשריבענע אין
טראַנסניסטריע, ווו זי איז געווען דעפּאָרטירט, זענען געזונגען
געוואָרן כמעט אין אלע ווינקלען פון יענע דעפּאָרטאַציע לאַגערן.

זיי זענען פארוואנדעלט געוואָרן אין פּאָלקלאָר, די דיכטערן האָט כמעט שוין נישט דערקענט אירע לידער. ווען זי האָט זיי געהערט אין זייערע נייע ווארינאטן, אירע איצטיקע לידער זענען פּאָלקסטימלעכע, צילגעווענדטע, מיט היינטצייטיקע פּראָבלעמען זענען זיי אָנגעלאָדן.

„דער קאריימאן דערציילט" איז א ליד וו ס'ווערן באזונגען די שיינקייטן פונעם היימלאנד, וואָס איז אמאָל געווען פאריאָכט פון דעם מלך מיט זיין כנופיא. דער באפרייטער בארג וואָס איז איר אזוי ליב און היימיש, פונקט אזוי ווי דער טייך אין וועלכן זי שווימט, וואָס זי באשרייבט אין דעם ליד „בלוט", וואָס דערמאנט אונדז אין די פאשיסטישע בעסטיאליטעטן. אירע קינדער־לידער זענען מאָביליזירנדיקע. די לידער זענען דערשינען אין די „איקוף־ בלעטער", „דער קולטור־וועגווייזער" און אויך צוזאמען מיט אפרים בלייס לידער און סאָנעטן. א.ט. „מיט פשוטע ווערטער", ארויסגעבן פונעם „מלוכה־פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט".

אינעם ליד „פארוואָס"?, בענקט די דיכטערן נאָכן היימלאנד פון וועלכן זי איז פארטריבן געוואָרן צוזאמען מיט צענדליקער טויזענטער קיין טראנסניסטריע: „פאר וואָס האָט מען מיך פון היים פאריאָגט?/פאר וואָס האָט מען מיך פארטריבן?/וו ביסטו, טייער היימלאנד מיינס, ווי ווייט ביסטו געבליבן!

די שיינקייטן פונעם לאנד שטייען פאר אירע אויגן./„איך בענק נאָך דיינע הויכע בערג,/נאָך דיינע טיפע וועלדער,/ נאָך דיינע קלאָרע וואסערלעך,/נאָך דיינע ווייטע פעלדער!".

וועגן די עלטערן אירע וואָס זענען אומגעקומען דאָרט אין דער פארשאָלטענער דעפּאָרטאציע:/„איך וועל זיי קיינמאָל נישט מער זען/אויך קיינמאָל נישט מער הערן./פארבליבן איז נאָר בענקעניש/און ביטער־הייסע טרערן".

וויאזוי איר ווינונג זעט אויס?/„ברעטער פיר, צונויפגע־שטעלט א פריטשל./אין א ווינקל ביי דער נאסער וואנט,/ס'איז מיין בעט, מיין בענקל און מיין טישל,/רוים פאר מיר אין ווייטן לאנד".

ווען די ארמייען האָבן באפרייט די פארכאפטע געגנטן: „נאָך נעכטן געלעגן פארשפארט אין געטאָס מיר זענען היינט פריי,/און מיט די באפרייטע; די זיגער, די העלדן מיר גייען אין ריי".

אין די קינדער־לידער וואָס זי האָט געשריבן נאָך דער באפרייונג: „מיר זענען די גווארדיע די יונגע/צו היטן דעם

שלום גרייט,/מיר זענען די צוקונפט, דער מאָרגן,/מיר זענען די נייע צייט./מיר האָבן פאר גאָרנישט קיין מורא./מיר זענען ווי פרילינג=ווינט/מיר ווילן א לעבן אונדז בויען/א בעסערס פאר יעדן קינד.

דוד רובין. געבוירן 1893, גורא פוטנעי, ראדעוויץ אין מלוכה=פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט איז דערשינען דוד רובינס „לעבן דער ברעטער זעג". דוד רובין האָט געשריבן דערציילונגען וואָס זענען דערשינען אין „דער קולטור=וועגווייזער", „איקוף=בלעטער" ווי אויך אין אויסלענדישע צייטונגען: די „נייע פרעסע", פאריז, און „פאָלקס=שטימע", ווארשע.

אין יאָר 1963, איז דערשינען א בוך דערציילונגען א.ט. „פון אמאָל און פון היינט". דוד רובין, איז אויך א זאמלער פון פאָלקלאָר. א טייל פון זיין זאמלונג דערשיינט אינעם, זאמלבוך. דאָס איז א מאטעריאל פון די אומגליקלעכע דעפּאָרטאציע יאָרן, שפּיגלט אָפּ אין א גרויסער מאָס די איבערלעבענישן פון די אסורים און די האָפנונג אז סוף כל סוף וועט קומען די געגארטע באפרייונג.

יונתן שניידער. געבוירן אין בוקארעשט אין יאָר 1900 דער באגאבטער דיכטער האָט געשריבן ווערטפולע לידער אין דער רומענישער שפּראך. איבערגעזעצט: גאנץ באַדלער, „דער איינגערעדטער קראנקער" פון מאָליער און פון אומציילקע דיכטער פון דער אוניווערסאלער פּאָעזיע.

וואָלף טאמבור. א טאלאנטפולער שרייבער, דערשינען: „ביי דער טיר" דערציילונגען 1937, „מיין היים" 1940, „פרילינג אָן זון" אין יאָר 1947, „משה" 1948.

וואָלף מאמבור, האָט אויך מיטגעארבעט אין דעם „קולטור=וועגווייזער" און „איקוף=בלעטער".

א. אביון (באַיאנדזשיו שמערל ווינשטיין). געב. דעם 10=טן אָקט. 1910 אין דאראבאן, דאָראָהוי. האָט פּובליצירט אין זשור=נאל „שאנטיער", 1938. עס זענען דערשינען זיינע ביכער=לידער „גאָלדענער שטויב" און „נאכט=איינמערגאנג" א טייל לידער זענען דערשינען אין „איקוף=בלעטער" און „אונירעא". זיין בוך „אר=בעטער=לידער" איז דערשינען אין „ליטעראטור=פארלאג" בוקא=רעשט, אינעם יאָר 1963.

אינעם „וויג=ליד", געשריבן אין רער צייט פון די היט=
לעריסטישע רציחות, האָט דער דיכטער א. אביון געגלויבט
אינעם זיג פונעם ארבעטער=קלאַס איבער דער ברוינער פעסט:
„דרויסן דאָרט ברומען די בעלעלעך, / וואָס פרעסן אויף משהלך,
שמערלעך, / אין ס'וואַרפן גזלנים מיט קעפּעלעך / ווי מיט רויטע
פארבלוטיקטע עפּעלעך".

די קינדער זענען אָבער נישט הפקר: „גייען מיר ברעכן די
מויערן, / עפענען אונדזערע טויערן / נעמען די חיות וואָס לויערן /
און זיי אָפּרייסן די אויערן...".

כאָטש ס'איז צו ווייניק, נאָר נעמענדיק אין אכט או דאָס
ליד איז געווענדט צו די קינדערלעך, איז דאָס „רייסן די אוי=
ערן" צוגעפּאַסט צו זייערע השגהלעך.

די באפרייער וועלן שאַפן א וועלט א נייע: „ווי ס'וועלן
שוין נישט זיין מער: קיין וויגעלעך — / ליידיקע אָן גאָלדענע
ציגעלעך, / בעטעלעך, אָן ווייכע קישעלעך / אָן זילבערנע קריגע=
לעך, טישעלעך".

אינעם בוך „ארבעטער לידער" וואָס איז דערשינען אין יאָר
1963 אין בוקארעשט, זענען פאַראַן לידער וואָס דערמאָנען
פון די אמאָליקע צרות און פּיינען וואָס די וואָס שאַפן און
בויען האָבן געהאַט אויסצוהאַלטן פון דעם געוועזענעם פעאָ=
דאַל=באָיאַרישן זעזשים וואָס האָט באַלעבאַטעוועט אין רומעניע.

דעסטגלייכן קומען צום אויסדרוק רעאַליזירונגען פון דער אר=
בעטער און פויערים=מאַכט. וואָס האָט באפרייט דאָס לאַנד, און
בויט עס, לויט די מאַרקסיסט=לעניניסטישע כללים. אינעם ליד
„בריגאַדירן=פאָלק" זעען מיר די ארבעטער בריגאַדירן וואָס
„בויען א נייע וועלט". (זע זייט 298).

ישראל בערקאָוויטש געבוירן אין באָטאָשאַן דעם 20=טן
דעצ. 1921. האָט אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1948 אין די „איקוף=
בלעטער" און אין אינעם „קולטור=וועגווייזער" פּובליציסטישע
מאַטעריאַלן און לידער. פונעם יאָר 1955 איז ער ליטעראַרישער
לייטער אין יידישן מלוכה=טעאַטער. צוזאַמען מיט יוליאַן שוואַרץ
האָט ער דראַמאַטיזירט „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע
מוכר=ספרים, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין דעם יידישן מלוכה=
טעאַטער" פון בוקארעשט, אויפגעפירט זיין „אחשוורוש=רעווי",
„טשירי=בירי=באָם" און „געסט אין שטאָט", „דער גאָלדענער פאָ=
דעם". איבערגעזעצט פּיעסן פאַרן טעאַטער ארויסגעגעבן צוזאַמען
מיט ש. ס.=ראָמאַן „אכציק יאָר יידיש טעאַטער", ביי די פּרי=

מאָרגנס וואָס קומען פאַר זונטיק אינדערפרי לייענט ער פארשיידענע רעפעראטן אויף סאָציאַל־פּאָליטיש און קולטורעלע טעמעס.

ער שרייבט אין זיין פּאָעם „צייט־געדאנקען": „עס גייט די צייט, זי גייט! / אין אונדזער דור ווערט וואָר דער מענטשלעכ־קייטס דורות־לאַנג געטרוימטער חלום / בליען וועט אויף גאָר דער וועלט די בלוס פון שלום. / און גרויס וועט זיין די מענטשן־פרייד / — ווי גרויס — / ווען ווייסע טויבן וועלן וואָרקען אויף יעדן הויז".

ש'ס ־ ראָמאן (ש. סאָלאָמאָן). (געבוירן אין פּאשקאן אין יאָר 1894). אָנגעהויבן דרוקן קאָרעספּאָנדענצן אין אָדעסער „אונדזער לעבן" אין יאָר 1917. א'ט, „אין לאנד פון טרעהרען". זינט 1920 האָט ש'ס־ראָמאן זיך באטיי־ליקט מיט ביבליאָגראפישע ארטיקלען, איבערזעצונגען און קאָרעספּאָנדענצן אין דער יאסער „ביבליאָטעק פאר יידישע וויסנ־שאפט" א'ר פון שמואל שוועמער, אין ווילנער „לעבן" א'ר פון מ. שאליט, קעשעניעווער „אונזער צייט, טשערנאָוויצער „אר־בעטער צייטונג", בוקארעשטער „וועקער", 1920, „אונדזער וואָרט" און אונדזער וועג". קאָרעספּאָנדירט אין ווילנער „טאָג", איבערגעזעצט אויף רומעניש ש. אנ־סקיס „דער בעל־תשובה", שלום אשס „מענטשן אין געטער", „גאָט פון נקמה", צוזאמען מיט טשידעל־ראָמאן. ארויסגעגעבן א פּורים־בלאט", „דער המנ־טאש" (ראָמאן 1921). ש'ס ראָמאן איז אויך א זאמלער פון יידישן פאָלקלאָר. ער האָט איבערגעזעצט פון רומעניש אויף יידיש, די דראמען: ראָנעטי ראָמאן, „מנשה", עמיל ניקאָלאוס „קיינעמס קינדער", א. דאָמיניק, „די שאָטנס־סאָנאטע", ל. קארא־דזשיאלע, „א בילבל" און פארשיידענע נאָוועלן פון מ. סאדאָ־וועאנו, גאלא גאלאקטיאָן, א.א.

פון יידיש אויף רומעניש האָט ש'ס ראָמאן איבערגעזעצט יצחק האָראָוויצעס טעאטער־שטיק „דאָס קול פון שטומע" און די איינאקטערס „דער שניי־מענטש", „וואָס מיר זענען, בלייבן מיר", „ווען דער לערער איז נישטאָ אין קלאס", ד.מ. הערמא־ל נס „פרייע ליבע".

גיט זיך אָפּ מיט ביבליאָגראפיע פון דער יידישער ליטעראטור און פּרעסע אין רומעניע, געזאמלט און באארבעט ביאָגראפישן מאטעריאל פאר ז. רייזענס לעקסיקאָן, פארעפנטלעכט א ביב־ליאָגראפישע רשימה „די יידישע פּרעסע אין רומעניע פון

1854—1926, „אין די פילאָלאָגישע שריפטן". (III 525—536). פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

ש'ס=ראָמאן איז אויך געווען רעדאקטאָר פון די „איקוף=בלעטער" און מיטארבעטער פון דעם זשורנאל „דער קולטור=וועגווייזער". האָט אויך מיטגעארבעט ביים ארויסגעבן די יידישע לערנביכער וואָס זענען דערשינען אין רומעניע נאָכן 23טן אויגוסט 1944. ער איז איצט ליטעראַרישער רעפערענט ביים יידישן מלוכה=טעאטער פון בוקארעשט, פאר וועלכן ער האָט איבערגעזעצט פארשיידענע פיעסן אויף יידיש.

ער האָט צוגעגרייט א באנד איבערזעצונגען אויף יידיש פון די רומענישע קלאסישער און היינצייטיקער ליטעראטור. ש'ס ראָמאן האָט אויך געמאכט איבערזעצונגען פון דער רומענישער קינדער=ליטעראטור פון וועלכע א טייל זענען פארעפנטלעכט געוואָרן.

י. קארא (איציק שווארץ) געבוירן אין פּאָדעלוי, 1906. דעבוטירט 1933. פארעפנטלעכט קריטישע, היסטאָרישע, פּובליציסטישע ארבעטן אין פארשיידענע צייטשריפטן. פארן טעאטער, געמאכט מערערע איבערזעצונגען, קליינקונסט ארבעטן, דראמאטיזירט שלום עליכמס „דער פארכישופטער שניידער". נאָכן צווייטן וועלט=קריג מיטגעארבעט אין „איקוף=בלעטער" „דער קולטור וועגווייזער", „פאָלקס=שטימע", „יידישע קולטור". „בלעטער פאר געשיכטע". גרייט צו א סטודיע איבער יידישער פאָלקס=קונסט אין רומעניע.

פון בארוף א יידישער לערער. וווינט אין יאס. קאָרעספּאָנדירט אין פארשיידענע צייטשריפטן. ארויסגעגעבן א בראָשור „דריי=סיק יאָר יידישע ליטעראטור אין רומעניע".

מאיר שטערנבערג. געבוירן אין שטעטל ליפקאן. וווינט אין בוקארעשט. א קולטור=טוער נאָך פון די צוואנציקער יאָרן, א מיטגרינדער פון דער „קולטור=ליגע", „קולטור פעדעראציע". צענדליקער יאָרן א טעאטער=טוער, מיטגעמאכט די ביטערע לאגער=יאָרן אין טראנסניסטריע, געשריבן וועגן די אכזריותן פון די פאשיסטישע בעסטיעס אין די געטאָס און לאגערן. מיטגעארבעט אין „איקוף=בלעטער" און „דער קולטור=וועג=ווייזער, „פאָלקס=שטימע" ווארשע, „נייע פרעסע" פאריז. צוגעגרייט א באנד לידער „די ספּוטניקעס". איבערגעזעצט די פסחא נאכט פון י. ל. קאראדזשיאלע. צוזאמען מיט אָלגא בראטעש

האָט ער איבערגעזעצט די „בלאָנזשענדיקע שטערן" פון שלום=עליכם וואָס זענען דערשינען אין פארלאג פאר וועלט=ליטעראטור אין בוקארעשט. האָט אויך איבערגעזעצט טעאטער=פיעסן פון רוסיש אויף יידיש פארן היגן יידישן מלוכה=טעאטער. מאיר שטערנבערג פארמאָגט אויך כתב=ידן וועגן אומקום.

* * *

די יידישע ליטעראטור נאָכן יאָר 1944, באשטייט אין א גאנץ באשיידענער און נישט אין קיין גלייכער מאָס, פון כמעט אלע ליטערארישע זשאנרען: פּאָעזיע, פּראָזע, דראמע, קריטיק, איבערזעצונגען ווי אויך מאסן=לידער, וויג=לידער און קינדער=לידער.

פון דער רומענישער קלאסישער פּאָעזיע זענען איבערגעזעצט געוואָרן אייניקע לידער פון מיכאיל עמינעסקו, ג. קאָזשבוק און אנדערע.

פון דער נייער רומענישער פּאָעזיע זענען איבערגעזעצט אייניקע לידער פון: מיכאיל בעניוק, מארטשעל ברעסלאשו, מאריא באנוש, ע. זשעבעליאנו, דאן דעשליו, מיכו דראגאָמיר, ראדו באורעאנו, וויקטאָר טולבורע, ע. פרונדזע, וועראָניקא פּאָרומבאקו און אנדערע. פון דער רוסישער און סאָוויעטישער פּאָעזיע, זענען איבערגעזעצט געוואָרן אייניקע לידער פון: פושקין, מאיאקאָווסקי, סטשיפּאטשאָוו, מארשאק, גריבאטשאָוו און אנדערע.

איבערזעצונגען פון רומענישער פּראָזע: מ. סאדאָוועאנו: „מיטרעא קאָקאָר", אויך פראגמענטן פון וו. גאלאן, נ. מאָראַרו, א. באראנגא, מ. נאָוויקאָוו, א. ג. וואידא, י. לודאָ און אנדערע. פון דער סאָוויעטישער: גאָרקי, שאָלאָכאָוו, וואנדא וואסילעווסקא און אנדערע.

אייניקע איבערזעצונגען פון יידיש: ע. זשעבעליאנו, ד. באָטעז, וו. טעאָדאָרעסקו, וויקטאָר טולבורע, עמיל דאָריאן, יונתן שניידער, און אנדערע.

עטלעכע בענדער פון שלום=עליכם זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון י. לודאָ

א ו י ס ט י י ט ש ו נ ג ע ן

א

אָדם (אָדעם) — מענטש. דער ערשטער מענטש לויט דער ביבל.
אוצר (אויצער) — שאַץ, גרויס רייכטום.
אורח (אוירעך) — גאַסט, אָרעמאַן.
אותיות (אויסיעס) — בוכשטאַבן.
אחר המעשה (אַכער האמייסע) — נאָך דער געשיכטע. (פּאַסירונג).
אכזר (אַכזער) — גרויזאַמער מענטש.
אחדות (אַכדעס) — איינִיקייט.
אכילה (אַכילע) — עסן.
אלמנה (אַלמאָנע) — אַ פרוי, וועמענס מאַן ס'איז געשטאָרבן.
אמת (עמעס) — וואָרהייט, ריכטיק,ווירקלעך.
אלול־צייט (עלול־צייט) — אָסיען צייט.
אפשר (עפּשער) — טאָמער, פּיליִיכט.
אדרבה (אַדעראַבע) — פּונקט פאַרקערט. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, געוויס, זיכער
אסיפות (אַסייפעס) — פאַרזאַמלונגען.

ב

בדיל־הדל (בעדיל האַדאַל) — פולשטענדיק אָרעם ווערן.
בדיקת־חמץ (בעדיקעס־כאָמעץ) — אויסראַמען דעם חמץ ערב־פּסח.
בולט (בוילעט) — קלאָר, באַשטימט, שטאַרט אַרויס.
בזיל הזל (בעזיל האַזאָל) — זייער ביליק, גאָר וואָלוול.
בושה (בושע) — שאַנדע, שעמען זיך.
בזה חלשון (בעזע האַלאָשן) — מיט די ווערטער.
בזיון (ביזאָיען) — שאַנד, באַליידיקונג, בושה.
בחור (באָכער) — יונג, קאַוואַליער, אויסדערוויילטער.
בחצי חנם (בעכאַצע כינעם) — האַלב אומזיסט.

בטול (ביטל) — גרינגעשעצונג.
בטחון (ביטאָכן) — האָפענונג, זיכערקייט.
בין השמשות (ביין האשמאָשעס) — צווישן טאָג און נאכט.
בימה (בימע) — בינע, בעלעמער.
בית־המדרש (בעסמעדרעש) — שיל, קלויז.
בית־עולם (בעסוילעם) — הייליק אָרט, בית הקברות.
בן־יחיד (בען יאָכיד) — איין איינציקער זון.
בכורה (בכוירע) — דאָס ערשטע אָרט. פאָררעכט.
בכלל (ביכלאָל) — אין אלגעמיין.
בלבול (בילבעל) — אן אויסטראכטעניש, פאלשע באשולדיקונג.
בכל־מכל־כל. (באקל מיקל קויל)—מיט האק און פאק, מיט אלעמען.
בנאמנות (בענעמאָנעס) — אויף ערנוואָרט. גלויבווירדיקייט.
בעל־חלומות (באלכאלוימעס) — פאנטאזיאָר.
בעל־רחמים (באלראכמים) — דערבארעמדיקער.
בפרהסיא (ביפרעסיע) — עפנטלעך.
בסוד (בעסאָד) — אויפן אויער, קיינער זאָל נישט הערן.
ברירה (ברײרע) — אויסוועג, אויסוואַל.
בריה (בעריע) — באשעפעניש, פלייסיק, טויגער.
בשמים (בעסאָמים) — שמעקעדיק גראָז, פיינע ריחות, פארפום.
ברוגז (בערויגעז) — אין כעס, אויפרעגט.
בשעת־מעשה (בעשאס־מייסע) — אין דער זעלבער צייט.
בקיצור (בעקיצער) — און קורצן, קורץ גערעדט.
ברכה (בראָכע) — גוטער ווונטש, בענטשן עמעצן.
בשורה (בסורע) — פולקאָמען, פּערפעקט.
ברוך־הבא (באָרעכהבע) — אלטפרענקישע באגריסונג, געבענטשט זאָל זיין דער אריינגעקומענער, ס׳קאָצל קומט! זייט באַגריסט. אָפּגעבן א ברייטן ברוך־הבא, אויפנעמען שיין, ליבלעך. (אינעם איראָנישן זין): דעם אמתן ברוך־הבא, אויפנעמען שלעכט, מיט זידל־ווערטער.
בראש (בעראָש) — אין שפיץ.
בראשית (בערייִשים) — אָנפאַנג, אָנהויב.
בשעת (בעשאס) — אין דער צייט.
בשום אופן (בעשום אויפן) — אין קיין פאל.

ג

גאון (גאָען) — זשעני, טיטל פון אמאָליקע יידישע געלערנטע. ביז נאָכן תלמוד.
גבאים (גאבאָים — אָנפירער פון שילן, באדינער ביים צדיק, ביים רבין.

גבור (גיבער) — מעכטיקער, העלד, שטארקער, אטלעט.
גבורה (געווירע) — קראפט, שטארקייט, העלדישקייט.
גדולה (געדולע) — גרויסע פרייד, גרויסקייט, רייכקייט.
גוף — קערפער, פערזאן.
גובר געווען (גויווער געווען) — באזיגט, באהערשט.
גוג=ומגוג (גאג=מעגאג) — א ריז.
גורל (גוירל) — באשערט, דאליע, שיקזאל, מזל.
גוזר (גויזער) — באפעלט.
גוזמא (גוזמע) — איבערגעטריבענע זאך.
גזירה (גזיירע) — בייזע פאראָרדענונג, פארפאלגונגס געזעץ.
גזלן (גאזלען) — רויבער, באַנדיט (איראַניש: צעה־צעט).
גיהנום (געהענעם) — פייניקונגס=אָרט פאר זינדיקע נאָכן טויט. אן אפזומעניש.
גלגול (גילגל) — א זינדיקע נשמה וואָס גייט אריין נאָכן טויט אין א לעבעדיקן מענטשן אריין אָדער אין א עוף אָדער אין א בהמה.
גלות (גאָליעד) אָן א באָרד, א געגאָלטער.
גלח (גאלעך) — א קריסטלעכער גייסטלעכער.
גלגל החוזר (גאלגאל=האכויזער) — א ראָד וואָס דרייט זיך, אין דער פרעמד, אייביק וואנדערן, זיין פארשקלאפט.
גמילת=חסד (געמילעס=כעסעד) — אויסלייען געלט אָן פראָצענט.
גמרא (געמאָרע) — תלמוד, א ווערק פון יידישע רעליגיעזע געזעצן, באזירט אויף תנ״ך און משנה, פול מיט לעגענדעס, פאָלקלאָר און היסטאָריע.
גמרא=ניגון (געמאָרע=ניגון) — כפּיציעלע מעלאָדיע וואָס לערנער זינגען אויס בשעתן לערנען די גמרא.
גנב (גאנעוו) — אויך געמיינער שווינדלער, דורכטריבענער יונג.
גן=עדן (גאַ־יידן) — וואונדערבארער גאָרטן אין וועלבן, די וואָס האָבן זיך לייטיש אויפגעפירט אויף דער וועלט, זיצן דאָרט נאָכן טויט און האָבן פון אלדאָס גוטס, ווי זייער הארץ גלוסט. לויט מיסטישע לעגענדעס.

ד

דאגה (דייגע) — זאָרג.
דהיי׳ו (דעהיינע) — צום ביישפיל, א שטייגער, ווי נעמלער.
דור (דאָר) — געגעראציע, יאָרהונדערט, פון דור דורות, פון אייביקע צייטן. אויף דור דורות, אויף אייביק.
דווקא (דאפקע) — דורכויס, נאָר, פונקט.

דורס (דוירעס) זיין — צעשעדיקן, אומברענגען.
דחקות (דאכקעס) — נויט, אָרעמקייט.
דין — רעליגיעז געזעץ, אורטייל, געריכט, פּראָצעס, רעכט.
דיין (דייען) — ריכטער.
דלות (דאלעס) — אָרעמקייט.
דמיון (דימיען) — פאנטאזיע, ענלעכקייט.
דירה (דירע) — וווינונג, הויז, שטוב.
דרך־ארץ (דערעכערעץ) — אכטונג, רעספּעקט, העפלעכקייט.
דרך (דערעך) — וועג, מעטאָד, שטייגער, סיסטעם, ארט.
דרשה (דראָשע) — רעדע, רעליגיעזער פאָרטראג.

ה

הבל (העוועל) — נארישקייט, נישטיקייט. א ביבלישע פּערזאָן, געהרגעט געוואָרן דורך זיין ברודער קין. אומזין, הויך ווארעמקייט.
הגם (האגאם) — כאָטש, אויב, אפילו, אז מען וויל שמועסן צוריק.
הגדה (האגאָדע) — לעגענדע, א ספרל וואָס ענטהאלט אין זיך די לעגענדן פון יציאת־מצרים.
הולך, (הוילעך) — גאנג, ארט פון קליידן זיך, דער אויפיר.
הוצאה (הויצאָע) — אויסגאבע, קאָסטן.
הושענא (הוישאנע) — אָפּגעשלאָגענע פּריטקעלעך.
היזיק (העזעק) — שאָדן, פארלוסט.
היפך (העפּעך) — דאָס קעגנגעזעצטע, דאָס פארקערטע.
היתכן (האיעטאָכען — ווי טוט מען עס אזוי? איז גלייך אזוי? ס'טייטש?
הכנסה (האכנאָסע) — איינקונפט, פארדינסט.
הכנה (האכאָנע) — צוגרייטונג.
הכנעה (האכנאָע) — אונטערטעניקייט, געבויגנקייט.
הכשר (העכשער) — רעליגיעזע דערלויבעניש.
הלכות (האלאָכעס) — געזעצן.
הלבשה (האלבאָשע) — קליידונג, אָנטועכץ.
הלמאי (האלעמאי).
המון (האמוין) — מאסע, געמויש, מענגע.
המוציא (האמויצע) — רעפטל ברויט אָדער חלה, א ברכה וואָס פרומע מאכן.
המן (האָמען) — א פּערסאָנאַש פון דער מגלה. ער האָט געוואָלט אומברענגען אלע יידן, שלעכטער מענטש, אנטיסעמיט.

המצאה (האמצאָע) — איינפאַל, דערפינדונג.
הנאה (האנאָע) — פארגעניגן, באפרידיקונג, געַנוס.
(האנאָכע) — פּאַסטולאט, היפּאָטעזע, ראבאט, פּאַרויסזעצונג, פּאַרלייכטערונג.
הסכם (העסקעם) — צושטימונג.
הספד (העספּעד) — טרויער־רעדע.
העוויות (האוואיעס) — מינעס, אָנשטעלן, גרימאסן.
העזה (האָזע) — פרעכקייט, דרייסטקייט, חוצפה.
הפקר (העפקער) — אָן קאָנטראָל, זאכן וואָס קערן קיינעמען נישט
הפקרות (העפקיירעס) — געזעצלאָזיקייט, אויסגעלאסנקייט.
הקדמה (האקדאָמע) — ארייַנפיר, פאָרוואָרט, פאָרעדע.
הקדש (העקדעש) — אמאָליקער שפּיטאָל פאר יידישע קראנקע, אזיל, אן אָרט וווּ ס'איז שמוציק און אומאָרדענונג
הרחבה (הארכאָווע) — ברייטקייט, רייכקייט, גַעמיטלעכקייט.
הרי את (האריי אט) — דאָס ערשטע וואָרט, מיט וועלכן דער חתן ווענדט זיך צו דער כלה אונטער דער חופה, בשעת ער טוט איר אָן דאָס קידושין־רינגל.
הדי־חושך (האריי כּוישעך) — עק וועלט.
השגחה (האשגאָכע) — אויפזיכט.
התלהבות (היסלאַוועס) — באגייסטערונג, ברען, פּאטאָס.
התפעלות (היכפּײלעס) — באגייסטערונג, שטימונג, פארוווּנדערן אַנטציקונג.

ו

ו. (וואָוו) — דאָס זעקסטע אות.
וואלד־מכשפה (וואלד־מאכשייפע) — וואלד כשוף־מאַכערן.
ובפרט (איבעפראט) — איבערהויפּט, און שפּעציעל, און באזונדער, ווער שמועסט נאָך.
ואדר (ווייאָדער) — צווייטער מאָנאט אָדר, ווען ס'איז אן עיבור יאָר. מערץ־אפּריל.
והשנית (וועהאשייניס) — און צווייטנס,
וחלקלקות (וואכלאקלאקוים) — א גליטשיק אָרט, פאלשע צביעות־דיקע רייד.
וכדומה (אוכדוימע) — און דעסטגלייכן.
ונאמר אָמן (וועגוימער אָמיין) — און לאָמיר זאָגן אָמן, און א סוף.
ווידוי (ווידע) — א תפילה וואָס פרומע יידן זאָגן פארן שטארבן.

וכך היה (וועכאך האָיאָ) — און אזוי איז געשען.
ותרן (וואַטרען) — ברייטהארציקער, מילדער, א מענטש וואָס לאָזט זיינס איבערגיין.
ונתנה תוקף (אונכאַנע טויקעף) — א געבעט וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראש השנה און יום כפור, לאָדן גאָט צום ונתנה תוקף, רעדן צום לאָמפּ, צו דער וואנט.

ז

זהב טהור (זאָהאָוו טאָהויר) — ריין גאָלד. גינגאָלד.
זוגתו (זוגאָסוי) — זיין ווייב.
זוכה (זויכע) זיין — ווערט זיין, פארדינען זיך, האָבן א פּרי־ווילעגיע. אָנאייגענען.
זול (זאָל) — וואָ'ול, ביליק.
זולל וסובא (זוילעל ועסויסע) — פרעסער און זויפער.
זיווג (זיווּעג) — א באשערט פּאָרל.
זכות (זכוס) — פארדינסט אין מאָראלישן זין און אין גייס־טיקן זין, ווערט, גליק, פריווילעגיע.
זכות אָבות (זכוס אָוועס) — זכות פון די עלטערן, צוליב די עלטערן. ער האָט זכות־אָבות — געמיינט פּראָטעקציע.
זכיה (זכיע) — ערע, גליק, פריווילעגיע.
זכר (זייכער) — אָנדענק. שפור, צייכן.
זכר (זאָכער) — מאנסביל.
זכרון (זיקאָרן) — די פעיקייט צו געדענקען. געדעכעניש.
זכרונו לברכה (זיכרוינע ליווראָכע) — געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק.
זלמן (זאלמען).
זמרל (זעמערל) — א ניגונדל, א לידל.
זמן (זמאן) — זייט, די צייט פון פסח ביז ראש חשנה, אָדער פון ראש חשנה ביז פסח.
זקן (זאָקן) — אן אלטער. א בארד.
זקנה (זיקנע) — אלטקייט.

ח

חבר (כאווער) — קאָלעגע, פריינט, געלערנטער.
חברן (כאווערן) זיך — באפריינדט ווערן.
חברה (כעווריע) — יאטן, עולם, קאמפאניע, געזעלשאפט, אינ־סטיטוציע, פאריין, גרופּע.

חברא קדישא (כעוורע קאדישע) — געזעלשאפט וואָס פארנעמט זיך מיט באערדיקן טויטע.

חד־גדיא (כאד־גאדיע) — קינע, ארעסט, טורמע, אָנשמייסן. א לעגענדע וועגן א ציגעלע.

חדר (כיידער) — צימער. רעליגיעזע שול פאר קינדער.

חדרים (כאדאָרים) — צימערן. רעליגיעזע שולן פאר קינדער.

חוב (כויוו) — געבאָרגט געלט, פליכט.

חודש (כוידעש) — מאָנאט.

חוטא (כויטע) — זינדיקער.

חולה (כוילע) — קראנקער.

חולה מסוכן (כוילע מעסוקן) — געפערלעך קראנקער.

חולה נופל (כוילע נויפל) — עפילעפטיקער.

חופה (כופע) — הינטער וועלכער מען פירט די חתונה צערע־מאָניע. שטעלן א חופה חתונה האָבן.

חוץ (כוץ) — אויסער.

חוקר ודורש (כויקער וועדוירעש) — שטרענג אויספאָרשן, נאָכ־פאָרשן, אונטערזוכן.

חושד (כוישעד) — פינצטערניש, געפילדער, טומל, וויסט, איבער־קערעניש, פארפינצטערט, אָפגעלאָזט.

חזיר (כאזער) — זייער א קארגער מענטש.

חזן (כאזן) — פאָרבעטער אין שיל, דאוונט פאר עמוד.

חזקה (כאזאָקע) — באזיץ רעכט, א רעכט האָבן אויף עפעס א זאך וויל עס איז שוין איינגעפירט פון לאנג.

חזרן (כאזערן) — טון דאָס אייגענע נאָך אמאָל, רעפעטירן.

חטאים (כאטאים) — זינד, פארברעכנס.

חטא (כעט — זינד, פארברעכן.

חטאת־נעורים (כאטאס נעאורים) — די זינד פון דער יוגנט.

חי־וקים (כיי־וועקאיעם) — לעבעדיק וועזן; מענטש, גאָט; א פראָסטער מענטש; כאָטש שריי חי־וקים — כאָטש שריי צו גאָט; פאר אים איז עס חי־וקים — הייליק, ערנסט.

חיה (כייע) — פיר־פיס־דיק לעבעדיק באשעפעניש.

חידוש (כידעש) — וווּנדער, נייעס, סענזאציע, אויפטו, מערק־ווירדיקע זאך.

חיבוט־הקבר (כיבעט האקייווער) נאָך דער רעליגיעזער אויפפא־סונג — די צרות וואָס דער טויטער לייד אין קבר.

חיות (כיעס) — לעבן, דערוויקונג, פארגעניגן.

חיונה (כיונע) — פרנסה, אויסקומעניש, אויסהאלטונג, לעבנס־מיטל.

חייל (כאיעל) מיליטער, ארמיי, סאָלדאט.

חלוק (כילעק) — אינטערשיד.
חית (כעס) — דאָס אכטע אות פונעם אלעף בית.
חכם (כאָכעם) — קלוגער, געלערנטער.
חכמה (כאכאָמע) — קלוגע פרוי.
חכמה (כאָכמע) — קלוגשאפט, קענטעניש.
חכמענען (כאָכמענען) זיך — זיך וויצלען, טרייבן שפּאס.
חלב (כיילעוו) — פעטס פון רינדער און שאָף.
חלה (כאלע) — קוילעטש.
חלום (חאָלעם) — זעעונג אין שלאָף, אילוזיע, פאָרשטעלונג.
חלשן (כאלעשן) — פארלירן דעם באוווסטזיין, פאלן אין חלשות.
חלש (כאָלעש) — שוואכער, קרענקלעכער.
חלילה (כאָלילע) — באהיט זאָל מען ווערן.
חלילה וחס (כאָלילע וועכאס — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.
הלל (כאָלעל) — ליידיקער רוים, אויסגעהוילטקייט.
חלף (כאלעף) — דאָס מעסער מיט וועלכן דער שוחט קוילעט בהמות אָדער עופות.
חלפן (כאלפען) — געלט טוישער, פּראָצענטניק.
חלק (כיילעק) — טייל, פּאָרציע, אָנטייל.
חלשות (כאַלאָשעס) — גישט גוטקייט, איבל, אָנמאכט, שוואַכקייט.
חלשן (כאַלעשן) — ארייגפאלן אין א צושטאנד פון חלשות, שטארק אויסגיין נאָך עפּעס.
חמץ (כאָמעץ) — זויערטייג, ברויט,
חן (כיין) — שיינקייט, רייץ, סימפּאַטיע.
חן גריבעלעך — די גריבעלעך אין די באקן.
הנדלעך מאַכן — מאַכן אָנשטעלן, קאָקעטירן.
חניפה (כאניפע) — לעקעריי, זיסע פאלשע רייד.
חנפענען — עמעצן פאַלש לויבן.
חס־ושלום (כאסוועשאָלעם) — אָפּגעהיט זאָל מען ווערן.
חסד (חעסעד) — גענאָד, גוטסקייט, לאסקע, געפעליקייט, ווילטאַט.
„חסד של אמת„ (כעסעד של עמעס) — א ווילטעטיקע געזעלשאַפט.
חסיד (כאָסיד) — א פרומער, דער וואָס גלויבט אינעם צדיק, אין א גוטן יידן.
חסידות (כאסידעס) — מיסטישע באוועגונג ביי יידן אנטשטאַנען אינעם 18־טן יאָרהונדערט.
חסר דעהש (כסארדייש) — משוגע, פארלוירן דאָס געוויסן, אָן פארשטאַנד.

חסרון (כיסאָרן) — פעלער, בלויז, מינוס.
חפצים (כאַפייצים — זאַכן.
חצוף (כאָצעף) — אומפארשעמטער, פארשייט.
חצות (כאַצאָס) — האַלבע נאַכט,
חקירה (כקירע) — פילאָזאָפיע, פאָרשונג, גריבלען, טיף טראַכטן.
חרוב (כאָרעוו) — רואינירט, צעשטערט ווערן, פארוויסט ווערן.
חרטה (כאראָטע) — פארדראָס אויף באַגאַנגענע פעלערן, באַנגעון.
חריף (כאריף) — שאַרפזיניקער.
חרם (כיירעם) — פארפליכטונג, אויסראָטונג, פארשעלטונג, אין חרם אריינלייגן. פאַנאַטישע פּראָצעדור פון ארויסוואַרפן עמעצן פון דער יידישער געזעלשאַפט.
חרם־קוויטל — שריפטלעכער פארבאָט.
חרפּה (כארפּע) — שאַנדע, באַליידיקונג.
חשבון (כעשבן) — רעכענונג, אריטמעטיק.
(כשאד) — פארדאַכט.
חשיבות (כשיוועס) — אָנזען, בבבודיקייט.
חשק (כיישעק) — באגער, גלוסטעניש, ווילן, פלייס.
חתונה (כאַסענע) — דאָס געזעצלעכע פארבינדן צווישן מאַן און פרוי, דאָס שטעלן א חופּה.
חתן (כאָסן) — פארקנסטער, א יונגער מאַן וואָס האָט א כלה.
חתן־כלה (כאָסן־קאַלע) — א בחור און א מיידל נאָך די תנאים.
חתמענען (כאַסמענען) — אונטערשרייבן.

ט

טבילה (טווילע(— דאָס אונטערטונקען אין וואסער לויטן רע־ליגיעזן געזעץ.
טבע (טעווע) — נאַטור, געוווינהייט, כאראקטער.
טובה (טויווע) — געפעליקייט, גוטסקייט.
טוב ורע (טויוו ווערא) — גוטס און שלעכטס.
טועה (טויע) — מאַכן א גרייז, האָבן א פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן עפּעס. א טעות האָבן.
טלית קטן (טאַלעס־קאָטן) — לייבצודעקל.
טמא (טאָמע) — אומריין.
טעות (טאָעס) — פעלער, גרייז, נישט קיין ריכטיקן מיין, פאַלשע פאָרשטעלונג.
טעם (טאַאם) — געשמאַק, אורזאַך, מאָטיוו, זין, באַדייט.
טענה (טיינע) — פאָדערונג, פּרעטענזיע, דערווידערונג, רייד שמועס.

טענה־ומענה (טײנע־אומײנע) · אויסרײד, דאָס דערװידערן, דאָס
ארויסרוקן קעגן מאָטיװן.
טפש (טיפּעש) — נאַר, שוטה.
טרוד (טאָרעד) — פאַרנעמען.
טרחה (טערכע) — מי, באַמיונג.
טריפה (טרײפע) — ריטועל, נישט דערלויבט צו פאַרזוכן.

י

יאוש (ײאוש) — פאַרצװײפלונג, אָפּהענטיקײט, רעזיגנאַציע.
יבשה (יאַבאָשע) — טרויקעניש, קאָנטינענט.
ידיד (יעדיד) — גוטער פרײַנט, גוטער ברודער.
יהודה (יעהודע) — נאָמען, א געגנט אין ישראל.
ידיעה (יעדיע) — מעלדונג, מיטײלונג, געניטקײט, באהאַונקײט.
יובל (יוױל) — א פעריאָד פון פופציק יאָר. אײנמאָל אין יובל,
זײער זעלטן.
יום־טוב (יאָמטעװ) — פײערטאָג, פײערונג.
יום־כפור (יאָמקיפּער) — טאָג פון פאַרגעבן די זינד, פאַסט־טאָג.
דער הײליקסטער ײדישער יום טוב.
יום־הדין (יאָם האדין) — יום כפור. דער טאָג פון גערעכטיקײט.
יועץ (יועץ) — ראַטגעבער, עצה געבער.
יוצא (יױצע) — װעגן, נישט מיטן גאַנצן האַרץ, לפנים.
יורש (יױרעש) — ירושה־נעמער, נאָכפאָלגער.
יושב (יױשעװ) — זיצט, װױנט, א מענטש װאָס פאַרנעמט זיך
בלויז מיט לערנען.
יושר (יױשער) — גערעכטיקײט, רעכט, גלײַך, ריכטיק.
יחוס (ײכעס) — אָפּשטאַם, פײנע, הויכע אָפּשטאַמונג, פאַמיליע
שטאַלץ, אריסטאָקראַטישקײט.
יחיד (יאָכיד) — אײנציקער, אײנזאַמער, פּריװאַטער.
יחידי־סגולה (יעכידײ כגילע) — אײנצעלנע, אויסדערװײלטע.
יחסן (יאַכסען) — א מענטש פון א בעסערער פאַמיליע, אויס־
דערװײלטער, פּריװעליגירטער.
ילד (יעלעד) — קינד.
יללה (יעלאָלע) — געװײנערײ, געשרײ, קלאָגערײ.
ים (יאַם) — מערב־זײט, מער אין מעטאַפאָרישן זין, גרויסע
מאָס, א סך אָן א שיר.
ימח שמו (ײמאַך שמוי) — אָפּגעמעקט זאָל װערן זײן נאָמען.
יסוד (יעסאָד) — פונדאַמענט, גרונט, גרונטשטײן, באַזיס.

יסורים (יעסורים) — ערגעניש, זאָרגן, ליידן, ווייטיקן, פּיין.

יסורים־שוים — צרות, שוים פון יסורים, פּיין, ליידן, ווייטיקן ערגענישן.

יצר־הרע (ייצער האָרע) — פאַרפירער, פאַרפירערישער גייסט, וואָס רעדט אָן צו שלעכטס, שלעכטע ליידנשאַפטן, לוסט, גייציקייט.

יצר־טוב (ייצער טויוו) — גוטער גייסט, וואָס רעדט אָפּ פון שלעכטס. גוטע ליידנשאַפטן.

יקרות (יאָקרעס) — טייערקייט, שטייגונג פון פּרייזן.

ירשנען (יאַרשענען) — באַקומען ירושה.

ירושה (יערושע) — געירשנטע פאַרמעגן, גייסטיקע פעיקייטן, ארבטשאַפט.

יש (יעש) — א ווערטפולער מענטש, ווערטפולע זאַך, וויכטיקע פּערזאָן, א מענטש מיט א נאָמען.

י״ש (יעש) — יין שרף (יאַיִן סאָראַף) בראָנפן, משקה.

ישוב (יישעוו) — באַוווינט אָרט, דאָרף.

ישוב (יישעוו) — געדולד, געדאַנק, געלאַסנקייט, איבערלייגונג באַטראַכטן.

ישובניק (יישעווניק) — דאָרפס־ייד.

ישועה (יעשועע) — הילף, דערלייזונג.

ישיבה (יעשיווע) — העכערער רעליגיעזער לערן־אַנשטאַלט.

ישיבה־בחור (יעשיווע באָכער) — דער וואָס לערנט אין דער ישיבה.

ישראל (ייסראָעל) — א נאָמען. יידיש־לאַנד, יידיש־פאָלק.

יתום (יאָסעם) — א יינגל, וואָס ס'איז אים געשטאָרבן איינע פון זיינע עלטערן.

כ

כאור (קאַיאָר) — גאַנץ פרי, ווען ס'הייבט אָן צו טאָגן.

כבוד (קאָוועד) — אכטונג, ערע, רעספּעקט, רום.

כבוד־אב (קיבעד־אָוו) — רעספּעקטירן דעם פאָטער.

כבוד־אם (קיבעד־עם) — רעספּעקטירן די מוטער.

כדאי (קעדאַי) — ס'לוינט זיך, ס'איז ווערט.

כדומה (קעדוימע) — דעסטגלייכן, א שטייגער.

כדי (קעדיי) — אום, אַז, דאַמיט, מיטן ציל.

כדרך־הטבע (קעדערעך האַטעווע) — ווי דער שטייגער איז, ווי נאַטירלעך.

כהרף־עין (קעהערעף איין) — אין איין אויגנבליק.

כהן (קויהען) — פריסטער, נאָמען.
כוונה (קאַוואָנע) — מיין, ציל, קאָנצענטרירונג.
כוח (קויעך) — קראַפט, שטאַרקייט, מי, מאַכט, אָנשטרענגונג.
כוס—כוסה (קאָס־קויסע) — בעכער, באָקאַל, גלאָז.
כורעים (קוירים) פאַלן — אויף די קני פאַלן.
כזב ושקר (קאָזעוו װעשעקער) — פאַלש און ליגן.
כזית (קעזאַיס) — װי אַן איילבירט די גרויס. געמיינט זייער א קליין שטיקל.
כיבוד (קיבעד) — אויפנאַמע, די זאַכן מיט װעלכע מ׳איז מכבד.
כיבודים — דאָסזעלבע אין מערצאָל.
כידוע (קעיאָדוע) — װי ס׳איז באַקאַנט, װי מ׳איז באַװוסט.
כיור (קיער) — האַנטפאַס אין שיל אויף צו װאַשן די הענט.
כישוף (קישעף) — צויבער.
כשוף־מאַכער — צויבערער, קונצנמאַכער.
כל־בוניק (קאָלבוינעק) — װאָס אין דער קאָרט, שאַרלאַטאַן, רשע.
כל־טוב (קאָל טיוו) — אַלדאָס גוטס.
כל־זמן (קאָלזמאַן) — װי לאַנג, אַזוי לאַנג װי.
כלערליי (קאָלערליי) — פאַרשיידענע.
כל־נדרי (קאָלנידרע) — דאָס געבעט פון ערב יום־כפור.
כלא ידע (קעלוי יאָדע) — װי ער װאָלט נישט געװוסט ; נישט פאַרשטייענדיק.
כלב (קעלעוו) — הונט, שלעכטער מענטש.
כלב שבכלבים (קעלעוו שעביקלאָװים) — גאָר א שלעכטער מענטש.
כלה (קאַלע) — א מיידל װאָס האָט א חתן.
כלומרשט (כלוימערשט) — קלאָמפּערשט, אַזוי צו זאָגן, גלייך װי, מיט אַן אָנשטעל, אָפּ אַרנדיק.
כלי (קיילע) — געשיר, אינסטרומענט, געפעס, װערקצייג, אַרויס־ברענגען פון די כלים, אַרויסברענגען פון געדולד, שטאַרק אויפרעגן.
כלי־בית (קליי־באַיעס) — שטוב־זאַכן, מעבל.
כלי־זמר (קלעזמער) — מוזיקאַנטן, שפּילער אויף יידישע חתונות.
כלי־זמר (קליי־זעמער) — מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.
כלי־זין (קליי־זיין) — װאָפן, געװער.
כלי־קודש (קליי־קוידעש) — יידישע רעליגיעזע בעאַמטע.
כלל (קלאַל) — רעגל, אינגאַנצן, איבערהויפּט, פּרינציפּ.
כלל־ישראל (קלאַל־יסראָעל) — די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אַלע יידן.
כמה וכמה (קאַמע װעקאַמע) — זייער פיל.

כמעט (קימאט) — קוים, אזוי ווי, שיר, נאָענט צו דער פולקאָמענער צאָל.

כנים (קינים) לייז.

כנסת-ישראל (קנעסעס-יסראָעל) — דאָס יידישע פאָלק.

כסדר (קעסיידער) — אָן אויפהער, דורכאַנאַנד, לויטן סדר.

כעס (קאַאס) — צאָרן, פאַרדרוס, אויפרעגונג, בייזערן, אויפגעבראַכט.

כף-הקלע (קאַף-האַקעלאַ) — גיהנום.

כפרה (קאַפּאָרע) — פאַרגעבונג, אויסלייזונג: א מנהג ביי פרומע יידן צו שלאָגן כפרות ערב יום-כפור, דאָס הייסט ארומדרייען איבערן קאָפּ מיט א האָן אָדער מיט א הון, און זאָגן דערביי פּסוקים פאַרשידענע וועלכע הייבן זיך אָן מיט די ווערטער „בני-אָדם“ און דאָס זאָל בלומרשט הייסן, אז גאָט האָט זיי מוחל געווען די עבירות. פונדאַנען נעמט זיך די קללה: די כפרה זאָלסטו ווערן, זאָלסט דעם זעלבן סוף האָבן וואָס דאָס עוף. ווערן די כפרה נאָך עמעצן — נאָך עמעצן אויסגיין. ער טויג אויף כפרות. — ער טויג צו גאָרנישט, א לא יוצלח; מ׳דאַרף אים אויף כפרות — ער איז אן איבעריקער מענטש.

כצפיחת בדבש (קעצאַפּיכעס בידוואַש) — אזוי ווי א האָניק טייגל, זיס, געשמאַק.

כרוב (קרוווו) א מלאך מיט קרילעס.

כרך (קראַך) — א גרויסע שטאָט.

כשר (קאָשער) — לויט ריטועלע געזעצן דערלויבט צו עסן. גוט, ערלעך.

כשרע מציאה (קאָשערע מעציע) — גוט און ביליק. אויך אין איראָנישן; שלעכט איינגעהאַנדלטע זאַכן.

כתב-יד (קסאַוו יאַד) — מאַנוסקריפּט, דאָקומענט, האַנטשריפט

ל

לא (לוי) — ניין, נישט.

לא מיט א ספּאָדעק — בשום אופן נישט, אויסגעשלאָסן, נישטאָ וואָס צו ריידן דערפון.

לא דובים ולא יער (לוי דובים וועלוי יאַאַר) — נישט קיין בערן און נישט קיין וואַלד — נישט געשטויגן נישט געפלויגן, פאַנטאַזיע, חלום.

לא די (לוי דיי) — נישט גענוג.

לא=יחרץ (לוי=יעברא̈ץ) — גװלט, שװייג געלט, כאבאר.
לא=יוצלח (לוי יוצלעד) — אן אומבאהאָלפענער, א גרויסער שלימזל.

לא עליכם (לוי אלײכעם) — ניט פאר אייך גערעדט.

לא עליכמדיק — נישט מיט אלעמען, נישט בקו.

לא תרצח (לוי סירצעך) — זאָלסט נישט הרגענען.

לאיבוד=גיין (לעאיבור) — פארלוירן גיין, א תל, א שאָדן.

לבנה (לעוואָנע)

להבדיל (לעאוודעל) צום אונטערשייד.

להכעיס (לעהאכעס) — צולאָכעס טון.

לחיים (לעכאים) — משקה טרינקערס װונטשן זיך בשעתן טרינקען לחיים צום לעבן.

לוויה (לעװאיע) — באגלייטן א מת, אויף זיין לעצטן וועג.

לויתן (ליװיאָסן) — לעגענדארער פיש.

ל"ו צדיקים (לאמעד ווּאָוו צאַדיקים) — לויט יידישער רעליגיעזער לעגענדע, אויף וועמענס זכות ס'שטייט די וועלט.

לולב (לולעוו — פאלמענצווייג, פאַמענבלעטער.

לחלוטין (לאכלוטין) — אינגאנצן, אבסאָלוט.

לילית — די מלכה פון די שדים, אין געשטאלט פון א גאָר שיינער פארפירערישע פרוי.

לימוד (לימעד) — לערנען.

ליצנות (לייצאָנעס) — שפּעטעריי, וויצלעריי, אָפּאבן, שפּאס=טרייבן.

לית=דין ולית=דין (לעס דין וועלעס דאיען) — ווילקיר, אנארכיע, נישטאָ קיין געזעץ, נישטאָ קיין ריכטער.

לך=לך (לעך=לעכאָ) — גיי דיר. (דאָס קאפיטל פון שלום עליכמען, טוביה דער מילכיקער).

לכבוד (לעקאָוועד) — צום כבוד, צוליב. פאר.

למאי (לעמאי) צו וואָס? וועגן וואָס?

למד (לאמעד) — דאָס צוועלפטע אות פונעם אלעף בית. הייסט אויך לערנען. אויך באטרעפט דרייסיק.

למשל (לעמאָשל) — צום ביישפּיל.

לץ (לעץ) — וויצלער, לויט דער פאָלקס=לעגענדע א פרייליכער רוח, וואָס טוט אָפּ שפּיצלעך. נישט קיין ערנסטער מענטש.

לצנות (לעצאָנעס) — שפּעטעריי, וויצלעריי.

למען השם (לעמאַן האשעם) — אומבאדינגט.

לעת=עתה (לעסטאטע) — פאָרלויפיק, אינדערוויל.

לקחענען (לאקכענען) — גנבענען, צונעמען.

לשון (לאָשל) — שפּראַך, צונג, אויסשפּראַך, רייד. אָפּגענומען דאָס לשון. אויפגעהערט צו ריידן.
לשון־קודש (לאָשן־קוידעש) — הייליקע שפּראַך, העברעיש.
לשון־הרע (לאָשנהאָרע) — שלעכטע רייד.
לתרבות־רעה (לעטאַרבעס־ראָ) — צו שלעכטס, צו זינד, אויף א שלעכטן וועג, צו א פרעמדער קולטור.

מ

מאכל (מייכל) — אַן עסן, שפּייז, געקאָכטס.
מבול (מאַבעל) — פאַרפלייצונג, שלאַקס־רעגן. לויט דער ביבל וואָס האָט פאַרפלייצט די ערד.
א מבול מיט מענטשן — זייער א סך מענטשן.
מבטיח זיין (מאַווטיעך) — צוזאָגן, פאַרזיכערן.
מבטל זיין (מעוואַטעל) — צו נישט מאַכן, אַנולירן, אָפּשאַפן, באַגאַטעליזירן.
מבין (מייווין) — קענער, פאַרשטייער, אָפּשאַצער.
מבינות זאָגן — אַרויסזאָגן א מיינונג, אָפּשאַצן.
מבייש זיין (מעוואַייעש) — פאַרשעמען, באַליידיקן.
מבקר חולה זיין (מעוואַקער כוילע) — באַזוכן א קראַנקן.
מגדל זיין (מעגאַדל) — דערציען, כאָוון.
מגושם (מעגושעם) — פאַרגרעבטער, וואולגאַרער מענטש, גראָבער יונג.
מגלה (מעגילע) די פורים־דערציילונג, א גאַנצע מגלה, א גאָר לאַנגע געשיכטע.
מגלה זיין (מעגאַלע) — אויפדעקן, אַנטפּלעקן.
מגיפה (מאַגייפע) — עפּידעמיע.
מדינה (מעדינע) — לאַנד, מלוכה, שטאַט, קעניגרייך.
מדרגה (מאַדרייגע) שטאַפּל, שטופע, טרעפּ.
מהלך (מעהאַלעך) גאַנג, וועג, שטרעקע.
מדרש (מעדרעש) — קאָמענטאַר צו דער ביבל. טעאָריע, פאָרשונג. שטודיע. דערקלערונג, אויסלייג.
מהומה (מעהומע) — געפילדער, גערודער, פאַניק, געטומל.
מהיכי־תיתי (מאַכטייסע) מילא, זאָל זיין אַזוי.
מסכים (מאַסקים) איינפאַרשטאַנען, אדרבה, ס'קען זיין אַזוי אויך, ריכטיק.
מודה זיין (מוידע) אָנערקענען, זאָגן דעם אמת. א מאָרגן־תפילה.
מודיע זיין (מוידיע) מעלדן, צו וויסן טון, באַקאַנט מאַכן.

מות (מויעד) — געהירן, מארעד. מוחיל (מויעכל) — קעפל.
מוחל זיין (מויכל) — אנטשולדיקן, פארגעבן, שענקען.
מומחה (מומכע) — שפעציאליסט, געניטער, עקספערט. דער־פארענער.
מוסר (מוסער) — שטראָפרייד, מאָרא, עטיק. פאָרוורף, זיטליכ־קייט, העפלעכקייט.
מוסרן (מוסערן) — שטראָפן, פרעדיקן מאָראל.
מוסר־השכל (מוסער האסקל) — מאָראל,
מוקצה (מוקצע) מיאוס, דערווידער, אָפגעזונדערט, אָפגעצוימט פּאַך.
מורד במלכות (מוירעד בעמאלכעס) — בונטאָוושטשיק קעגן .דער מלוכה אָרדענונג
מורא (מוירע) — שרעק.
מושב זקנים (מוישעוו זעקיינים) אנשטאלט פאר אלטע, אזיל.
מושב (מוישעוו) — מיסט, אומאָרדענונג. ווינאָרט. קרייז.
מותר (מיטער) — ריטועל דערלויבט. דערלויבט.
מזג־טוב (מעזעג־טויב) — גוממוטיקער כאראקטער, מילדער.
מזומן (מעזומען) — באר געלט.
מזיק (מאזיק) — א רוח, א פארדאָרבענער מענטש. בייזער גייסט, דעמאָן, טייוול.
מזל (מאזל) — שיקזאל, גורל, גליק, באשערטקייט, פּלאנעט.
מזל־טוב — (מאזל־טאָוו) — גרויס גליק.
מזרח (מיזרעד) — אָסטן, די זייט ווו די זון גייט אויף, זונ־אויפגאנג.
מחבר (מעכאבער) אוטאָר, פארפאסער.
מחויב (מעכוייוו) — פארפליכטעט.
מחוצף (מעכוצעף) — פרעכער, עזות־פנים.
מחותן (מעכוטן) — פאָטער אָדער נאָענטער קרוב פון חתן־כלה, אייגענער, נאָענטער
מחיה (מעכאיע) זיין — אויפלעבן, פארגעניגען האָבן, דער־קוויקן.
מחיה (מעכיע) — עקזיסטענץ, פרנסה. לייזן געלט.
מחיצה (מעכיצע)—צווישנשייד, אָפצוימונג, ווענטל. אָפטיילונג, לאגער.
מחלוקת — מאכלויקעס — קריגעריי, צאנקעריי, שפארעניש, שטרייט. פּאָלעמיק.
מחמת (מאכמעס) — צוליב, וויל, צוליב דעם.
מחנות (מאכנעס) — גרופּעס, לאגערס, מיליטער־אָפטיילונגען.

מחשבה (מאַכשאָווע) — געדאַנק, מיין, אבזיכט.

מחשבות (מאַכשאָוועס) — געדאַנקען.

מטבע (מאַטבייע) געלטשטיק, (מאָנעדע).

מטה (מיטע) טראָגבעטל פאַר טויטע.

מטופל (מעטופּל) — באַלאַסטעט מיט אַ סך קינדער.

מטורף (מעטוירעף) — צעמישטער, צעדולטער.

מטריח זיין (מאַטריעך) — באַמיען.

מחלל שבת בפרהסיא (מעכאַלעל שאַבעס ביפּרעסיע) — פאַר־
שוועכט דעם שבת עפנטלעך.

מי יודע (מי יוידייע) — ווער ווייסט?

מיאוסן זיך (מיסן) — עקלען.

מיאוס — (מיעס) — העסלעך, לאַיגוּוּיליק, עקל.

מיאש (מעיעש זיין). — פאַרצווייפלען, רעזיגנירן.

מידה (מידע) — אייגנשאַפט, זיטע, מאָס, אַרט, פּרינציפּ.

מידת־הדין (מידאַס האַדין) שטרענגע גערעכטיקייט, האַרבע אָנ־
ווענדונג פון געזעץ

מיוחס (מעיוכעס) — אָפּשטאַמיקער פון אַן אָנגעזעענער משפּחה,
פּריווילעגירטער, פּאַריסענער, אַריסטאָקראַט, פּאָרנעמער,
אדל.

מיושב (מעיושעוו) באַרעכנטער, אַ קלאָרער מענטש, אַ רויקער.

מיחוש (מייכעש) — שוואַכקייט, שלאַפקייט, שמאַרץ, ליידן.

מילא (מיילע) — נו, זאָל זיין אַזוי.

מין — סאָרט, אַרט, געשלעכט, גאַטונג, אַפּיקורס.

מישב זיין (מעיאַשעוו) — באַרעכענען, באַטראַכטן, איבערלייגן.

מכבד זיין (מעכאַבער) — אויפנעמען, מיט כבוד.

מכה (מאַקע) — געשוויר, פּלאָג, בראָך, וווּנד, נידערלאַגע, קלאַפּ.

מכוון זיין (מעכאַוון) — באַטראַכטן, זיך פאַרטיפן, אַריינטראַכטן,
צילן, מיינען.

מכוח (מיקויעך) — וועגן

מכין זיין (מייכן) — זיך צוגרייטן; אָפּטון אַ באַדערפעניש.

מכל המינים (מיקאָל האַמינים) — פון אַלע סאָרטן.

מכל־טוב (מיקאָל טוו) פון אַלעם גוטן.

מכל־וכל (מיקאָל וועקאָל) — פון אַלץ און אַלעמען.

מכל־שכן (מיקאָל שקען) שוין אָפּגערעדט דערפון, אוודאי און
אוודאי.

מכלומרשט (מיקלוימערשט) — אַזוי צו זאָגן, מאַכנדיק אַן אָנ־
שטעל.

מכשפה (מאַכשייפע) — כשוף־מאַכערן, בייזע פרוי.

מלא=גדולה (מאָלע געדולע) פול מיט פרייד.
מלא וגדוש (מאָלע װעגאָדיש) — אָנגעשטאָפּט מיט װיסן.
מלא=חמה (מאָלע כײמע) — פול מיט צאָרן.
מלא=רציחה (מאָלע רעציכע) — אױפגעבראַכט, װי גרייט צו הרגענען.
מלאך (מאלעך) ענגל, שליח, א גוטער מענטש.
מלאך=דומה (מאלעך=דוימע) — דער מאלעך װאָס נעמט אויף די טויטע אויף יענער װעלט — לויט מיסטישע באַגריפן.
מלאך המות (מאלעך האמאָװעס) — דער מלאך פון טויט, לויט די מיסטישע השגות.
מלאכי=חבלה (מאלאכײ=כאבאָלע) — לויט מיסטישע לעגענדעס, מלאכים װאָס פּײניקן מענטשישע נשמות אויף יענער װעלט.
מלאָכה (מעלאָכע) — ארבעט, פּראָפעסיע, פאך, האנטװערקעריי, באשעפטיקונג.
מלבוש (מלבעש) — קלייד, טראכט.
מלוכה (מעלוכע) — קעניגרייך, מדינה, שטאט.
מלחמה (מילכאָמע) — קאמף, קריג.
מליץ=יושר (מײליץ=יוישער) — פּארטײדיקער, אדװאָקאט.
מלכות (מאלכעס) קעניגרייך.
מלכותדיק — מאיעסטעטיש
מלך (מעלעך) — קעניג, אָנפירער, גאָט.
ממזר (מאמזער) — אומגעזעצלעך קינד, כיטרער, דורכגעטריבע=נער, קלוגער, געשיקטער, באסטארד.
ממילא (מימײלע) — פון זיך אליין, פארשטענדלעך, זעלבסט-פארשטענדלעך.
ממיתן (מײמיסן) הרגענען, שלאָגן.
ממש (מאמעש) — װירקלעך, קאָנקרעט, אין דער אמתן.
ממשות (מאמאָשעס) — װירקלעכקייט, רעאליטעט.
ממתקים (מאמטאקים) — זיסװארג, געלט.
ממשלה (מעמשאָלע) — מאכט, הערשאפט, קעניגרייך, שטאט, רע=גירונג.
מן=הסתם (מינאסטאם) — װארשײנלעך.
מנדר געװען (מענאדער) — צוגעזאָגט א געשאנק אויף רעליגיעזע אָדער געזעלשאפטלעכע צװעקן. פײערלעך זיך באשטײערט
מנהג (מינעג) — אײנפיר, שטײגער, טראדיציע, אָרדנונג.
מנוחה (מענוכע) — רו, אָפּרו.
מנורה (מענוירע) — לײכטער, לאָמפּ.

מנחה (מינכע) — פארנאכטיק דאווענען. געשענק, טריבוט. לרבן־מנחה.

מנין (מיניען) — ווייניקסטנס צען יידן וואָס דאווענען צוזאמען, צאָל, ערא, צייטרעכענונג.

מניעה (מעניע) — שטערונג, אָפּהאלט.

מסוגל (מעסוגל) — צוגעפּאסט, פעיק.

מסוכן (מסוקן) — געפערלעך קראנק, איינגעשטעלט. פארביי, געפערלעך, געוואגט.

מסתמא (מיסטאָמע) — מן הסתם, ווארשיינלעך, געוויס.

מסור (מאָסער) — דענונציאנט, צוטראָגער, אויסגעבער.

מסכים (מאסקים) — איינשטימיק, נאָכגעבן.

מסחר (מיסכער) — האנדל, געשעפט.

מסחרים (מיסכאָרים) — געשעפטן.

מסרן (מאסערן) — דענונצירן, צוטראָגן, פארקלאָגן.

מסקנות (מאסקאָנעס) — אויספירונגען, רעזולטאטן.

מעוברת (מעאוברעס) — א שוואַנגערע פרוי.

מעות־חטין (מאָעס כיטין) — געלט וועגן מצות פאר אָרעמע לייט.

מעלה־גרהן (מאלעגיירן) — קייען ווי א בהמה.

מעלה (מיילע) — גוטע אייגנשאפט, פאָרצוג, שטופע, טרעפ.

מעמדות (מאמאָדעס) — אָפּצאָל וואָס חסידים פלעגן זיך באשטייערן פארן רבינס וועגן.

מערב (מיירעוו) — די זייט וו די זון פארגייט, וועסט.

מעשה (מייסע) — פּאסירונג, געשיכטע, האנדלונג, טאט, ארבעט, ענלעכקייט, ארט, פאָרפאל, דערציילונג, באשעפטיקונג, זיך אָנטון א מעשה, זיך נעמען דאָס לעבן.

מעשה־באָלעבאָס — אזוי ווי א באלעבאָס, מעשה־ניסים, ווי א וואונדער מעשע.

מעשה־פריץ — ווי א פריץ.

מעשה־צדקה — וווילטעטיקע טאטן.

מעשה־קונדס — ווי א שטיפער.

מעשה־שטן — צום אומגליק, אויף צו להכעיס.

מעשה־שררה — מאַגיאטיש, פריציש.

מעשה־שהיה — (מייסע שעהאָיע) א זאך וואָס איז געשען; האָט זיך געטראָפן.

מעשים (מייסים) — טאטן, טואונגען.

מעת־לעת (מעסלעס) — א טאָג מיט א נאכט 24 שעה.

מפורסם (מעפורסעם) ווערן — בארימט ווערן, פּאָפּולער ווערן.

מפּיל זיין (מאפּיל) — געבוירן א טויט קינד.

מפּלה (מאפּאָלע) — דורכפאל, נידערלאגע.

מפרנס זיין (מעפּארנעס) — שפּייזן, אויסהאלטן, דערנערן, פּאַרזאָרגן.

מפרשים (מעפאָרשים) — קאָמענטאַרער פון דער רעליגיעזער לי־טעראַטור, דערקלערער.

מצב (מאַצעוו) — צושטאַנד, לאַגע, סיטואַציע.

מצבה (מאַצייווע) — אָנדענק־שטיין אויף א קבר, סטאַטוע, דענקמאָל.

מצה (מאַצע).

מצוה (מיצווע) — רעליגיעזער געבאָט, גוטע טאַט, באַפעל, פליכט.

מצוה־טענצל — טאַנץ מיט דער כלה נאָך דער חופה.

מציאה (מעציִע) — געפונענע זאַך, ביליק געקויפטע זאַך.

מציל (מאַציל) זיין — אָפּהיטן, ראַטעווען, באַשיצן.

מצרים (מיצראַים) — עגיפּטן.

מקבל־פּנים (מעקאַבעל פּאָנעם זיין) — אויפנעמען, באַגעגנען א גאַסט, א חתן.

מקבר זיין (מעקאַבער) — באַגראָבן א געשטאָרבענעם.

מקוה (מיקווע) — ריטואַל־באָד, באַסיין.

מקום־קדוש (מאָקעם־קאָדעש) — הייליק אָרט, ווי בית־מדרש, שיל.

מקור (מעקאָר) — קוואַל, שטאַם, וואָרט־שטאַם.

מקח (מעקעך) — פּרייז.

מקיים (מעקאַיעם זיין) — אויספירן, דערפולן, פאַרווירקלעכן.

מקנא (מעקאַנע זיין) — נישט פאַרגינען, וועלן זיין אין יענעמס לאַגע.

מקרב (מעקאַרעוו זיין) — דערנענטערן, פּראָטעזשירן.

מרה־שחורה (מאָרעשכוירע) — דערשלאָגנקייט, טרויער, אומעט מעלאַנקאָליע.

מרחם (מעראַכעם זיין) — רחמנות האָבן, דערבאַרעמען.

מרחץ (מערכעץ) — ריטואַל־באָד, באָד.

מרידה (מערידע) — אויפשטאַנד, בונט.

„מרפא־לנפש" (מאַרפּע־לענעפעש), — דאָ א נאָמען פון א וויל־טעטיקער געזעלשאַפט.

מרשעת (מאַרשאַאַס) — א בייזע שלעכטע פרוי.

משא (מאַסע) — לאַסט, פאָרטראַג.

משא־ומתן (מאַסע אומאַטן) — געשעפט, פאַרהאַנדלונג, קאָנטאַקט.

משגיח זיין (מאַשגיעך) — אויפזיכט האָבן, השגחה געבן, אַכטונג געבן.

משוגע (מעשוגע) — צעמישט, דול, מעשוגענער.

משוגעת (מעשוגאַס) — צעמישטקייט, נישט קלאָרקייט, גרויסע נאַרישקייט, שגעון.

משולח (מעשולעד) — שליח, דעלעגאט.

משונהדיק (מעשונע) — מערקווירדיק, אויסטערליש, מאָדנע.

משורר (מעשוירער) — זינגער, פּאָעט, דיכטער.

משיג (מאסיג זיין) — באנעמען, פארשטיין, באגרייפן.

משיח (מאָשיעך) — געזאלבטער.

משכון (מאשקן) — איינגעלייגטע זאך, פארזעצטע זאך.

משכיל (מאסקיל) — אויפגעקלערטער, אָנהענגער פון דער אויפקלערונגס באוועגונג ביי יידן, געבילדעטער.

משל (מאָשל) — פארגלייך, פאבל, אלעגאָריע, ביישפּיל. שפּריכוואָרט.

משמח (מעסאמייעך זיין) — פרייליך מאכן.

משניות (מישנאיעס) — זאמלונג פון טראדיציעס און געזעצן וואָס יהודה הנשיא האָט צונויפגעזאמלט.

משפחה (מישפּאָכע) — פאמיליע.

משפט (מישפּעטן) — אורטיילן, ארויסגעבן געזעצן.

משרת (מעשאָרעס) — דינער.

מת (מעס) בר-מינן. טויטער, געשטאָרבענער.

מתיר (מאטיר זיין) — דערלויבן.

מתמיד (מאסמיד) — פלייסיקער אין לערנען.

מתנגד (מיסנאגעד) — קעגנער פון חסידות.

מתנה (מאטאָנע) — געשאַנק, פּרעזענט.

מתקן (מעסאקן זיין) — אויפטון, פאריכטן.

מתקנא (מיסקאנע זיין) — האָבן איפער, באגערן צו זיין, אָדער האָבן ווי א צווייטער

נ

נאמנות (נעמאָנעס) — אויפן וואָרט, צוטרוי, ערן-וואָרט, טרייקייט באגלייביקייט.

גביא (נאָווי) — פּראָפעט.

נבלה-שינדער (נעווילע) — די וואָס שינדן די פעל פון בהמות און חיות.

נבול-פה (ניוול-פּע) — מיאוסע, פּאָרנאָגראפישע רייד.

נגינה (נעגינע) — מעלאָדיע, מוזיק, געזאנג.

נגיד (נאָגיד) — רייכער מאן, פירער.

נדבה (נעדאָווע) — שענקען געלט פאר אן אָרעמאן.

נדן (נאדן) — דאָס געלט וואָס דער חתן באקומט פון דער כלהס עלטערן; חתונה אויסשטייער, וואָס די עלטערן גיבן פאר זייערע קינדער.

נדר (נײדער) טון — פײער׳עך צוזאָגן.
נוגע (נויגײע) — באַטרעפט, באַרירט, גײט אָן.
נוסח (נוסעך) — סטיל, שטײגער, טראַדיציאָנעלע־מעלאָדיע; וואַריאַנט.
נוקם (נויקעם) זײַן — זיך אָפּרעכנען, אָפּצאָלן יענעם שלעכטס פאַר שלעכטס, נקמה נעמען.
נחלה (נאַכלעס) — אײגענע ווירטשאַפט; אײגנטום, אײגענע שטוב, ירושה, באַזיץ.
נחמה (נעכאָמע) — טרײסט.
נחת (נאַכעס) — הנאה, פרײד, פאַרגעניגן, רו.
ניגון (ניגן) — מעלאָדיע.
ניחא (ניכע) זײַן — אָנגעלײגט, אָנגענעם, צום הארצן, רעכט.
ניסן (ניסן) — זיבעטער חודש לויט יידישן רעליגיעזן קאַלענדער.
ניצול ווערן (ניצל) — געראַטעוועט ווערן.
נמאס (נימעס) ווערן — דערעסן, פאַרמיאוסט.
נמשל (נימשל) — סענטענץ, מאָראַל פון א משל; די זאַך וואָס ווערט פאַרגליכן
נס (נעס) — וווּנדער, פּאָן, צײכן.
נסיע (נעסיע) — רײזע.
נע־ונדיק (נאַווענאַדניק) — וואָגלער, וואַנדערער
נעלם (נעלעם) ווערן — פאַרשווינדן, פאַרפאַלן ווערן.
נפקא מינה (נאַפקעמינע) — אונטערשיד.
נפש (נעפעש) — פאַרשוין, באַשעפעניש, נשמה, פּערזאָן.
נפטר ווערן (ניפטער) — שטאַרבן.
נצחון (ניצאָכן) — זיג, אַמביציע.
נצרך (ניצרעך) — נויטבאַדערפטיקער, אָרעמאַן.
נקבה (נעקייווע) — פרויענצימער, גאַסנפרוי.
נשיא (נאָסי) — פירסט, פּרעזידענט.
נשמה (נעשאָמע) — אָטעם, זעלע, לעבן, גײסט, חיות.
נשמה־יתירה (נעשאָמע־יעסײרע) — דערהויבענע נשמה.
נתעשר (ניסאַשער) ווערן — רײַך ווערן.
נתפּעל (ניספּאָעל) ווערן — איבעראַשט, אַנטציקט ווערן.

ס

סביבה (סוויווע) — פּראָווינץ, געגנט, דער אַרום.
סברא (סוואָרע) — מײנונג, געדאַנק, השערה, היפּאָטעזע

סגולה (סגולע) — מיטל, היילמיטל, אייגנטימלעכקייט, וונדער־מיטל.

סדר (סיידער) — אָרדענונג, שטייגער פון דער וועלט. טראַדי־ציאָנעלע סעודה אין די ערשטע צוויי פּסח־נעכט.

סדרה (סעדרע) אָפּטייל פון חומש.

סוגיא (סוגיע) — אָפּהאַנדלונג אין תלמוד; א שווערע סוגיא — א שווערע פראגע, פּראָבלעם, שטעל אין תלמוד.

סוד (סאָד) — געהיימניש, סעקרעט.

סוחר (סויכער) — הענדלער, קרעמער.

סוכה (סוקע) — ביידל.

סוף (סאָף) — שלוס, ענדע.

סוף־לוח (סאָף־לועך) — ווען דער קאַלענדער ענדיקט זיך ד. ה. סוף יאָר.

סהורה (סכוירע)

סטרא־אחרא (סיטרע־אַכרע) — די צווייטע זייט: געמיינט דער טייוול.

סיבה (סיבע) — אורזאַך.

סיון (סיוון) — דער דריטער חודש לויט דער יידישער צייט־רעכנונג.

סימן (סימען) — צייכן, באַווייז.

סך (סאַך) — א צאָל. א סאַך, א גרויסע צאָל.

סך הכל (סאַך האַקל) — סומע, אונטערשטע שורה; בילאַנס, ארום און ארום, אינגאַנצן גענומען.

סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר, לעבנס־געפאַר.

סכנת־נפשות (סאַקאָנעס נעפאָשעס) — זייער געפערלעך.

סכסוך (סיכסעך) — קאָנפליקט, רייבונג.

סליחות (סליכעס) — אזעלכע תפלות.

סליחות־צייט — האַרבסט.

סם (סאַם) — גיפט, מעדיקאַמענט.

סמבטיון (סאַמבאַטיען) — לעגענדאַרער טייך, וואָס וואַרפט פון זיך א גאַנצע וואָך שטיינער, און שבת בלייבט ער שטיל.

סנהדרין (סאַנהעדרין) — סענאַט, דאָס העכסטע בית־דין אמאָל ביי יידן.

סניגור (סאַנייגער) — פאַרטיידיקער.

סעודה (סודע) — מאָלצייט. קערמעשל. פייערלעכער מאָלצייט אויף א חתונה, א ברית

ספק (סאָפעק) — צווייפל.

ספר־תורה (סײפער טוירע) — די ביבל, װאָס איז געשריבן אויף פּאַרמעט אין פאָרם פון א מגלה.
ספר (סײפער) — א בוך.
סתם (סטאם) גלאַט אזוי, אומבאַשטימט.

ע

עבודה (אַװױדע) — אַרבעט, דינסט, אמט, א תפלה.
עבירה (אַװײרע) — זינד, פאַרברעכן, א שאָד.
עגונה (אגינע) — א פרוי װאָס װײסט נישט צו איר מאַן לעבט.
עגמת־נפש (אגמעס נעפעש) — האַרצװײטיק, קרענקונג, קומער, פאַרדרוס.
עגל (אײגל) — א קאַלב — אַן אָפּגאָט געמאַכט פון גאָלד אין פאָרם פון א קאַלב.
עד־היום (אדהאיעם) — ביזן הײנטיקן טאָג.
עדה (אײדע) — געמײנדע, קהלה, גרופּע.
עדות (אײדעס) — דער װאָס באַשטעטיקט פאַרן געריכט עמעצנס שולד אָדער אומשולד.
עובר בטל (אױװער־באָטל) — אָפּגעפאָרן אויסגעװעפּט.
עולה (אױלע) — אומרעכט.
עול (אָל) יאָך, לאַסט, שװערע פליכט.
עולם (אױלעם) — געזעלשאַפט, פּובליקום, װעלט.
עולם הזה — די װעלט; פאַרגעניגנס אויף דער װעלט.
עולם הבא. (אױלעם האבע) — יענע װעלט.
עופות (אױפעס)
עושר (אױשער) — רײַכער.
עזות־פּנים (אזעס פּאָנעם) — פרעכער, אומפאַרשעמטער.
עילוי (אילע) — א בחור מיט געניאַלע פײקײטן.
עין־הרע (איען האָרע) — בײז אויג, „גוט אויג“.
עיפוש (איפּעש) — שמוץ, אומרײנקײט, שלעכטער גערוך, שימל.
עיקר (איקער) — הויפּטזאַך, דאָס װיכטיקסטע, שטאַם, װאָרצל, קערן, גאָט, אבסאָלוט.
עיקר שכחתי (איקער שאָכאַכטי) — דאָס װיכטיקסטע האָב איך פאַרגעסן. פּאָסט סקריפּטום.
על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. (אל רישען רישען װעאַל אַכרען אַכרען) — ענטפערן לויט דער ריי, לויט סדר.
עיקש (איקעש) — אַן אײַנגעשפּאַרטער, א פאַרדרײטער.

עליה השלום (אָלעהאָ האשאָלעם) פרידן אויף איר. צושפרוך ווען מען רעדט פון א פארשטאָרבענער. עליו השלום, צושפרוך ווען א פארשטאָרבענעם.

על־כן (אלקיין) — דעריבער.

על־פי (אלפּי) — לויט, דורך.

על־פי־דין (אלפּי דין) — לויטן געזעץ.

על־פי־נס (אלפּי נעס) — דורך א וואונדער.

על־פּי־רוב (אלפּי ראָוו) — מערסטנטייל, צום אָפטסטן.

עם־הארץ (אמאָרעץ) — פּראָסטאַק, אנאלפאבעט, גראָבער יונג.

עליה (אליע) — ארויפגאַנג, הויכקייט, בוידעם, שטאָק. מ׳איז מכבד מיט אן עליה צו דער תורה.

עם ארצי̇ש (אמעראשיש) — גראָביונגיש

עם־הארץ־דאוריתא (דעאוויריטע) — אויסגעשפּראָכענער גראָבער יונג.

עמוד (אָמעד) — שטענדער, ביי וועלכן ס׳דאַוונט דער חזן. זייל. טריבונע.

עניו (אָנעוו) — באשיידענער, עלנדער, גוטמוטיקער.

עניוות (אניוועס) באשיידנקייט, גוטמוטיקייט.

עני ואביון (אָני וועוויען) — גרויסער אָרעמאן.

ענין (איניען) — אָנגעלגנהייט, זאך, פּראָבלעם, פראגע, אינטערעס אינהאלט.

עץ־הדעת (אייץ האדאאס) — בוים פון וויסן.

עצה (אייצע) — ראט, אויסוועג, פּלאַן, איינפאל.

עצם (עצעם) — קערן, דאָס וועזנטלעכע, עצם זאך, הויפּט־זאך, ביין, זעלבסט, אייגנטלעך.

עקרה (אקאָרע) — קינדערלאָזע פרוי.

עקשן (אקשן) — איינגעשפּארטער, הארטנעקיקער.

עקשנות (אקשאָנעס) איינגעשפּארטקייט, הארטנעקיקייט.

ערב (ערעוו) — אָוונט, פריער מיט א טאָג.

ערב (אָרעוו) — גאראנטירן, פארזיכערן.

פּ

פּגירה (פּגירע) — דאָס שטארבן פון בהמות, קראנקע בהמה פויל פערד, טויט.

פּגע־רע (פּ׳גא־ראָ) — נישטגוטער, רוח, טייוול, שלאק, אָנשי־ קעניש, שלעכטער צופאל, אומגליק.

פּגימות (פּגימעס) — קריצן, באשעדיקונגען.

פגרים (פּגאָרים) — טויטע, מתים.
פדיון (פּידיען) — לייזעכץ, אויסלייזן, געלט וואָס חסידים גיבן דעם רבין.
פה־אל־פה (פּע על פּע) — רעדן פּערזענלעך, אויף פיר אויגן.
פּועל (פּויעל) — אַרבעטער.
פּועל־בטל (פּויעל באָטל) — אַרבעטסלאָזער, ליידיקגייער.
פּועלן (פּוילן) — אויספירקן, אויספירן, דערגרייכן.
פּושע (פּאָשע) — זינדיקער קעגן דער יידישער אמונה, פאַרברעכער
פּותיקא (פּויטיקע) — אוצר, סומע געלט.
פּחד (פּאַכעד) — מורא, שרעק (פּאַכעד) — מוראַדיקער, איינער וואָס שרעקט זיך.
פּטור (פּאַטער) ווערן — פריי ווערן, זיך אָפּטשעפּן, שולדלאָז, אומשולדיקער, באַפרייטער.
פּורים (פּורעם) — דער יום־טוב וואָס יידן פייערן, ווייל זיי זענען ניצל געוואָרן פון אומקום.
פּירוש (פּיירעש) — קאָמענטאַר, טייטש, דערקלערונג. בפּירוש, (בעפּיירעש) אויסדריקלעך.
פּירות (פּיירעס) — פּרוכטן.
פּלפּול (פּילפּעל) — סכאָלאַסטיק, פאַרפּלאָנטערטע חקירה, קאַזו־איסטיק, דיסקוסיע, פּעפּער.
פּלוניתטע (פּלוניסטע) — ווייב.
פּליטה (פּלייטע) — מאַכן, — באַנקראָטירן, אַנטלויפן, אַפּציען, רעטונג.
פּנים (פּאָנעם) — געזיכט, אויסזען, א פּנים, ווייזט אויס, לפּנים (לעפּאָנעם) אמאָל, פאַרצייטן, אויסערלעך.
פּנקס (פּינקעס) — כראָניק־בוך פון דער יידישער קהלה, העפט, נאָטיץ־בוך.
פּסול (פּאָסל) — ריטועל נישט גילטיק, נישט טויגבאַר.
פּסול (פּסול) — חסרון, פעלער.
פּיסול — סקולפּטור.
פּסוק (פּאָסוק) — ביבל־זאַץ, פערז, ביבל.
פּסח (פּייסעך) — יידישער יום־טוב, לויט דער טראַדיציע, זענען זיי דעמלט אויסגעלייזט געוואָרן פון קנעכטשאַפט.
פּסק (פּסאַק) — אורטייל, אָפּשניט, שטראָף.
פּעולה (פּעאולע) — אויפטו, ווירקונג, טאַט, טעטיקייט, איינפלוס.
פּרא־אָדם (פּערע אָדעם) — ווילדער, נישט דערצויגענער מענטש.
פּרוטה (פּרוטע) = גראָשן, קליינע מטבע.
פּרוכת (פּערויכעס) — פאָרהענגל, פאָרהאַנג פאַרן אָרון קודש.

פרנס (פּארנעס) — ראש־הקהל, דאָזאָר, געמיינדע־פאָרשטייער.
פרנסה (פּארנאָסע) — פּארדינסט אויף חיונה, באדערפעניש, איינ־קונפט, פּארדינסט.
פרס (פּאָרעס) — פּערכיע.
פשוט (פּאָשעט) — איינפאך, גראָד, פּראָסט.
פשרה (פּשאָרע) — אויסגלייך, קאָמפּראָמיס.

צ

צאינה־וראינה (צענע־רענע) — דער טייטש פון דער ביבל פאר פרויען.
צד (צאד) — זייט.
צדיק (צאדיק) — פרומער ייד, חסידישער רבי.
צדקה (צעדאָקע) — הילף פאר אָרעמע לייט.
צואה (צאוואָע) — אָנזאָג פארן שטארבן, טעסטאמענט.
צורה (צורע) פּיזיאָנאָמיע, אויסזען, בילד, אידיי.
צלם (ציילעם — קרייץ, בילד, געצנבילד, איקאָנע.
צמצום (צימצעם) — שפּאָרזאמקייט, באגרענצונג.
צנועה (צנוע) — באשיידענע, ציכטיקע, אָרנטלעכע, שעמעוודיקע, זיטלעכע.
צער־בעל־חי (צאר־באל־כיי) — מיטלייד מיט לעבעדיקע באשעפענישן.
צער (צאר) — שמארץ, ערגעניש, ווייטיק געמישט מיט רחמנות.

ק

קבורה (קוורע) — דאָס באערדיקן א געשטאָרבענעם, באגרעבעניש.
קבלה (קאבאָלע) — קאבאָלע, טראדיציע, קוויטונג, באשטעטיקונג.
קבלת־פּנים (קאבאָלעס־פּאָנעם) — פייערלעכע אויפנאמע.
קבצן (קאבצן) — אָרעמאן, בעטלער.
קבר (קייווער) — גרוב.
קדוש (קאָדעש) — הייליקער, מארטירער, גאָט.
קדמונים (קאדמוינים) — אמאָליקע.
קהלה (קעהילע) — יידישע געמיינדע, פּארוואלטונג.
קהל (קאָעל) — יידישע געמיינדע, פּארזאמלונג, פּובליקום
קודם (קוידעם) — צוערשט, פריער, פאר דעם.
קודם־כל (קוידעמקאָל) — פאר אלעמען.
קוהלת (קויהעלעס) — א טייל פון תנ״ך געשריבן אויף שלמה המלכס נאָמען.
קול (קאָל) — שטים, גערויש, קלאנג, געשריי, געוואלד.

קונים (קוינים) — קליענטן, קויפערס.
קטיגור (קאטײגער) באשולדיקער, פראָקוראָר.
קיום (קיעם) — באשטאנד, עקזיסטענץ, דויער, באשטעטיקונג.
קימאָ־לן (קיימעלאָן) — פעסט באשטימטע זאך אָדער סומע, באטרעף.
קין (קאיען) — ביבלישער פּערזאָנאזש, וואָס האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל, א מערדער.
קל־וחומר (קאל־וועכוימער) — לאָגישער אויספיר, קאָנקלוזיע, אוודאי.
קללה (קעלאָלע) — שעלט וואָרט, שעלטונג, אומגליק, שימפּוואָרט.
קמץ (קאָמעץ) — די וואָקאל.
קמצן (קאמצן) — קארגער, שפּאָרזאמער.
קנאה (קינע) — נישט פארגינעריי, צאָרן, אײפער.
קנאת־סופרים (קינעס־סאָפרים) — נישט פארגינעריי צווישן שרייבער.
קערה (קארע) — שיסל, טעלער.
קצב (קאצעוו) — פלייש־העקער, פלייש־הענדלער.
ק"ק קה"ה קדושה (קעהילע קעדוישע) — הײליקע געמײנדע.
קרבן (קאָרבן) — אָפּפער.
קרוב (קאָרעוו) — פריינט, אייגענער, פאמיליע מיטגליד.
קרוב לשמונים (קאָרעוו לעשמונים) — באלד אין אכציק יאָריקער.
קרוצה־בלועה (קרוע־כלוע) — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.
קרקע (קארקע) — ערד, באזונדערס פאר א קבר.
קשה (קאָשע) — שווערלעך, אומפארשטענדלעך.
קשיא (קאשע) — פראגע.

ר

רב (ראָוו) — ראבינער.
ראיה (רייע) — באווייז.
ראש־הקהל (ראָש האקאָעל) — קהל־פאָרזיצער.
ראשית (ריישעס) — ערשטנס.
רבי (רעבי) — לערער, וועגווייזער, מלמד, חסידישער רבי.
רבותי (ראבוסאי) — מיינע הערן.
רגז (רויגעז) — אויפרעגונג, כעס, בייזקייט.
רגע (רעגע) — מינוט, ווײלע, אויגנבליק.
רוב (ראָוו) — מערהייט, א סך.

רוח (רועך) — נישט גוטער, שד, בייזער גייסט, לופט, ווינט, גייסט.

רופא (רויפע) — פעלדשער, דאָקטער.

רוצח (רויצייעך) — באנדיט, גזלן, בייזער מענטש, מערדער.

רושם (רוישעם) — איינדרוק, צייכן, שמריך.

רחבות (ראכוועס) — גערוימקייט, באקוועמלעכקייט, ווייט, צעשפרייט.

רחמים (ראכמים) — דערבארמקייט, רחמנות, מיטלייד.

רחמנות (ראכמאָנעס) — בארמהערציקייט, מיטלייד.

רכילות (רעכילעס) — בארעדן.

רווח (רעווער) — פארדינסט.

ריח (רייעך) — גערוך, אראָמאט.

רעה (ראָע) — שלעכטס, בייז, אומגליק.

רעיון (ראיען) — געדאנק, איינפאל, אידיי.

רפואה (רעפוע) — היילמיטל, רעצעפט, היילונגס־מיטל.

רציחה (רעציכע) — געוואלד, אומרעכט, מאָרד.

רשות (רעשוס) — באזיץ, אויפזיכט, רעכט, מאכט, דערלויבעניש.

רשימה (רעשימע) — טאבעלע, פארצייכעניש, ליסטע.

רשע (ראָשע) — שלעכטער, בייזוויליקער מענטש.

רשע מרושע (ראָשע מערושע) — גאָר פארדאָרבענער מענטש.

רשעות (רישעס) — שלעכטקייט, בייזוויליקייט.

ש

שאול־תחתיה (שאָל־טאכטיע) — גיהנום.

שאלה (שיילע) — פראגע, ביטע, פראגע וועגן יידישן געזעץ.

שבועה (שווּע) — שווערן, פייערלעכער צוזאָג.

שבח (שוואך) — לויב, לויב־געזאנג.

שברי־כלי (שיווערקיילע) — צעבראָכענע זאך, צעבראָכענער מענטש.

שבת (שאבעס) — זיבעטער טאָג פון דער וואָך.

שד (שעד) — רוח, טייוול.

שדכן (שאדכען) — דער וואָס פירט אויס שידוכים, פארמיטלער.

שוא ושקר. (שאוו וועשעקער) — א גרויסער ליגן, פאלש און ליגן.

שוחר (שויכעד) — כאבאר.

שוחט (שויכעט)

שוטה (שויטע) — נאר.

שומר (שוימער) — היטער, וועכטער.

שונא (סוינע) — פיינט.

שופט (שויפעט) — ריכטער.
שופר (שויפער) — בלאָז=האָרן.
שופר של משיח (שויפער שעל מעשיעך) — משיחס בלאָזהאָרן.
שור=הבר (שאָר=האבאָר) — לעגענדארער אָקס, וואָס זיין פלייש
ווען עסן די צדיקים אין גן=עדן.
שורה (שורע) — ריי, ליניע.
שותף (שוטף) מיטבאטייליקטער.
שותפות (שוטפעס) — אסאָציאציע.
שחרית (שאכרים) — מאָרגן=תפלה.
שטן (סאָטן) — טייוול, פארפירער.
שידוך (שידעך) — פארבינדונג צווישן חתן=כלה.
ש״י עולמות (שאי אוילאָמעס) — דריי הונדערט און צען וועלט.
שיכור (שיקער) — באזויפער.
שיעור (שיער) — מאָס, צאָל, לעקציע.
שיר — געזאנג, פאָעזיע.
שירים (שיראים) — רעשטלעך פון עסן
שייכות (שייכעס) — אָנגעהערטיקייט, באציונג, פארהעלטעניש.
שכן (שאָכן) — מיטוווינער, לאָקאטאר, נאכבאר
שכר=טרחה (סכאר=טערכע) — באלוינונג.
שבירות (סבירעס) — לוין, געהאלט.
שכל (סייכל) — פארשטאנד, געדאנק, לאָגיק.
שלום (שאָלעם) — פרידן, רו.
שלום=עליכם (שאָלעם אליינעם) — באגריסונג, — פסעוודאָנים.
פון שלום ראבינאָוויטש, דער גרויסער יידישער הומאָריסט
און סאטיריקער.
שליח (שעליעך) קוריער, געשיקטער, דעלעגאט.
שלימזל (שלימאזל) — אומגליק, נישט געראָטענער, לא יוצלח
שליחות (שליכעס) — גאנג, ווילן, אויפגאבע, מיסיע, באפעל.
שמד (שמאד) — דאָ אלצדינג וואָס ער האָט געוואָלט. — טויפן
שמחה (סימכע) — פרייד, יום=טוב, פייערונג, פארוויילונג. א נאָ=
מען.
שמע קולנו (שעמא קוילייני) — הער אונדזער געשריי, א געבעט
אין די סליחות. א שמע קולינו — א קליינער חכם.
שמש (שאמעש) — א באדינער אין בית=מדרש.
שמשים (שאמאָשים) — בית=מדרש=באדינער.
שנאה (סוינע) — פיינטשאפט
שמות (שיימעס) — אָפגעריסענע בלעטער פון ספרים.
שנית (שיינעס) — צווייטנס.

שעטנז (שאטנעז) — געמיש פון וואָל מיט פלאקס אין א געוועב.

שעה (שאָ) — שטונדע, זעכציק מינוט.

שפיכת־דמים (שפיכעס דאָמים) — בלוט פארגיסונג.

שפע (שעפע) — איבערפול.

שמונה־עשרה (שמוינע עסרע) א תפלה וואָס ווערט געזאָגט שטי־לערהייט.

שקר (שעקער) — ליגן.

שלום־ושלוה (שאָלעם װעשאלווע) — פרידן און זאָרגלאָזקייט, רו, מנוחה.

שרפה (סרייפע)

שרץ (שערעץ) קריך־היהלע.

שררה (סראָרע) — מאגנאט, פריץ, הערשאט.

שתדלן (שטאדלען) — אינטערווענציאָניסט אין געזעלשאפטלעכע ענינים.

ת

תאוות (טייווע) — גלוסטעניש, שטארקע גיריקייט, ליידנשאפט. פארלאנג.

תבואה (טוווע) — קאָרן, ווייץ, גערשטן, פאסאָליעס.

תוהו־ובהו (טויהו וועווויהו) — כאאָס.

תהום (טעהאָם) אָפגרונט.

תהילים (טילים) — רעליגיעזע דיכטונגען.

תוך (טאָך) — גרונט, אינהאלט, וועזן, עצם.

תחלת (טכילעס) — ביים אָנהויב, קודם.

תושב (טוישעוו) — איינוווינער, אלטגעזעסענער.

תיכף (טייקעף) — באלד, זאָפאָרט, אין דער מינוט, גלייך, אָן אָפהאלט, שוין.

תיקון (תיקן) אויפריכטונג, פארבעסערוג. *)

תירוץ (טערעץ) — ענטפער, דערקלערונג, אויסרייד, פרעטעקסט, פארענטפערונג.

תכלית (טאכלעס) — זין, צוועק, רעזולטאט, לעבנס ציל, ענדע.

תכריכים (טאכריכים) — אָנטועכץ פון לייוונט, אין וועלכן מען באגראָבט די טויטע.

---

*) דא מיינט מען בראָנפן וועלכן חסידים פלעגן טרינקען און ווינטשן דעם מנדר ער זאָל פרנסה האָבן, געזונט זיין, די נשמה פונעם געשטאָרבענעם זאָל אָן עליה האָבן.

תכשים (טאכשעט) — צירונג, „גערא̈טעגער“ אין איראָנישן זין.
תל (טעל) — רוינע, בערגל, קופּע.
תל מאכן — פארניכטן, פארוויסטן. תל ווערן — צעשטערט ווערן.
תלית (טליע) — הענגען.
תלמיד (תלמיד) — שילער. חדר־ינגל.
תלמוד־תורה (טאלמעד־טוירע) — רעליגיעזע אָנפאנג שול.
תם (טאם) — נאיווער, ערלעכער ייד, אומשולדיקער.
תמיד (טאָמיד) — שטענדיק, אייביק.
תמימות (טמימעס) — נאיוויטעט, פּשוטקייט, אויפריכטיקייט.
תמצית (טאמצעס) — אויסצוג, קווינטעסענץ, דאָס וועזנטלעכע,
דער עצם.
תנאי (טנאי) — באדינג.
תנאים (טנאָים) שרייבן — מאכן א שריפטלעכן אָפּמאך צווישן
חתן־כלה.
תנועה (טנוע) — באוועגונג, זשעסט, אָנשטעל, שטיק.
תענוג (טאנעג) — פארגעניגן, גענוס.
תענית (טאָנעס) — פאסטן.
תפיסה (טפיסע) געפענגעניש, טורמע, פארשטאנד.
תפילות (טפילעס) — געבעטן.
תקיף (טאקיף) — מאכטהאָבער, דעספּאָט, שטארקער.
תשובה (טשוווע) — ענטפער.
תשעה באב — (טישעבאָוו) ניין טעג אין חודש אב. טרויער.

א י נ ה א ל ט

		זייט
	פאָרוואָרט	VII
וועלוול זבאַרזשער:	דאָס גוטע קעפּל	3
	משיחס־צייטן	4
אברהם גאָלדפאַדן:	דור־הפלגה	9
משה אלטמאַן:	א גאָלדענער האַרבסט	19
אליעזר שטיינבאַרג:	דער האַמער און דאָס שטיק אייזן	39
	דער חלף און די זעג	40
	די שפּיז און די נאָדל	42
	צוויי רויזן	43
	דער רעגנבויגן	44
	שעטנז	46
	דער אויוון און די לאָפּעטע	48
	די קו אויף די קאַרפּאַטן	48
	ווו איז יושר?	49
	גאווה און פּאווע	50
	עזאָזל און דאָס אייזל	51
	די בין און די פליג	53
	שופר של משיח	54
	לאָקן	55
	דאָס אייזן	56
	דער נביא קראָ און די טויב	57
משה לאַקס:	ראַנגלעניש (פראַגמענט)	59
יעקב שטערנבערג:	דימיטראָוו	83
	היינריך היינע	84
	פראַנקרייך אויף דער גאַס	85
	ווען די שטאָדט	87

		זײט
	ריגע	88
	וועו	89
	מיינע נייע לידער	91
	נים אנדערש...	93
	אויך דער רעגן	94
	ווידער שוין איז	95
איציק מאנגער:	זבארזשאריאדע	97
	גאָלדפאדניאדע	99
	בראָדער=זינגער	101
	אָקטאָבער=באלאדע	102
	יאס	105
	די באלאדע פון ווייסן ברוים	106
	שטילער אָוונט טונקל גאָלד	108
	זיין עקסצעלענץ מיין טאטע	109
	צוים=באלאדע	110
	היידל, דידל, דאם	112
מאיר ריספלער:	דער זיג (פראגמענט)	115
יידל ווײדנפעלד:	דער ערשטער מײ (1889)	146
	דער ערשטער מײ 1917	147
	דער ערשטער מײ 1945	147
	דער זיג	148
יחיאל שרייבמאן:	צוויי ברוים	150
	די מאשין	151
שמשון פערסט:	וויג=ליד	155
	קינדער=יאָרן	156
י. ל. ברוקשטיין:	לייזער דער בלעכער	159
מאָטל סאקציער:	גליקלעכע מינוטן	175
	מיך ארט נישט	176
	קליינבירגערלעכע פאָראורטיילן	177
	וי מיט פליגל אויסגעלענקטע	178
	נים דערפאר	179
	מארש באפאנצטערט	181
	איך קאָן מיך היינט נישט לייגן שלאָפן	183

		זייט
	מילא!	184
	פארוואָס וויגסטו זיך וועלדל	185
דוד רובין:	די בלומען	187
	צוויי וועגן	191
הערץ ריווקין:	פון שכנישן דאָרף	198
	ביים קאזארמישן טויער	199
	איבערברוך	200
	ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד	202
	צו יעקב שטערנבערגן	204
ש' ס-ראָמאן:	זלמן קליאָטשע	206
זעליק באַרדיטשעווער:	דוינע	213
	עלע בעלע	214
	באָטש כ'האָב קיין פרוטה	216
	מלאָכה-מלוכה	217
וואָלף טאמבור:	נייע דורות	220
	מיין וואל-רעדע	227
ס. בראָנשטיין:	גיצע סטאנקו שרייבט אהיים	235
	איך האָב ליב	237
	ארבעטסלאָזע-געדאנקען	238
	אספאלט	238
	באגינען אין פאבריק	239
	עס פרעגט א נעגער-קינד	240
	פארוואָס האָט מען פארהאקט די לאָדנס?	241
	דער בית-עולם פון פאבריק	242
	ווינטער	242
י. קארא:	א בריוו צום ניינטן מיי	243
ליטמאן ווינגדער:	דריי שילער	250
י. ראָזענהעק:	מען רופט מיך „בערעלע קעשענע גנב“	252
ל. בערמיש:	דער שיפּעט	262
	פישל	263
	רעשעטניקעס	264
י. בערקאָוויטש:	צייט-געדאנקען	267
אפרים בליי:	פרילינג-ליד	271
	אוראלער-סאָנעט	272

		זײַט
	בוקארעשט אין יום־טוב־קלייד	272
	אויטאָביאָגראַפּישער סאָנעט	273
	דאָס ליד פונעם גאָלד און פּערון־שמיד	274
	מאיאקאָווסקין	276
רעלי בליי:	בלוט	277
	דער קאראימאן דערציילט	279
	דער משכון	283
	די קעמפּערין	284
יאנקל יאקיר:	ווען ווערט א חבר	289
קובי וואָהל:	דער הונגער	293
	אספאלט	294
א. אביון:	מאניפעסטאציע	295
	ליד וועגן שלום	296
	בריגאדירן־פאָלק	298
ה. ל. קאזשבער:	די קיך	299
יאָסל לערנער:	א רעגן	303
יונתן שניידער:	דער שפּיץ־בארג	304
	מיט קאלטע הענט	304
	אלטער גן־עדן־שומר	305
	מאטעריאל	305
	און דער מאָרגנשטערן האָט געזאָגט	306
	מיין ווונטש	307
י. האראָוויץ:	א ירושה	308
מ. בויומאָוויטש:	געזאנג דער רעפּובליק	314
	פרילינג	315
	אָקטאָבער	316
מאיר שטערנבערג:	ריבערלם הויזן	317
י. ל. ברוקשטיין:	דור־המדבר	332
דוד רובין:	דאָס דעפּאָרטאציע־פאָלקס־ליד	365
מ. ר.	אָנמערקונגען און קאָמענטארן	383
	אויסטייטשונגען	419

בוך=פאַראַנטוואָרטלעכער: מאיר ריספלער.
טעכנישער=רעדאַקטאָר: אידא מאַרקוס.

איבערגעגעבן צום דרוקן, דעם 1964.01.25. דרוק פּעאיק, דעם 14=טן דעצעמבער 1964. דערשינען אין יאָר 1964. 490 קאָפּיעס, איינגאַנצן געבונדן. סאַטינירט=פּאַפּיר, 63 גר. אויף קוו. מעט, פאָרמאַט 16/840×540. פאַרלאַגס=בויגן 20,37. דרוק=בויגן 29,75, נומער 1964/8605 A C. Z. פאַר גרויסע ביבליאָטעקן 89. C. Z. פאַר קליינע ביבליאָטעקן. 89=0(08).

פאָליגראַפישע אונטערנעמונג „דער 13=טער דעצעמבער 1918“,
גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו=גאַס 93—95 בוקארעשט.
רומענישע פאָלקס=רעפּובליק.